STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05918

DI KROM FUN DI FIR VINTN

Iosef Okrutny

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאסל אַקרוטני

די קראָם פון די פיר ווינטן

פאַרלאַג סביבה
בוענאָס איירעס

יוסף אָקרוטני: / „די קראָם פון די פיר ווינטן״ / און
אַנדערע נאָוועלן / פאַרלאַג סביבה, בוענאָס־אײַרעס
יאָר טויזנט נײַן הונדערט פיר און זיבעציק

שער־בלאַט און וויניעטע (זײַט 147)
ב ע ר נ אַ ר ד ס מ ע נ ע ר

J. OKRUTNY

DESPENSA DE LOS CUATRO VIENTOS

NOVELA

Copyright by
J. OKRUTNY
Buenos Aires 1974

Impreso en Argentina
Printed in Argentina

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
נח און סאָניע קאַצאָוויטש (בוענאָס-איירעס) אין
אָנדענק פון זייער יונג - פאַרשניטענעם ז ו ן
ר ח מ י א ל ע"ה צו זיין ערשטן יאָרצייט, דעם
6טן פעברואַר 1974.

פֿון אַ געוועזענער וועלט

אויף צוזאמענגאנג

בין איך פראדל?

א

. . . בין איך עס אין אמתן די אייגענע פראדל? שרעקלעך איז ס׳גאנצע דערמאנען זיך. און אימה דאס זעען דעם א ארומגעפליקטן, געשרומפענעם ארום! אוודאי איז גלייכער אז מע קוקט נישט אין שפיגל אריין; בעסער נישט צו וויסן ווי מ׳זעט אויס. דאס שפירן זיך איז גענוג. אלץ מישטיינס געזאגט איז גענוג. גייך, נאר נישט ארייננקוקן אין זיך. אנטלויפן פון זיך וואלט, כ׳לעבן, געווען די ריכטיקסטע רפואה פאר דעם ווייטיק.

באדעקט מיט שטויב, די נאזלעכער שווארץ פון סאזשע, וואס איז דעם גאנצן לאנגן וועג געפלויגן פון סאפעדיקן לאקאמאטיוו, האב איך ענדלעך דערלעבט אראפצווארפן פון זיך דאס וואנדערזעקל. ערשט איז באמת צו שטוינען: אקערשט פיל איך נישט יענע מידקייט פון די אלע פארגאנגענע שווארצע יארן; אויסגערונען יענע ווייטיקן?... אזוי מיט א מאל! אצינד האב איך דערשפירט ווי א בארג וואלט זיך אויף מיר האמעטנע ארויפגעגליטשט. ס׳אזא אויסטערלישע אנגעדראלנקייט און די אויגן, די אויערן, וואס זעען זיי, וואס הערן זיי?! אט־א־דאס, שפיר איך. די נייע מעכטיקע משא האט זיך איצט אויף מיר ארויפגעווארפן מיט באזונדערער רוגזה. אך, ס׳איז עפעס אנדערש, נאר איך פארשטיי עס נישט, כ׳באנעם גאר נישט מיט מיין קליינעם שכל — ווערליק דעם אימהדיקן געשעען, וואס כ׳האב דערלעבט.

ווי אלץ האט זיך מוראדיק פארענדערט! אל דאס היימישע, דאס קענטלעכע זינט לאנג־לאנג, איז פארשוואונדן; אין בליק, אין געהער האט זיך פונאנדערגעגאסן ווי אין רויך א דערשטיקטער געשריי; ס׳ציען זיך אויסגעקרימטע, פארלאשענע פנימער און אלע האבן זיך פלוצלינג צונויפגעקראמפט אין איין קנאכיקער, גוססדיקער צורה. גררדרוי־לל!

אַזוי האָב איך ווידער אָנגעטראָפן דאָס וואָס האָט אַנומלט געטראָגן דעם נאָמען ה יי ם.

ווי, ווי, שיכור פון ווייטיק האָב איך זיך געוואַקלט אויף די פיס. אויף שריט און טריט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ דערדריקנדיקער וויסטקייט, חורבות וואָס האָבן געבלוטיקט פאַר מײַן ראיה און ס'האָבן זיך געוויגט אויף מײַנע ווי:עס דורכגעריסענע האָריזאָנטן.

פרעמד דער הימל איבערן קאָפּ, פרעמד די ערד און טשאַדיק די לופט וואָס איך אָטעם אײַן. אָנגעהויפטע קופעס שטיינער שטעכן מײַנע פּאָדעשוועס, די טראָטואַרן זענען ווילד פאַרוואַלגערט מיט בוי-ברוך, אַראָפּגעשאָטענער פון אײַנגעזונקענע, אויסגעברענטע הײַזער. ערשט געדענקט זיך אויף קלאָר, אַ קלאָרקייט ביז ווייטיק: געווען דאָ מענטשן, געווען קינדער, יונגוואַרג, אַצינד ריזלט דאָ שטילע, נאַקעטע וווּנדיקייט. עס נאָיען די יסורים ווי פון פוילע, געלעכערטע ציין. מיט דערשטיקטע, מאוימדיקע קולות וויינען די אַרויסגעריסענע, אַרויסהענגענדיקע געדערעם פון אַן איבערגעקערטער וועלט.

רגעווײַז דאַכט זיך מיר: עס איז אויפגעטרײַבערט דער בויך פון דעם טאָג וואָס איז מײַן לײַב. פון אים טריפט מיט דעם סם, מיט וועלכן ס'איז דורכגעזאַפּט מײַן נשמה; פון דעם צעקאַליעטשעטן לײַב גייען אויף קראַנקע פײַער-פונקען וואָס ווירבלען, שפרייטן זיך האַרט אַרום מײַן קאָפּ.

עס איז נישט קיין גאַס, די גאַס ווו איך טרעט. דאָס זענען נאָר שטיקער שטאַרצנדיקע ווענט וואָס שטשירען אַנטקעגן די הימלען, עס קוקן מיט פאַראיבל שרעקיקע פענצטער. לויערנדיק, מיט קאָנווולסירטע פאַרדריקטע פויסטן גלאָצט די געזונקענע שטאָט, מיט אויסגעהוילע אויגנלעכער קוקט זי פון אַ טויטלעכן, שטאַרן שאַרבן.

נישטאָ דאָ קיין לעבן. ס'לעבן האָט מיך שוין געמיטן. טלי:עט נאָך ערגעץ כאָטש אַ שײַן דערפון וואָס איז רוצחיש פאַרשאָטן געוואָרן?

נו, האָפענונג איז אַ זעלטענער דימענט וואָס אַז ער פאַלט אַרײַן אין בלאָטע, פאַרזינקט ער טיף. זאָל איך אים זוכן דאָ?

איך פיל: מ'טאָר נישט בלײַבן שטיין אַזוי אָ. נישט אומגעקומען אין בלוט-שטורעם, וואָס זיך דורכגעטראָגן במשך די יאָרן, טאָר מע נישט אַצינד לייגן דעם קאָפּ מחמת אומגעלומפּערטער אָפּהענטיקייט. ניין!

האָרכסט? מוזסט זיך אַרויסמאַכן פון דאַנען — זאָגט אונטער אַ שטים.

וווהין גיין?

ווידער ענטפּערט די וויסטקייט.

די בריק איבערן טײַך איז צעבראָכן. צעקרימט שטאַרצט גולמדיק שוואַרצער אַלטער אײַזן איבער דעם עלנטן דרויסן. איבערבלײַבענישן פון אַ מעכטיקער קאָנסטרוקציע צייכענען זיך פאַרן נעפּלדיקן בליק. די פאַר־וואַקסענע ווייסל־ברעגעס זענען דאָ און דאָרט צעשפּאַרט, ווי אויסגעבויגן. בלייכע מיאוסע קראָפּיווע רײַסט זיך בלינד אין לויטערן טאָג אַרײַן.

און ייִדן? מײַנע אויגן נישטערן. זיי זוכן ווי אַן איבערגעשראָקענע מויז. אַזאַ שפּיר איך זיך, מחמת פון שטויב איז שוואַרץ און פאַרוואָרלאָזט מײַן גוף, נעבעכדיק מײַן ווילן. וואָס באַגערט מײַן האַרץ? נישט מער ווי אַ קאַפּעלע רו, אַ קריש ברויט און אַן עוקץ וואַסער. עפּעס צו דער זאַט און אַ ביסל ריינקייט פאַרן לײַב. וואָרן מידבר איז אַרום, פּחדימדיק דער אַרום, כאָטש די דײַטשן, די פאַרפּײַנטע עמלקים זענען שוין פאַרטריבן. נישטאָ דאָ קיין אָרט פאַר לעבן, נישט אין ערגעץ זעט מען לעבן. און ווײַזן זיך מענטשן, קוקן זיי מיט חשד, מיט אימה און זיי טראָגן זיך אָפּ, פאַרשווינדן. זעלטן ווער עס הערט דײַן קול וואָס שפּירט אויס די אויסגעהוילטע וואָר.

אָט האָב איך זיך אָנבאַגעגנט מיט אַ פּנים וואָס האָט אַ פונק לעבן, אַ בלײַכט אַזאַס, אַן אויסגעצערטס און אַ שטאַרק נייגיריקס.ביידע האָבן מיר זיך אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי, באַלד זיך דערקאָנט אַזוי ווי מע דערקאָנט זיך אין אַ גרויסער נויט. שטום, פאַרצאַפּלט און פון מיר האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שלוכץ.

ד ע ר האָט מיך פאַרשטאַנען. כ׳האָב עס אויגנבליקלעך דערשפּירט.

— ס׳נאַריש צו וויינען, — האָט ער דערנאָך געזאָגט.

— פאַראַן ערגעץ ייִדן, — האָט דער שאָטן־מענטש באַשײַמפּערלעך זיך פאַרמאָסטן נאָך צו רעדן, ער האָט אָבער אָפּגעהאַקט און געקוקט אויף מיר מיט האַרט־צונויפגעקלעפּטע שיטערע הערעלעך פון זײַנע אויגנדעקלעך.

די נישט־דערגעדטע רייד זײַנע זענען דאָך דערגאַנגען ווי אַ ווידער־קול וואָס איז געפאַלן אויף מײַן געריבצלטער הויט.

— באַוויזן זיך נאָר אַ פּאָר צעבראָכענע, נישט־דערשאָכטענע, — האָט ער שפּעטער זיך שוין געלאָזט הערן דײַטלעך, אַפילו פרײַנדלעך מיך אָנגעקוקט אין אַ זײַט און באַגערט וועקן צוטרוי צו זיך: — יעדן טאָג קומען אַ פּאָר אירע. ערשט באַנעמען ייִדן זייער אומגעהייערן

עלנט. זיי האָבן נישט קיין שטיין וואָס זאָל זיי קענען זײַן אַ צוקאָפּנס, אַן אָנצוהערעניש פון אַ היים. זאַמלען זיך אַלע אויף אַן אָרט, ווו ס'איז כאָטש דאָ אַ צייכן פון כמו־לעבן. נישטאָ, האַרצעדיקע, קיין היים בײַ קיינעמען. זאָל כאָטש זײַן איין היים פּאַר אַלעמען. ס'איז גוט, וואָס לײַט האָבן גע־האַט שכל פּאַר אַזוינס! פּאַראַן צו וועמען צו רעדן. און טאַקע אַן אָנצוהע־רעניש אויף אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. אַזאַ ווי איז אונדז געשען! אַזוי זעלטן זעט מען אַ ייִד, — זײַנע אויגן האָבן אָקערשט זיך צעבליש־טשעט אין טרערן. — ס'דאָ אַ ייִדישער קאָמיטעט! — ט'ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטן אָטעם און אַ קוק געטאָן אויף מיר.

פון וויטיקלעכער ענגשאַפט איך ברוסט האָט אַלץ אין מיר זיך צעלעכצט.

אַ ייִדישער קאָמיטעט? איך וועל גיין אין ייִדישן קאָמיטעט. יאָ, אַ פאַרוואָרלאָזט הויז אַזעלכעס, אַן אַרומגעוואַקסנס מיט חורבן, אַ חושכדיקס און אַ קויטיקס. ווי אַזוי דורכקריגן זיך אינעווייניק אַרײַן, אַז די טרעפּ זענען פאַרשטאָפּט מיט צונויפגעקנוילטע לײַט, זיצנדיקע, אָנגעלענטע אויף זעקלעך־פּעקלעך. און אַלע זענען זיי אַלטע, געשרומפּענע. קיין יונג ייִדיש פּנים איז נישט צו זען. ווײַזט אויס: אַלע אָטעמען מיט צעריסענע לונגען, פּיצלעך לונגען און קוקן, קוקן זיי אויך שוואַך. עמעצער גיט נאָך אַ פאַרלוי־רענעם שמייכל. יאָ, ס'ייִדן, ייִדן, און אַלע זענען זיי אין טראַנטעס, אין ברוד, מיט רויט־געשוואָלענע אויגן, פאַרוווּנדיקטע, שמאַטע־געוויקלטע פּיס.

ב

„איז דאָס דער פּאָרזיצער?" . . .

מײַנע אויגן האָבן עס נישט געקענט גלייבן. אויך ער איז באַוואַקסן מיט פריצײַטיקער אַלטקייט; מאָכיק איז זײַן פּנים, אָפּגעריבן דאָס קול. אין גאַנצן אַ שטיק אָפּגעלאָזנקייט. נישט דער מלך פון די פּאַראַרעמטע איז ער, נייערט אַ שטיק חושך.

„זעצט זיך".

זײַן וואָרט איז אין מיר זיך צעפלאָסן מיט וואַרעמקייט. אַ מאָדנע אויסגעוויטיקטע איידלקייט האָט זיך געטראָגן פון זײַנע רייד. כ'האָב גע־קוקט אויף אים און אים נישט געזען. דער הויך פון אַרויסגעבראָכענע טרערן האָבן מיר פאַרשטעלט זײַן פּנים. אין די אויערן האָט מיר נאָך

געפּליסטערט די געשיכטע פון זײַן נס. מאָדנע, לעבן און נס זענען בײַ־לעך געוואָרן אַ יידישע פּאָר!

— ער איז ניצול געוואָרן אין אַ מיסטקאַסטן, דער פּרעזעס.

— געראַטעוועט זיך אין דער לעצטער רגע. קוילן האָבן זיך משו־גענערווײַז געיאָגט נאָך די פּאָר לעצטע יידן און דער האָט ווי אַ מויז זיך אײַנגעגראָבן אין אַ גרויסן הילצערנעם מיסטקאַסטן פון אַ הויף.

— ס׳ט אָפּגעגליקט דעם מענטש!

ווי אַנדערע, ווי אַלע, וואָס איצט אין טריבן שײַן פון הויז־קאָרידאָר, קומט אויך ער פון תהום, דער פּאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט אין דעם אויסגעדאָרנטן וואַרשע.

אַ סך האָבן דערציילט די מעשה פון תחית המתים. מײַנע אויגן האָבן שטאַר געבלאָנדזשעט איבער זייערע טונקעלע באַקן און די אויערן האָבן געגליט אין פלאַמען פון דעם מאוימדיקן געהייל וואָס האָט זיך געטראָגן פון די חיהש פאַרוווּנדיקטע לעבנס.

די ערשטע נאַכט האָב איך איבערגענעכטיקט אויף אַ נאַקעטער פּאָד־לאָגע. ס׳וואָגלזעקל איז געווען דער חלום פון מײַן אומרויִקן שלאָף. איך גיי איבערן אומענדלעכן לערן פעלד. כ׳גיי און הינטער מיר פלאַקערט די שטאָט, ס׳ברענט רציחה און עס קלאָגן מאַמע און קינד.

פונאַנדערגעוואָרפענע, מיד־פאַרמעקטע פּנימער זענען געלעגן אַרום מיר. טייל זענען געווען ענלעך אויף מענטשן, אַנדערע — גאָר נישט ענ־לעך. אין יענער נאַכט האָט זיך מיר נאָך באַוויזן מײַן צענעריקטע מאַמע מיט אירע צעפּלאַצטע פרעפלענדיקע ליפּן. דערנאָך האָב איך דערפילט דעם ריח פון אַ פרישׂ אויסגעבאַקן ברויטל און כ׳האָב זיך געצויגן צו דעם. אייניקע מאַנסלײַט האָבן שוין אין באַגינען שוואַכזיניק זיך אָנפּאַרטרויט פון זייער לײַבלעכער תאווה, וואָס האָט אין מיטן נאַכט פון זיי אַרויסגעריסן תענוגדיקע געשרייען און ממש אַ קינדישע צוגעפּאַלנקייט צו אַ ווײַבע־רישער שויס:

„מײַן ביילע! פּאַר מיר לעבט איר שאָנקייט. כ׳על נישט אויסהאַלטן אָן אירו!”

„געהערט? טאַקע גערופן? אוי, מ׳זאָל כאָטש נישט האָבן באַמערקט מײַן טאַמלען”, — האָט אַן אַנדערער זיך געשעמט.

שפּעטער זענען אויף מיר געקומען לאַנגע שמאַכטנדיקע טעג פון אומ־גלייבלעכער פאַרלוירנקייט. אין דער האַרטער וואָר, וואָס האָט זיך שפּע־

טער צעעפּנט, האָב איך דערקענט די וועלט אַן אָפּגעשונדענע ווי אַ געפאַלן פערד, מיאוס ווי אַ נאַסע פּעל און כ'האָב געשטוינט, הגם כ'האָב שוין אַ סך באַנומען. צום פּשוטן שכל איז דער מענטש פונעם גרוב נאָך אַלץ נישט דערגאַנגען. איבערגעקערט זיך אַלץ מיט אַנאַנד.

ג

חורבן, חורבן! אַזאַ טרויעריק ליד זינגט זיך, ווען מ'קוקט אויף אַלעם דאָ.

און אַז דו, ליבער לייענער, וועסט זען אַט אַ דאָס וואָס מיר איז באַשערט געוואָרן, וועט אויך דיר אַ דריק טאָן די פּראַלנדיקע אומהיימלעכקייט. דאָס געבריל פון ציוויליזאַנישער צעשטערונג, פון שחיטות איבער מענטשן, פון פלייצנדיק בלוט, וועסטו ווי איך אויסרעווען ווי אַ געיאָגטע חיה. דאָס פאַרגעפּיל דערפון האָב איך געהאַט ווען כ'בין געווען נאָך אין דער ווייט, וועלכע איז אויך שוין געווען שווער באַטראַטן פון די בייזע שאָטנס. איך בין געלאָפן פון די דאָזיקע שרעקן און זיי האָבן מיך פאַרפאָלגט. ערשט בין איך אין די אָרעמס פון זייער מאַכט. ס'איז שוין נישט קיין אויסדאַכטעניש.

העלף זיך, מענטש; ווערג זיך מיט דעם צו וואָס דו האָסט אַזוי געעלעכצט: אַהיים, אַהיי-יים! האָסט דאָך געוואָלט לעבן, איבערלעבן!

— — — חדשים לאַנג איז די שטאָט פאַרצערט געוואָרן פון שריפות. מיט באָמבעס האָט עס געדעגנט איבער די הייזער, איבער טאָג און נאַכט. אומגעהייער לאַנגע טעג און נעכט פלעגט עס פלאַקערן און פאַררייכערן דעם הימל, פאַרשטעלן די זון, פאַרשלינגען די שטערן. די אַנדערע, די פאַרלאָזענע, פאַריתומטע, גאַנצגעבליבענע הייזער, פון וועלכע די ניצול-געוואָרענע זענען ערגעץ-ווו אַנטרינן אין מהומה, זענען שטיקערווייז פונאַנדערגעטראָגן געוואָרן. ווי כ'ענעס האָבן זיך געוואָרפן אויף אַלץ די להוטע, די פאַרדעכטיקע. אַצינד שטייען זיי, די סקעלעטן-הייזער מיט אויסגעשטאָכענע אויגן. אָרנטלעכע דערציילן דערפון און זייערע גראָ-געוואָרענע, יונגע קעפּ וויגן זיך באַדויערלעך. גיריקע הענט האָבן אַרויסגעריסן איעדעס ברעטל, יעדן פענצטער-פליגל, פון זאווייעסעס אַראָפּגעהויבן שווערע טירן, איינגעפעסטיקטע ביישטידלעך אַרויסגעסקראָבעט פון יוסטע מויערן — אויסגעהוילט יעדער געביי פון איטלעך ברעקל געהילץ. אַ גאַנג פון האַלץ-שפּאַרבערס איז עס געווען. מיט אויסגעפּרוירענע נשמות

האָבן די דאָזיקע געלויערט אויף הייצוואַרג, אויף יעדן רויב. סופיטן זע־נען געוועזן אַ יום־טוב־ביסן פאַר זייערטוועגן. „ס׳קליינוואַרג דאַרף מען דערוואַרעמען און די אייגענע קישקעס מוז מען אויפטייען”. אַזוי האָבן זיי געטענהט, די לײַט מיט די שטאָלענע אויגן.

איך האָב זיך לאַנג אַרומגעדרייט איבער די פוסטע, ברייט־געוואָ־רענע גאַסן וואָס האָבן באַקומען זייער אויסלאָז אויף אַ וויסטן פעלד, צווישן ווילד־אויסגעוואַקסענע טרוקענע גראָזן און עלנטע קוסטלעך, וואָס האָבן העזהדיק אַרײַנגעדרונגען אין סאַמע שטאָט. יענע שוואַרצע יאָרן זענען ס׳געלעגער פאַר די אָ געוויקסן און באַדעליעס *. שווער זיך צוצו־געוווינען צו דעם, וואָס כ׳האָב געזען. אַז גאָרנישט איז געבליבן אויף זײַן אָרט! אַז גאָר נישט וואָס איך האָב געהערט ביז איצט, איז ענלעך אויף דעם, וואָס מ׳האָט מיר געזאָגט ערשט נעכטן, אָקערשט פר׳יער. ס׳איז אַ תהום פון אומגליק וואָס האָט נאָך נישט פאַרמאַכט זײַנע אומגעצוימטע קוואַלן. איך פאַרנעם ערשט דעם פאַררעטערישן טראָט פון דעם אומגליק, ער לויערט!

נישט אומזיסט באַפאַלט מיך אַזאַ מידקייט.

באַראַקן

א

די באַראַקן זעען זיך אָן אין שטאָט.

...קלאָר: חרוב געוואָרן די וועלט, פון היימען געבליבן נאָר גרוזעס. ווילד אָנגעוואַליעטע בראָכשטיקער ריסעווען זיך פאַרן בליק. עלנט בלאָזט פון דער צעקאַליעטשעטער ליידיקייט. עס רײַסן די אויגן די פאָר הײַ־זער, וואָס סטאַרטשען דאָ און דאָרט ווי אַ טרעריקער נשאר פון דער דערשטיקטער וואַרשע.

נישטאָ ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן, זעצט מע זיך צו ווו נאָר מעג־לעך, כאָטש ערגעץ אָנצושפּאַרן זיך מיטן רוקן. דאָס געזעמל ייִדן וואָס

* גראָע, האַרטע טויטלעכע אויסוווקסן פון קאַרטאָפל, בורעקעס.

האָט זיך צונויפגעקליבן אין שטאָט, איז אַוועק אין די באַראַקן, בלויז איינצלנע, עפּעס גדלותדיקע פאַר דער דאָזיקער צײַט וואָס הינקט אַרום ווי אַ בלאָנדזשענדיקער בין השמשות, — טאַקע יחידים, וואָס גראַבלען אין פולע קעשענעס געלט, האָבן דירות אין די ב ע ס ע ר ע ג אַ ס ן , האָבן מעבל, בעטגעוואַנט. אַלע אַנדערע טוליען זיך נאָך צו זייערע וועגזעקלעך, קלאַמערן זיך אין אַלעם וואָס דערמאָנט ס'פאַרגאַנגענע. געוועזן שלעכט, אָבער נישט אַזוי ווי „דאָס אָ". מ'איז אַזוי ביטער געפּרווט געוואָרן, אָבער מ'האָט זיך געשטאַרקט צו פאַרגעסן אַלץ, אַלץ. דאָס ביסל ייִדן האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין נײַעם רויש, וואָס האָט זיך דאָ אויפגעהויבן ווי אַ זאַמדשטורעם. מענטשן כאַפּן זיך ערשט צו אבי־וואָס, גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון אַז בלינד ציט זיי זיך צו פאַרטײַבן אינעם געליאַרעם וואָס שוימט, רײַסט ערשט אומגעזעענע ברעגעס.

דער רוב אַרומגעריסענע , נשמהדיק צעקאַליעטשעטע, זיצט אין די באַראַקן. פון דאָרטן הייבט זיך אָן ס'נײַע, וואָס נעמט אָן אַ שימער פון כלומרשטן לעבן. די באַראַקן האָבן שוין אַ שם. ווו אַ ייִד, ווייסט מען, אַז ער איז פון די באַראַקן.

אויסטערליש, ווי קורץ עס איז דעם מענטשנס זכרון! לעבן, לעבן, — רופט עס איטלעכן אין מטושטעשער בענקעניש און מ'קריכט מיט דער נאָז אין זומפּ.

אַ שורה הילצערנע, נידעריק שוואַרצע הײַזקעס שטייען אָן אַ זײַט פון שטאָט. מיט זייערע טונקעלע ווענט און פּעכיקע, פּלאַטשיקע דעכער ליגן די באַראַקן ווי אַוועקגעוואָרפענע. אַ העק פון שרײַיקן עלנט איז עס, אָבער אין זײַנע ענג פאַרצוימטע גרענעצן זידט עס פון אײַנגעשטילטן טומל. ווײַבער, מענער, אַלטע לײַט און יונגע. אַלע צונויפגעדרענגט, נאָענט איינס צו ס'אַנדערע. טיר שפּאַרט האַרט אויף אַ טיר און די שכנות־דיקע ווענט זענען דין, אויסגעטריקנט, אַז איטלעך וואָרט, יעדן שעפּטש פאַרנעמט דער שכן. ס'איז ווײַטלעך פון וואַרשע־צענטער, נאָר דער גאַנצער אומעט פון וואַרשע, וואָס ס'האָט אָנגעטראָגן די מלחמה־זאַווערוכע, איז ערשט אויסגעגאָסן אויף דעם דאָזיקן אָרט. אויף אַ גרויסן שטח, אַ פּוסטעניש אַזאַ, שטייען די באַראַקן וואָס זענען אַרומגערינגלט מיט אַ לאַנגן הילצערנעם פּלויט. פון נעבעכדיקייט דערציילט אַפילו דער פּלויט, פון גריזשנדיקן לאַנגווײַל איז די מעשה פון די צונויפגעהאַרבעטע שוואַרצע

דעכער מיט די פאַררייכערטע קוימענדלעך, וואָס קוקן אַרויס פון אינעווייניק צו די פאַרביַיגייערס.

— ווי אַ תפיסה, העי? צונויפגעלאָפענע יידן זיצן דאָ, וויַל זיי זע־נען אָן אַ היים — זאָגט אַ פרוי צו איר מיטגייערן, ווען זיי קומען צו צום אַרומגעצוימטן שטח מיט די היַזקעס הינטערן פּלויט. זי שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ, די ווייסערן, און ביידע דערוויַטערן זיך גיך מיט אומבאַגרײַפּ־לעכער מורא פון דעם סטראַשנדיקן אָרט.

— לאַגערן, ליבינקע, האָבן נישט ערגער אויסגעזען, — מאַכט שפּעטער, פאַרטראַכטערהייט, אַ פאַרסאָפּעטע, די אַנדערע, ווען זי דער־זעט זיך שוין נאָענט פון איר היים. דו ווייסט, וואָהין די צײַט האָט אונדז פאַרשטויסן?

— אַ לויב צו גאָט וואָס מ׳קוקט מער נישט אָן קיין דײַטשן. נישט נאָר צו ז יי האָבן זיי זיך געטשעפּעט; אויך צו די אונדזעריקע, אמת־דיקע פּאָליאַקן האָבן זיי אָנגעטאָן צרות — גיט אַ פּראַל אַ זיפץ, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט פינצטערער קלעמונג.

יאָ, אַרום אין דער געגנט איז פונאַנדערגעגאָסן אַ שנײַדיקע פינצ־טערניש, וואָס פּאַטשט אין פּנים אַיעדן.

זי איז אָבער נישט גערעכט, די איבערגעשראָקענע דורכגייערן. די באַראַקן זענען נישט קיין תפיסה און נישט קיין לאַגער, כאָטש אַ וואַך־ביידל גרוילט דאָ פאַר אַ וועכטער מיט אַ ביקס בײַם אַרײַנגאַנג. ס׳איז לאַנג פאַרוואָר־לאָזט, פאַרגעסן, שטאַטיש אייגנטום. מ׳האָט זיך דערין דערמאָנט ערשט נאָכן אָקערשטיקן געוויטער. די וואַך שטייט האַרט בײַם טירל פונעם פּלויט, אַז גיריקע אויף האָלץ זאָלן אים נישט פונאַנדערטראָגן. אַזעלכע קענען אָפּילו די היַזקעס צעשלעפּן, אַפילו די דעכער פון זיי אַראָפּציִען. אַצינד איז שטאַרק נייטיק דאָס היטנדיקע אויג. עס איז דאָך הינטער וואַרשע, וואָס איז אויסגעליידיקט, נאַקעט. די צײַט איז אַזאַ אומהיימלעכע! ווינציק מע־סער־שטעכערס און רויבערס פאַראַן אין שטאָט?

אַ מענטש מיט רויט געליאַמעוועטע אויגן דרייט זיך אין שווערע שטיוול פאַרן היטער־ביידל. ער טוט אַכטונג ווער ס׳גייט אַרײַן און ווער עס גייט אַרויס פון די באַראַקן. אין אָוונט וויגט זיך בולטער די ביקס אויפן אַקסל בײַם וועכטער פון די באַראַקן. אין פעלץ און אין געוווער־רימען וואַכט דאָס אויג פון דעם, וואָס היט די אָנגעטשאָטעוועטע נאַכט אויף דעם שטרענג אַרומגעצוימטן שטח.

— רויק, אָבער שווער באַלאַדן, ליגט די געבענדיקטע שטילקייט פון שנאה. אָבער ס'דאַך שוין נישט דאָס, וואָס געווען, —רעדט זיך אַ מאָל אויס דער מענטש מיט דער גליווערנדיקער ביקס איבערן קאַרק,— נאַר איר ווייסט נישט? די צײַט פון שריפות איז אַ לערנונג פאַרן אומרו וואָס טליִעט אין די דאָ אויסגעשפּרייטע אַשן.

מער זאָגט ער נישט. ס'זעט אויס ווי ער וואָלט דאָ געשטאַנען נישט צו דערלאָזן אַהער די שרעק וואָס פּויזעט נאָך אַרום ערגעץ אַן אומגעזעענע, אַ לויערנדיקע.

מענטשן האָבן אַ ווידערווילן צו די באַראַקן, אָבער קיין עצה איז נישטאָ. דאָך בעסער ווי אַ קויטיקער דיל פון אַ פאַרלאָזענער חורבה ווו עס שפּרינגען אַרום די מײַז; אויך דער שלאָף איז דאָ וואַרעמער ווי אויף אַ שטיינערנער טרעפּ אין נאַכטישן הפקר. איז אַ דאַנק פאַר דעם. זאָל דערווײַל זײַן דאָ, ס'דאַך מישטיינס געזאָגט אַן אייגן ווינקל.

אַן אייגן ווינקל איז עס טאַקע נישט און דער דערווײַל איז נישט אויף לאַנג. עשאַלאָנען קומען אָן כסדר פון אַל די רוחות, וווהין ייִדן זענען פאַרוואָרפן געוואָרן אין בהלה און טאָג אײַן, טאָג אויס באַלאַגערן דעם קאָמיטעט פריש אָנגעפאָרענע: „גיטס, העלפט. מיר פאַלן!” איז טאַקע תמיד אַ ריי פון פאַרחושכטע אויף אַן אָפּלאָג אין די באַראַקן. אַ מערכה, וואָס טייל פאַרוואָגלטע לאָזט דער אומרו לאַנג נישט אײַנזיצן; מיט די אָרעמע זעקלעך לאָזן זיי זיך „אין דער וועלט אַרײַן” זוכן אייגענע, בלײַבן פרײַע ערטער אין די באַראַקן — פאַר אַנדערע, פריש אָנגעקומענע.

דאָס זענען נידעריקע, טוכלע שטובן מיט קליינע פענצטער און טונקעלער לופט. אין יעדער שטוב זעצט מען אַרײַן צוויי פאַרפעלקער אָדער פיר אירע. אין דער מיט שטייט אַן אײַזערן אייוונדל וואָס רײַט אויף אַ בלעכענער רער, אַ טישל פון אַ פּאָר צונויפגעקלאַפּטע ברעטלעך, וואָס האַלטן זיך אויף הילצערנע „קאָזלעס”; ס'ביסל אַלטוואַרג, וואָס מ'דאַרף נישט אַרויפצױען אויף זיך, הענגט אויף טשוועקעס, אַרײַנגעשלאָגענע אין די ווענט. מיט דעם איז פאַרטיק דאָס רומל פון דער באַלעבאַטישקייט. איז פאַראַן קליינוואַרג —כאָטש דאָס איז זעלטן בײַ די מענטשן פון „יענער וועלט”— וווינט מע זאַלבעזיבעט, זאַלבעאַכט אין אַזאַ צימער, וועלכער ווערט פול מיט אויסלייג־בעטלעך, מיט צונויפגעשלעפּטע געלעגערס. אַ כמורע שײַן פאַלט פון די ווענט, פון סופיט.

ווי אַן אויסגעקראָכן וואַטענע אויג עפנט זיך יעדן אָוונט איבער

איטלעכן צימער אַ פּאַרשפּעטיקט געלבלעך עלעקטריש לעמפּל. און פּאַר־לעשן זיך מיט אַ מאָל די לעמפּלעך אין אַלע שטובן, בלײַבט אין ליידיקן נאַכטישן הויף הענגען אַן איינציקע עלנט־לײַכטנדיקע לאָמפּ. פון אַ הויכן, שוואַרצן סלופּ פאַלט אַ ווײַטער, רויטלעכער בעלמע־בליק איבער אַ שטיק הודזשנדיקע אָדער פּליסטערנדיקע דרויסנדיקע פינצטערניש.

דאָס עלעקטרישע, שטאַרע אָקסן־אויג בליקט אין אָפּגרונטיק־שוואַרצן הויף, דער מענטש מיט דער ביקס הויערט אין וואַך־ביידל — און דאָס שווער אַנטשלאָפענע ברעקל ייִדנטום אין די אומעטיקע באַראַקן איז אויף אַ גאַנצער לאַנגער נאַכט באַהיט פון אַלעם בייזן.

ב

דער ייִדישער קאָמיטעט האָט אויך מיך געשיקט אין די באַראַקן אַרײַן. „נאָט אײַך... דאָרט וועט איר וווינען ביז איר וועט זיך אַ ביסל אויסגלײַכן די ביינער!“

אַ ווײַס פּאַפּירל, הויקערדיק באַטינטלט אין דער ברייט און מיט אַ פּאַרקלעקטער חתימה איז געווען דאָס, וואָס האָט געדאַרפט זײַן דער אָנ־האַלט פאַר מײַן ווייטיקלעכער אַליינקייט צווישן די חורבות פון מײַן וועלט.

מיט נישט ניהאדיקן געברום האָט אַ געפּאַקטער פּאַרנאַכטלעכער טראַמוויַ מיך געפירט אַהין. אויף די טראָטואַרן האָט עס זודיק געכוואַליעט. מענטשן, מענטשן און געטומל, אַקוראַט דאָס לעבן וואָלט גאָר קיין פּגימה נישט געקראָגן. אַלץ האָט זיך אויסטערליש געאײַלט. מע גייט פון דער אַרבעט, מ׳גייט פון געשעפט — ווי אַמאָל האַרעוועט מען און מע האַנדלט. ס׳איז נאָך גענוג פּרי, אָבער איך האָב דערשפּירט מידקייט. די אָפּגע־טעמפּטע פילעוודיקייט אין מיר האָט זיך אויפגעכאַפּט. גלאַנצנדיקע פענצ־טער־לעכער האָבן מיר נאָכגעקוקט דורך די מיטגייענדיקע שווײַגעוודיקע שויבן, וואָס האָבן פון מאָל צו מאָל אַ בורטשנדיקן ציטער געטאָן אין דעם מגושמדיקן טראַמוויַ־קאָרפּוס; מיך האָבן באַגלייט שטיקער שפּיצעכיקער פּחד און זיי לויערן פון די גאַפּנדיקע וואָלקנס אין טונקלענדיקן הימל, ברוגזן זיך אויפן אײַזערנעם געטרייסל פונעם שווערן וואַגאָן. גאָר פּלוצ־לינג האָט זיך פון ערגעץ אָפּגעריסן אַ פּריקרער קאַלטער געקלאַנג און ראַפּטעם מיך אַ וויג געטאָן. מײַנע אויגן האָבן זיך צעעפנט מיט חידוש. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳דאַרף אַראָפּגיין.

פון דעם פּוסטלעכן טראַמוויַ־אָפּשטעל ביז די באַראַקן בין איך

שוין נישט געגאַנגען. כ׳בין געלאָפן, גלײַך מ׳וואָלט מיך געטריבן. דאָס איז געווען דער כוח פונעם אָוונט וואָס האָט זיך דאָ אַראָפּגעלאָזן אַזוי שרעקיק, פרעמד.

— וווהין?!

בײַ דער נידעריקער פּאַרטקע איז עס געווען. אַ מענטש מיט שאַרף־געצייכנטע אויגן־קישעלעך האָט מיך פאַרהאַלטן. דער „וווהין?" האָט בייז־לעך געברומט, אַזש כ׳האָב דערשפּירט אַ קנייפּ אין די געדערעם.

— דאָ אַהער, — האָב איך אַן אומזיכערן מאַך־געגעבן מיט דער האַנט און שטאַמלענדיק באַוויזן דאָס פּאַפּירל, וואָס עס האָט מיר געגעבן דער פּאַרזיצער פון ייִדישן קאָמיטעט.

— אַזוי גאָר? —האָט דער וועכטער מיך אויסגעמאָסטן מיט אַן עקבערנדיקן בליק— הממ, אַ נײַער גאַסט... און פּאַר אַ ווײַל נאָכגעשפּירט מײַן יעדע גרימאַסע: — מן הסתם לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט. וואָס, נישט געפונען עפּעס בעסערס? — און ווידער אַ מאָל געגלאָצט: — אַליין, צי מיט אַ מאַן? — ער האָט נישט אויפגעהערט מיך דורכצושטעכן מיט זײַנע שליפּיעס.

— שוין ווילט איר אַלץ געוואָר ווערן! —האָט מיך אַ ברי געטאָן אַ כעס הלמאַי ער קוקט מיר אַזוי געמיין אין פּנים אַרײַן.— געזען אַ פּאַר־הער! —האָב איך אים שוין אַ וויש געטאָן איבער דער נאָז.— זאָגט וווהין האָב איך צו גיין? ווײַטער איז נישט אײַער עסק!

כ׳האָב זיך העפטיק אַ רוק געטאָן צום גרויסן טונקעלן הויף, וואָס האָט פּונקט ווי דער היטער אויף מיר געשטשירעט מיט אַ חוזק־שמייכעלע.

ג

ס׳איז מיר געשען אַ גליק. נישט קיין משפחה־זאַלבעאַכט זענען מיר אין דעם צימער, וואָס אַ טייל פון אים איז מיר צוגעטיילט געוואָרן אין די באַראַקן. עס איז אַ קליינע איסגעקאַלכטע שטײַג, וואָס איין וואַנט אירע סודעט זיך מיט דער צווייטער — פיר קורצע ווענט מיט איין רוי, אומגעע־שמירט הילצערן פענצטער און אַן אומגעהובלטע שטאַל־טיר וואָס האַלט זיך אויף פאַרזשאַווערטע זאַוויאַסעס, וועלכע שוויצן שטענדיק. פון אײַ־נעווייניק באַמבלט זיך אויף דער טיר אויך אַ קייטעלע, אַ שוואַרצס פונקט ווי די קליאַמקע. דאָס איז ס׳פאַרמאַכעכץ אויף בײַ נאַכט.

מיר זענען זאַלבעצווייט — מאַשע און איך.

מאַשע איז אויך אַן איבערבלײַבעכץ נאָכן שניט — פונקט ווי איך איז זי פאַריתומט. דער ווינט פון פוסטן פעלד בלאָזט זי דורך ביז שווי־דער און די חמימה סמאַליעט זי אַן אײַנזעעניש. אַנישט וואָלט זי דאָ נישט געווען איינע אַליין, נאָר מיט עמעצן פון די נאָענטע. איך האָב עס באַלד באַנומען און כ׳וויס נישט פאַר וואָס — מיר איז געוואָרן אַ רחמנות אויף איר, אויף איר מער ווי אויף מיר גופא. ס׳האַרץ האָט זיך מיר פאַר־קלעמט אין שטומקייט. אין די ערשטע מינוטן האָב איך נישט געקענט רעדן, פשוט נישט ענטפערן אויפן געפרעג וואָס זי האָט נישט אויפגעהערט צו פרעגן: ווי אַזוי, פון וואַנען, וועמען געהאַט, אויך קיינעם נישט געפו־נען? „גוואַלד, כ׳זע שוין —האָט זי זיך צעשריגן מיט אַ כליפּ— איר בראָך איז אויך נישט קליין!״ — האָט מאַשע נישט אויפגעהערט איבער־צוחזרן.

אין ערשטן אויגנבליק האָט זי מיר אויסגעוויזן ווי אַ קליין מיידעלע — אַ קינד מיט אַן אַלט פנים, אַן אויסגעווינטיקטס, אַן אויסגעשרפעטס און אַזוי שטאַרק אומווײַבלעך. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ וועגן אַ ז ו י נ ס איז דורכגעגאַנגען ביז ס׳איז געבליבן בײַם שטיקל דעך אין דער נשמה? — האָט באַלד מיך געפּלאָגט דאָס בילד מאַשע. אויך ס׳שרײַיקע קול אירס האָט מיך דערשלאָגן: „וועל איך אויסקומען מיט אַזעלכער?״ איך האָב זײַטיק געקוקט אויף איר און באַהאַלטענערהייט געביסן די צונג. כ׳האָב שיִער נישט אויסגעבראָכן מיט אַ יללה אויפן בייזן גורל וואָס טרײַבט מיך אַזוי אומדערבאַרעמלעך.

אין דעם שטיבל האָט מאַשע באַשײַמפּערלעך זיך געפילט אַן אמתע באַלעבאָסטע. די אַ נעסט האָט זי שוין יאַקאַש אויסגעוואָרעמט און די נעסט וועט קיינער מער נישט באַהערשן, — האָט עס אויסגעזען פון איר יעדן שטעל. אָבער זי׳ט קענטיק גיך שלום געמאַכט מיטן גדאַנק אַז נאָך עמעצער האָט רעכט אויף דעם גן־עדן וואָס איר איז אַנומלט צוגעטײלט געוואָרן ווי אַ באַצאָלט פאַר די פּײַנען וואָס זענען איר געכפּלט געוואָרן מחמת זי איז אַ פרוי. זיך אַרומגעפּאָרעט אײַליק אַרום די בערגלעך שמאַטעס, וואָס מיט קענטיקן פלייס שוין באַוויזן אַנצוקלײַבן אין אירע ווינקעלעך, האָט זי פאַר אַ שטיקל צײַט כמעט גאַרנישט גערעדט צו מיר. עס האָט זיך נאָר געהערט ווי אירע פיס שאַרן זיך אָט דאָ, אָט דאָרט. שפּעטער האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן מיר:

— ביסט דאָ, וועלן מיר זײַן זאַלבעצווייט, —האָט זי אַ זאָג געטאָן

מיט אַ געמאַכטער דרייסטקייט.— איך הייס מאַשע. דאַרפסט וויסן ווי אַ מענטש הייסט.

— איך — פראַדל, — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט ווי פון אַן אינגע־ווייניקדיקער היץ. דערנאָך האָב איך זיך שוין פאַרגונען זי אָנצוקוקן.

אַ קליינינקע איז זי. אַ קורץ גופּל אויף קורצע גרעבלעכע פיס אין גרויסע מענערשע שיך. זי איז אַ פלינקע און אַן אָפענע. אירע אויגן האָב איך זיך נאָך נישט דערוועגט גוט צו באַטראַכטן. די נאָז, האָב איך באַמערקט, איז אַ לאַנגע, אַ שאַרפע און זי שנופּט מיט איר אָפּט.

מסתמא האָט זי מיך אויך באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס, וואָרן מיר איז מיט אַ מאָל עפּעס דעמפּיק געוואָרן. די היץ האָט מיך באַשלאָגן אַוודאי פון דעם קוקל אירן. דערויף גיט זי צו מיר אַ זאָג ווי אויף דעם רעכטן ברוך־הבא:

— איז אונדז באַשערט צו זײַן בײַנאַנד, זאָל מען זײַן גוטע חבר־טאָרנס. טאָק ס׳פּיפּטל! צו מיר איז אַ בראָך און צו דיר איז אַ בראָך. זעסט? צו מיר דאַרף מע ניש׳ קאַ סך רעדן!

און אויסגעשטרעקט אַן אויסגעפּראַצעוועטע האַנט, האַרט ווי אַ לעדער.

נאָך אַ ווײַל האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט איר נישט־יונגן זומערגע־שפּרענקלטן פּנים און זי׳ט זיך אָפּגערוקט אַן אַ זײַט. זי איז בשעת־מעשה האַסטיק אַנטשוויגן געוואָרן, ווי אָפּגעהאַקט ס׳גאַנצע גערעדעכץ. שוין, — האָט אויסגעזען איר קער— מאַשע האָט שוין אַלץ „אויסגעפּאַקט״ — גע־זאָגט, וואָס באַדאַרפט צו זאָגן. איצט וואַרט זי איך זאָל עפענען ס׳מויל. אָבער איך בין געבליבן געפּלעפּט. ווי קאָן מען אַזוינס? מ׳זעט אַ מענטש ס׳ערשטע מאָל, נאָך נישט פאַרהיימישט זיך מיטן ווינקל — כ׳וויס אַפילו נישט ווו כ׳וועל דאָ דעם קאָפּ אַנידערלייגן און שוין ווער כאַווערלאַפּ. באמת, ס׳איז מקנא צו זײַן אַזעלכע. איך קאָן נישט אַזוי.

מאַשע האָט מיך נישט געלאָזן לאַנג קלערן.

— קלאָג נישט, —האָט זי מיט אַ מאָל אַ היימישלעכן געשריי געגעבן —וואָס איז דאָ צו דאגהן? געוווינט שוין צו עפּעס ערגערס, גאָט צו דאַנ־קען! אַבי יאָרן, צרות וועלן נישט פעלן. דערווײַל זעץ זיך און לעג זיך אונטער ס׳האַרץ. אָן נאַכטעסן וועסטו נישט קענען שלאָפן. בעטלערס וועלן דיר קומען צו חלום. נו, לאָז זיך נישט בעטן. כ׳האָ׳ ניש׳ ליב אַזוי. אַי־

בעריקנס, האָסטו בײַ מיר נישט קאַ׳ גרויסע דעה. הײַנט ביסטו מײַן גאַסט. מאָרגן וועסטו קענען טראַכטן וואָס דיר וועט זיך וועלן.

און זי האָט פון איר ביסל אָרעמקייט גיך־גיך מיר צוגעגרייט אַן אָוונטמאָל, צוויי פענעצן שוואַרץ ברויט, פון אַ בלעכערנער שאַכטל זיי אָנ־געשמירט מיט אַ רויטלעך־געדיכטער מאַרמעליאַד, אַוועקגעלייגט זיי אויף אַ טעלער, אָנגעריבן אַ שוועבעלע, געקלונגען מיט אַ טשײַניק און אײַליק זיך געבויגן דאָ, דאָרט.

— ׳עסט עסן, וועסטו ווערן אַן אַנדער מענטש, — האָט זי גערעדט אין שטוב אַרײַן, נישט קיין צײַט געהאַט צו קוקן אין מײַן זײַט. איר פאַר־נומענקייט און די שאָטנדיקייט, וואָס האָט זיך געשפּרייט מחוץ דעם קרײַז פון עלעקטרישן פלעמל, האָבן זי געהאַט פאַרשלונגען. ערשט דערנאָך האָט זי איבעראַנײַס זיך דערמאָנט אין מיר: די איינציקע טאַבורעטקע אין שטוב צוגערוקט צום טישל, מיך דערויף אַוועקגעזעצט און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט איבער מיר: „עס, עס, שעם זיך נישט. אַז איך וועל נישט האָבן, וועל איך עסן בײַ דיר. מיין נישט, כ׳בין אַ דזשיק. איך לאָז זיך נישט לאַנג בעטן״ — —

ערשט דערנאָך האָט מאַשע רעכט זיך דערוווּסט מײַן נאָמען. ווײַזט אויס, פריִער האָט זי נישט געהערט מײַן כלאחר־ידיקן זאָג: פראַדל. און מיר איז געווען פריקרע זי צו רופן שוועסטערלעך — „דו״, אַזוי ווי זי׳ט זיך געווענדט צו מיר. זי האָט מיך פשוט דערנענטערט צו זיך און דער־ווײַל מיר אָפּגעגעבן אויך איר איינציק שטיקל געלעגער, ווײַל אַ צווייט בעטל פאַר מײַנעטוועגן האָט מען אַרײַנגעשטעלט ערשט אין טעג אַרום.

ד

דער דערווײַל האָט טאַקע געדויערט לאַנגע, שווערע טעג, אָבער מאַשע איז געבליבן מאַשע: עס, שעם זיך נישט! נישט קאַ׳ן אומגליק. מ׳עט זיך אַן עצה געבן. וואָס, איך קוועל דיך? וואָס מאַכט אויס אַז מ׳קריגט אַ קאָפּע אין דער גאָמבע אַראַן! — האָט זי זיך נאָך געכוחט אויף בידנע פריי־לעכקייט.

ווי אין אַן „אונטער״ אין קאָרטנשפּיל זענען מיר ביידע דורכגע־שלאָפן די ערשטע נעכט אויפן איינציקן געלעגער — קאָפּ צו פיס, פיס צו קאָפּ האָבן מיר זיך אַנידערגעלייגט. אין שטיבל איז געווען פינצטער ווי אין אַ קעלער. אין שמאָלן בעטל האָבן מיר זיך צונויפגעדריקט. איינע

האָט דער אַנדערער געוואָלט געבן אָרט, מער אָרט. מיר האָבן באַגערט איינשרימפּן, צו מאַכן גערוימער פאַר דער אַנדערער. קודם האָב איך זיך אַזוי באַמיט, ווייל מאַשע האָט מיך געלייגט די ערשטע, געהייסן זיך צורוקן צו דער וואַנט. — זיי נישט קא גולם, לייג זיך אַזוי וועסטו נישט אַרויס־פאַלן. דערנאָך איז זי אַריינגעקראָכן אין בעט און זיך באַמיט, מיר זאָל זיין באַקוועם. מיך נישט צו קווענקלען, האָט זי מיט דער פּלייצע זיך אָנגעשפּאַרט אויפן ראַנד פון בעטל און די פיס געלאָזן אין דער לופטן, אויסערן גע־לעגער. דאָס איינציקע קישן האָט זי אָוועקגעגעבן מיר; צוקאָפּנס האָט מאַשע זיך אונטערגעלייגט אַ זעקל מיט זאַכן און דאָס איינגעוויקלט אין אַ האַנ־טעכל, וואָס זי האָט צופריער אַרויסגעצויגן פון דעם זעלביקן זעקל.

די נאַכט האָט זשומעדיק פּרי זיך אויסגעשפּרייט איבער אונדז. גלייך זי וואָלט להוט געשלונגען די טונקלקייט, וואָס איז געדיכט געהאַנגען איבערן שטיבל, און אויך איינגעזאַפּט מיין שווייגנדיק קוקן צו דער וואַנט (זי'ט קענטיק געשפּירט אַז ס'קומט מיר אָן נישט לייכט דאָס אַנט־שלאָפן ווערן), האָט מאַשע פּלוצלינג מיר געזאָגט אויפן געלעגער „אַ גוטע נאַכט" און זיך פאַרמאַסטן צו שלאָפן. איינגענורעט זיך, האָט זי פון אונ־טער דער קאָלדרע נאָך עפּעס גערעדט. אין דער פינצטער האָט איר קול אָפּגעברומט ווי פון אַ גרוב אַרויס:

— הערסט? זאָלסט שלאָפן! אַז כ'על דיר אַ קאַפּע טאָן, זאָלסטו זיך נישט דערשרעקן. כ'בין שוין געוווינט צו שלאָפן אַליין... פאַרשטייסט, קאַ' שלעכטס בין איך נישט אויסן. אַז עס חלומט זיך, קאָן געשעען כ'זאָל אַ שטויס טאָן מיט אַ פוס. אין שלאָף איז דער מענטש דען אַ באַלעבאָס איבער זיך?

מאַשע האָט זיך דערצו אויסגעצויגן מיטן גאַנצן לייב. אַ רגע האָב איך דערשפּירט אירע פעסטע שענקלען, האַרטע עלנבויגנס. שפּעטער האָב איך מיטן גאַנצן לייב און לעבן פאַרנומען ווי די נאַכט האָט מיט בערישע לאַפּעס זיך דורכגעשאַרט איבער דער פאָדלאָגע וואָס איז געלעגן איבער אַן ערדישער הוילקייט וואָס רייכערט זיך האַרב, עסעדיק; כ'האָב געפילט ווי די אָ הוילקייט שטעלט זיך אָן אָנגעבויגענע אין פענצטער אַריין מיט גיהנומדיקע אויגן — אָט אָ גלאָצט זי גלייך אויף מיר, זי שטייט שוין מיר הינטערן רוקן. מער ווי איין מאָל האָב איך זיך געוואָרגן מיט אַן אימה־געשריי וואָס האָט אַרויסגעזעצט פון מיר.

די גאַנצע פאַרוואָרפנקייט, מיין וויסטער וואָגל האָט זיך געשטעלט מיר

צוקאָפּנס. „אַ מיידל אין מײַן עלטער איז אַ ברענענדיקער ווייטיק”, האָט מיט אַ מאָל מיר אַן עקבער געטאָן אַ לאַנג פאַרשפּינטער פּײַן־געפּיל. אײַ־בערן חוט־השדרה איז מיר דורכגעגאַנגען אַ שטעכיקע קעלט און כ׳האָב פון דאָס נײַ דערשפּירט די גאַרע גרייס פון מײַן עלנט. אַ טיפע באַליידיקונג, די אויסגעהוילטקייט פון דער נשמה האָט זיך אין מיר אָפּגערופן ווי אַן אײַנגעבאַקענע קרענק וואָס איז נאָר פאַר אַ שטיקל צײַט פאַרשלעפּערט געוואָרן. כ׳האָב מורא געקראָגן פאַר זיך. „ביסט אין אַ פרעמדער שטוב, געדענק ווי דו האָסט זיך!” — האָב איך גענומען רײַסן פון זיך שטיקער, געקנײַפּט זיך דאָס לײַב און ס׳האָט מיר נישט ווי געטאָן. ווען נישט מאַשע, וואָס זי ליגט פאַרנט, וואָלט איך אין מיטן דער נאַכט זיך אויפגעהויבן פון ענגן געלעגער, אַרומגעדרייט זיך איבער דער שטוב. פאַר דעם געפיל — „איך עלטער זיך, וועסט זיך שוין אַרײַנעלטערן אין דײַן מוידשאַפט” — ציטער איך ערשט אין אַ נײַעם שווערן פחד און כ׳באַמי זיך אים צו פאַרטרײַבן. תמיד פאַלט אָן אויף מיר ווי אַ פיבער די וויסטע שפּירונג פון דורכויסיקער אַליינקייט אויף דער וועלט, אַזש די האַרוואַרצלען, די גאַנ־צע הויט נעמט אויף מיר פלאַקערן. כּלערליי רעיונות האָבן מיך געמאַ־טערט מחמת כ׳בין אַליין, איינע אַליין אין דער געשוואָלענער, דער צע־שפּרונגענער וועלט. כ׳האָב נישט געקענט אַן אויג צוטאָן. ווען מאַשע איז אײַנגעשלאָפן, האָב איך נישט געוווסט. כ׳האָב נאָר געפילט, זי ליגט נעבן מיר ווי אַ סאָפּנדיק בערגל און האָב מורא געהאַט זי אָנצורירן מיט מײַנס אַן אבר. מעגלעך, דאָס איז געווען די סיבה וואָס כ׳האָב נישט געקענט אַנטדרימלט ווערן. אין די שלייפן האָט עס געהאַמערט. דער געדאַנק אַז אַ נײַער נסיון גייט אויף מיר, האָט מיך דורכגעשטאָכן.

פון אַנגסטלעכער מידקייט בין איך סוף כל סוף דאָך אַנטשלאָפן גע־וואָרן. נײַן, כ׳בין ווי אַרײַנגעפאַלן אין אַ פינצטערן תהום.

באַגינען, ווען מײַן ברענענדיקע פּײַן האָט זיך גענומען אויפלייזן אין שוואַכן דרימל, האָב איך פּלוצלינג זיך באַלד איבערגעוועקט. ווי מיט קלעש־טשעס האָט עס מיך אַ ריס געטאָן. שטילקייט איז געווען אויסגעשפּרייט איבער אַלץ אין דעם פרעמדן שטיבל און זי איז — די שטילקייט — געלעגן אין מײַן מאַטערדרימל אַן אײַנגעפּלאָנטערטע אין דער קוויטיקער ראַם פו־נעם פּיצל פענצטערל.

אַז כ׳האָב שוין געקענט אויפהייבן דעם קאָפּ, האָב איך מאַשען מער נישט געפונען אין בעט. כ׳האָב זיך דערשראָקן וואָס כ׳בין ווידער אַליין.

געמיינט — זיך צו לאַנג פֿאַרשלאָפֿן; אַ נישט דאָיקע וועל איך בלײַבן הענגען צווישן הימל און ערד אַ גאַנצן לאַנגן, פֿײַנלעכן טאָג. מאַשע איז שוין געווען ערגעץ אַוועק און איך בין דאָ אַן אומגעבעטענע. יאָ, זי איז געגוג איידל. זי'ט נישט געוואָלט מיך איבערוועקן.

אָבער וואָס האָט מיר אַזאַ גרייזשע געטאָן איבערן שיידל און כ'האָב זיך אַליין אויפגעוועקט אַן אויפגעשווידערטע?

פֿון דאָס נײַ אַרויסגעריסן דעם קאָפּ פֿון דער לעסטיקער קישן־ווייכקייט און בשום אופֿן נישט געקענט זיך דערמאָנען, וואָס עס האָט מיך אַזאַ טאָרע געטאָן — אַ געשריי אַזאַ שאַרפֿער, צי אַ בייזער חלום? עפּעס האָט מיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿונעם שלאָף!

— אָט אַזוי פֿאַרשטיי איך! — האָט אַ קול אומגעריכט אַ גרילץ געגעבן אין דער נאָענט.

אויסגענייגט ס'געהער, אָנגעשפּיצט די אויגן און כ'האָב זיך מורא געהאַט צו רירן פֿון אָרט. כ'האָב זיך נישט געכאַפּט באותו הרגע ווו איך בין אין דער וועלט. ווי וואָר און אויסדאַכטעניש צעטומלען דעם מענטש!

אַן אומהיימלעך דרעפּטשען פֿון שווערע שקראַבעס אויף סקריפּנדיקע טרעפּ האָב איך פֿאַרנומען. באַלד האָט די טיר אַ סקאָווטשע געטאָן. אַ צעקנייטשטע אין פּנים, דער קאָפּ האָר צעקנוידערט, האָט אין דער טיר זיך אַרײַנגעשטעלט אַ פּרוי. איז עס זי? צוזאַמען מיט איר איז מיטגעקומען אַ גרויסער פֿאַרזשאַווערטער עמער און אַן איבלדיקער ריח פֿון פֿאַרזייערטער שטוביקער אומריינקייט.

אַוודאַי, ס'איז זי, מאַשע.

אויפגעקומען פֿון שלאָף האָט זי, די באַלעבאָסטע, ס'ערשטע אַרויסגעטראָגן דעם עמער מיט אומריינקייט. דאָס האָט דער עמער אַזוי זיך צעגרילצט אין זײַן אַלטקייט, ווען מאַשע האָט אים פֿריִער געריררט פֿון זײַן פֿאַרטאָגיקן גליווער. אַצינד באַנעם איך שוין, וואָס עס האָט מיך אַזוי אַ טרייסל געטאָן אין שלאָף. אַצינד בין איך שוין בהרחבה געלעגן אויפֿן קישן און די אויגן געשפּאַרט צום סופיט, ערגעץ־ווו געזוכט אַן אָנלען אין אַ שפּאַרע צי אין אַ פֿלעק. מײַן טריבער געדאַנק האָט אַזוי געזוכט אַ פֿאָדפּארע פֿאַר זײַן צעוואַקלטקייט: וואָס ערשט טאָן? ווי שטעלט מען אַן ערשטן שריט אין דער נײַער וויסטקייט וואָס איז עלול גרינג צו פֿאַרשלינגען אַזאַ ווי איך? ווײ, ס'איז מיר געווען אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה.

— נו, סט׳זיך שוין אויסגעשלאָפן? — האָט מאַשע זיך געוווּנדערט, ווען זי׳ט מיך געזען ליגן אַ וואַכע.

— ווי לאַנג איז דער שיעור? — מ׳באַדאַרף זיך אויפהייבן.

— האָסט נאָך צײַט, —טענהט זי— קענסט דען עפּעס אויפטאָן אַזוי פרי? וואָס וועסטו אָנהייבן? ערשט ׳עסטו לערנען זיך טראַכטן. איך בין עפּעס אַנדערש. איך מוז זיך צושטעלן אין צײַט. כ׳האָב אַ פּאָסטן. דו האָסט זיך נישט וואָס צו אײַלן. ליג זיך אויס — דײַנע געשעפטן וועלן נישט אַנטלויפן.

— אויף רוען מוז מען האָבן אַ בעסער געמיט ווי מײַנס, — זאָג איך. קאָ׳ גליקן האָבן מיך נאָך נישט פּאַטשאַפּעט, אַז כ׳זאָל ליגן אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך.

— אַוודאי וועסטו קריגן אַרבעט. כ׳זאָל אַזוי בטוח זײַן מיט עפּעס בעסערס, ווי דו ביסט זיכער מיט אַרבעט, — פּטרט זי מיך אָפּ און באַפעלט מוטערלעך: — שלאָף, שלאָף, שטער מיר נישט זיך צוצוגרייטן. איך מוז גיין. אויפן טיש וועסטו האָבן אָנבײַסן. אַז דו וועסט אַוועקגיין זאָלסטו וּוט פאַרשליסן און ס׳שליסעלע לייגן אין דער שפּאַרע אונטער דער שוועל. וועסט שוין זען ווו... אויף מיטיק פאַרבעט איך דיך. זאָלסט קומען. כ׳על וואַרטן.

פון פאַרטראַכטקייט האָט שפּעטער מיך אַרויסגעטרייסלט אַ נײַער קלאַפּ מיט דער טיר.

מאַשעס אַוועקגיין האָב איך נישט באַמערקט. כ׳האָב נאָר אַ ביסל ווײַטלעך דערקענט איר פאַרטאָגיק טשלאַפּען אויף די הילצערנע שטיגן.

איך און מאַשע

א

מיר האָט זיך עפּעס נישט געלאָזט גלייבן, אַז כ׳וועל זיך קענען צו־נויפלעבן מיט אָט דער פרוי, וועלכע שרײַט מער ווי זי רעדט. אָן אויס־געליטענע, אַ פאַראײַנזאַמטע, איז ס׳שווײַגן מיר ליבער, ווי דאָס אַרויס־גערעדטע וואָרט, בפרט דאָס רעדן פאַר אַ ווײַטן. כ׳בין מודה ומתוודה: איך גופא געפעל זיך נישט אָפט מאָל צוליב דעם. „ביסט אַ ווילדע״, האָב

איך די אויסטערלישע הנאה זיך צו מוסרן פאַר דעם, אָבער כ׳קען זיך נישט ענדערן. אַוודאי אַ נאָכגערעטעניש דאָס אַמביציעזע אין מיר, די אײַנגעשפּאַרטקייט, אַפילו ס׳זאָל מיך קאָסטן אַ שטיק געזונט. דערצו דריקט נאָך ס׳אָקערשט איבערגעלעבטע. ס׳ווינציק, אַז כ׳בין געבליבן אַזוי־אַ, אַן אַרומגעפּליקטער קזשאַק? אַ פּעקל האָב איך אַ שפּאָרס, אַ וויסטס. דערציילן עס דעם צי יענעם, ווײַל די ברוסט איז איבערגעפולט, וואָלט קיינעם נישט געווען אינטערעסאַנט. און אין דער אמתן: ווערמען קען אָנגיין די וויטיקן פון איינער, וועלכע מ׳רופט מיט אַזאַ נאָמען צי מיט אַן אַנדערן? און ווער וויסט הײַנט נישט דעם טעם פון אַן אויסגעגאָסענער גאַל, פון אַן אָפּגע־האַקט האַרץ? איך בין נישט די איינציקע וואָס האָט מיטגעמאַכט גרויסע צרות. צווייטנס איז קיינער נישט מחויב צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין דעם געמיט פון אַ מיידל, וועמענס גליק עס האָט פאַרבליט אין צײַט פון אַן אימהדיקער זאַווערוכע.

ווי עס זאָל נישט זײַן — איך האָב זיך געהאַלטן נאָענט צו מאַשען. מענטשלעכע גוטסקייט האָט שוין אַזאַ כוח, און מאַשע איז אַ גוטע. צו איר הייך רעדן האָב איך זיך צוגעוווינט ווי צו די אָפּהילכן, וואָס גייען נאָך איטלעכן פון דער פריסטער קינדהייט. איך האָב דערפילט מאַשעס וואַרעמקייט, און זי האָט עס מיר געגעבן ווי אַ מאַמע. דאָס דאָזיקע אויס־לאָדן זיך איז, משמעות, איר אַליין געווען נייטיק, ווי דעם מענטש איז נייטיק לופט און ברויט. זי האָט זיך צוגעבונדן צו מיר און איך צו איר.

ס׳איז דען אַ ווונדער אַזוינס, אויב דער דרויסן איז אַן אומזיכערער און אַלע האָפענונגען זענען שוין אויסגערונען! איינע האָט פאַרפולט די אַנ־דערע מיט צערטלעכקייט, מיט זאָרג און מיט אַ שטרענגקייט וואָס בעט זיך אַ מאָל אין מענטשלעכע אומשטענדן. אויב עמעצער פון אונדז איז נישט אַהיים געקומען צו דער צײַט, איז געווען הימל עפן זיך. איך בין געזעסן אַ פאַרשטיינערטע, נישט געקענט אַ וואָרט אַרויסברענגען פון פאַרקלעמט־קייט. מאַשע ווידער האָט געשריגן, אַליין זיך באַדויערט קלאָמפּערשט, וואָס זי גיט מיר אָפּ „איר גאַנץ לעבן״, און לסוף זיך באַקלאָגט אויף קאָפּווייטיק.

— שטענדיק אַזוי, אויב כ׳האָב עגמת־נפש. און דו קענסט עס מיר נישט פאַרשפּאָרן, האָט זי דערנאָך געטענהט מיט אַ געבראָכן קול; איך, פאַרקערט, פלעג זיך קרימען פאַר איר:

— זע נאָר, ס׳אַראַ דו ביסט! איך גיי און פאַל און דיר איז עס נאָך

ווינציק... כאַטש צי זיך אויס! אַז כ׳זאָג, כ׳האָב נישט געקאָנט פריִער אַהיים קומען.

אויפגעהויבן דעם בליק, דערזען מײַן בלאַסקייט, האָט זי זיך באַגאָסן מיט טרערן און מיך געקושט: „אַ בראָך איז צו מיר!"

נעבן מאַשען האָב איך פון דאָס נײַ זיך דערשפּירט ווי אַ קינד, וואָס קען נישט לעבן אָן דער מאַמעס אויג. טייל מאָל האָב איך אַפילו פאַרגעסן אַז אומגליק דריקט אויף מיר.

מאַשע, האָט זיך מיר געדאַכט, איז פון דעסטוועגן גליקלעכער פון מיר. קעגן מײַן ווילן האָב איך זי מקנא געווען. זי איז געבענטשט געוואָרן מיט דער ברכה פון דרייסטקייט און דאָס האָט אויך מיר געדינט. געהאַט אַ גרייסע באַקאַנטשאַפט, איז זי אַרויסגעשפּרונגען דאָרט, ווו מ׳האָט זי נישט פאַרזייט. אַזוי אַרום האָט מאַשע מיר באַלד געשאַפן אַרבעט אין אַ שנײַדער־קאָאָפּעראַטיוו. אין אָנהייב בין איך געווען אַ רוימערקע. מיט אַ באַרשט האָב איך יעדן באַגינען צוגעקערט דאָס אָפּפאַל פון די שנײַדער־טישן, פון הינטער די נײַ־מאַשינען און כ׳בין געגאַנגען קליינמיידלשע שליחותן פאַר די מענטשן פון דער װערקשטעל. דער עיקר האָבן איבער מיר זיך גע־מאַכטיקט די גוטע פאַרדינערס פון דער שנײַדערײַ און די אויסגעשטאָפּטע כלה פונעם פאַרגרינטן, דאָרן פאַרוואַלטער.

דערזען מיך אַ ביסל זיצן, האָבן זיי פון מיר אַרויסגעיאָגט די נשמה, יעדער האָט שוין עפּעס אויסגעפונען.

— גיי, פראַדל, ברענג, קויף...

— אוי, פראַדל, זי װעלן מיר אַנטשולדיקן — כ׳האָב פאַרגעסן פון דער היים מיטצונעמען.

ווי עמעצן האָט זיך פאַרוואָלט, האָט מען מיך דערנידעריקט. דעם בין איך געווען אַ שמאַטע, נאָר צו טרעטן אויף מיר, אָן אַנדערן אַ פלעדערוויש. מ׳האָט מיך מיאוס געדוצט און אויב געאירצט, איז געלעגן אין דעם וואָרט אַ באַרג מיט שפּאָט. ווי מענטשן זענען גראָב, אַפילו נאָך אַזעלכע אומגליקן. אַ געשלאָגענע פון דעם קוקן אויף מיר, פון דעם רעדן, האָב איך געטאָן אַלץ וואָס מ׳האָט מיך געהייסן. וועמען געבראַכט פרישטיק פון דער היים אין אַ ווינטער גאַס, פאַר וועמען כ׳האָב געקויפט פּאַפּיראָסן אין געוועלב, איין מאָל אין וואָך האָב איך גאָר שווער געהאָרעוועט, אויף די שוואַכע היפּטן געשלעפּט גרויסע עמערס וואַסער; אָן אײַנגעצעטע האַרטע רײַז־באַרשט געטונקט אין סאָדע (ס׳האָט די באָז אויסגעדרייט פון שאַרפ־

קייט) און געשײַערט אַלע לאַנגע טישן, די פענצטער און טירן. די בלאָטע־אָנגעטראָטענע פּאַדלאָגעס האָבן געמוזט זײַן בלאַנק ווײַס. דעם פּאַרוואַל־טערס כלה פלעגט ביז קוקלען מיט אירע שאַרפע אויגאַנעס, פאַרציִען די ניאַניע, אויב איר איז עפּעס נישט געפעלן. איך האָב געציטערט פאַר איר און געהיטן ס׳ביסן ברויט, האַרעווע, פּראַדל, האָב איך זיך געזאָגט; האָב נישט קיין קורצן זכרון. נעכטן איז געווען ערגער, נעכטן, דאָרט...

אוי האָט זיך געדענקט!

דאָס גרויסע רוימעכץ האָט זיך אָנגעהויבן שבת נאָכמיטאָג, נאָכן איבעררײַסן די אַרבעט, ווען די שנײַדערס און האַנט־נייערס און די פּרע־סערס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אויף אָפּרו פאַר סוף־וואָך. אַן אײַנ־געבויגענע, אַ פאַרשוויצטע האָב איך ביז שפּעט געריבן די גרויסע פּאָד־לאָגעס פון דער ווערקשטעטל. אין אָנהייב האָט געטראָפן אַז דאָס שײַערן און רייניקן האָט זיך פאַרשלעפּט אַזוי לאַנג, אַז די נאַכט אין די פענצטער האָט מיך גענומען שרעקן. וויסט געווען אַרום, בערג ציגלברוך פון אײַנ־געפאַלענע געבײַדעס האָבן אימהדיק זיך געהויבן אַרויף צום שטומען, פאַרשטאָכענעם הימל וואָס האָט זיך צוגעקוקט, ווען ס׳געשען דער חורבן. דער חושך האָט געשריגן פון די גאַסן. דעמאָלט בין איך שוין נישט אַהיים געגאַנגען שלאָפן. אַ מערכה, וואָס ערגעץ אין אַ ווינקל פון דער ניי־שטוב איז געווען פאַרטײַעט דער אַלטער סטאַך, אַ ווילער זקן מיט אַ קײַלעכי־קער גראָער באָרד ווי פון אָפּגעבליאַקעוועט גראָז און מיט שטענדיק גלאַנ־ציקע, שיכורלעכע אויגן. אויסגעצויגן אויף אַ טיש, צוקאָפּנס אונטערגע־לייגט זיך אַ פּרעס־קישן, האָט ער אין איין האַנט געהאַלטן אַן אָנגעלאָ־דענע ביקס, אַן אמתע ביקס מיט קוילן, וואָס קענען הרגענען. אוצרות סחורה זענען געלעגן אין ווערקשטעטל, האָט מען זיי געמוזט היטן. ווען נישט דער אַלטער אין טונקעלן חלל, וואָלט די נשמה פון מיר אַרויס־געשפּרונגען. ווײַל שטענדיק האָב איך געדענקט אַז נאָר חורבות פולן אויס דעם שיטער באַוווינטן דרויסן, די ווילד צעהויקערטע גאַסן און הפקרע פאַרשוינען קומען קאַפּויער ווי די מײַז פון די לעכער אַרויס, פון די גרי־בער וואָס אַרום. רויבערס, רוצחים קאָציען זיך אין דער שטאָטישער וויסט־קייט! מאָשע האָט זיך דערווײַל באַאומרויִקט איבער מיר. פאַרטאָגס איז זי שוין געשטאַנען הינטער דער טיר פון קאָאָפּעראַטיוו. מיט איר קלאַפּן האָט זי מיך געוועקט פון שלאָף, אין וועלכן כ׳בין אַרײַנגעפאַלן ווי אין אַ תהום. געעפנט די אויגן האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אימה דער אַלטער, וואָס

האָט לויערנדיק, געלאָסן זיך געדריקט צו דער טיר, זיך אײַנגעהאָרבעט. דערנאָך האָט ער געקלימפּערט מיט די שליסלען און מיט דער ביקס און אויף מיר פון דאָס נײַ אָנגעבראַכט די גרוילן פון דעם אָקערשט פאַר־שווונדענעם אין דער וואָר. מיר האָבן זיך ערשט געהאַט געחלומט שווערע חלומות: כ׳בין געלאָפן אַ פּאַרסאָפּעטע, מ׳האָט מיך געטריבן, געיאָגט ווי מ׳פלעגט בײַם דײַטש פלאָגן די ייִדן.

כ׳האָב דערפאַר געהאַט פאַראיבל אויף מאַשען, הלמאַי זי האָט מיר געשטערט אין דער נאָענטקייט מיט מײַנע היימישע, כאָטש כ׳בין געווען מיט זיי אין טיפסטן אומגליק. דער איבערגעריסענער שלאָף האָט מיך דווקא נישט געאַרט. ס׳האָט נאָר ווי געטאָן וואָס אין דער טרויעריקסטער מינוט האָט מען מיך בגוואַלד אָוועקגעריסן פון דער מאַמען, פון דעם ברודער; אויב זיי לעבן ערגעץ —אַוודאי לעבן זיי!— ווערן זיי איצט מער צעקלעמט פון יאוש, ווײַל אויך איך קום זיי צו חלום און זיי זעען מיך אַזאַ צערודערטע, אַ דערדריקטע פון נײַע שרעקן. אין מיר האָט זיך אויפ־געהויבן אַ יאָמער מחמת די קאַפּויער־געקומענע פּײַנען פון אַנומלט. פון דער צווייטער זײַט בין איך מאַשען געווען דאַנקבאַר וואָס זי האָט מיך אַרויסגעצויגן פון אָט־דער גריזשעניש. גלײַכער שוין די פּריקרע וואָר, די הײַנטיקע, וואָס טריפט בלוטיק בײַ יעדן באַריר, וואָרן די אָפּעראַציע אי־בער אונדז איז געווען אַ פּחדימדיקע. — —

זי האָט מיר קודם כל דערלאַנגט עפּעס איבערצובײַסן, די באַזאָרגטע חברטע מײַנע. געגאַנגען געוואָר ווערן וואָס ס׳טוט זיך מיט מיר, האָט מאַשע ווי אַ מאַמע אין זינען געהאַט אַז כ׳בין פאַרשמאַכט און מיטגענומען עפּעס אין מויל אַרײַן. געזען, כ׳האָב זיך דערכאַפּט ס׳האַרץ, האָט זי מיך ערשט אויסגעזידלט, געהאַט טענות פאַר וואָס איך „צאַפּ איר ס׳בלוט״. לאָז זי איבערקלערן גאַנצענע נעכט.

אויסגעשריגן זיך, איז מאַשע אָפּגעפאַלן ווי אַ צעברויזטער טײַך נאָך אַ שטורעם. זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן נאָענטסטן בענקל אין דער אײַנגעגלי־ווערטער ביי־שטוב האָט זי, שוין אַן אָפּגעקילטע, זיך אַרומגעקוקט און גענומען פאַרן אַלטן סטאַך אויסלויבן די ווײַסקייט פון די טישן, פון די פּאָדלאָגעס, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט מיט מײַן אייפעריקער אַר־בעט. אַ ביסל שפּעטער האָט זי מיך געפירט אַהיים. בפירוש ווי אַ מאַמע פירט איר ברוגז טעכטערל, האָט זי מיך געצויגן נאָך זיך. „שוין צײַט״, — האָט זי בשעת מעשה געזאָגט מיט שטראָף און מיט לויב איינצײַטיק.

אין שטוב האָט זי מיך תיכף געפּאַקט אין בעט אַרײַן און צוגעהיטן מײַן רו. האָט עמעץ אין באַראַק זיך צעשריגן, איז מאַשע גיך אַרויס וואָרענען און בעטן: „ששש! אַ מענטש שלאָפט. רעכנט זיך אַ ביסל! אָנגעאַרבעט זיך, נעבעך". אַפילו קליינוואַרג, וואָס האָט אין דרויסן זיך געלאָזן ווילגיין, געוואָיעוועט, האָט זי אַנידערגעזעצט מיט אירע דראָונגען, פאַרמאַכט די מײַלער.

אָפּגעשלאָפן אַ פּאָר שעה אין יום־טובדיקן זונטאָג אַרײַן, האָט מאַשע מיך לײַכט איבערגעוועקט, כ'זאָל ווידער עפּעס אָפּעסן:

— פראַדל! פראַדל! —האָט זי שוין מוטערלעך געשמייכלט— איידער פּאַפּע, בעסער ליו־ליו, העי? — און אירע אויגן האָבן זיך צעלויכטן. — איך האַלט נישט דערפון. גיין, אַ מינדסט נישט.

מאַשע האָט געהאַט אַן עול פאַר מיר, צוגעשטאַנען מיט דער אכילה. זי האָט אויך געזאָרגט פאַר מײַן וועש, געטראַכט פאַר מיר, נו ווי פאַר אַ לײַבלעכער שוועסטער, ווי אַן עלטערע פאַר אַ יינגערער.

און אַז איך האָב אין תחילת נישט געקענט קומען צו אַ קליידל, צו אַ גאַנצן שוך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגער פרוי, האָט זי אַן שום אָנצוהע־רעניש אומגעריכט מיר באַפוילן:

— פראַדל, הײַנט קומסטו צו מיר אַרום עלף פאַרמיטאָג. כ'וועל וואַרטן אויף דיר. מ'עט ערגעץ צוגיין.

כ'האָב געמיינט: ס'איז פאַר איר טובה וועגן, בין איך געווען צופרידן צו קענען איר מיט עפּעס אָפּדינען. דעריבער האָב איך גאָרנישט איבער־געפרעגט. „גוט", האָב איך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געטראַכט: גיין, איז גיין. אַבי זי נישט אויפרעגן. זי האָט אַ טבע לײַכט זיך אָנצוצינדן.

אײַליק אַלץ אָפּגעטאָן אין דער ניי־שטוב, געבעטן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין אויף אַ שעה־צווי און כ'בין אַוועק. מאַשע האָט שוין געוואַרט. זי האָט געלאָזן אַלץ גיין און שטיין און מיך געפירט. עס ציִען זיך אומ־באַקאַנטע גאַסן, אַ פרעמדלעכער רויש פאַרגלישעט מיך און איך שפּאַן נעבן איר ווי אַ לערנמיידל, אַ וואָרט זיך נישט אָנצורופן, כאָטש בײַס זיך אָפּ די צונג.

— וווהין גייען מיר, מאַשע? — האָט ענדלעך אויסגעבראָכן מײַן נייגיר.

— וואָס אַרט עס דיך, אַז מיך אַרט עס נישט? אָסור צי כ'פיר דיך צו דער תליה.

כ׳האָב זיך משער געווען: מאַשע האָט שוין עפּעס אָנגעסטראָיעט. נאָר זי זוכט צו טאָן טובות. מן הסתם גייט זי מיך שוין באַגליקן, אָבער־פרעגן זיך? חס וחלילה, זי קען זיך צעשרייען.

...אָנגעקומען זענען מיר אין מאַגאַזין פון „יידישן קאָמיטעט״, אַ מין ביי אָרט וואָס האָט מיך אָפּגעשטויסן, עפּעס געשראָקן. מענטשן האָבן זיך דאָרט צונויפגעדרענגט און נידערגעשלאָגנקייט האָט געקוקט פון זיי. „וואָזשנע דערלעבט! נעמען עמעצנס אַ פּאָר לאַכעס״ — האָט ווער אויס־געקרעכצט אויף אַ קול אַז די אַרומיקע זאָלן זיך צוהערן דערצו: „פאַר וועמען די ראַיעווויסקע איז אַ שמאַלצגרוב, פאַר אונדז אַן אומגליק. קוק זיך איין ווי ווייט דו ביסט אין דר׳ערד, יאַנטשעו!״ — איז געווען אַן ענט־פער אויפן שטיין וואָס איז געפאַלן אָקערשט אין דער נשמה אַריין. פון דער דאָזיקער אומהיימלעכקייט האָט מיך באַלד אַרומגעכאַפּט אַ ריח פון פאַרלעגן אַלטוואַרג. אַ פאַרלאָזענע גרויסע, רויטע מויער איז דאָס און זי איז פול מיט צוויפגעזאַמלטע טראַנטעס, אַ ים אַזאַ מיט שמאַטיק בראַכ־וואַרג פאַר יידנס וועגן. אָט ווערט איינגעהיט די פעסטונג פון יידישן טרויער, — האָט מיר אַ נאָג געטאָן און כ׳האָב דערשמעקט שימל.

איך בין געבליבן שטיין אין גליוואַר; מאַשע, פאַרקערט, האָט אויפ־געהויבן אַ רעש: „ווער גייט דאָ אַהער מיך דערליידיקן?״ — האָט זי אויס־גערופן און אַ רודער געטאָן מיט די הענט אַרום זיך צו מאַכן זיך אַן אָרט אין דער ענגשאַפט. מאַשע האָט הויך גערעדט, זי האָט זיך געשטופּט צווישן די מענטשן.

דורך אַ קליין פענצטערל וואָס איז אויסגעשניטן אין נאַקעטע ברעטער פון אַ פּריש־אויפגעשטעלטער וואַנט אין מעכטיקן חלל פון דער אומ־געהייערער אַלטער מויער האָט מאַשע לסוף דערלאַנגט אַ צעטל און זיך גענומען דינגען מיט די, וואָס פאָרען זיך ביי די „אַמעריקאַנער זאַכן״. מ׳האָט מאַשען אַריינגענומען אין דעם טיפן אינעווייניק אויף יענער זייט ווענטל און איר אָנגעהויבן פאַרלייגן שטיקלעך ווייבערישע הלבשה.

— וואָס איז דאָס? — גיב איך מאַשען אַ צופּ אין דער שטיל.

— זאָל דיר דער קאָפּ נישט ווי טאָן. זיי גיבן נישט ס׳זייעריקע! — לאָזט זי זיך ווידער הערן. ווייזט אויס, מאַשע רעדט בכיוון הויך און איך שפּיר ווי כ׳פלאַם אין גאַנצן פון בושה, אַלע קוקן אויף מיר. — דאָס שיקט מען פאַר דיר —ליאַרעמט זי ווייטער— פאַר מיר שיקט מען און פאַר זיי אַ קרענק!

„זיי האָט זי געמיינט די מאַכערס, די וואָס דרייען זיך בײַ דער גאַב וואָס מען גיט אַרויס פֿאַר די ניצול־געוואָרענע ייִדן פֿון חורבן לאַנד.

מאַשע האָט מיך גאָרנישט געפֿרעגט. זי האָט באַפֿוילן, מיך געשטופּט ווי אַ נאַריש קאַלב, געקערט מיך אַהין, אַהער ווי אַ מאַנעקען: אַרויפֿגע־וואָרפֿן אויף מיר אַ קלייד אַ ברייטס, אַ הענגעדיקס מיט לאַנגע, ליכטיקע פּאַסיקלעך. אָט האָט זי מיר אָנגעטאָן אַן אַנדערס, אַ מער געפּאַסטס, אַ וואָלנס מיט זײַדענער אַפּליקאַציע, מיט בליאַסקעדיקע קנעפּלעך — גע־מאָסטן, געפּאַסט און ענדלעך אָפּגעלייגט אַן אַ זײַט. אָפּגעקליבן, הייסט עס. אַזויערנאָך האָט מאַשע מיך מלבוש ערומים געווען אויך מיט אַ מאַנטל, מיט אַ ביסל וועש און אָנגעטאָן אַ פּאָר שיך אויף האַלב־הויכע קנאַפּל.

געגאַנגען צוריק מיט אַ היפּשן פּאַק, האָט מאַשע נצחונדיק געשמייכלט און מיך געלערנט הלכות „לעבן הײַנטיקע צײַטן".

— מיינסט, מ'מוז זײַן אַ שנאָרער? איך בין אויך נישט קיין שנאָ־רערקע. מ'באַדאַרף נאָר זײַן אַ מענטש. וועסט פֿאַרפֿאַלן ווערן בײַ אַזאַ צעקראָכנקייט, פּראַדל. אַז מ'איז אין דר'ערד ווי דו ביסט, מ'האָט זיך נאָך נישט דאַראָביעט צו אייגנס, מוז מען טאָן אַז מ'זאָל נישט אונטערגיין. „וואָט"! — האָט זי פֿאַרענדיקט מיט אַ ברעקל רוסיש, ווי אַן אָנצוהערע־ניש אויף דער רויער דויערהאַפּטיקייט וואָס האַלט זי, מאַשען, אויף די פֿיס.

זעענדיק אַז איך בין דערשלאָגן, מיך פֿרייט נישט דער זיג איבער די געבערס פֿון די פּעקלעך, האָט מאַשע געענדערט ס'לשון:

— ביסט אַ קינד. מ'דאַרף דיר נאָך געבן ס'ציצל. דו ווייסט דען צי דײַנע קרובים האָבן עס נישט געשיקט פֿאַר דיר? אַ מענטש אַז ר'גיט פֿאַר אַזוינע צוועקן, האָט ער תמיד אין זינען אַ היימישן וואָס האָט ער־געץ־ווו זיך פֿאַרוואָלגערט צווישן די חורבה־בערג וואָס זענען אָנגעוואָקסן אין רע־פּוילן. איך וואָלט געשווירן, ערגעץ אין אַמעריטשקע איז פֿאַראַן אַ מענטש צי צוויי — און אפֿשר גאַנצע משפּחות — וואָס טראַכטן פֿון דיר. אַצינד דערמאָנען זיי זיך גיכער, די לײַט פֿון אָנקל סעמס מדינה אַז זיי האָבן געלאָזן עמעצן אין ווײַטן יוראָפּ, אין דער אַלטער היים. ס'איז מעגלעך דײַנע אַ מומע, מעגלעך אַ שוועסטערקינד. אַמעריקאַנער ייִדן קענען נעבעך נישט די נעכט איבערשלאָפֿן: זיי ווילן העלפֿן די לעבעדיקע מתים פֿון פּוילן. זיי שיקן גאַנצע וואַגאָנעס מיט זאַכן און דו ווילסט זיך נישט

אויסדרייען צו זיי. ווילסט, גולם, אַלץ איבערלאָזן פאַר די היגע פּאַשעביקעס, וואָס קוקן נאָר אויס אַזעלכע שעמעוודיקע?

מיט איר ניכטערקייט האָט מאַשע מיך אָפּגעצוואָגן ווי מיט אַ צעבער קאַלט וואַסער. איך וואָלט געווען גליקלעך ווען כ׳דריי זיך אַוועק פון איר, כאָטש כ׳בין איר געווען אמתדיק דאַנקבאַר פאַר דער גוטהאַרציקייט.

כ׳ווייס נישט מיט וואָס איך האָב נושא־חן געווען בײַ אָט־דער פרוי, וועלכע איז געווען נישט ווינציקער עלנט פון מיר. און מיר איז געווען אַ שאָד איר אינעווייניקסטע צערטלעכקייט. כ׳האָב געפונען מאָדנע שײַנקייט אין מאַשען און מיר האָבן זיך אַזוי צונויפגעקניפּט.

ווילנדיק, נישט ווילנדיק — ביסלעכווײַז האָבן מיר קעגנזײַטיק זיך אַנטפּלעקט די פאַרהוילנקייטן פון אייגענעם געמיט, איינע האָט זיך גע־פונען אין דער צווייטער, ממש אויפגעלייזט זיך אינעם טראַכטן און אין דער האָפענונגסלאָזער איינזאַמקייט.

איך האָב אין מאַשען געהאַט אַן אָנשפּאַר און זי אפשר אין מיר אויכעט.

ב

ווי קנאָספּן, אָנגעגאָסענע מיט זון, האָבן די הערצער בײַ אונדז זיך צעעפנט.

ס׳האָט לאַנג נישט גענומען און איך האָב געוווּסט די לעבנסגע־שיכטע פון מײַן חברטע, און מאַשע — מײַנע. נישט בלויז דעם וועג וואָס האָט אונדז געפירט פון טאַטע־מאַמעס הויז אַרויס, אויך דער וועג פון דער דײַטשישער מלחמה מיט די געבונדענע יידן — אַלץ, אַלץ האָט אַרויס־געריסן פון אונדז. איינע פון דער אַנדערער האָבן מיר געוווּסט אפילו דאָס וואָס עס לאָזט זיך נישט דערציילן. אוודאי, פאַראַן זאַכן, מיט וועלכע מ׳שעמט זיך פאַר אַ זײַטיקן און פאַראַן אַזוינס וואָס מ׳איז נישט דרייסט אַרויסצוברענגען צו מאָל פאַר זיך אַליין. בײַ אונדז איז אָבער געשען עפּעס אויסנעמלעכס: ס׳האָט זיך גערעדט, מ׳האָט זיך אַראָפּגערעדט, ווײַל אַנדערש האָט עס נישט געקענט זײַן.

מיר האָבן געלעבט בשותפותדיק — צוזאַמען געגעסן ברויט און צוזאַ־מען זיך געשפּײַזט מיט די פּײַנען וואָס האָבן פאַרצערט אונדזערע פרויישע הערצער. און אָנגעווייטיקט איז מען געווען איבער געגנוג.

איר האַרץ האָט מאַשע צוגענייגט צו מײַנעם. אין די שטילע שעהען, אין די טיפע נעכט פלעגט זי אויסדערציילן פון איר גאָלגאָטע.

ביי טאַטע־מאַמען האָט זי נישט געהאַט קיין איבעריק גוט מזל. געוועזן אַ שטוב מיט קינדער, איז פאַר איטלעכן אויסגעטיילט געוואָרן אַ וואַרעם וואָרט, אַ לאַסקע — אויף איר האָט קיין מאָל נישט געררט די גנאָד פון דער מאַמען. אַזוינס, זעסטו, געדענקט זיך. אַ קאַלטע מאַמע געווען בלויז צו מיר. דער טאַטע האָט בכלל נישט געהאַט קיין געלענק צו אייד־לקייטן. ער איז געווען אַן אויסגעהאָרעוועטער און טרוקענער. אָפּגעגעסן, האָט ער אין שטוב נישט געהאַט קיין אַנדער טוונג, ווי צו פאַרברעכן דעם קאָפּ אויפן טיש און דזשימיען, אָדער אַראָפּוואַרפן פון זיך די שטיוול און לייגן זיך אונטערן איבערבעט. אָדער געאַרבעט, אָדער געשלאָפן. צי ער האָט פאַר דער מאַמען אַ מאָל געהאַט אַ צערטלעך וואָרט, איז מאַשען געווען אַ ספק. ס׳קינדער־האָבן אין זייער הויז האָט מסתמא געהערט צו די שווערע יידישע פליכטן וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אים ווי אויף אַן אָפּגעהיטענעם ייד, וואָס דאַרף מקיים זיין געוויסע מיצוות. אַ מוז־זאַך, האָט זי געמיינט צו זאָגן איז געווען דעם טאַטנס באַשלאָפן די מאַמען, ליבשאַפט איז נישט געווען ניכר אין שטוב.

אָט דאָס האָט מאַשען געמאַטערט. ערשט איצט האָט זי זיך רעכט דערזען, דווקא אויף צו מאָרגנס נאָכן נייעם מבול וואָס גאָט האָט געבראַכט אויף זיין פאָלק. ס׳איז געשען ווייל די ביטערע יאָרן זענען אַריבער איבער איר מיט ברענענדיקער אַכזריות און שאַרף זי אָפּגעשטעמפּלט. זי האָט זיך געוואָרפן ווי אַן אָפּגעשונדענע פון די לעצטע הויטן. ווען מאַשע האָט געהאַט אַ היים, די קאַלטע היים, איז זי נאָך געווען יונג — דאָס סאַמע טרויעריקע האָט ערשט אויסגעצייטיקט אויף דער ביטער געפּרוווטער פרוי. אָקערשט האָט זי זיך דערזען אַן אומבאַחנטע, אַזאַ וואָס איז פאַר־משפּט אויף אַליינקייט. ס׳איז פאַר חטאים טאַטע־מאַמעס, איז זי געווען זיכער. פון ליבע, —האָט זי באַנומען— קומען קינדער שיינע, געשיקטע. מאַשע איז אַ פּוילער עפּל פון טאַטע־מאַמעס צוזאַמענזיין — — ס׳איז געווען אַ געפיל וואָס האָט זי פאַרצערט. זי איז געבוירן אונטער דער קאַלטער שיין פון אומווילן. קיין פונק ליבע, קיין נאַטירלעכע וואַרעמקייט. און אפשר איז זי דער מוטערס אַן אומאַנטפּלעקטע זינד, אָדער —ווער ווייסט!— זי, מאַשע, איז גאָר שוין געווען אַן אומגעבעטענער גאַסט אין דער שויס פון דער מאַמע? זי איז טאַקע געווען די לעצטע, די יינגסטע פון די קינדער. יעדנפאַלס, מאַשע באַטראַכט זיך ווי אַ טראַגישע מיספּאַר־שטייעניש. אָפט מאָל האָט זי זיך אַליין פיינט געהאַט און באַוואָרנט אין זיך

אַ שנאה צו דער מאַמען, טייל מאָל האָט זי אַרויסגעבראַכט אַ רחמנות צו דער מוטער ווי צו אַ געשלאָגענער.

„ס'זאָל איר נישט גערעכנט ווערן״, — באַדויערט מאַשע תיכף איר האַרבן אורטייל. די מאַמע איז אומגעקומען אין יסורים, מן הסתם אויך אין שווערער נויט, אָבער די טובה פאַר דער אומגליק־שפּירונג, וואָס די מוטער האָט איר מיטגעגעבן אין לעבן אַרײַן, דאָס קען זי נישט פאַרגעסן. „פאַרפאַלן, אַ מאַמען דאַרף מען אויך קענען זאָגן דעם אמת״. דערפאַר, מיינט מאַשע, איז זי אויך קערפּערלעך אומגעראָטן. שפּײַז, פּונקט ווי צערטלעכקייט וואָס יעדעס קינד מוז קריגן, ווירקן אויפן וווקס, אויף דער פורעמונג פונעם מענטש אין אַלע פּרטים. יאָ, יאָ, דאָס איז נישט קיין אויסטראַכטעניש, פאַראַדל!

איר קליינע געשטאַלט האָט זי באַטראַכט ווי אַ קללה. אַ פרוי דאַרף האָבן אַ פיגור, זײַן שלאַנק; אַ פרוי מוז באַזיצן חנען, אַנדערש איז זי זיך גופא אַ שטיין אויפן האַלדז. אַזאַ דאַרף גיכער זיך דערנענטערן צום טײַך, זיך דערטרינקען און נישט זיך מאַטערן.

— אַזוי באַדאַרף מען האַנדלען, — האָט זי עפּעטערס איבערגעחזרט דאָס אייגענע. זי האָט ווייטיקלעך גערעדט פון איר פיזישער אומגעלומפּערטקייט: קורצע גרעבלעכע פיס אונטער אַ באַלייבטן, קורצן קערפּער; אַ ברייט פּנים, האַרטע שאַטינענע האָר און אַ כריפּעדיק קול פון אַן אויפגעריסן מויל מיט טרוקענע, דינע ליפּן. זי האָט נישט געקענט קוקן אויף זיך, פלעגט זי מודה זײַן. מאַשע איז אָבער געווען שוואַך פאַר דעציזיעס. זי האָט ניכטער געקלערט, ווילד געוואָרן פונעם קלערן און אַליין זיך פאַראומערט די טעג. אָבער טייל מאָל פלעגט מאַשע זיך פאַרגעסן און אין איר האָט מיט געכפּלטער שפּירעוודיקייט אויפגעטויכט די דורכוויסיקע פרוי. דעמאָלט זענען פאַר איר אָנגעשטאַנען טעג און נעכט פון אומגעהייערן אומרו, אַ גליונג אַזאַ וואָס איז געווען שווערער פון יעטוועדער פּײַן. ס'איז געווען אַ געווירבל פון אָנגרײַפנדיקע געלוסטן אין מאַשען. זי וויל געפעלן, זי וויל געהאַלדזט ווערן, זי מוז אויסנעמען בײַ — — די ווײַבלעכע פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט און דאָ, כאָטש ווער צעזעצט. דער וואָס געפעלט איר, וויל זיך אַפילו נישט אומקוקן אויף איר.

זי וועט זיך נישט דערגידעריקן, קריכן יענעם אין די אויגן, קנײַען פאַר אַזוינעם. מאַשע האָט זיך נישט געשעמט צו רעדן דערפון. איך וואָלט זיך באַגראָבן פאַר חרפּה צו ברענגען אַזוינס איבער ס'מויל. אָפט איז

מאַשע אָפּגעגאַנגען אין שוייס פון קלערן וועגן איר ביטערער מערכה. אין בליק איז איר געקראָכן די אייגענע מיאוסקייט, די אומגעלומפּערטע פאַר־מען פון איר קערפּער, ס׳האָט געדריבלט אין אירע געהירן דאָס אומ־ווײַבלעכע קול. זי וואָלט פון זיך אַנטלאָפן און אין איר האָט מיט רוגזא זיך אָפּגערופן די שנאה צו דער לײַבלעכער מאַמען, כאָטש זי איז שוין נישטאָ, זיכער נישטאָ.

אַ להכעיסדיקע לעבהאַפטיקייט האָט פון איר אַרויסגערוקט דעם קאָפּ. אין אַזעלכע מינוטן האָט מאַשע קוים געוועלטיקט איבער זיך. אַרומגעגאַנ־גען אַ צערודערטע, געטומלט און געטשעפּעט זיך צו אַ מינדסטער קליי־ניקייט. אָ, דעמאָלט איז „דער קרומער נישט געווען גלײַך״ בײַ איר. נאָך דעם איז זי אַוועקגעפאַלן ווי אַ סנאָפּ, געשעמט זיך פאַר מענטשן און גע־פילט זיך שולדיק, כאָטש איין גאָט איז אַן עדות אַז מאַשע גינט קיינעם נישט קיין שלעכטס.

אמת, מאַשע האָט אויך געהאַט ליכטיקע מינוטן. כאָטש זי איז אַזאַ צעווירענע, האָט זי פון דעסטוועגן — דערמאָנט זי זיך אין רעגיקער טרויעריקייט — געגרייצט די באַגערן פון אַ מאַן, פון אַ שיינעם מאַן. זעס־טו, אַזעלכע ווי איך בין: אַ נידעריקע, אַן אומגעכאַכלטע, בין איך אים געפעלן. מאַשע האָט געהאַט אַ גוטן, געזונטן מאַן. ווער האָט אים נישט געלויבט? כ׳זאָג דיר, פּראַדל, ס׳האַרץ קאָן פּלאַצן! זי האָט אים אַפילו אַ קינד געגעבן. און הייבט זי אָן דערפון, רעדט זי וועגן דעם קינד צען, צוואַנציק מאָל דורכאַנאַנד. אַ הערלעך קינד געווען. דעם פאָטערס גראָע, גרין־גראָע אויגן געהאַט. זיסלעך צוציִענדיק איז געווען דעם קינדס בליק. אַזאַ מין דין נעפּלדיקער שלײַער, האָט זיך אויסגעדאַכט, קוקט פון דעם קינדס וויִעס. אַ כישוף האָט עס פאַרשפּרייט, און ווי עס האָט געענגעט? אַ מחיהדיק קינד, פּראַדל לאַכטיקע! און ווי זי האָט זיך אָפּגעפּײַניקט מיט דעם ביז עס האָט זיך געשטעלט אויף די פיסלעך. ס׳האָט שוין גענומען רעדן, ווײ איז איר!

פון אַלע אירע רייד וועגן דעם קינד מיטן נאָמען נאַכמעלע, וואָס האָבן ציטעריק אויסוויבּרירט אין דער נאַכטישער טונקלקייט, האָב איך דער־שפּירט דעם גאַנצן צער וואָס האָט (מחמת דער צעשטערטער פרייד) אָנ־געגאָסן מאַשעס מהות.

דאָס זענען געווען גרויליקע נעכט פאַר מיר. אין מיטן רעדן האָט זי זיך פּלוצלינג צעכליפּעט. מאַשע האָט די פינצטערניש צעגלידערט מיט

איר געוויין. אין בעטגעוואַנט אַרײַן האָט זי געהעשעט און אין מיטן גע־וויין איז זי אַוועקגעפאַלן ווי אַ געליימטע. דערנאָך האָט זי לאַנג זיך נישט געלאָזט הערן.

אַזעלכע נעכט האָבן מיך צעטרייסלט. נישט בלויז וואָס כ׳האָב שוין נישט געקענט אײַנשלאָפן — ס׳האָבן זיך אָפּגערופן מײַנע אייגענע אומ־גליקן. כ׳האָב געריסן פון זיך די הויט: „וואָס איך האָב דערלעבט! ווינציק וואָס כ׳קען זיך נישט אָפּיאָגן פון די צרות וואָס קומען אויף מיר, האָב איך אַ צולאָג מאַשעס קלעמענישן”. אָבער כ׳האָב נישט געפּרוווט זיך אַרויסדרייען דערפון. איך האָב אויך מאַשעס חלק אָנגענומען פאַר ליב.

און האָט מאַשע נישט דערציילט עפּעס, וואָס פלעגט שטענדיק פאַר־האַטשען אין גורלדיקן, אין דעם וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אומליבער מאַמען און זיך געענדיקט מיט „אים” און מיטן „גאָלדענעם קעפּעלע”, האָט ווי פון אַן אָנגעריסענעם געשוויר אַרויסגעשפּראָצט פון מיר די אָנזאַמלונג פון אַלע מײַנע ווייטיקן. מיט דער צײַט איז מיר שרעקלעך אומעטיק געוואָרן אָן דער אָנסופיקער געשיכטע פון מאַשעס טיפן אומגליק. מיך האָט פאַרטרונקען אַזאַ וויסטקייט וואָס קאָן אַראָפּ־פירן פון זינען. אַרום שטעכט דער חורבן פון דער גאָרער יידישער וועלט און אין מיר צעקלאָגט זיך ס׳קבר פון מײַן אייגן לעבן.

ג

...אַלץ, פאַרשטייט זיך, ליגט אין סך־הכל פון דער שוידערלעכער מלחמה. צוזאַמען מיט מחנות מענטשן פון דער אײַנגעזונקענער פּוילן־מדינה האָט אויך מאַשע מיטן מאַן און קינד זיך געלאָזן צו דער גרענעץ. ס׳איז געווען אַ נע ונד דורך בראַנדן און מאַסנהאַפּטיקן טויט, וואָס האָט זיך געשפּרייט, געלייגט זיך ממש פאַר די טריט. מיט אומפּאַרויסגעזעענער גבורה וואָס די שוואַכסטע פון די מענטשן האָבן אַרויסבאַקומען פון זיך אין די דאָזיקע צײַטן, האָט זי דורכגעמאַכט יענעם וועג. שפּעטער, אין ראַטנלאַנד, איז געווען פון ס׳נײַ שלעכט, זייער ביטער. ס׳איז געווען דער־דריקנדיקע נויט און שרעקן, נײַע אויסטערלישע שרעקן. דערנאָך האָט נאָך געפּלאַצט די מוראדיק אָנגעצויגענע רו וואָס אונדז איז געגעבן געוואָרן. די מלחמה פון מאָסקווע האָט זיך געשפּירט ביז גרויל; מ׳איז כסדר גע־לאָפן פון די הריגות וואָס זענען געגאַנגען אויף די פאַרכאַפּטע געגנטן.

— אים, אפרימען מײַן מאַן, האָט מען אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט

און ער איז ווי אַ שטיין אין וואַסער אַרײַן. נישטאָאָאָ! און, ווײַזט אויס, כ׳האָב מער נישט צו וואַרטן אויף אים. אפשר איז ער געפאַלן אין די שלאַכטן און אפשר... ווער קען וויסן? מיט שיינקייט האָב איך אים נישט געקענט געווינען. דעמאָלט, מילא, האָט אים געקענט „נעמען” מײַן יונגשאַפט, די לײַדנשאַפטלעכקייט וואָס האָט געשפּאַרט פון מיר; ס׳איז אמת. כ׳בין געווען אַ ביסל אַרויסרופנדיק, מיט לויער האָט געפלאַקערט מײַן יונגע ווײַבלעכקייט. כ׳בין געווען אַ פולבלעכע מיט קײַלעכיקע גלידער און רויטע בעקלעך. גאָרנישט די הײַנטיקע מאַשע. דערנאָך, ווען ס׳איז געקומען אַ קינד, איז ער —מעגלעך— שוין געווען מער פאָטער פונעם קינד ווי דער מאַן פון דער קליינער מאַשען. און אפשר באַגיי איך אַ פאַרברעך, וואָס כ׳רעד אַזוי. מעגלעך, די אָרנטלעכקייט זײַנע האָט געהאַט די דעה איבער אים און נישט מײַן פאַרציקנדיקע חוצפּה, ווי איך שמועס זיך אײַן, אַז נאָר מיט דעם האָב איך געפאַנגען דעם מאַן. ס׳איז אויך נישט אויסגעשלאָסן אַז ער איז געפאַלן אין מלחמה; אומזיסט באַשמוץ איך זײַן נאָמען און וואָג אים אָנצורופן דעזערטיר — דעזערטיר פון שלימזלדיקן ווײַב. איך ווייס נישט. אפשר אַזוי און מעגלעך פאַרקערט. ס׳קאָן דאָך טרעפן... הערסט, פּראַדל! שלאָפסט? כ׳בין דיך מקנא, קאָנסט פאַרשלאָפן די צרות!

ווײַטער, ווײַטער האָט זיך אַזוי געצויגן דאָס געוועב פון מאַשעס אומעטן.

— דו ווייסט דאָך. אין דער אַרמיי זענען אַוועק אויך פרויען, יונגע, שיינע. אַלץ קען געמאָלט זײַן. דאָך אַ מאַנספאַרשוין, ווי קלערסטו? דערפאַר עסט מיר אַזוי דאָס האַרץ. ליבערשט זאָל ער האָבן געהרגעט געוואָרן. דאָס רעד איך זיך טאַקע אײַן, כאָטש יענער געדאַנק טאָטשעט מיך. וואָס זאָל איך טאָן — דער וואָרעם האָט זיך אַרײַנגעקראָגן אין מיר! ווי מיינסטו? אַן אַנדערע קען דאָך אים אויך געבוירן אַ קינד, צובינדן צו זיך. אַזוי. אַזוי, אויס מיט אפרימען, פּראַדל קרוין!

דאָס איז געווען ווייניק. אויף מאַשען איז געפאַלן אַ נאָך שווערערער קלאַפּ. אין דער סטעפּישער שטאָט, וווהין די דײַטשישע רשעות האָט זי פאַרטריבן, איז דאָס קינד קראַנק געוואָרן און ס׳איז נישט געווען קיין אופן עס צו דערראַטעווען. אַ מוראדיקער משפּט איבער אַ פרוי, אַ מאַמע!

שוין אַ פּאָר יאָר אַוועק זינט דעמאָלט און זי איז אַלץ אַליין, שרעקלעך אַליין. די אַליינקייט דערפירט מאַשען צו משוגעת. דאָס הויכע רעדן ווערט שאַרפער, שרײַיקער, זי באַליידיקט מענטשן. מאַשעס אונטערגעזענקטע אייגנליבע קריגט אַ ברען ווי אַ פליג בײַ אַ פלאַם, ווען זי זעט אַ מאַן בײַ אַ

יונגער פרוי, אַפילו בײַ אַ באַקאַנטער. אַ מאַן בײַ אַן אַנדערער צערייצט זי. זיכער, זי קאָן זיך, זי מאַטערט זיך מיט דעם ווי מיט אַ קרענק, וועלכע מ׳קען היילן, ווי זי שמועסט זיך אײַן; מאַשע ווײנט אָפט, ווײנט אויף איר מענטשישן חורבן. ווען זי איז גוט אויפגעלייגט, רעדט זי וועגן אירע באַקאַנטשאַפטן מיט יונגע לײַט, טרוימט אויפן קול וועגן אויפשטעלן פאַר זיך אַ נײַ ברעקל הויזלעך גליק.

— האָסט נישט עפּעס אַן איבערגעגאַנגען שידוכל פאַר מײַנעטוועגן?

— פלעגט זי אין וויץ אַרויסווײַזן איר כלומרשטן לעבנסמוט.

און אַן אַנדערש מאָל שוין אין ערנסט:

— פּראַדל, באַקען זיך מיט דעם... דו ווייסט שוין וועמען איך מיין! אָדער: פאַרבעט אים אויף אַ מיטאָג. ר׳איז אַ מאַנספאַרשוין אַליין, ווו וואַשט ער זיך אַ העמד? ער איז קענטיק אַ שעמעוודיקער. ברענג אים אַרײַן, וועט זײַן היימלעכער. ביסט צו פיל לאַמאַגע, פּראַדל!

מאַשע האָט נישט געמאַכט קיין סוד אַז זי איז פרויש זשעדנע צו פאַרטרינקען איר מטושטש אָפּגעשפּירטע מידקייט —אין קערפּערלעכער פאַרגעסונג. „אַ מאַן, אַ טאַנץ״, — פלעגט זי אַ מאָל אַ מורמל טאָן. „אַן עוף באַדאַרף אַ טרונק, פּראַדל״, האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט אויך גראָבלען, אַזש עס האָט געגרילצט אין די געהירן. וואָס זאָל איך זיך שעמען, —האָט זי שוין צוגעגעבן אַ שולדיקע — אַז מ׳באַדאַרף זיך אַזוי פיל נישט שעמען. און מ׳קען נישט. כ׳ווייס, יעדער טראַכט דערפון און קווענקלט זיך עס אַרויסצוזאָגן. זעסטו, בײַ גויִם איז עס פּראָסטער. ס׳גאַרנישט אַזאַ חרפּה. אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש. אַליין איז טרויעריק, און ס׳איז שווער. וועסט שוין זען, פּראַדל.

אויף אַלע אירע וועגן האָט מאַשע געזוכט אַן אָנשפּאַר בײַ אַ מאַנס־בילשן אַקסל. דער גורל האָט אָבער אומגינציק אויפגעטאַנצט איר לידל. זי איז געווען אומדערבאַרעמלעך מ׳אוס און שרײַעריש. שוין דאָס צעפּאָ־רענע גענגל מיט די קורצע ברייטע פיס, האָט אָפּגעשטויסן פון איר.

מאַשעס איינציקע שיינקייט איז איר ביסל קלוגשאַפט, כאָטש ווי אַ פרוי האָט זי זיך אָפט געענערט מיט אַליין־געגנאַרערײַ. כלומרשט אין שפּאַס פלעגט זי זאָגן:

— אויסגעהרגעט אַ פאָלק, האָט מען אויסגעהרגעט אויך די מענער. נישטאָ מיט וועמען חתונה צו האָבן בײַ ייִדן, וועט מען זיך צוגעוווינען צו נישט־ייִדן, ווי מיינסטו? כ׳וועל געפעלן אַן אַנטעק? אין קלויסטער אַרײַן

נעמט מען נאָך נישט קא׳ יידישע פרויען און אויף שמדן זיך איז קיינער נאָך נישט אַזוי משוגע, הע, פראַדל?

אויף מאַשעס ענערגישן פּנים האָט זיך געצייכנט אַן אויפגעצווונגענער שמייכל, אָבער איר שפּאַס האָט אָפּגעגעבן מיט קענטיקער ביטערניש.

ניין, זי האָט נישט געקענט שלעפּן אַ לעבן אין ווײַבערישער איינזאַמקייט. ס׳האָט איר איינפאַך געשראָקן דער געדאַנק. — כ׳על מיך הרגענען, פלעגט זי איבערחזרן.

און מיר איז דען היימלעכער?

איך האָב אויך געוואָלט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. ס׳צרהדיקע וואָס איז אַרומגעוואָקסן מײַן געמיט ווי מאָך וואַקסט אַרום אַ שטאַם, האָט מיך געגעסן ווי סם. אָבער אַלץ אויסדערציילן ווי מאַשע טוט עס, בין איך נישט ביכולת.

עס ברענט די דערמאָנונג, ס׳גליט מײַן גאַנצער מהות, ווען כ׳טראַכט ס׳טראַכטן וואָס לאָזט נישט אָפּ.

איך האָב נישט געהאַט קיין מאַן —כ׳בין ייִנגער פון מאַשען— כ׳האָב געהאַט אַ געליבטן, אַ ייִנגל, וואָס האָט ווי אַ קרוין באַשײַנט מײַן מיידלקאָפּ. אויך ער איז פאַרלוירן געגאַנגען. געוויס איז עס אַזוי. וואָרן פון ערגעץ איז נישטאָ קיין ידיעה פון אים, קיין צייכן אַז ער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון פײַער. די זעלביקע זאַווערוכע, וואָס האָט געשלאָגן מאַשען, האָט אויך מיך געטראָפן מיט אַ דונער. איבער לאַנד און איבער ס׳פעלד האָב איך געבענקט נאָך מײַן באַשערטן. עס איז געווען אַ שריפה און עס איז פאַרלענדט געוואָרן מײַן גאַנצע וועלט. איצט עלטער איך זיך גאָט צו דאַנקען. עס זענען אויסגעדאַרט די קוואַלן פון מײַנע האָפענונגען. איך קען שוין נישט האָפן. אַליין זיך צו גענאַרן, דאַרף מען אויך האָבן כוח. איך בין אויסגעשעפּט. סײַ ווי אַ לײַטישן יונגן מאַן איז איצט נישט צו געפינען צווישן די רוינעס פון אַן אונטערגעגאַנגען לעבן. אַלץ, וואָס איז געווען שיין, געראָטן בײַ ייִדן, איז אויסגעשאָכטן געוואָרן. עפּעס רעכטס, ווי מ׳זאָגט, איז נישט געבליבן. און איז יאָ פאַראַן אַן איבערבלײַבעכץ, איז עס — — (זי פאַרבײַסט די ליפּן און צעקלאָגט זיך).

ווו ושע זאָל איך, פאַריתומטע, זוכן אַן אָנהאַלט? עך, כ׳וועל נישט זוכן. ווי אַ קינד פון אַ פאַרשניטענער היים, וועל איך אַלע מײַנע יאָרן — אויב זיי זענען באַשערט— שוין זײַן דער שטומער קדיש אירער. כ׳וועל נישט זוכן. צו וואָס! אָבער מאַשען זאָגן אַזוינס? גאָט באַהיט. זי וואָלט מיך

געממיתט. ביסט אַ דר׳ערד־ליגערן, אַ קאַליקע, —צעשרײַט זי זיך באַלד— אַ לאַמאַגע ביסטו, פּראַדל!

ס׳זאָל איר נישט זײַן לגנאַי: מאַשע האָט זיך אָנגענומען מיט דער פּוילער אײדלקייט פון די אַרומיקע שכנים. לעבן, וואָס מער לעבן אַרײַנ־כאַפּן, און אין נאָמען פון דעם, אַלץ סובל זײַן. עס איבלט — נישט געדאַכט זאָל עס זײַן. אַ גוטע איז זי, מאַשע, נאָר אַ... אוי, כ׳וויל קיין שלעכטס אויף איר נישט טראַכטן, זי איז אַ צעווייטיקטער מענטש.

...איך בין גליקלעך, אַז די מידקייט פאַרוועבט מיר די אויגן. אַ ביסל שלאָף איז אָפט מאָל אויך אַ היילונג.

„דער זיווג”

א

ס׳שלעכטע ווי ס׳גוטע איז נישט אויף אייביק, — פלעגט זאָגן מײַן כשרע מאַמע. אין דעם ווערטל האָב איך זיך דערמאָנט, ווען כ׳בין אין שנײַדער־ווערקשטעל פּלוצלינג עולה־לגדולה געוואָרן. מ׳איז געקומען צו מיר, מיר געשאָנקען אַן אומהיימלעכן שמייכל און כ׳וויים נישט פאַר וואָס — מ׳האָט מיך אָוועקגענומען פון דעם פּאָדלאָגע־ווישעכטש. אין איינעם אַן אין דער פרי איז עס געשען. אומגעריכט האָב איך אויפגעהערט באַדינען די מישטיינס געזאָגטע אינטעליגענציע פון דער ניי־שטוב; מ׳האָט מיר גע־געבן־אַ טאַבורעטקע צו זיצן, אַ געשטופּלטן פינגערהוט און אַ נאָדל צו נייען. „נאַ, טו. דאָס איבעריקע וועט שוין קומען אַליין”, האָט באַטײַט דער קאָפּשאָקל פון דעם מאַשינער, צו וועלכן מ׳האָט מיך צוגעטיילט. אַ צעיאַכמערטער פאַרשוין דער דאָזיקער, אַן אײַנרײַסער. בלויז אויף אַ רגע האָט ער זיך אָפּגעריסן פונעם מאַשינעכץ, וואָס האָט אויף אַ צײַנ־פּיסל און אײַזערנעם גאָרגל רוישיק זיך געצאַפּלט אַרום אים, געהויבן זיך און געזונקען ווי אַ באַוועגטער באַרג. לאַנגע שורות מאַשינען לויפן אי־בער אים, שטראָמען אַרום אים; מענטשן אָנגעבויגענע, פאַרסאָפּעטע אײַלן זיך הינטער אים, פאַר אים — גאָרנישט גייט אים אָן, דעם מאַשינער. אויף דער גיך האָט ער מיר אויסגעשטרעקט אַ דערהיצטע האַרטע האַנט:

— שלום עליכם! פון הײַנט אָן זענען זי מאַאַנע און איך איהנס, —

האָט ער בעת־מעשה פּילדײַטיק אַ וואָרף געטאָן זײַן טונקעלע, שיטערע טשופּרינע. אונטערגעשטופּט אַ נײַע רויע פּאָלע דער צעכעסטער ניי־מאַשין און נאָך ווען זי האָט געצאַפּלט אונטערן שלאָקריריקן פּיסל מיך געפרעגט:

— ווי רופט מען איהן?

ר׳האָט צו מאָל נישט געקוקט אויף מיר. איך האָב זיך פאַרלוירן.

— שעמען זי זיך נישט. אַז מ׳שעמט זיך, האָט מע נישט חתונה.

ער האָט אַלץ גערעדט אין דער מאַשין אַרײַן, האַסטיק גערעדט, מחמת ער איז געווען פאַרשלונגען פון דער אַרבעט. ס׳האָט זיך באַקומען אַז נישט ער, נאָר דער צעהודזשעטער חלל ברענגט עס אַרויס דעם חוזק צו מיר.

באַשײַמפּערלעך, ער האָט נאָכגעאײַלט דער מאַשין און ער האָט זי געטריבן מיט די הענט, מיט זײַן ברענענדיקן חשק צו פאַרצערן וואָס מער שטיקלעך אַרבעט.

— זי ווילן חתונה האָבן? נאָר די געוואָרעט! — האָט ער ערשט אין סאַמע אײַלעניש, געוויזן זײַנע כמעט ווײַסע, גרויסע אויגנפּענצטערלעך אינעם שמאָלן פּנים. באַלד דערויף האָט ער אין האַלבשמייכל מיט זײַנע הענט און מויל ווידער זיך פאַרגראָבן אין דער פרעסנדיקער מאַשין.

בלית ברירה האָב איך געענטפערט אַ פּאַרשפּעטיקטע:

— פראַדל רופט מען מיך.

— ווי, פראַדל? גאַנץ גוט, פראַדל. אויב זי אײַלן זיך נישט חתונה צו האָבן, וועל איך איהן באַלד ווײַזן וואָס זי דאַרפן סערען (טוען).

ס׳איז מיר געוואָרן דערווידער פון דעם מין רעדן און פון זײַן גע־איל, דעם מאַשינערס, וועלכן מ׳האָט גערופן איגנאַץ. בלאַס און אויסגע־צויגן איז זײַן פּנים, שיטערלעך, לאַנג זײַן טשופּרינע און שטאַרק גלאַנציק די אויגן, אין גאַנצן ווײַסע מיט אַ משוגענעם שימער. „כ׳האָב נישט קיין צײַט, רעד גיכער אָדער וואַרף זיך אַוועק פון דאַנעט״, זאָגט ער אָפט אין מיטן געטועכץ און די אויגן פיבערן אין אומרו. צו פראַדלען האָט ער דערווײַל אַזוי נאָך נישט געזאָגט, אָבער איך האָב באַצייטנס מורא געקראָגן פאַר אים, און כ׳האָב זיך עפּעס געטרייסט.

דער וועט פון מיר די נשמה אַרויסיאָגן, — האָב איך געציטערט, ס׳איז מיר פון דעסטוועגן געווען אַ פרייד וואָס כ׳בין געוואָרן אויס רוי־מערקע, אויס שיקמיידל.

כ׳בין געוואָרן אַ האַנטנייערין, געניט קנעפּ, געשלייפט לעכער, כאַטש

וועדליק דעם אָנזען בין איך געבליבן אַ נישטיק מיידעלע, אַ מיידל צווישן די גרויסע פֿאַרדינערס. די אַ וואָלטן געוואָלט אײַנשלינגען אַלץ פֿאַר אַ מאָל, איינער דעם אַנדערן אַריבערוואַקסן מיט די שטיקלעך אַרבעט און אויך מיטן אָנזען אין וואַרשטאַט.

איך האָב ווידער געהאָרעוועט. אומבאַמערקט בין איך דאָך אַרײַנגע־וואַקסן אין רומל פֿון די לאַנגע נידעריקע באַראַקן אויף עק־שטאָט פֿון וואַנען אַלע, וואָס האָבן נאָר „נישט פֿאַרקרימטע הענט" זענען יעדן באַ־גינען אַרויס אַרבעטן, האַנדלען, פֿאָרען זיך ערגעץ, כדי פֿאַרטרינקען צו ווערן פֿון דעם ליאַרעם וואָס שטייט איבער יעדן דאַך, דרייט זיך איבער איטלעכנס קאָפּ.

כ׳וויס נישט געגוי פֿאַר וואָס — איך האָב מיך געפֿילט מער דער־הויבן. זיך געשפּירט אַנדערש ווען איך בין אין דער פֿרי אָוועק פֿון שטוב און בעסער, ווען כ׳האָב פֿאַר נאַכט אין דער היים זיך צונויפגעטראָפֿן מיט מאַשען. ביידנס אָפּוועזנקייט האָט פֿאַר אונדז דערנענטערט דאָס זלידנע שטי־קל היים; דאָס נישט זען זיך אַ גאַנצן טאָג האָט נאָך מער צונויפגעקניפּט איינע מיט דער אַנדערער. מוז זײַן, אַז דער פֿאָדלאָגע־וויעכעטש אַנומלט, האָט מיך שטאַרקער געאַרט ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן. מײַן פֿריערדיק אָרט אין דער גרויסער ווערקשטעל האָט פֿאַרנומען פֿאַננע רוזשע, אַ מיידל מיט ראָזע בעקלעך און שיינע שוואַרצע אויגן, וואָס לאַכן נאַרישעוואַטע ווי באַלד מ׳קוקט זי אָן. פֿאַננע רוזשע רייטלט זיך ווען אַ מאַנסביל ווענדט זיך צו איר וועגן אַ ליאַדע־וואָס, מעג דער מאַנסביל זײַן אַ צוועלף־יאָריק ייִנגל, אַבי ער האָט נאָר העזה זיך צו שאַפֿן מיט איר. פֿאַננע רוזשע רעדט נישט קיין ייִדיש וואָרט. זי קאָן נישט קיין ייִדיש, שטאַמלט זי אַרויס. זי קאָן פּויליש, קאָן ענגליש און זי האָט די טבע לאַנג צו פּוצן אירע אויסגעדרייטע שיך; און זי קוקט שטענדיק אַרײַן אין אַ צײַטונג. פֿאַננע רוזשע, זאָגט מען — און דאָס האָט מען זיך דערוווסט באַלד אין תּחילת — האָט אָפּגעפֿונען איר פֿאַרפֿאַלן געוואָרענע מאַמע. און מאָדנע: זי אײַלט זיך קיין מאָל נישט צו דער מאַמען. אַליין האָט זי זיך געראַטע־וועט בײַ אַ פּויער. צופֿריער איז רוזשע געווען אין געטאָ, געוואַלגערט זיך אין גריבער, אין פֿינצטערע לעכער. אין דאָרף האָט זי געפּאַשעט קי און געקליבן זיך חתונה האָבן מיטן פּויער וואָס האָט זי אַרײַנגענומען צו זיך. דער פּויער זבישעק האָט דערציילט די שכנים אַז זי איז אַ ווײַטע קרובה זײַנע און ס׳איז אים אַ שאָד זי זאָל אַרײַנפֿאַלן אין שלעכטע הענט, איז

גלײַכער ער זאָל אויף איר אַכטונג געבן. די גויע זײַנע וואָס איז יאָרנלאַנג געלעגן צו בעט, האָט דערשפּירט אַז מיט דער יונגער חצופה וואָס דער מאַן האָט אַרײַנגעבראַכט גייט אַ סכנה אויף איר, דער חולהוואַטער, און זי האָט גענומען געוואַלדעווען, שרײַען אויף הויכע קולות. אַזוי אַרום האָט די גויע זי פאַרטריבן פון כאַטע אַרויס. רוזשקע איז דעמאָלט אַנטלאָפן אין וואַלד אַרײַן, וווהין אַ טייל ייִדן, שטאַרק אָפּגעבריטע פון די ברעך, וואָס די יעקעס האָבן געבראַכט אויף זיי, זענען נעלם געוואָרן. זי'ט זיך באַהאַלטן אין אַ קזשאַקעס־געדיכטעניש אַז די דײַטשן זאָלן זי נישט גע־פינען און געמיינע גויים זאָלן זי נישט פאַרמסרן. אָבער זי איז אין וואַלד געווען איינע אַליין, אַ חוץ דער גלײַקער אימה פאַר ווילדע חיות וואָס טשאַטעווען פון אַ יעדן ווינקל, פון הינטער איטלעכן בוים. אַזוי זענען אַדורך טעג און נעכט. און איז זי געוואָרן הונגעריק, פלעגט זי זיך צוגנ־בענען צו אַ פויערישן קאָפּעץ קאַרטאָפל און אין מיטן נאַכט, אין דער טיפעניש פון וואַלד זיי געבראָטן אויף אַ קליין פײַערל. אַזוי האָט זי ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע חיה דורכגעלעבט די טרויעריקע צײַט. הײַנט טענהט זי, די פאַננע רוזשע — איז שוין נישט קאָ' צײַט חתונה צו האָבן פאַר איר. זי ברויך נישט. זי וויל נישט —גיט זי זיך אַ כמורע אין מיטן דעריבען— און צעהעשעט זיך באַלד. עפּעס איז דער מוח איר צעמאַנטשעט.

— פאַננע רוזשע איז פאַרקנאַפּט אויפן שכל — שושקעט מע זיך אין ווערקשטעל. מ'זאָגט, איר אַרט עס נישט. זאָל מען... נאַר גולמס רעדן אויס אויף אַ קולטורעלן מענטש, — גיט זי זיך אַ בייזער אָפּ. פאַננע רוזשע רייטלט זיך אָפּט און עס אַנטפּלעקן זיך חן־גריבלעך אין אירע באַקן. און קוקן אויף איר די שנײַדער־יונגען קריכן בײַ זיי אַרויס די אויגן: אַזאַ מויד און — גאָרנישט? ס'דאַך דאָ אויף עפּעס זיך צו פאַרקוקן.

אַלע ווייסן פאַננע רוזשעס חסרונות און דאָך וויל איטלעכער זיך אַרויסווײַזן מיט רחמנות צו איר. יעדער וואַרפט איר עפּעס צו: „נעמען זי". אָט אַ ביסן, אָט צו פאַרזוכן אַ גוטן טעם. און מ'רעדט אויפן קול אַז זי ווייסט גאָרנישט, די פאַננע רוזשע, ווי גליקלעך זי באַדאַרף זײַן מיט דער אָפּגעפונענער מאַמע. הײַנטיקע צײַטן אומגעריכט צו קומען צו אַזאַ אוצר! עפּעס אַנדערש זאָגט מען וועגן איר אויפן אויער, מיט ליפּן־צייכנס. איר וויל מען אַנטקעגן קומען רק מיט גוטסקייט. ס'שיינע פנימל „נעמט".

„מ'זעט, פון אַ בעסערער היים אַ מיידל".

„וויי צו איר. זי קאָן נישט אַ וואָרט ייִדיש, לייענט פראַנצויזיש און ווייקט זיך אין פֿאַמעשאַף! היטלער, אַ בראָך אויף אים!".

מיר איז זי אויך אַ שאָד, די פֿאַננע רוזשע.

— הער נאָר דו, וועסט האָבן אַ סוף בײַ אַזעלכענע. קענסט זיי אַ סך? פֿאַרשטאָפּ די אויערן פֿאַר זייערע פֿײַנע רייד. ס'דאָך פּראָסטע לײַט. דאָס ווייסט נאָר אָנצופֿרעסן זיך און — איז ס'רוב צעלאָזן. פֿאַרשטייסט? בײַ אַזאַ שכל ווי דײַנער, קענסטו זיך וואַזשנע אײַנבאָדן אין אַזאַ גוטס־קייט, רוזשע — — איך האָב געשטאַמלט, געוואָלט באַצײַטנס זי אַ ביסל באַלערנען. אַזוי און אַזוי. זאָל זי נאָר נישט אַרײַנפֿאַלן. האַלט זיך פֿון דערווײַטנס. טו זיך ס'דײַניקע און שוין. כ'האָב אָבער נישט געהאַט קיין געלעגנהײַט פּאָדראָבנע צו צעלייגן די זאַך. פֿאַר אַזעלכער דאַרף מען האָבן מער צײַט, צײַט צו רעדן, צו צעקײַען דעם ענין. די נײַע אַרבעט האָט מיך אויפֿגעגעסן. דער מאַשינער איגנאַץ האָט געשלונגען קאַרטענע פֿאַ־לעס און פּלייצעס און זײַן אײַלעניש האָט מיך פֿאַרטרונקען. כ'האָב געמוזט אים נאָכלויפֿן מיט די הענט, מיט די אויגן, ס'האַרץ האָט אין מיר זיך געוואָרפֿן: איך בין אין דר'ערד, מאַשע איז אויף צרות און דאָ צאַפּלט זיך אַ קרבן וואָס ווייסט נעבעך נישט ווי מ'שלײַפֿט זיך די פּוילע ציין אויף איר. אַז זי איז אַזאַ אָקס, די רוזשע, און פֿאַר מיר רופֿט זיך ס'יאַ־געניש נאַרמעס. מ'האָט מיר נישט אַרויסגעזען דעם קאָפּ פֿון דער אַרבעט. טייל מאָל האָב איך נישט קיין צײַט עפּעס אַ כאַפּ צו טאָן אין מויל אַרײַן. איגנאַץ האָט זיך געיאָגט און ר'האָט מיך אונטערגעטריבן.

— פּראַדל, ווי האַלטן זי, פּראַדל? פּראַדל, פּראַדעלע! — פֿלעגט ער טומלען.

— איך הייס אַזוי, — האָב איך פֿאַרדראָסיק אים אָפּגעענטפֿערט און מער ווי איין מאָל די פֿינגער זיך צעשטאָכן פֿון אויפֿרעגונג.

— שאַדט נישט, — פֿלעגט ער זאָגן אין היץ פֿון אַרבעט, כאָטש כ'האָב נישט באַמערקט אַז ער זאָל האָבן דעם בליק אויפֿגעהויבן צו מיר — עס איז דען בלוט? ס'איז ווײַן. אַ שנײַדער „באַנעצט" אַזוי־ערנאָך די שנײַדערשאַפֿט. הע, חיים? — גיט ער אַ רוף זײַן נאָענטסטן שכן בײַ דער מאַשין, אויך אַזאַ פֿרעסער פֿון פֿאַלעס און פּלייצעס. אַרבל קײַעט אַן אַנ־דערע מאַשין, מערערע מאַשינען. — אמת, עדותט ער זיך שוין, וועט פּראַדל שוין זײַן אַ שנײַדערין?

— אַלץ הייסט! אײַזשע לאַטשאַזשס אייניקל וועט קומען זיך בעטן צו איר אויף דער לער.

די רייד האָבן מיר נישט ווי געטאָן. פאַרקערט, זיי זענען צו מיר גישט דערגאַנגען. איך האָב זיך סײַ ווי געשפּירט וויכטיקער ווי פריִער. טאַקע אַנטקעגן דער פאַנגע רוזשע און איר טוען, האָב איך זיך געזען אַן אויסגעוואַקסענע. קיין חוצפּה האָט מען צו מיר נישט געהאַט. מ׳האָט זיך מיט מיר נאָר געוויצלט. אין דער פרײַער צײַט טרעף איך זיך שוין מיט אַ חברטע פון דער ווערקשטעל, מיר גייען אין קינאָ. טייל מאָל גייען מיר זאַלבעדריט, בײַנאַנד מיט מאַשען.

ב

פולע, גוטע טעג זענען אָנגעקומען פאַר מיר. די גיכע אַרבעט איז שוין נישט געווען קיין לאַסט. דער רויש איז מיר געווען ווי אַ כוואַליע וואָס גלעט און וועקט אײַנצוגלידערן זיך אין איר לעבעדיקן ריטעם. כ׳בין באמת געשווומען, געגאַנגען מיטן שטאַרקן שטראָם פון דער שטענדיק פאַרטועגער ווערקשטעל. הויזן, בורקעס, פאַלטנס האָבן זיך געבאַקן טאָג אײַן, טאָג אויס אין די הונדערטער, הויכע בערג. זאַכעגישן פאַרן מענטשנוואַרג, וואָס נעמט באַגײַס לעבן.

און מאַשע, מײַן באַלעבאָסטע, מײַן פרײַנדינע, איז צופרידן מיט דער צעשטרײַונג וואָס איך האָב אַרײַנגעבראַכט אין איר מאָנאָטאָניע. צו אונדז אין שטײַגל-שטיבל אַרײַן ווײַזט זיך אויך אַ פרישער מענטש. מאַשע האַלט זיך גוט מיט אונדז, יינגערע, און כ׳וואָלט נישט געשווירן אַז זי האָפט אַזוי אַרום צו דערגרייכן איר שטילן חלום — צו קריגן אַ מאַן.

ס׳זענען געקומען מיידלעך און ס׳האָט זיך געוויזן אַ מאָל אויך אַ יונגער מאַן. פון ווערקשטעל, פון אַנדערע באַקאַנטשאַפטן זענען געקומען געסט אין די באַראַקן אַרײַן.

דאָס נײַע, וואָס איך האָב אַרײַנגעפירט אין שטוב, האָט מאַשען גוט געדינט. זי האָט באַשײַמפּערלעך פאַרלוירן פון איר שאַרפקייט. טייל מאָל איז זי אַפילו געווען מילד; האָט אָנגענעם געלאַכט און זי איז. דאַכט זיך, רויִקער געשלאָפן. דאָס מענטש איז ממש געזינטער געוואָרן. מינוטנווײַז האָב איך געמיינט אַז איך לעב שוין אַ מענטשלעך לעבן, בפרט אַז כ׳האָב אָנגעהויבן ברענגען אין שטוב אַרײַן אַ נישקשהדיקן געהאַלט. כ׳בין אויך שוין געווען אויסגעקליידט. ס׳זאָל נישט זײַן קיין געלעכטער: כ׳האָב שוין

אַפילו אָנגעהויבן קוקן אויף אַ מאַנספּאַרשוין. פאַראַן פון דעסטוועגן שיינע מענער, האָט זיך אַ טראַכט געטאָן. מיט איר גראָען בליק האָט מאַשע אין מיר אַפילו אַנטדעקט אַ פּאָר „לעבעדיקע אויגן". קאָנסט נאָך געפעלן. פראַדל, — האָט זי אַנומלט געזאָגט מיט שטילער אייפערזוכט.

מעשה־באַלעבאָסטע האָט מאַשע מער זיך נישט געדאַרפט קווענקלען מחמת דעם, וואָס איך האָב איר צושטייער געגעבן ס'מויל צו דער מאָל־צייט. אין תחילת האָב איך איר מיט דעם אָן עוולה געטאָן. היינט איז עס הימלווייט פון יענעם צושטאַנד. היינט איז ביי איר אַ טאַש מיט געלט, דערין מיין חלק. מאַשע האָט איצט שוין געפונען פאַר מעגלעך מיך צו פרעגן וואָס זי זאָל אַריינקויפן אין שטוב. אפשר אַ פאָרהענגל פאַרן פענצטער, אַ צעראַטע אויפן טיש? אַ שטוב, האָט זי געקנעלט מיט מיר, טאָר נישט אויסזען ווי אַ שטאַל. זי פלעגט ביי מיר פרעגן אַן עצה וואָס זי זאָל קאָכן אויף זונטיק, ווען מיר זענען פריי. זי האָט מיך ממש גע־טריבן, כ'זאָל מיר נייען אַ קלייד אויף „אַרויסצוגיין".

אָבער נישט צו־לאַנג האָט עס אַזוי אָנגעהאַלטן.

מאַשע האָט ערגעץ־ווו, ערגעץ־ווען געקראָגן אַ שפּירעוודיקן שטויס אין איר אָנגעווייטיקטסטן אָרט. זי האָט ווידער פאַרלוירן דאָס גלייכגע־וויכט. כ'בין שוין געווען אַזוי צוגעוווינט צו איר, אַז כ'האָב תיכף דער־פילט ווען מאַשען איז עפּעס געפלויגן איבער דער נאָז. זי איז אַרומגע־גאַנגען אַ זויערע. פאַר נאַכט, ווען כ'בין אַהיים געקומען, האָט זי זיך אַרומגעדרייט אַ מרוקעוואַטע; ווי פאַר אַ הונט אָוועקגעשטעלט דעם טע־לער עסן און געפּאַרעט זיך ביי אומנייטיקע זאַכן. אַ וואָרט פון איר נישט געהערט. אַז זי זאָל אויך צוגיין צום טיש —ווי מיר האָבן זיך געפירט— דאָס האָב איך דאָס מאָל מורא געהאַט צו זאָגן.

פרעגן איר, וואָס עס איז געשען, פאַרטשעפּען זי? האָב איך זיך טאַקע געשטיקט מיטן ביסן. „זאָל זי זיך אויסקאָכן", און געשפּירט ווי איך וואָלט געוואָלט די סיבה פון איר אומעט, כאָטש כ'האָב זיך געווערט קעגן דעם געדאַנק. איך האָב אַזש געציטערט: „מער פעלט מיר נישט!"... אויף אַן אמת —האָב איך זיך שוין צעקווענקלט— „צו מיר קאָן מאַשע גאָר נישט האָבן".

צום בעסטן איז געווען אַז מאַשע איז דעמאָלט אַרויס פון שטוב. אָבער באַלד פלעגט וואַקסן מיין אומרו: ווער ווייסט, וואָס זי קען ערשט אָפּטאָן?! און איז זי נישט באַלד צוריק אַריין, האָט מיין אייגענער שאָטן

אויף דער וואַנט מיך געגומען שרעקן און כ׳בין ראַפּטעם אַרויס ווי אַן אונטערגעבריטער פון אומגעזעענע פלאַמען. אין שטאָק פינצטערן קאָרי־דאָר פון באַראַק האָב איך גענומען רופן מיט אַן אינעווייניקדיקן טרייסל:

— מאַשע! מאַאאַ־שעע!

אומזיסט איז געווען די מורא. מאַשע האָט זיך קיין בייזס נישט געטאָן. אין פירהויז איז קיין האָקן נישט געווען. און די סטעליע איז גע־ווען צו נידעריק אַפילו פאַר איר קליינער געשטאַלט — ווי אַזוי זשע האָט זי געקאָנט זיך אויפהענגען? ס׳איר אַן איינפאַל אין מײַן צעשטורעמטן קאָפּ: מאַשען איז נמאס ס׳לעבן! ניין, ניין, זי איז נאָר אַרײַן צו אַ שכנה, אפשר אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן.

באַוויזן זיך אין שטוב, איז זי געווען פול מיט טענות צו מיר:

— וואָס עפּעס אין דער פינצטער? כ׳בין דען געשטאָרבן? וואָס איז דיר! אָנזייגן דיך, צי סתם זיך פאַרבענקט צו דער פאַרסרחעטער וועלט?!

איך האָב זיך פאַרשעמט און שווער אויסגעפונען וואָס איר צו ענטפערן.

— דו לאָזסט מיך איינע אַליין. מיינסט, ס׳איז נישט סמוטנע? גייסט אַרום אַן אָנגעדראָדלטע —שיס איך אויס, אויב ס׳איז שוין פאַראַן אַזאַ געלעגנהײט— מיר גייט גאָרנישט אײַן. מעגסט ווערן מער מענטש ווי דו ביסט, מאַשע, — און שיער זיך צעכליפּעט.

— וואָס האָסטו צו מיר? —הערט זיך געבראָכנקייט פון איר.— כ׳מוז אַ מאָל אַרײַנגיין צו אַ שכנה אויכעט.

אַראָפּגעשלונגען די קנויל היץ, וואָס האָט פון איר אַ שלאָג געטאָן, האָט מאַשע שוין געלאָזט הערן אַן אַנדערן מזמור:

— אַז דאָ איז נישט קאַ׳ הויז מיט הײַזער גלײַך. ס׳ביסל טאַלאַ־גייסטווע פון גאַנץ פוילן זיצט דאָ. פאַראַן מענטשעלעך, מעגן זיי ברע־נען. זיי קענען נישט לעבן אָן דעם, אַז זיי זאָלן דיך נישט אַרומשלעפּן אין זייערע בלאָטיקע פּיסקעס. זיי האָבן שוין גרינגע קעפּ. הערסט, מיך הייבט אַזוינס: וואָס האָסטו אין זינען יענעם, אַז אַליין ביסטו אַרומגעביסן און אונטערגעזענקט? איך שווײַג און שווײַג, אָבער צו אַלעם מוז זײַן אַ גרענעץ. כ׳קאָן נישט מער! — דעכעט זי אויס אין שווערער פאַרטראַכ־טונג. קענטיק, מאַשען האָט עפּעס שטאַרק אַ ברען געטאָן.

כ׳האָב געפילט — זי האָט געקראָגן אַ פעסטן זעץ איבער די פליגלען.

מאַשע האָט באַשײַמפּערלעך געליטן פון בייזע צינגער. ערשט איז עס געוועזן צו זען פון איינציקע רייד. זי האָט זיך געגריזשעט און סוף־כּל־סוף האָט עס אַרויסגעבראָכן פון איר. זי איז אַ צוגעלאָזענע, נאָר פאַר־שעמען זי אומזיסט־אומנישט, אזי איר שווער איבערצוטראָגן. אָבער ס׳איז ווייל, וואָס די שכנטע האָט זי געוואָרנט.

פאַראַן בײַ דער אַרבעט אַ ייִדענע, האָט זי פון הנאה וועגן אַרומ־געטראָגן רכילותלעך. אַלע מאָל אויף אַן אַנדערן, און אויך מאַשען האָט זי גענומען אויף די ציין. און האָט יענע אָנגעהויבן, האָט זי עס שוין נישט אָפּגעלאָזן. מער, — איטלעכן טאָג האָט זי דאָס מיט עפּעס צוגעשמאַלצן, צוגעפעפערט. געגאַנגען איז עס וועגן מאַשען און אַ „סימפּאַטיע״, צו וועלכער זי האָט קלאָמפּערשט לאַנג געשיקלט. זי האָט זיך אַפילו שוין געטראָפן מיט א י ם עטלעכע מאָל, בײַנאַנד זיך פאַרקליבן מיט אים אין קינאָ אַרײַן.

„ס׳וואָר, וואָס יענע קלעמפּע זאָגט, מאַשע לעבן?״ האָט די שכנטע גנביש איר צוגעוואָרפן און איינצײַטיק מיט אַ גלעט, אַ וואָרט, געוואָלט אָפּווישן דאָס וואָס זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דערמיט. „מענטשן האָבן גערן צו קריכן יענעם מיט די שטיוול אין די געדערעם אַרײַן״, האָט זי ווידער אַ מאָל זיך דערקוויקט מיט אַ שטראָם רייד, וואָס האָבן איר אַליין געקיצלט. דאָ האָט מאַשען גלוסטיק זיך דערמאָנט דאָס קינאָ־גיין מיט יע־נעם: ס׳איז אַזוי ליבלעך צו זיצן מיט „אים״ אין אָנבליק פונעם פיבער־דיקן לעבן, וואָס וויקלט זיך אויס אויפן עקראַן. אמת, יענצמאָל האָבן זיי זיך אָפּגעשמועסט פאַר אַ צווייטער באַגעגעניש, אָבער ער איז שוין נישט געקומען. אין מיטן דערינען האָט עמעצער איר אונטערגעשטעלט אַ פיסל. די נײַע „ראַנדקע״ האָט אומזיסט זי פאַרשעמט. דער כּילוש האָט זיך מער נישט געוויזן צו איר.

פאַר מאַשען איז עס געוועזן אַן אומדערוואַרטער העפטיקער קלאַפּ. געוועזן שוין אויף אַ דרך מיט אים — ווי די ברוסט האָט זיך אָנגעצונדן אין איר ווען ער האָט איידל געגעבן, און דאָ נאַדיר פלוצלינג. ס׳האָט ווער נישט־פאַרגינעריש מיאוס אויסגענאַבלט אויף מאַשען. דערפאַר די נערוועאישקייט מאַשעס, די צעשמעטערטע געמיטלעכקייט אין אונדזער פריילידיקן, אָרעמלעכן ווינקל אין די באַראַקן.

ג

ס׳איז טרויעריק, נאָר סוף־כל־סוף טאָר מע זיך נישט צו פיל אומ־קוקן אויף צוריק. מ׳שטייען אין מיטן אַ פײַער, וואָס מ׳מוז מיט כל־הכוחות אָוועקשאַרן, דערשטיקן. מ׳מוז לעבן. מאַשען בענקט זיך נאָך וואַרעמקייט, פּונקט ווי אין מיר טאַמלט אויך דער גאַנצער מהות אויסצוגעפינען עפּעס אין דעם אומבאַגרײַפלעכן תחום, וואָס לײַט רופן ה אָ פ ע נ ו נ ג .

מאַשע איז פון דעסטוועגן גליקלעכער פון מיר, אויב אין אונדזער צײַט איז בכלל ניכר אַזוינס, ווי גליק. זי איז געבענטשט מיט דער מעלה נישט אין גאַנצן צו פאַרצווייפלען. איך פאַל באַלד איבער די הענט. אי־בערגעבערענט אין זיך די נײַע אַנטוישונג אין דער אָרנטלעכקייט פון מענטשן (לײַט קענען זיך אָנטאָן אַ פּנים פון קלאָמפּערשטער איידלקייט, אַפילו פון פרומקייט), האָט מאַשע ווידער זיך אונטערגעגעבן דעם מטושטשדיקן דראַנג צום אומבאַגרײַפלעכן, וואָס ליגט אייביק פאַרגראָבן אין לעבעדיקן מענטש, אַפילו ווען אין אים צאַפּלט זיך אַ פאַרקרענקט האַרץ.

מיט אַ מאָל: זי האָט זיך דערמאָנט אין אַן עלטער־מומע מעבר־לים. זי איז — זאָגט זי — אַ זקנה, און ס׳קאָן געמאָלט זײַן, זי איז שוין גע־שטאָרבן; אין גרויס רײַכקייט שטאַרבט מען אויכעט. זי האָט (אויב אַזוי) געלאָזן נאָך זיך עטלעכע קינדער. מיט גוטהאַרציקייט זענען זיי מסתמא געראָטן אין דער מומעס משפּחה. דאַרף מע זיך טאַקע נישט פוילן. ווי געשיקט זיך עס, אַז פון אַלע גליד־שוועסטערקינדער זאָל זיך נישט אָפּ־רופן כאָטש איינס? זי׳ט שרײַבן! „אַז מ׳קלאַפּט אָן, עפנט מען״ — האָט מאַשע גענומען זיך אַליין איבערצײַגן אין וואָס זי האָט נעמלעך גענומען גלייבן.

און זי האָט אָנגעהויבן וואַרפן אַ בריק צו אַמעריקע, וואָס איז קורח־רײַך. בריוו, בריוו! נישטאָ קיין אַדרעס, וועט זי שרײַבן צו פאַראיינען, צו לאַנדסלײַט, זוכן דורך צײַטונגען — עפּעס וועט שוין אַרויסקומען פון דעם. עס וועט זיך שוין אָפּגעפינען.

יעדן אָוונט, ווען מאַשע איז אַהיים געקומען, האָט זי עפּעס אַרויס־געגראַבלט פון קעשענע, אַ נײַעם אַדרעס כדי ערגעץ־ווו אָנצוקלאַפּן. תמיד האָט זי אייפעריק געבישטערט צווישן פאַפּירן און אָט האָט זי זיך געזעצט שרײַבן. אין שטיבל איז געוואָרן אָנגעשטרענגט היימלעך. די אויפדער־

נאָכטן זענען שוין נישט געווען אַזעלכע גליוורנדיקע. פאַרטאָן בײַ דעם, האָבן מיר צוביסלעך פאַרגעסן אין אַלץ וואָס דריקט. יאָ, איך האָב מאַשען געמוזט צוהעלפן פאַרפאַסן די בריוו, אַז זיי זאָלן רירן אַ שטיין.

קענטיק: בריוו שרײַבן איצט אַלע. מאַשע ווייסט עס פון אירע חברטאָרנס בײַ דער אַרבעט. יענע באַקומען שוין בריוו פון דער לעגענדאַרער ווײַט, פון אַפריקע, ווו ס׳זענען פאַראַן גאָלד־גרובנס און שוואַרצע מענטשן גייען אַרום נאַקעט־הויל, פּרויען פּונקט ווי מענער. אַמעריקע, אַפריקע, אייביקער זומער — אַ שפּיל פון הייסן חלום איז אַרײַן אין קאָן פון שאַרפסטן אומעט. און מ׳שרײַבט אַרײַן אין יענעם חלום די צעצאַפּלטע האָפענונג און, מ׳וואַרט, מ׳גליט אינעם האָפן. צו ווען ס׳קומען שוין אָן גוטע בריוו, אויך ווערטיקע פּעקלעך דערגייען אַהער און אין זיי געפינט מען עפּעס אַנדערש... „ווייכע" רופט מע דאָס, און מאָדנע טוליען זיך מענטשן צו דעם מין פּאַפּירלעך. און מ׳הערט נישט אויף צו שרײַבן. מ׳הענגט אָן ס׳גאַנצע חיות אין די „לעטערס". אַ סך פרויען וואַרפן אַפילו אַראָפּ יאָרן פון געעלטערטן פּנים. יאָ, ווײַטע און נאָענטע האָבן זיך געוועקט מיט האַרציקייט, נאָך וואָס די געליטענע חלשן אַזוי. ווער ס׳האָט אַ האַנט און אַ פּוס כאַפּט זיך אָן אין די אויסלאַנדס, אפשר וועט מען אויף אַ ראַכטן אמת קענען דערוואַרעמען די פאַרשטאַרטע נשמה? מעגלעך, מ׳וועט געפינען אַ שטייניק האַרץ פון אַ קרוב צי אַ קרובה וואָס האָט לאַנג פאַרן אומגליק זיך דערווײַטערט פון דער „אַלטער היים" און ס׳עט זיך אויפטייען. אפשר איצט...?

אָ, דער גרויסער חורבן! זיי „דאָרט", אין די אַמעריקעס מיינען אַוודאי אַז אַלע דאָ זענען אויסגעהרגעט געוואָרן. ס׳געווען אַזאַ אימהדי־קער אָשוויענטשים, אַ מײַדאַנעק. מ׳האָט אויסגעוואָרגן, פאַרברענט ביז איינעם; נישטאָ לאַ־עלינו וועמען צו העלפן — איז מע דאָרט טאַקע יוצא מיט אַ קרעכץ. מוז מע דערפאַר דערמאָנען אין זיך: ס׳געבליבן נאָך וואַרעם אַ פונק פון דער משפּחה. דאָך אייגן בלוט און פליייש.

וואָ׳דען? מ׳דאַרף נישט רוען, מ׳מוז וועקן — האָט מאַשע זיך געצונדן און דאָס קליינע, נידעריקע קעמערל פול געמאַכט מיטן גרויסן חלום, וואָס זי האָט פאַרוואָרט אין אירע בריוו.

איטלעכס מאָל האָט זי צו אַן אַנדערן געשריבן, איטלעכס מאָל — דערמאָנט זיך אין עמעצן. „זיי האָבן זיך גוט אין קאָלומבוסעס מדינה; זיי וועלן זיך נישט באַרײַסן, אויב זיי וועלן אַרויסשיקן אַ גוט פּעקל, אַ

פּאָר טאָלער. זיי וועט עס זײַן אַ דערלײַכטנדיקער קרעכץ אויף דער דאָליע פון אַ יתומה —כ׳בין דען נישט אַ יתומה?— און מאַשע קאָן האָבן אַן אמתע הילף. דאָך אַ מענטש אַליין, אַ פרוי אַ קאָלעק, אָן שום אָנהאַלט״.

בגוואַלד האָט מאַשע געזוכט זיך צו טרייסטן.

צי די „אמתע הילף״ האָט געמיינט אויסגעפינען זיך אַ מאַן, אָדער עפּעס אַן אַנדער גליק — דאָס האָט זי נישט געלאָזט פאַלן פון איר מויל. איך האָב נאָר געזען ווי זי האָט זיך נאַשעריש באַלעקט. זי ווייסט שוין פון וואָס, מאַשע, זי קאָן אויף אַ ראַכטן אמת געהאָלפן ווערן. זאָלן נאָר זײַן דאָלאַרן.

מיט מאַשעס פאַרגעסן זיך בײַ די בריוו, האָב איך זי מקנא געווען. איך בין נישט אָפּגעטראָטן פון איר ווען זי איז געשוווּמען אויף די כוואַליעס פון חלום, וואָס זי האָט אַרײַנגעחלומט אין דעם אַ שרײַבעכץ. אָבער אין דער זעלביקער צײַט האָבן זיך אין מיר געוועקט אײַנגעשלעפּערטע ווייטיקן.

כ׳בין מקנא מאַשען. מיר האָט זיך אויך געוואָלט זוכן באַרויִקונג אין בריוו צו ווײַטע און דערווײַטערטע. כ׳האָב אויך מקנא געווען דעם געמאַליעוועטן גלאָמב, די פאַננע רוזשע, למאַי זי איז נישט באַלאָדן מיט דער ירושה פון בענקשאַפט צו דעם וואָס ליגט פאַרשאָטן הינטערן באַרג פון אונדזערע גרוילן. אַפילו פון דער לײַבלעכער מאַמען וויל זי נישט וויסן. ווי ס׳שטייט איר אָן, גייט זי זיך אויף אירע שטאָלצן וואָס פאַרבן זיך פּויליש, ענגליש, אַבי נישט ייִדיש. איך בין אָבער שוואַך צו סתם האָפן. אין מיר רופט זיך אַלץ אָפּ די היים; מײַן פאַרשניטענע היים האָט מיך פײַנלעך אַ צי געטאָן אַלע מאָל: אַפילו אין האַלבדרימל צי אויף דער וואָר לאָזט מיך נישט אָפּ דער האַרבער אמת: אומזיסט, אומזיסט. נישטאָ מער קיינער. יעדער לעבעדיקער אָטעם פון דײַן היים איז דערשטיקט.

ווי אַ בלוטדאָרשטיקע פּיאַווקע פאַרצערט מיך דער שאַרפער טרויער.

...כ׳האָב עס שטאַרק באַגערט, אָבער כ׳האָב מיך בשום אופן נישט געקענט טרייסטן מיט מאַשעס טרייסטעכץ. דאָס ווינקל אינעם באַראַק איז אָן אויפהער געשטאַנען צוקאָפּנס פון מײַן יתומהשער דאָליע, עס האָט מיך געטאָרעט: פּראַדל, פּראַדל, ס׳אַ בראָך צו דיר! מאַשע איז דיר „אַ ראַכטי־קער זיווג״.

פאַרלוירענע היים

אַ געזעמל פון פינף זענען זיי געווען, די אַסירי היטלער, וואָס האָבן זיך צונויפגעטראָפן, באַהאָפטן זיך צו מאָרגנס נאָכן מבול פון אונדזערע טעג. יעדער מיט זײַן נישטיק פעקעלע אויפן אַקסל, יעדער מיט יאָרן צרות אויפן רוקן. „איבערגעלעבט״, — האָט עס טרויעריק געבלישטשעט אין זייערע אויגן. אָבער אויף אַלעמען האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ מין משא, וואָס האָט צעוואַקלט ס׳ביסעלע געבליבענע אינעווייניקדיקע שטײַפקייט, כאָטש בשעת הדחק האָט מען עס נישט געגוג קלאָר באַנומען. ווײַל קרענקלעכע פרייד האָט דעמאָלט אומגעריכט אַרויסגעבריזט פונעם געמיט. „פרײַ! זע נאָר, מיר זענען טאַקע פרײַ?״ עפּעס האָט מען מורא געהאַט דערפאַר, וואָס ס׳איז געקומען פּלוצלינג און מ׳האָט עס מאָדנע געפיעסטשעט אין זיך. פאַר דאָס האָט בײַ איטלעכן אָפּגעציטערט מיט גלי: אַ ה יי ם ! אַן אומפאַרשטענדלעכע, אומאייגענע שוואַכקייט האָט געצויגן: ווי קומט מע שוין אַהיים? — — עפּעס האָט זיך נישט געקלערט אַז דאָס היימישע אָרט, אַ געלאָזנס ערגעץ־ווו, ערגעץ־ווײַט קען ליגן צעטראָטן ווי אַן אַרויסגעוואָרפענער צעבראָכענער ליימענער שאַרבן.

זינט יאָרן דערווײַטערט פון ד אָ ר ט טראַכט זיך נישט אַז אַזוינס קען געשען. אַלץ געהאַט צו טאָן רק מיט זיך, מיטן אייגענעם אָרעמען נפש, אָן אויפהער געצאַפּלט פאַר סכנות וואָס האָבן געלויערט פחדימדיק. דערפון האָט אַזאַ פאַרהוילענער שפּאַלט זיך אָפּגעזעצט אין דער נשמה און זי אָפּגעטעמפּט, די דינסטע חושים אויסגעשטשערבעט. לעבן, אײַבערלעבן! דאָס געזעענע, צו מאָל דאָס מאָוימדיקסטע, איז בכן נישט טיף דערגאַנגען צום מענטש. די שאַרף פון צווייפל האָט, אמת, אַ מאָל אַ קראַץ געטאָן: „ווער ווייסט!״ אַצינד שטייט אַלץ ווי אין אַ נעפּל און אין ברוסט ציטערט אין אומקלאָרער צעשפּאָלטנקייט אַזוינס ווי אַ פיבער: אַ ה יי ם ! דער מוח איז שווער פאַרשאָטן און אין די אויערן טומלט אויסטערליש ווײַטס.

אַוודאי, היים איז אייביק, נישט אָפּצומעקן, ווי עס זענען די שפּורן פון די דורות ביז אים, דעם ילוד אשה.

קען דען דער הימל איבערקערן זײַן בעקן? אָט אַזוי! דער מענטש לעבט, ער פּרוכפּערט זיך, ער גייט אַוועק ווען עס קומט זײַן צײַט, אָבער די היים בלײַבט.

איטלעכער האָט אויף זײַן אופן געטראַכט וועגן זײַן היים. ער וועט זיך דערקלײַבן צו איר און זי וועט אים אַרײַננעמען, וואַרעמען.

אַ פאַרשטיינערטער חלום האָט פּאַוואָליע זיך געטײַעט.

א

געשלעפּט די פיס איז יעדער געווען מאָדנע זיכער מיט דעם ז ײַ ן פון דער היים, גלײַך זי וואָלט געווען ערגעץ אָפּגעגאַנגען אָן אַ זײַט כדי אויסצוואַרטן אויף אים, דעם אויסגעאָדערטן קרבן פונעם פּײַנלעכן פאַר־פלייצעניש. היים איז דאָך די שײַן פון די הימלען און איר ליכט פאַרגייט קיין מאָל נישט. עס איז אַזוי ווי דער מידער מענטש זעצט זיך אויף אָפּרו ערגעץ אונטערן דאַך פון דער וועלט.

עס איז געקומען אַ שטאַרקע מידקייט אויף אַלץ, אויך אויף דער היים. זי איז מוראדיק געטריבן געוואָרן, זיך געענוג אָנגעליטן. מידיקייט באַדאַרף מען איבערשלאָפן, מ׳באַדאַרף זי אויסליגן. איצט איז אָנגעשטאַנען כמורער האַרבסט, די זון וועט דאָך אויפגיין, איר גאַנג איז אייביק.

ס׳האָט זיך עפּעס נישט געלייגט אויפן שכל אַז די וועלט איז צע־קרישלט געוואָרן פון אַ בייזער זאַווערוכע. משונהדיק האָט זיך געאָנט דערפון, נאָר נישט געגלייבט. זיך באַוועגט צווישן פינצטערנדיקע חורבות וואָס באַגעגנט אויף לאָמע פיס, האָט יעדער געהאַט ס׳געפיל אַז ער איז ערשט אַרויס פון אַ ביטערער קרענק. שוואַכקייט מאַטערט אַלעמען, אָבער ס׳וועט אַדורך. דער עיקר — מ׳באַדאַרף נאָר קומען אויף אַן אָרט, קומען אַהיים.

בלייכע בענקשאַפט האָט געפירט.

עס האָט געדריקט אַ ווייטיקלעכע לאַסט; און ס׳חולשות האָט זיך געשפּירט ווי מ׳וואָלט געשווומען אין אַ טומאַן. נישט אַזוי די אַריבערגע־טראָגענע יסורים ווי דאָס געדעכעניש פון דעם האָט געעקבערט אין בלוט. איטלעכן איז נאָכגעגאַנגען זײַן וויי־געשיכטע. מ׳האָט זיך געטראָגן מיט

אַן איבעוויייניקדיקער אָנגעשפּאַלטנקייט און זי׳ט אָפּגעברומט אין די ווענט־לעך פון דער ברוסט.

דאָס אָ איז אויפגעקומען אין דער ווײַט פון די צעשטערטע היי־מען. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָבן זיך צעעפנט די אויגן. אין גאַנצן אַרויס־רײַסן זיך צו דער וואָר זענען זיי נאָך נישט געווען אין שטאַנד.

אַזוי האָט דער גורל צונויפגעבראַכט די פינף מענער מיטן אַרונ־טערגעריסענעם געזונט; זיי זענען געווען בלאַס, מוראדיק אויסגעצערט און אָפּגעשליסן. די שאַנד־קליידער, אָנגעבאַרייטע פון די דײַטשישע מל־חמה־זיגערס, האָבן אין קויטיקע צויטן באַדעקט זייערע לעבעדיקע סקעלעטן. געקוקט אויף איינאַנדער האָבן זיי זיך געזען אויסגעדאַרט ווי די שפּענער, בראַנדיק־שוואַרץ די הויט. בלויז איינער איז געווען אומנאַטירלעך דיק, בלייך און דיק, אַזש פון די שמאַטעס האָבן אַרויסגעזוירן שטיקער נאַ־קעט, גלײַך זײַן גוף וואָלט געווען אָנגעגאָסן מיט אַ שווערער, גרינער פליסיקייט. עס איז געווען הונגער־געשווילעכץ. מער ווי די אַנדערע האָט ד ע ר זיך געוואַקלט אויף זײַנע אָנגעלאָפּענע פיס.

אַלעמען וואָס געבליבן נאָך די הריגות, איז בײַם געוועלטיקער באַ־שערט געווען קאָנצלאַגער; נאָך אַצינד האָט יעדער געשפּירט אויף זיך די אויסגעזוכטע אכזריותן, פון וואָס די היטלערלײַט זענען ווילבאַוווסט. דערפון זענען אַ סך, אַ סך געפאַלן און געפאַלן אויך פון חיהשן הונגער, נאָך מער זענען לײַט דערשטיקט געוואָרן פון גאַז, פאַרציקט פון ברע־נענדיקע קאַלכאויוונס. פון צווישן אומגעהייערע מחנות פאַרשפּאַרטע, גע־טייטע, זענען די דאָזיקע נאָר על פּי נס אַרויס אונטערגעשניטענע, כאָטש מיט פונקען טליעדיקן לעבן. פונקען, אָבער אָן כוחות צו באַגערן אויפ־ריכטונג. די וועלט איז פאַר זיי געלעגן אַ געקוילעטע.

טראָפּ בטראָפּ האָט זיך ערשט אַנטפּלעקט די אָפּגעטוענע רציחה און זי מערט זיך אָקערשט פאַר די אייגענע אויגן.

וואָס ווײַטער אין וועג, אַלץ יסורימדיקער די אויסניכטערונג.

זיי זענען געווען אײַנגעבראָכן פון קנעכטשאַפט אויף שנאהדיקער ערד. מיט גרויסע שווייסן געאַרבעט אונטער דער בײַטש. אין שניי און פראָסט, הוילע און באָרוועסע געטריבן געוואָרן צו מערן דעם טויט פאַר אַנדערע און געגענען אים אויך צו זיך. ווי בריעדיקע דערנער, אַרײַנגעוואַק־סענע אין אייגענעם לײַב, האָט איצט פון איטלעכן אַרויסגעשטאַרצט דער אָנוווקס פון דער ווילדער פײַן, אַן אָנגעהויפטע מיט די שנײַדמעסערס פון

רשעות; ווידערווייטיקן קומען אויף אין דער נשמה און זיי לאָזן ערשט אַרויס וואָרצל־פעדעמלעך. אָ, עס שפּירט זיך, ער באַהאַלט זיך אַרײַן אין פליייש.

...מוז זײַן, נאָר די אומבאַהאָלפנקייט האָט זיי געהאַלטן בײַנאַנד. פון אַלעמען האָט אַרויסגערעדט די זעלביקע שטומקייט פון האַסטיקן געפיל וואָס באַוועלטיקט דאָס האַרץ: ציטעריק האָבן זיך די וואָגלערס געטראָגן איבער די שטיינענדיקע וועגן און טייל מאָל אָנגעהויבן זיך אײַלן. גענומען און געלאָפן. אַזוי איינער נאָכן אַנדערן הינקעדיק, היפּנדיק, אַרויסגע־יאָגט פון זיך דעם אָטעם. אַ מין טרויעריקער בעטלערישער קאַראַהאָד אין דער וויסטער ליידיקייט. אויף דעם געזעמל האָט אין דער אַ צײַט וואָס נאָך די הריגות בולט זיך געצייכנט ס׳טויטן־פּנים פון שטעכל־דראָ־טענעם געפלעכט אין הויכער עלעקטרישער שפּאַנונג. די שרײַיקע פּאַסנ־קליידער, די אָרעמע חושכדיקע טאָרבעס איבער די אונטערשפּרינגענדיקע פּיס האָבן אָנגעטריבן אימהדיקע שאָטנס אויף די שליאַכן פון פאַרלאָשענעם געוויטער. אַזוי אָ געצויגן זיך צום אָפּגעמעקטן ערגעץ־ווו, כאָטש צו זיי האָט זיך נאָך אַלץ געשטרעקט דער מלאך המוות מיט די פּאַרציקערישע נעגל. ווי שאָטנס האָט זיך פאַר זיי אויך געלייגט דער כריפּ פון די גוססים וואָס איבערגעלאָזן אין אָשוויענטשים צי בוכנוואַלד. מיט יעמערלעכן גע־קלאָג האָט אָט דאָס מער פאַרטונקלט זייער אומערנדיקן וועג.

ב

עס איז מער נישט געווען קיין חלום.

אויפגעהערט די מלחמה — די זון איז אַרויס וואַרעמען דעם מענטשנס אויסגעדייוועטן גוף — האָט אַ רייכער געטאָן דער באַגער צום ערגעץ־דאָרט, פון וואַנען מ׳איז מערדערלעך אַרויסגעריסן געוואָרן. דער זכרון איז געווען רעכט אײַנגעטריקנט. דעמאָלט האָט זיך צו די וואַנדערנדיקע דאָ און דאָרט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אין דער האַנט אַ פּיידע ברויט פאַרן פאַרהונגערטן לײַב; דערזען אַזוינס, איז מען לונאַטיש געגאַנגען צו דעם. האָט דערצו נאָך אַ לאָק געטאָן אַ ריין געלעגער, אַ צוגעגרייטס אונטערן הויך פון פרויען־ליפּן וואָס האָבן צוגעזאָגט עפּעס אומקלאָרס, לאַנג פאַרלוירנס, האָט מען זיך לײַכט אונטערגעגעבן דעם אָ רייץ.

אַזוי איז געשען מיט די אַסירים וואָס האָבן שוין געהאַט אָנגעוווירן דעם טעם צו זײַן פרײַ. עס האָבן זיך געעפנט טירן און די טירן האָבן זיי פון

ס׳נײַ פאַרשלונגען. באַנײַס אָװעקגעפירט, פאַרקנעכט. עס איז די מעשה מיט פרויען וואָס זענען תמיד אײַנגעהערט אין זיך און אינעם געשריי פונעם מ י ן . דווקא אין די וויסטע יאָרן האָבן די בלאָנד־האַריקע, הייס־בלוטיקע, כיטרענקע יעקעטעס אָנגעלעבט יוסטע פאַרמעגנס, אַרומ־געוואָקסן געוואָרן מיט ברייטע באַלעבאַטישקייטן, האָט זיי מער נישט גע־פעלט, די דײַטשקעס, ווי פרעסן־זויפן און נאָכגעבן זיך דעם טרייפענעם געלוסט. צעהיצט פון זייער גופישן חשקות, זענען זיי, צעלאָזענע, אַרויס איבער יעדער מחיצה פון חרפה. וואָסערע פון זיי סע האָט פאַרשייט זיך באַהאָפטן מיט אַ בילע־ווערמען פון די זכרים וואָס זענען איבערגעלאָזן גע־וואָרן אין „פאַטערלאַנד״, אַנדערע זענען געקראָכן צו די שקלאַפן וואָס די „אַרבייטס־דינסט״ האָט אין מחנות געשיקט פון די אונטערגעטעניקטע לענ־דער. „אַך דו פײַנער קערל״, האָבן די יעקעטעס זיס געציטערט אויף די פאַר־באַטענע לוסט־געלעגערס. אַצינד זענען זיי געוואָרן שוין גאָר צעהפקרט. די לאַנג־פאַרשלעפטע מלחמה האָט דאָך צוגענומען זייערע מענער וואָס וועלן, ווײַזט אויס, זיך שוין נישט צוריקקערן, וואָרן הימל און ערד זאָגן שוין עדות, אַז „אַללעס שאָן צו ענדע גינג״. די אַנדערע וואָס זענען גע־בליבן לעבן, קומען שוין צוריק, אָבער זייערע זעט מע נישט — — די באַקן די פראַוכיענס זענען אויסגעפולט פון שפע, די נעזער גלאַנצן און ס׳הונגעריקע בלוט ברענט אין די בלאָלעכע, גרינלעכע אויגן; סע גאַנ־ווערט זייער חשק און ער גליטשט זיך אויף די פעטע, זשעדנע ליפּן.

— — — און אינעם געבוירנלאַנד וואָס אין דער צעשטורעמטער ווײַט, איז דער שונא שוין לאַנג געווען פאַרטריבן. דאָ, אין דײַטשישן לאַנד, איז עס געווען ווי אין אַן אויפגערודערטן מוראַשניק, אין וועלכן מ׳האָט אַרײַנגערוקט אַ בייזן שטעקן; אַריבער די אָנגעטורעמטע חורבות האָט זיך געטראָגן דער בגילופינדיקער רעש פון די פרעמדע חיילות וואָס האָבן אַרײַנגעדרונגען אַהער; די פאָן וואָס האָט געטייטלט אויף דער מפּלה פונעם פאַרדאַרבענעם פאָלק, האָט דורכגעשטאָכן דעם הימל פון דער צעווע־רעמטער מדינה; פאַרקערט, אויף אַלע שליאַכן צו דער פאַרלוירענער היים האָט זיך געשפּרייט דער קראַנקנהאַפטיקער צאַפּל פון כאַפּטעם ניצול גע־וואָרענע, וואָס האָבן קוים אָפּגעשפּירט דעם זין פון געשעענעם, הגם אַלץ אַרום האָט אויסגעזען צו וועלן זיך טינקען אין פרייד, כאָטש ס׳האָט זיך ניט געפרייט. געווען דאָ, אמת, אויסגעשפּרייט לאַגערס היינטער שטעכלדראָט, גע־ווען שרעק פאַר אייגענע, פאַריאָכונג פאַר פרעמדע, אַצינד איז אָבער וואָרער

ווידעראויפקום. דער אָ רויש האָט זיך געטראָגן פון די ייִדן־שאָטנס וואָס האָבן דאָ נאָך געווימלט אין נבזהדיקע שקלאַפן־קליידער. גלײַך פאַרדושעטער פלאַם האָט זיך געריסן דער ייִדישער זכרון און דער זכרון האָט קינדעריש געמאָלן בילדער פון טריפנדיקער בענקשאַפט און צער. מענטשן האָבן פלוצלינג דערשפּירט אַז זיי זשיפען, בעל כרחם זיך געשטעלט אויף די אונטערגעהאַקטע פיס. זיי האָבן באַגערט צו גיין, דער ווילן האָט זיך אין זיי געבלעזלט, אָבער די כוחות דערצו האָבן נישט געדינט. פון דעסטוועגן זענען אַלע וועגן־שטעגן געווען פול מיט אַהיימקערנדיקע, בלאָנדזשנדיקע, פאַרחלשטע. מערערע וואַנדערערס זענען אַנידערגעזונקען אין מיטן וועג, מחמת זיי האָבן מער נישט פאַרדייעט קיין עסן. ווי אויף צו להכעיס האָט גראָד אַצינד זיך געעפנט אַ שפע פון שפּײַז און דער חשק צו עסן האָט געקראָגן גאָר גרויסע אויגן. דעמאָלט האָט דער טויט אַרויסגעשפּרײַזט באַגלײַך מיט די מענטשן. דער טויט האָט פאַרכאַפּט די טראַקטן וואָס האָבן געפירט צו די ערגעצן, ווו עס זענען אַנומלט געווען געדיכט אָנגעלעבטע היימען. מ׳איז געגאַנגען, מ׳איז געשטאָרבן גייענדיק, אָבער די לעבעדיקע האָט עס נישט אָפּגעשטעלט. בלויז אונדזערע פינף זענען אין אייגענער פאַרלוירנקייט געבליבן שטעקן אין לאַנד פון נײַ־דערוועקטער מהומה. דאָס ווײַב? ס׳לייבלעכע קינד? זענען זיי נאָך דאָ? נישטאָ. מע האָט דאָך געהערט, מ׳האָט אַליין גענוג צוגעזען! ווי פלעווס איז אַלץ אַוועקגעטראָגן געוואָרן פון פײַערדיקע וויכערס, אַלץ און אַלע. ווי ווײַט איז ער גופא דען געווען פון — פאַרשווינדונג?! די פלאַמען האָבן געשליפן סמיקע מעסערס אין זייער אָטעם — — גיב עסן, פרעסן, — האָט די נויט געריטשעט און דערנאָך שוין מיד: לאָז שלאָפן, שלאָאָאָפן לאָז!

אַבי געהאַט אָפּצופרעסן צו דער פולער זעט און עס איז געווען געשמאַק ס׳געלעגער בײַ דער זײַט פון אַ מענטשישער צויג.

דעם נעכטן, דאָס גרויסע בייז וואָס געליטן פון דעם צויגן־שטאַם האָבן די דאָזיקע רעכט נישט געדענקט, נישט באַגערט צו געדענקען.

אויף גאַנצקייט פון מענטשישן פילן, אויף שכלדיקן בענקען איז געווען פאַרשטאָפּט דאָס האַרץ.

אַלצדינג פאַרגעסן, כאָטש זיי זענען ייִדן. און אין זייער ייִדישער צוגעהעריקייט זענען זיי דערמאָנט געוואָרן דווקא דורך די אָפּשטאַמיקע פון די וואָס האָבן חומרדיק פאַרשלעפּערט זייערע געהירן.

— איך ליבע דיך! איך זעלבסט האַססע די שלימִמע דויטשע.

— עס מאַכט ניקס. אַוך יודע איסט איינע מאַן. גאַנץ עגאַל ווערסטו פיר מיך שענער מאַן, דו היפשער קערל — —

ערשט דער גורל (צי באמת דאָס אומגליק) האָט די דאָזיקע איבער־געוועקט פון דעם בהמהשן מעלה־גירהן און — זיי צונויפגעבראַכט, די פינף שקלאַפן. „ווי קומט עס? ווי צרות קענען דערברענגען!" און אַ ביסל זיך פאַרלוירן פאַר איינאַנדער. אַזוי דערקענט זיך און באַהאַפטן זיך ווי ברי־דער ווען עס האָט געטראָפן אַ בשותפותדיקע בראָך. געקוקט זיך אין די אויגן אַרײַן, זיך פונאַנדערגעשמועסט און ס'איז אויפגעקומען דאָס באַ־וווסטזײַן פון זייער אָרט צווישן מענטשן. „מער קאָן עס אַזוי נישט זײַן! —האָט עמעץ פון זיי זיך שוין געקלאַפּט מיט דער פויסט אין ברוסט אַרײַן.— ביזן סוף פון אונדזערע טעג פאַרברענגען אויף אָט דער ערד, וואָס האָט געברענט אונדזערע אייגענע? געוויס, די דײַטשקעס ווי די אויסגע־פּרעסענע קעץ זענען אַצינד מילד צו אונדז. די לעצטע זאַפּטן אונדזערע זויפן זיי אויס. מיר פראַצעווען אויף די פעלדער ווו מ'האָט געהאָדעוועט דעם טויט פאַר די אומדײַטשן. די יעקעטעס זעטיקן זיך מיט אונדז אַקו־ראַט אַזוי ווי זייערע האַנסעס און זיגפרידס האָבן אין געמיינער העלדיש־קייט זיך באַזויפט מיט דער פּײַן־לוסט וואָס זיי האָבן אויסגעשפּילט אויף אונדזערע לעבנס. די מאַגדאַס און גרעטעס טוליען זיך ערשט צו אונדז, זיי האָבן די ווילדע הנאה אַצינד אונדז אויסצוזענדיקן!"

אַ פּנים, סע האָט נאָך געמוזט געדויערן ביז עס איז געקומען די אויסקלאָרונג פון מוח.

ענדלעך האָט עס די ניצול געוואָרענע אַ ריס געטאָן פון אָרט: — אַהיים! לאָמיר גיין! כאָטש קיינער האָט נישט געוווסט ווו די דאָזיקע היים איז איצט, צי אין געדעכעניש בײַ וועמען סע האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן אַ נאָמען פון עמעצן צווישן זיי.

גענומען די טאָרבעס און געלאָזן זיך אין נײַעם וואָגל: אַהיים, אַהיים, הגם דאָס געפיל האָט פון ס'נײַ געשטאָכן די לעבעדיקע ברוסט.

ווידער אַ מאָל האָט חורבן האַרט זיך געשפּרייט פאַר די וואָס זענען צו קנעכט אַראָפּגענידערט געוואָרן. אין בײַנאַנדיקן גאַנג האָט זיי —היינ־קעדיקע, דערדריקטע— אַרײַנגענומען די צערודערטע ווײַט.

ג

דער וועג האָט געפירט איבער אויפגעטויכטע, אומעטיקע שטרעקעס

און טומלדיקע, אַפּגעלאָזענע באַנען. לאַנג האָט זיך געצויגן דער דאָזיקער גאַנג, טרויעריק — דאָס פאָרן. איז אין די מיט מענטשן־איבערגעפולטע וואַגאָנעס פלוצלינג נולד געוואָרן אַ היימלעכקייט, להכעיסדיקער געזאַנג האָט זיך אַרײַנגעריסן, איז די פינף וואָגלערס ווידער באַפאַלן אַ דריקנ־דיקער צער:

— געוועז, געוועז (עפנט זיך אַ דערמאָנונג־פענצטערל) שיינס, לאָ־קנדיקס, געבליבן איז אָט אָ דאָס. די גרויליקע פאַרענדערונג וואָס דו זעסט, וואָס גריבלט דיר אין די ביינער.

אויסטערליש: זיי האָט זיך אויסגעוויזן: דער ל אַ ג ע ר גייט הינ־טער זיי, ער לויערט; די פאַרשאָלטענע מדינה פון די שנויציקע דײַטשן יאָגט נאָך, זי דראָעט ווידער.

געגאַנגען מײַלן־ווײַט און ס׳האָט זיך נישט געטראַכט. דער מוח איז געווען אַ גליוער־טײַך. געשפּאַנט, אַבי צו קומען ווײַטער. ס׳טראַכטן האָט פון דעסטוועגן אומגעריכט אויפגעבליצט אין אַ דערמאָנונג און קעגן איי־גענעם ווילן פאַרקרימט עמעצנס פנים. עפּעס שווערס האָט געווימלט אין די געהירן. באַשײַמפּערלעך, מיט די מענטשן האָבן באַוועגט נאָר די שפּי־רונגען פון מידקייט און הונגער. אָט אַראָפּלאָזן זיך, רוען, ווי־עס־איז דרימלען. אָך, עס וואָלט גוט געווען אַ גלעזל זודיקן טיי! איי־איי, אַ לעפל שיטערס * די קישקעס צו דערקוויקן!

בלויז ד אָ ס האָט אַרויסגעריסן אַ וואָרט. געענטפערט האָט קאַל־טער יאוש:

אַ ז ע ל כ ע ט ע מ י ם ? פאַרגעס, פאַרגעס!

ווי אין פיבער האָט זיך געביטן דאָס מאָדנע טראַכטן, סע האָט זיך צעפלאַמט און ראַפּטעם האָט זיך געלאָשן יעטוועדער געפיל. בלאַסע האָ־פענונג, טעמפּער ווייטיק האָבן פון מאָל צו מאָל אַ שטויס געטאָן, באַ־וועגט די פאַרטריקנטע ליפּן. די גומענס זענען געווען האַרט און ראַציק, די אויערן — פול מיט אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען. היים, ווײַב און קינד זענען אין דמיון געווען פאַרשרומפּן, אין גאַנצן אַרײַנגעזונקען אין זייערע פאַרשלעפּערטע השגות. פון ווײַב און קינד האָט זעלטן מטושטש זיך צע־באַמבלט דאָס געדעכעניש.

---

* געמיינט: אַמאָליקע אָרעמע זופּ.

Jacob M...
5419 Hutchison ...

פאַר די וואָגלערס איז גאָר די וועלט געהאָנגען אַ קאָנוואָלסירטע. זי׳ט זיך געצאַפּלט אין שוואַכן רעיון.

און האָט לסוף געגעענט די דערקענטעניש פון האַרבן קיום, וואָס מאַנט, האָט אָנגעהויבן זיך אויסצוגעשטאַלטיקן אַ שאַרפע קלאָרקייט; דער געדאַנק האָט געקראָגן ממשותדיקע פאָרמען. אינערלעך האָט עס גענומען שטיל ברויזן. פּאַמעלעך ווי ס׳ט אויפגעטליעט דאָס דערצונדענע קלערן, האָט זיך ביי דעם, ביי יענעמען דערוועקט ס׳אויסזען פונעם ווייב, דאָס סקאַמלען פון אַן אייגן קינד וואָס איז געבליבן ערגעץ־דאָרט. יאָ, דעמאָלט איז געווען בהלהדיק אין שטוב. צעיושעטע קוילן האָבן פּאַניש געפּלאַצט איבערן דאַך, אימה האָט אויפגעריסן פינצטערנישן — — קאָנטור נאָך קאָנטור האָט זיך אויסגעשיילט און דאָס אָנפאָרמיקע געפּיל האָט זיך אָנגע־קליידט אין שאַרף אַרטיקולירטער בענקשאַפט. אָ, אומגעריכט צעעפנט זיך זיין שטאָט, ס׳דערקענט זיך אומבאַקאַנטס און די שריט וואָס האָבן זיך ווי אומגערן געחתמעט אויפן ברוק, נעמען ערשט אָן אַ זין.

נו, עפּעס־עפּעס איז שוין פריער דערגאַנגען צו זיי פון דעם אויסגע־לייזטן פוילן. היינט האָט עס אַ טראָג געטאָן גלייך צום „יידישן קאָמיטעט״.

ד

אין לאַנד ווו ס׳האָט געהויזט דורכויסיקער חורבן איז דער יִ ד י־ש ע ר ק אָ מ י ט ע ט געווען ברייט באַוווסט פאַר דער כמו־הים פון דער אומגעהייערער יתומשאַפט.

געגאַנגען און געטראָפן. שוין די גאַס פון אַראָפּגעזונקענעם רויש האָט געפירט אַהין.

זאַלבעפינפט זענען זיי דאָרט צוגעפאַלן צו אַ קליין פענצטערל וואָס אין דער בלינדער, גראָ־באַלויכטענער בּרעטערנער וואַנט אין מיטן דעם קאָ־מיטעט־לאָקאַל. זע, ווי אַ פּאַליש איז דאָ טומאַניק טונקל די טאָגשיין און די וואַנט איז באַהאָנגען מיט פּאַפּירענע מודעות, אָנגעטינטלט מיט הונדער־טער יידישע נעמען פון זוכנדיקע, צוריקגעקומענע און שוין ווידער אַוועק־געגאַנגענע, גלייך אַ שטראָם פון בענקען וואָלט זיי אַוועקגעריסן אין דאָר־שטיקן אומרו. אַ תהום פון אומגליק האָט געהוילט אין די אַ אויסטערלישע גרוסן און שטומע אַדרעסן! אַדרעסן וואָס אויפגעפּלאָנטערט פון ווינט און שחיטה־לויער קוקט פון זיי אָן אויפהער מיט גליקע חיהשע אויגן.

„יאַנקל שוואַרץ פון קאַלושקי, זון פון וועלוול און ראַשע די גאַלאַנ־

טערניצע, קאַמיענע 18, ביז סוף יולי ה״י; משה און רפאל גרינפעלד פון טאָמאַשאָוו, קינדער פון צילע און גאָדל פליושמאַכער געוועזן דאָ. זוכן זיי אין דײַטשלאַנד צי אין עסטרײַכישע לאַגערס. אַלע אייגענע אויסגעשאָכטן אויף זייערע אויגן. פעלע פרידלענדער פון לאָדזש, זינגערן פון „האַרפע״־כאָר, געוווינט אויף קראָטקע זעקס, בעט רחמים צו וויסן געבן באַקאַנטע אַז זי זוכט אייגענע. געבליבן איינע אַליין און צעבראָכן. זוכן אויף קאַמיענע; דניאל שאַרפמאַן פון קויל, לאָזט וויסן פון זיך. פּראַנטשישקאַנער 36, לאָדזש; מנחם און זעלדע מענכע פון בענדין צוריקגעקומען פון רוסלאַנד בעטן ליבע מענטשן זוכן אויף ציגלגאַס 17 אין דער שנײַדערײַ. מענטשן פון בזשעזשינער געטאָ: בנימין זייפערט, זון פון מעכל שטריקער, האָט געראַטעוועט ס׳בינטל לעבן. געוואָר ווערן אין קאָמיטעט אויף טאַרגאָווע״ — — בלעטל אַריבער בלעטל אָנגעשטאָכן מיט שפּילקעלעך, צוגעקלעפּט מיט פּאַפּ, אַרויפגעפּלאַטערט מיט אַ העפט־טשוועקל. נעמען, אַדרעסן צוגעשריבן מיט טינט־צייכנס פון מענטשלעכע לעבנס, אַרײַנגעשטעלט מיט בלײַפעדערס אין ענגעניש פון שורהלעך וואָס האָבן נישט ווו צו עטעמען. עס איז די צײַט פון נײַ־דערוועקטן יידישן אומרו האַרט נאָך דער הריגה־תקופה. די געבײַדע פון אייביק־אָפענעם יידישן קאָמיטעט איז געשטאַנען אין טומל; אין האַרמידער האָט די לופט אָפּגעגעבן מיט דער שײַן פון אַן אָנגעצונדענעם פּאַפּירענעם לאַמטער אין מיטן פון אַ חדרשער ווינטערנאַכט. פאַרן בליק האָט זיך העל געפּלעקט דער שוואַךבאַלויכטענער חלל און אין מוח האָט אָנגעשלאָגן די שאָטנהאַפטיקייט פון זיך בײַטנדיקע פּנימער. אַ געזשום, אַן אויסמישעניש פון געזעמלעך וואָס וואַרטן אויף עפּעס און וואַרטנדיק הודזשען זיי, רעדן.

...בײַם שמאָלן פענצטערל האָט אומגעריכט זיך אויפגעהויבן אַ געפּלאַטער פון טויטע נעמען וואָס זענען אומהיימלעך נאָענט. אַלע נעמען — האָבן די פינף זיך געכאַפּט — פאַלן פון זיך אַליין אַראָפּ שטיל, בריק פון זייערע אייגענע ליפּן און די אויגן קריכן אַרויס אַריבערן שטערן. ווי? דוואָשע האַלפערן? דוואָ־שע...? די מאַמע, מײַן מאַמע! שאול כאַלדיק! שאול כאַל... סי דאָך געמיינט מיך, לאָ־אָאָזט, לאָזט מיך — — כהרף עין האָט די כוואַליע וואָס׳ט אים געהאַלטן אויף דער אייבערפלאַך, זיך אָפּגעטאָן. אַ טעמפּע אויסגעליידיקטקייט האָט זיך געשטעלט אין געהער און דער מוח טשאַדעט. שאַ, לאָז, כ׳האָב נישט געגוי געהערט. כ׳ל איבערפרעגן. בלויז ער אַליין, דער מענטש אויפן דרויסן פאַרן קליינעם

פענצטערל, שטעלט זיך אַנטקעגן דעם הילכיקן שטראָם וואָס כליניעט, וויל אים פאַרטרינקען. ער מוז עס בײַקומען. ער מוז, עס איז טייטנדיקער יאוש, אויב ער וועט זיך לאָזן מיטשלעפּן מיט דעם מאַסאָוון טרויער וואָס האָט זיך צעיאָמערט אַרום און אַרום. דאָס פרעסט צונויף דעם האַלדז און אַלע ווײַנע חושים ווילן אויפשרײַען: „לאָזט!״ און פאַרטאָמלטע הענט שטרעקן זיך פאָרויס. ער שטייט, דער פרעגער, פאַרנעמט פון דאָס נײַ דעם נאָמען פון זײַן פאָטער, פון דער מאַמען, פונעם ווײַב און ער באַנעמט אַלץ נישט די פשוטקייט פון פילזאָגנדיקן וואָרט צו אים: נישטאָ.

„נישטאָ, גע-העערט? לאָזט מער נישט רײַסן אומזיסט דעם גאָרגל. כ׳האָב געזאָגט קלאָר. לײדער, לײדער... אַוודאי, איר מעגט זוכן אויך אַנדערשוווּ״.

דעם וואָס אינעווייניק, אויף יענער זײַט פענצטערל, הערט ער מיט איבערגעשטרענגטקייט, ממש מיט אַרויסקריכנדיקע אויגן. ער׳ט זיך אײַנגעגעסן אין יענעמס ליפּנציטער, אין די גרימאַסן פון זײַן טרוקענעם פנים.

„וואָס?״ — וויל ער איבערפרעגן, אָבער אים איז שווער אַרויסצוברענגען נאָך אַ קלאַנג, סײַדן יענער הערט די פלאַמען אויפן פנים וואָס רעדן אויכעט, פרעגן.

— נישטאָ! נישט רעגיסטרירט.

און ער, אין גאַנצן גליט ער און ס׳געהער שווילט אָן.

אָפּגעפונען האָבן זיך דרײַ פרויען. אָפּגעפונען זיך אויף די טאָוולנע בלעטלעך פונעם „יידישן קאָמיטעט״. געוווינט האָבן זיי ערגעץ ווײַט. אַלע ווײַבער אין איין שטאָט, דרײַ גליקלעך אומגליקלעכע וואָס האָבן אויסגעמיטן דעם טויטלעכן שטורעם. זיי האָבן געוווינט אין וורא‎ָצלאַוו, דער שטאָט פון נײַעם פוילן. אויף די בלייכע הימלראַנדן פון צעשטערטן לאַנד האָבן אין דער שטאָט זיך נאָך געטורעמט אַ צאָל גאַנצגעבליבענע הײַזער. אָט די הײַזער האָבן געפּוסטעוועט נאָך די וואָס זענען אַרויסגעשטויבט געוואָרן אין די יאָרן פון פאַרשנײַדנדיקן הונגער און פײַעררעגנס. ווי אַלטע קאַסטנס געשטאַנען אויסגעליידיקטע, די שטומע שטיינערנע געבײַדעס, האָבן זיך אין זיי אַרײַנגעקליבן ברעקלעך צעבלוטיקט יידיש לעבן. פון דער וויסטעניש וואָס געבליבן, האָבן יידן זיך געמאַכט אַ היים, זי באַלעבט; וואָרן פון די גויים וואָס זענען פריער דאָרט געזעסן פאַרוואָרצלט, זענען געבליבן טויטע זאַכן, שווערע מעבלס, טישן, בעטן,

אויסגעליידיקטער שטובן באַשטאַנד, האָבן די פּריש אָנגעקומענע בעל כּרחם אין אַלעם אַרײַנגעבלאָזן אַ לעבעדיקן אָטעם כּדי צו קענען הויזן מיט זיי.

אין דער ווײַטלעכער שטאָט אַרײַן זענען די נע־ונדניקעס אויך גע־פֿאָרן בײַנאַנד. זאַלבעפֿינפֿט. דערקענט איינער דעם אַנדערנס פּלאָגעניש איז בײַ זיי געווען אַן אומאַרויסגערעדטער חשק צו דערזען דעם חבֿרס אויפֿריכטונג און —אפֿשר— איינער בײַם אַנדערן זיך אָנשפּאַרן אין באַ־שײַמפּערלעכן נײַעם עלנט. אַגבֿ, יענעמס גליק איז אויך מיר אַ דערלײַכ־טערונג — האָט איינער זיך פֿאַרטרויט פֿאַר אַ צווייטן. די אָ דערוואַכטע גינציקייט האָט זיי טאַקע געשטאַרקט. געפֿאָרן מיט זיי איז אַפֿילו דער וואָס מיט די געשוואָלענע פֿיס, דער געוועזענער שוסטער הערשקע כּאָלדיק און דער אַנומלטער לערער שמואל כּענטשינער. די בײדע האָט מען אין יידישן קאָמיטעט באַגעגנט מיט טעמפּ ניכטערנדיקן זאָג:

— ס׳איז אײַער פּרוי? לײדער, מיר ווייסן גאָר נישט פֿון אַזעלכער! און אפֿשר...? —האָט דער באַאַמטער אין נאָכטראַכטן צוגעגעבן אויף חלשות־טרייסט— מענטשן האַלטן זיך נאָך אין אָפּגעפֿינען. ס׳בייטיק נאָך אַ בײ־טעלע געדולד. מענטשן זוכן זיך אײנאַנדער איבער אַלע עקן לאַנד.

— ווײ, ווער׳ט אַזוי פֿיל כּוח!! קוים דורכגעהאַלטן מיט נסים, — און געשטיקט זיך מיט אַ קנויל ספּאַזמען.

— מיט נסים זיך דערשלעפּט אַהער. כ׳האָב עס געגנוגן!

אַזוי האָט מען ייִאוש איבערגעביטן אויף טרייסט. ווײַל קיין ברירה איז נישט געווען.

ווינציקער האָט דער פֿון יענער זײַט פּענצטערל זיך פֿונאַנדערגערעדט וועגן טאַטע־מאַמעס, וועלכע מ׳האָט געזוכט מיט טרויעריקן אָפּוואַרטן.

— אַ קנאַפּע האָפֿענונג, —האָט דער „מענטש" אַ מורמל געטאָן— איר דאַרפֿט עס ווייסן: עלטערע האָט מע נעבעך באַלד געפּטרט. דאָס איז באַלד קלאָר געוואָרן אין די געטאָס. „אַלטן־אַקציאָן" האָבן זיי עס אָפּן אָנגערופֿן, די מערדערס. אויך קלײַנוואַרג. איר ווייסט נאָך נישט פֿון כעלמנאָ? דאָרט זענען געווען די ערשטע עקספּערימענטן מיט גאַזן... אַוודאי, ס׳גלײַכער נישט צו ווייסן. אַזוי פֿיל עלטערע לײַט האָט מען די ערשטע צײַטן געשיקט אַהין — —

ווי רויך האָבן די רייד דושנע זיך געקלעפּט צו די מענטשן אויך דערנאָך, ווען זיי זענען געגאַנגען איבער די אָנגעטונקלטע גאַסן, כאָטש די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל.

Jacob
5419 Hutchison St.
Montreal, Quebec H2V 4B

פֿאַרן אַרײַנזעצן זיך אין דער באַן האָט איינער פֿון די נע־ונדניקעס, פֿאָלעק מילנער, אַרויסגעגראַבלט פֿון זײַנע שמאַטעס אַ ביסל מינץ און אָפּגעשיקט אַ טעלעגראַם: „כ'לעב איך פֿאָר צו דיר נאָענטסטן וואַרשע־ווער צוג".

— זאָל זי זיך נישט איבערשרעקן. זאָל זי זיך ריכטן, — האָט ער געטראַכט אויף אַ קול.

— רעכט אַזוי. וואָדען? זאָל זי זיך גרייטן.

אויך זישע פֿאַרבער האָט טעלעגראַפֿירט צום ווײַב. יאַנקל ריוווטין האָט נישט געהאַט קיין פּרוטה בײַ דער נשמה. אים איז געוואָרן אומעטיק. ער'ט מקנא געווען יענע צווי, בײַ וועלכע עס האָט אַ רייכער געטאָן אַ קנייטעלע פֿרייד: ז י י ז ע נ ע ן ש ו י ן א י ן ד ע ר ה י י ם ! דער גרוס מיטן טעלעגראַף האָט געטאָן אַ גרויסע שליחות. מ'עט זיך באַצײַטנס פֿרייען מיט זיי — — אָבער אים, יאַנקלען, שרפֿעט עס אויס דאָס האַרץ. וועמענען קען ער'ס דערציילן? די אַנדערע זענען אין גאַנצן געבליבן אין גליוועך. זייערע אויגן האָבן צום איבעריקן אויסגעבליאַקירט. און האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן די בליקן פֿון די און יענע, זענען די הער־צער יינגליש איבערגעגאַנגען. די גאַנצע וועלט אין זייערע טרערן. אַז דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו וורצלאַוו, האָבן די צווי, די אין גאַנצן עלנטע, די וואָס האָבן לגמרי נישט קיין אַדרעסן, זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ זײַטיק געזעס אינעם וואַגאָן. זאָל מען זיי ליבערשט נישט זען!

...אָנגעקומען אויפֿן אָרט, האָבן אַלע ווידער זיך געהאַלטן בײַנאַנד. אַ הייפֿל אָרעמע, געשלאָגענע, האָבן זיי זיך צונויפֿגעדרענגט אין מיטן רווישיקן וואָקזאַל און אַ וואָלקן אומרו האָט זיך געהויבן איבער די קעפּ פֿון דעם אויסטערלישן געזעמל. ווער פֿון זיי עס האָט אַהין און אַהער געבישטערט מיט די אויגן, ווער ס'האָט אין געגנט פֿון האַרץ דערשפּירט אַ פּלוצלינגע פּוסטקייט, גלײַך מ'וואָלט פֿון אים אַרויסגעטריבערט דאָס אינגעווייד. אַן אַנדערער האָט נישט ניחאדיק זיך אָפּגעריסן פֿונעם רעש, געגומען איין־אַליין זוכן עמעצן אין גרויסן געראַי, להוט געגראָבן מיט די אויגן אין מענטשישע פּנימער.

באַגעגענען די פֿאַרפֿינצטערטע אויפֿן צעשריגענעם וואָקזאַל האָבן זיך ענדלעך באַוויזן צווי פּרויען, באַגלייטע פֿון אַ כאָפּטע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך געשטרויכלט אין זייער גייק, אין זייער קוקן. נייגיר און ברע־נענדיקער אומגלויבן האָט זיך געשאָטנט פֿון איטלעכנס בליק; פֿון „דאָרט"

זענען די מענטשן נישט רויק. יאָ, אַנגעקומענע פֿון די ווײַטן, האָבן אין יענע צײַטן אָנגעזאָגט די אומגעהייערישקייט פֿון געשעענישן וואָס זענען געשטאַנען הינטער יעדן לעבנגעבליבענעם. געקוקט איינע אויף די אַנדערע און כמו אָפּגעבריטע, אַוועקגעכאַפּט די בליקן. איינע פֿון די ווײַבער, וואָס איז געקומען טרעפֿן איר מאַן, וואָס מ׳האָט אים שוין געהאַלטן יאָקבי אַ יענעוועלטיקן, האָט מיט די פֿינגער נערוועז געוויגט אַ בינטל בלומען וואָס איז שעמעוודיק געלעגן אין איר נידעריק אַראָפּגעלאָזענער דלאָניע.

כאָטש פֿאַרפּלאָסענע יאָרן באַטײַטן בענקשאַפֿט, אומגליק קען אַפֿילו דערנענטערן איינעם צום צווייטן, האָבן די נעמלעכע ווײַבער פֿאַרלוירענע זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט די צוריקגעקומענע מאַנען, אומהיימלעך זיך אָנגעקוקט; מינוטן לאַנג געשאַרט מיט די פֿיס אויף איין אָרט ביז וואַנען מ׳איז צוגעגאַנגען איינס צו ס׳אַנדערע. אַפּנים שוואַך זיך דערקענט די אָפּגעפֿונענע מיט די צוריקגעקערטע. דערצו האָבן די יאָרן אָנגעחורבנט די געזיכטער, זיי צעאַקערט, צו מאָל דעפֿאָרמירט די געשטאַלטן. און ס׳געדעכעניש איז געווען שטויב אָנגעשאָטן, ווינטיק פֿאַרטונקלט פֿון אַ גורלדיקער טריבקייט. ווי געהיטן האָבן מאַן און ווײַב אומצוטרוילעך באַרירט די הענט איינע די אַנדערע, אומדרייסט געשפּאָלטן אַ וואָרט וואָס קוים אַרויסגעבראַכט פֿון זיך. ערשט דערנאָך האָט מע זיך לעבלעך צעקושט, אויסגעהעשעט אַ כליפּ און נישט געאײַלט גענומען זיך פֿונאַנדערפֿרעגן אויף דעם און יענעם.

אַ צעטרייסלטס האָט אָפּגעגעבן איר קול, טרעריק איז געווען זײַן ענטפֿער. קאַרג, קרענקלעך בלייך האָט אין געהער זיך אָפּגעזעצט דאָס אַרויסגעבראַכטע קול פֿון מאַן און ווײַב, צו מאָל האָבן די אויגן אַראָפּגעשווערט, מחמת מיטן געפֿיל איז מע גאָר נישט געווען אין דער היים. — — אָפּגרונט!

די מענער האָבן עס ביז גאָר אָפּגעשפּירט. פֿון נישט ניחאדיקייט האָבן די וואָס נישט געפֿינען זייערע ווײַבער, אָפּגעקערט די בליקן, נישט געקענט צוזען די־אַ באַגעגעניש.

— געפֿאָרן, געריטן און נישט געטראָפֿן, ברודערקע, —האָט דער מאָזאָלנער שוסטערוק כאָלדיק זײַטיק אַ צופּ געטאָן דעם לערער כענטשינער

— פֿאַרשטאַנען? סע טוט זיך דאָ עפּעס, האַ!?

געשטאַנען אַנטקעגן זייערע פֿרויען האָבן די גליקלעכע פֿײַנלעך גע־

ביסן אין זיך דאָס שוויַיגעניש וואָס האָט פון זיי געקעשט, שווער זיך גע־לייגט אויף זיי, ביז זיי זענען ענדלעך אַוועק... אַהיים.

צו זיך אַהיים? דאָס אַ האָט טאַקע תיכף געגומען גריזשען.

גיריק נאָכגעקוקט די אַוועקגייענדיקע, האָט דער געוועזענער שוסטער הערשקע כּאַלדיק אַ וואָרף געטאָן צו זיַין אח־לצרה אַ פול האַרץ ביטערניש:

— צעריסן זיך דעם יאַשטשיק, האַ? אַהיים, אַהיים — אָט האָסטו עס! אַן אָפּגעגאַרטער פון אייגענעם וויַיב וואָלט איך זי לעבעדיקערהייט אָפּגעבראָטן ווי אַ קראָליק. זעסט שוין ווי גליקלעך זיי זענען? אַך, אַך, ס'איז ניש' סתם געקעדט — אַנישט הערסטו, זאָל מיך אַ בראַנד דער־שלאָגן! ס'ט געזען וואָס דאָ טוט זיך? מ'דאַרף ניט וויַיט גיין צו זען דאָס גליק וואָס באַגעגנט אַזוינעם.

הערשקע האָט זיך אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין ברוסט אַריַין און מיט זיַינע פאַרלאָפענע אויגן אָפּגעשטעלט יאַנקל ריוּוטינען, וועלכער האָט געשפּאַנט פאַרויס פאַר אים.

— האָרכסט, — האָט כּאַלדיקן אויף די ליפּן אַרויסגעזעצט אַ שוים — איך וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן. אונדז איז אפשר גליַיכער: אָפּגעקומען צו גליַיך מיט אַלע יידן. אמת, כּענטשינער? — האָט ער געקוקט אויף ריוּו־טינען און כמעט אַריַינגעשריגן אין זיַין מיטגייער: — נישטאָ ס'גליק. אי־בערגעקרענקט און פאַרטיק! ס'שוין בעסער איידער צו דאַרפן אַזוינס אי־בערקרענקען.

ער האָט צום סוף אויסגעצישעט זיַין באָסט.

יאַנקל ריוּוטין האָט מיט ווידערווילן זיך אָפּגעטרייסלט פון דעמס אַנטבלויזטער רויקייט און געגומען אײַליק זיך דערוויַיטערן, כּדי צו זיַין פאַרויס פונעם שוסטער מיט די אָנגעלאָפענע פיס. זאָל אַ ז אַ שלימזל־דיקייט אים נישט זיַין אָנגעצייכנט! מיט נערוועזקייט ט'ער זיך דערנעג־טערט צום אָרט ווו באַדאַרפט און געבליבן שטיין. דעם אַדרעס צום וויַיב האָט ער מערערע מאָל איַינגעחזרט אין געדאַנק.

— שוין? — האָט כּאַלדיק אויך זיך פאַרהאַלטן — טאָ זאָלסטו ווערט זיַין דעם ריכטיקן מזל־טוב, און אַ פּעטשל געטאָן אים איבערן אַקסל. דער כּענטשינער האָט אויף די רייד פון כּאַלדיקן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. — האָב נישט קיין מורא. כ'ל נישט מיטגיין, — האָט דער דאָזיקער צוגע־געבן מיט אַ געלאַשן קול. — איכ'ל נישט שטערן. ריוּוטין האָט נישט גע־האַט וואָס צו ענטפערן.

מיט קלעמעניש זענען די חברים איינציקווײַז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. געדריקט זיך די הענט, בײַ איטלעכן האָט ס׳געזעגן־וואָרט אַוועקגערירט אַ טרער פון האַרץ:

— ס׳זאָל דיר גוט זײַן!

— דיר אויך.

דערווײַטערנדיק זיך האָט איינער דעם אַנדערן נאָך אָנגעזאָגט:

— זאָלסט זיך אַ מאָל ווײַזן, הערסט?

— כ׳על, — האָט יענער געענטפערט פון יוצא וועגן.

— און דיך זאָל מען אויך נישט דאַרפן גיין זוכן!

ווער עס האָט געפונען אַ ווײַב, ווער — קיינעם נישט; גוטפרײַנדשאַפט זענען זיי ווײַטער געווען להוט. דער אַקערער ע ל נ ט האָט זײַן טיפע ברוזדע סײַ ווי דערפירט צו יעדנס שוועל.

ה

צעשיידט זיך און ווידער האָט יעדער אויף זײַן שטייגער אָפּגעפילט אַ נײַעם שטאָך פון דער איינזאַמקייט, וואָס אַקערשט איז זי אָנגעטראָטן מיט אַן אַנדערן כוח.

געגאַנגען אין אומקלאָרקייט אַרײַן (שרעק פאַר אויסטערלישס האָט געצוקט אין די אָדערן) האָט מע געטראָגן אויף זיך דעם שטײַף אײַנגע־רייפטן קאָפּ און די אויערן האָבן געברענט.

אַרײַנגעשניטן זיך אין אַ פוסטעוועדיקן גרויסן הויף האָט אין יאַנקל ריוויטינען נישט ווילנדיק זיך געקאָלעוועט אַ געדאַנק: „אַ ווײַב איז דאָך אַ ווײַב. ווען מײַנע זאָל וויסן, אַז איך קום״ — — אים האָט ווי פונקען גע־בריט די קנאה צו די חברים, וועלכע מ׳איז געקומען באַגעגענען בײַ דער באַן. אַזוי געווען פאַרטאָן מיט דעם, אַז ר׳האָט אויגנבליקלעך נישט באַ־נומען צי ער גייט, צי עס באַוועגט אים סתם אַ משוגענער אומרו. פונקט ווי דאָס ראַפּטעמדיקע געפיל האָט אויף אים געשפּאַרט, האָט אַל דאָס דרויסנדיקע פון אים געריסן פּאַסן מיט קראַמפּהאַפטיקע פינגער. אין די אַ מינוטן איז ער פשוט פיזיש געוואָרן צו נישט. ס׳ווײַב, ווי זי זעט אויס, ווי אַזוי זי וועט אים דערקענען; צי ס׳קליינטשיקע וואָס איז געבליבן מיט איר... ווער ווייסט, איין גאָט ווייסט צי ס׳האָט געקלעקט כוח בײַם מענטש

וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט — צי ער׳ט בײַם סאַמע סוף טאַקע זיך דערראַטעוועט. וואָרן אַלץ איז דען געלעבט? — אָט וואָס עס האָט אים באַוועלטיקט. ערשט דערנאָך האָט יאַנקל באַמערקט: דער הויף ווו ער טרעט, איז אַ געפּענטעטע, צעריסענע ליידיקייט; אַן אַרומגעפּליקטע מיט לעכער אין די מויערן, אַ באַקעטע ליאַרעמט זי מיט וויי־געוואַלדן: חורבן! טויט! די פּוסטקייט איז ווי אַ געשריי דערגאַנגען צו אים יאַקבי דורך וואַסער־שטראָמען, וואָס וועבן אויס אָט די מוראדיקע שטילקייט! אומזיכער זיך אַרומגעקוקט און אויך ס׳געזעענע האָט קוים זיך דערקליבן צו זײַן באַוווסטזײַן. גלײַך אַ טיף פאַרוווּנדיקטער מענטש האָט ער געבליפּט מתוך זײַנע טריפֿנדיקע יסורים: אַן אַראָפּגעשוונדענער לאָזט זיך דער הימל דאָ אַראָפּ. אויף אים גייט עס אַציִנד אַ מאָנסטרועזע אויסגעהוילטקייט פון דער אָנגעלאָקערטער שטילקייט, פון די אַרומגעביסענע שטיקער מויער. קלאָר, בייז גלאָצן די סטאַרטשנדיקע בראָכשטיקער. פון אַן אייניציקן וואַכן פענצטער קוקט אויף אים אַן עמעץ, קוקט בלינד. אַנדערע אויסגעשטאָכענע פענצטער גייען גאָר אַרויס אין פריקרען שטח אַרײַן; ווי פאַרטײַעטע ראָבן טשאַטעוועזן זיי, שפּרייטן שוואַרצקייט אַנטקעגן ליכטיקן טאָג.

נישט באַנומען פאַר וואָס, צו וואָס — יאַנקל ריוותין האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין מיטן פון דער דאָזיקער וויסטעניש. געשטאַנען און געקוקט אַרויף צו די צעחרובטע קאָנטורן פון פוסטן הויף. מיט אַ מאָל האָט עס אים אַ טאָרע געטאָן און אָט אָ דערשפּירט ער אַ דריקונג אין דער קעל. ס׳איז געווען דער טרויער וואָס האָט האַסטיק אָנגעיוירן אין זײַן גאַנצן לײַב און לעבן. געכאַפּט זיך דערויף האָט ער ווי אין ממשות דערזען אַז אַ בלאָלעכע שפּיציקע קעלט גייט דאָ אַרום, כאָטש איבער אַלץ הענגט די זון וואָס ווינטיקט זיך נעבעכדיק אַקוראַט אַ שטיקל געוועש אין אַ פאַרלאָזענעם בוידעם. אַרום און אַרום פּײַפט אַ געלעכערטע די שטילקייט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע שטיק נאַכט. ווידער אַ ווײַלע באַטראַכט די צעשונדענע ליידיקייט וואָס האָט צוריקגעקוקט מיט שטויבונג און מיט מוסר: געזען?! מעגסט זען! — און אים אין פּנים אַרײַן צעוויגט זיך אַ געשוואָלענע וויאָלעטע נאָז מיט צעבלעזלטע רויטלעך־פאַרבלאָטערטע אויגן — ס׳איז דײַנס. ערשט נעמען אָנדרענגען הויפנס געשריי פון געשטאָרבענע, הונגער־געפאַלענע שפּאַרן פון צווישן אָנגעשאָטענע בערג אַלטע ציגל, צונויפגעמישטע מיט אײַזן, צעקרישלטע קאַכלעס און ברעקלעך געוועזענע באַלעבאַטישקייט. געשפּענצטערישע שאָטנס גייען אַרום אין דעם

אַ ליכט וואָס הויקערט זיך זוניק און פון אַלעם שטאַרצן אַרויס טרוקענע גרעזער, איינצלנע קראָפּעווע קזשאַקלעך — פאַרחידושט האַרט שפּראָצט גרינס אויף בולטע אומקום־צייכנס.

גענקוקט און אותו־הרגע ווידער נישט קלאָר באַנומען למאַי דעם מענטש פירט עס אַזוי דער גורל אַז ער גייט פון ס׳נײַ אַנטקעגן זײַן איי־געגעם עלנט, און ער אַנטלויפט נישט. אייגנטלעך איז דאָ נאָך צעשטערעקט אַ צעבייזערטע פויסט — קעגן אים. דער שאָטן יאַנקל ריווטין בלאָנד־זשעט אַרום צווישן טויטן־גריבער, ר׳געפינט נאָר נישט זײַן קבר. אָבער סײַ ווי איז דער וועג באַשטימט, נו, עס זעט זיך אויבנאויף. דעם חברס ווײַב האָט זיך אָפּגעזוכט, אַ ווײַב פון צווייטן האָט זיך אָפּגעפונען און געקו־מען. אַפילו בלומען פון איר האָבן אַנגעווייעט אַ פונק האָפענונג. בלויז ער פלאָנטערט זיך אויף אומשטעגן. איז עס כדאי? אויב אַ צופאַל, איז עס אויך אַ וואָרצייכן אויפן האַרבן אמת. ניין, ער טאָר נישט אַזוי. אים איז באַשערט צו לעבן. ווײַזט אויס — דאָס אָרט ווו זײַן פוס טרעט, איז משפיע אויפן לעסטיקן טראַכטן. אויך אַ מינוט קען גורם זײַן אַ שטרויכלונג. און דער גורל קען נישקשהדיק קאַפּריזעווען, מ׳דאַרף נאָר האָבן כוח איבערצו־האַרן. אַוודאי, שײַן און שאָטן מישן זיך ראַפּטעם, שטעכן דורך די שלייפן:

„די האָט געבראַכט אַ בוקעט, די צווייטע האָט אַראָפּגעהאַנגען דעם קאָפּ: אוי, כ׳האָב דיך אַזוי נישט דערקענט! אָדער דו האָסט זיך געענדערט אָדער ס׳איז פאַרטונקלט מײַן בליק".

— ס׳אַראַ צרה.

פאַרלוירן זיך די מענטשן, — האָט ער שוין אײַנגעזען און דאָך האָט עס אים פאַרדראָסן, הלמאַי ער, דער פון די גליקלעכע אומשטיינס געזאָגט, האָט געמוזט אַליין זיך לאָזן אויפזוכן ס׳ווײַב.

אַזוי איז ער געשטאַנען אָפּגעגאָסן פון אַנגסטן און געגאַפט. פוסט אַרום, קלאָמפּערשט שטיל, כאָטש די שטילקייט טומלט. „אפשר וועט ער דאָך עמעצן זען?" און טאַקע זיך דערוואַרט. אָט טראָגט זיך אַרויס פון ערגעץ אַ יידל מיט אַ פּנים נישט אַלט און נישט יונג: אַ מענטש אָן חתימת זקן, אַ פאַרשווינדל מיט אַ געלער הויט און יענער ווענדט זיך צו אים מיט נייגיר:

— וועמען זוכט אַ ייד?

פרעגט דער זוכער צוריק:

— ווו קאָן דאָ וווינען חנה ריווטין, האַ? כ׳קוק און ווייס נישט ווו עס קען דאָ זײַן, און רעדנדיק האָט זײַן בליק נערוועז אַרומגעפּלאָנטערט.

יאַנקל ריווטין האָט נישט פֿאַרענדיקט ס׳וואָרט, בעת־מעשה דער־שפּירט אַ פֿאַרוואָרלאָזטקייט אויף זײַנע ווילד באַוואַקסענע באַקן; אַ הורמע האָר —האָט ער דערשפּירט— דריקט ווינטיק אויף זײַן קאָפּ און אַ גראָבער שיכט שטויב טונקלט אים אויפֿן שטערן, אין די קאַרבן פֿון די אויערן. אַ זײַטיקער קוקט אויף אים, אַ פּרוו אַנטקעגן אים (פֿילט ער שוין) און ער איז נעבעך נישט קיין מענטש. עס באַפֿאַלט אים אַ הייסע רויטקייט. ר׳גיט זיך אַ וואַקל אויף די פּיס, עס קוועלט אים י׳ענעמס קוקן; דער ווידער, דער דאָזיקער באַוועגט פֿרעמד, נאַרישעוואַטע מיט די ליפּן און זאָגט ראַפּטעם ווי ער וואָלט אָקערשט געפֿונען עפּעס גאָר גערנס:

— אָ, איך כאַפּ זיך שוין. חנה די שנײַדערקע, מיינט עך! אָט באַלד, באַלד —

ער הייבט אויף אַ האַנט, צייכנט מיט די פֿינגער אין דער לופֿט און גיט זיך אַ שטעל מיטן פּנים צו אַן אַראָפּגעשוונדענער מויער: — צ׳זעט? אָט אויבן. קומט, כ׳על אַאָך וואַזן.

— אַ דאַנק. כ׳על שוין טרעפֿן. אַבי ס׳אי׳ דאָ.

— ס׳מאַכט נישט. כ׳על צופֿירן.

יענער פֿרעגט נישט מער און נישט ער וויל הערן וואָס דער פֿרעמדער זאָגט. ר׳נעמט גיין און נישט מיט זײַן ווילן גייט אים נאָך דער מענטש מיטן וואַנדערזעקל אויפֿן אַקסל. געהויבן זיך אַרויף טרעפּ צווישן ווענט ווי צעגעסענע פֿון אַ שטייניקן שקראָפּול, וויל דער פֿירער אין איין וועגס גע־וואָר ווערן בײַם פֿרעמדן: „ווער וועט איר זײַן, ליבער מענטש?" אַ ווײַל זיך אָפּגעשטעלט, אַ שנאַפּ געטאָן די לופֿט, געוואָלט כאַפּן עפּעס פֿון דעמס מראה: — „פֿון וואַנעט אַוודאי, העי?" קענטיק, מחמת מאַטערנדיקן לאַנג־ווײַל פֿרעגט דער אָ. געטראַגן זיך אין דער הויכער שטיינערנער ליידי־קייט אַרײַן, סאָפּעט ער און ר׳איז זשעדנע זיך אָפּצורוען און טאַקע אָנ־צודאָרשטיקן זײַן בייגיר. אַז דער, וועמען ער באַוויליקט צו פֿירן, ענט־פֿערט נישט, ווערט דאָס ייִדלטשינע באַשײַמפּערלעך צערייצט, ער נעמט שטאַמלען: — „איר זזזע־עעענט מי־מיססט־טאַמע דע־עעררר ממאַ־אַאַאַן?" צונױפֿגעדריקט די דינע ליפּן און אין מיטן דער לויערנדיקער פּוסטקייט, ווו זיך געפֿונען אויג אויף אויג מיט ריווטינען, האָט דאָס דאָזיקע באַשע־פֿעניש שוואַכזיניק זיך צעלאַכט מיט אַ פֿלוצלינג קוויטשל. ס׳געלעכטערל

האָט זיך צעשפּריצט: „כ'זוצ־עע ששוין!" אין מיטן רעדן האָט ער זיך ווידער געהויבן אַרויף, אין דער הייך אַרויף און פון ס'נײַ זיך אָפּגעשטעלט, נאָך אַלץ געפרעגט מיטן בליק זײַן פּרעגן.

געוואָלט צי נישט געוואָלט — אַן אָפּהענטיקער האָט יאַנקל ריווטין לסוף יענעמען צוגעשאָקלט: „דער מאַן".

אָבער אויך דאָס האָט נישט געפועלט. יענער איז ווײַטער מיטגע־גאַנגען, געהויבן זיך איבער די הויכע שטאַקן און להוט געקוקט ביידן אין די אויגן אַרײַן, דעם מאַן מיטן ווײַב, בעת זיי האָבן זיך באַגעגנט נאָך יאָרן צעשיידונג.

— ??? — האָט דער זײַטיקער בייגירדיק אויפגעריסן די אויגן, פאַר־קרימט די ליידיקע באַקן. מאָדנע, האָט עס זיך צעליאַרעמט אין דעם מענטשן: צו מאָל נישט קיין התפעלות־אויפשרײַ, אויך נישט קיין געכליפּ, כאָטש זיי האָבן זיך דערקענט, מאַן און ווײַב!

ערשט דערנאָך איז ער שטיל אַוועק, דער זשעדנער נאָך ווי געכליפּ, דער מענטש מיטן אומליבן בליקל. אָבער צווישן מאַן און ווײַב האָט ער געלאָזן דעם שטאַרן געפיל אַז עמעץ, אַ פרעמדער, האָט זיך צוגעקוקט צו זייער וויטיקלעכער פאַרלוירנקייט.

ו

דאָ איז געשטאַנען דער אומאָפּווישלעכער דאַמף פון שריפה און פון אָפּגעקרישלטן צעטראָטענעם אַלטן טינק. ס'האָט גראָ געזויערט פאַרטריבן לעבן. אַזאַ צערייצטע ליידיקייט אײַנגערינגלט צווישן צעבראָכענע ווענט און אין דעם — אַזוי פיל אײַנגעגעסענער עלנט!

יאַנקל ריווטין האָט זיך אַרומגעקוקט: ס'איז אַ לאַנגער אומהיימלעכער קאָרידאָר פון אַ געוועזענעם וווינהויז. אַן אָפּגעשיילטע מויער און אין איר ריסן און לעכער. אין אָט דעם וויסטן אָרט האָט זי צונויפגעפירט דער אומבאַקאַנטער. זי איז גראָד געווען אָנגעבויגן איבער אַ צינענעם מולטער, געוואַשן עפּעס אין אַ שוימיקן, פערלמוטערנעם געבלעזעכץ. פון די זור־מערדיקע צוגווינטלעך וואָס האָבן זיך געשטרעקט פון די אַרומיקע חורבה־עפּענונגען האָבן איבער איר קאָפּ זיך באַוועגט, גיריק אויפגעהויבן בינטלעך האָר; ווי חוזק־צינגלעך און קאַפּריזע טראָלזלעך האָבן זיי אין שמאָלער שײַן פון פירהויז געפלאַטערט אויף דער אָנטורעמונג פון איר קערפּער, וואָס

האָט זיך געוויגט בײַ איר געטועכץ. אויך איר קלייד האָט זיך געבלאָזן, פאַרקיילעכיקט אירע אָרעמס, דעם בוזעם.

די פרוי איז גראָד געווען אַרײַנגעטאָן אין אַ שטוביקן עול. ערשט די טריט פון די אָנקומענדיקע האָבן געוועקט אירע חושים. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם פאַרשוויצטן שטערן, געקוקט.

— איר דערקענט? — האָט ס׳זײַטיקע מענטשל מיט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן די שטילקייט וואָס האָט זוניק געהויערט אין אָפּגעשליסענעם פירהויז, אַן אויסגעצויגענע איז דאָ די כמורנעקייט געווען פלעקנווײַז באַליכטן פונעם נאָקעטן דרויסן, וואָס האָט זיך אַהערצו אַרײַנגעבראָכן.

אַ רעד געטאָן און אַװעקגעשטעלט זיך אַנטקעגן דער פרוי, דאָס פרעמדע יידל, און מיט אַ װונק צוגעװאָרפֿן דעם מאַן װאָס נעבן אים אין להוטן שװײַגן: — ס׳איז זי, די שנײַדערקע. זי מיינט עץ, העט?

און ער איז באַלד געוואָרן פול פרעגן: זײַנע אַרויסגעבאַלושעטע אויגן האָבן זיך אײַנגעגעסן אין ריווטיַנעץ, די אויערן אַנגעשפּיצט און זײַנע הענט האָבן זיך אומגעדולדיק אײַנגעטשעפּעט אין יענעמס זעקל: ני, ני!

דער אַנגעוואַנדערטער האָט משונה אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און ס׳מויל איז אים געוואָרן פול מיט שטיקנדיקן געשריי:

„חנה! ח־ח־נההה! דו, דו, דיך זוך איך אַזוי אַרום!!” אָבער צום געהער איז איר גאָרנישט דערגאַנגען, מחמת פון איבערגענומענקייט האָט זײַן פּנים נאָר געצוקט, די ליפּן האָבן זיך געקרימט. נאָר זײַן העוויה האָט געוועדט.

ז י , ווידער, האָט נישט גערן געקוקט אויף די פרעמדע. שלעפּן זיך אַרום די אומגליקלעכע און רק זיי שטערן! זי׳ט פאַרשנירט די ליפּן מיט ווידערווילן: „אַנידערגעשטעלט זיך! — זוכן שטובן ווו עס איז נישטאָ!” געוויקט די הענט אין דער שוימיקער נעציקייט און דעם בליק העפטיק צוגעטראָגן צו די מאַנסלײַט. — „געקומען צו ראַמפּלען. מ׳וואָרט אויף זיי, אויב ס׳דאָ אַ שטיקל וווינונג”. זי האָט געוואָרפֿן פאַראיבלדיקע בליקן אויף די דאָזיקע, אָבער זייערע רייד זענען נישט באַלד דערגאַנגען צו איר. ס׳זענען געווען רייד פון פאַרענטפּערניש, פון פרעגן. מוז זײַן, זי׳ט זיך געשעמט. מחמת שעמעוודיקייט האָבן די אויערן איר געגלושעט. און דאָך איז זי אַ פרוי און זי איז גראָד נישט צוגעקליבן. „ווי זאָקעצ׳עס קלעפּט זיך דאָס, טרעטן נישט אָפּ!” — האָט פאַראיבל זי שוין געביסן.

געזען, זיי שטייען נאָך, האָט זי זיך אָפּגערופֿן:

— מיך מיינט מען?

אומגעריכט האָט בײַ איר דערוואַכט אַ געפֿיל פֿון פֿאַרלעגנהײַט: מענ־טשן האָבן נישט וואָס צו טאָן!

דער מיטן זעקעלע איבערן אַקסל האָט איבערדריסיק געשאַרט מיט די פֿיס איבערן שטיינערנעם דיל. ריווטין איז געווען פֿאַרטייבט פֿון זײַן ראַפּטעמדיקן קלערן: ס׳איז זי, טאָ פֿאַר וואָס דערקענט זי אים נישט? זי׳ט אַפֿילו נישט געטראַכט פֿון אים. זי איז זיך צו מאָל נישט משער! למאַי איז זי נישט אַזוי אומגעדולדיק, נייגיריק ווי ער? הײַנטיקע צײַטן מ׳זעט אַ פֿרעמדן, אַן אָנגעגעסענעם מיט דער בראַנדיקער ווײַט, איז מע נישט צעגליט געוואָר צו ווערן: אפֿשר האָט איר געזען אַזאַ און אַזאַ, אפֿשר געהערט?

ער, יאַנקל ריווטין, שפּירט אַפֿילו אַז ס׳איז זי, ער שטייט אַנטקעגן איר, זי קוקט אויף אים, אָבער איר קומט גאָרנישט אויפֿן זינען אַז דער אייגענער מאַן קען זיך יאָווען אַ לעבעדיקער, ער זאָל זיך אָפּרופֿן, מאָ־נען ס׳זײַניקע? דאָס שטורעמט אים אויף און ער שלינגט זשעדנע די לופֿט, וואָס כליניעט אויף אים. עפּעס פֿאַרנעפּלטס האָט פֿון דעסטוועגן גענומען זיך דרייען פֿאַר בײדנס בליקן, צעוויגן אויך איר מוח.

פֿאַרשפּעטיקטע האָבן איר נאָך אַ צופּ געטאָן קענטלעכע זאַכן, בליצ־לעך דערמאָנונגען זענען אויפֿגעשווומען און מיט פֿולע אויגן, פֿאַרפֿרישעטע פֿון לאַנג פֿאַרדרענגטע דערמאָנונגען האָט זי ענדלעך גענומען עפּעס זוכן — אין זיך; פּלוצלינג אויפֿגעהויבן דעם בליק איבער א י ם און באַלד אים שווער אַראָפּגעלאָזן. היימיש דערווײַטערטס האָט זי ביסלעכווײַז אַנט־דעקט אין דעם אָ, אַזוינס וואָס קערט זיך אום מיט דער אויפֿצוקנדיקער שפּירונג פֿון פֿאַרטייבטער בענקשאַפֿט. אָבער אַזאַ ווי ער, אַ פֿאַרקויטיקטער, מיט אַ פֿאַרמעקט פּנים וואָס שטייט ערשט פֿאַר איר — אַ צוריקגעקערטער פֿון די טויטנפֿעלדער, האָט זיך לגמרי נישט געפֿונען אויף די פּלאַכן פֿון איר דענקען. איר מאַן, איז זי געווען זיכער מיט אַ פֿיל מאָל אָנגעשטײ־נערטער זיכערקייט, איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. זי האָט זיך דאָך נאָכגעפֿרעגט דעמאָלט, געהערט פֿון עדות וואָס האָבן געזען ווי מ׳האָט אים אַוועקגעפֿירט אַהין פֿון וואַנען ס׳נישטאָ שוין קיין צוריק. נו, אַזוינער, אַן אויפֿגעשטאַנענער, האָט זיך לגמרי נישט פּאַמעסטשעט אין איר זינען. איר מאַן איז —ווי איר!— אַוועק מיט די רויכן פֿון מײַדאַנעק, צעטראָטן געוואָרן פֿון דער שוידערלעכער נויט; איר מאַן איז אַ מיליאָניקער אָפּ־

שפּריץ פון דעם בייזן אומחסד וואָס שפּרייט זיך אָקערשט פאַר אַלעמענס אויגן ברוטאַל, נאַקעט. נאָר אַז ער איז דאָך געשטאַנען אַנטקעגן, פאַר־עקשנט זיך נישט אַוועקגערירט, האָט דורכויסיקער יאוש אָנגערוקט אויף איר. אַ מבולבלע האָט זי געקוקט, די געפּרוווטע פּרוי, נאָך אַ מאָל געקוקט: ע ר ? . . . אויב ער וויל נישט אָפּטרעטן — ווער איז ער דאָך!? ס׳נישט ער — — איז שוין צעשטרייט אָנגעשטעלט אויף אים איר מטושטשער בליק, ער׳ט זיך געאַמפּערט, דער בליק, מיטן געדאַנק: ש װ ײַ ג נ אָ ר, ש װ ײַ ג — ס׳ער, עזעער!

גלײַך אַ וואָלקן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן, דער אָנגעלויכטענער זין פון אויפגעפינצטערטן באַוווּסטזײַן: — יאַ־אַאַאַנקל, יאַאַאַנ — — !

שאַרף, ברייט געוואָלט אַרויסשרײַען דעם ווילן, וואָס דערווישט אין זיך, נאָר ס׳האָט געשטיקט אין דער קעל. נישט בלויז זי, ביידע האָבן זיי —שטייענדיק נאָך ווײַטלעך פון איינאַנדער— אויסגעפונען אַז זיי דאַרפן זיך העלפן, זיי מוזן זיך דורכרײַסן. אָבער ער׳ט עס ווידער נישט באַוויזן. נישט מער — ער האָט זיך שוין באַוועגט, געפּרוּווט זיך דערנענטערן צום אָרט וווּ זי איז געשטאַנען. נאָך אָנגעבויגן איבערן מולטער, כאָטש שוין נישט געוואַשן, האָט זי זיך מער נישט געקענט האַלטן אויף די פיס. באַלד האָט זי זיך צעוואַקלט און שווער אַנידערגעפאַלן. ווי אַ דונערשלאָג האָט עס דעמאָלט אויך אים אַ וואָרף געטאָן פון זינען און ר׳איז אַנידערגעזונקען. דער זײַטיקער, וועמען דער שגעון פון צערייצטע נערוון האָט נישט אָנגע־רירט, האָט נישט באַלד באַנומען וואָס ס׳געשעט אויף זײַנע אויגן: מענטשן זענען געפאַלן אין אָנמאַכט, מ׳מוז ראַטעווען. דעם צוקוקער האָט בלויז אי־בערגעשראָקן דער אָפּהילך, וואָס האָט זיך האַסטיק דורכגעריסן איבער זײַן שאַרבן. דערפון האָט פון אים זיך אַרויסגעהויבן אַ געשריי וואָס פאַלט, לייגט זיך אימפּעטיק ווי האָגל. לאַנג נאָך דעם האָט ער ערשט באַזיניקט דעם פּלוצלינגן קוויטש, זײַן אייגענעם קוויטש. יאָ, ס׳איז געווען דער אור־מעטומיקער גוואַלד, מיט וועלכן דער מענטש לעבט בלינד טאָג איין, טאָג אויס.

...ס׳ווײַב האָט לסוף דערקענט איר מאַן. און איז זי שוין געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט אים, זי, דאָס ווײַב חנה, איז זי נײַלעך געוואָרן ווי געליימט. איר בליק האָט צעמישט געבלאָנדזשעט איבער אים, דעם אויפ־געשטאַנענעם פונעם גרוב.

פײַנלעך איז געווען דער צונויפטרעף פון זייערע בליקן. ווען זי האָט

נישט אַריבערגעטראָגן זײַן בעטנדיקן, פֿרעגנדיקן צוריקבליק, האָט בײַ אים זיך ערשט אַרויסגעריסן איר נאָמען:

— חנה!

חנה...? לאַנג האָט ער נאָכגעהערט דעם אויסקלאַנג פֿון זײַן אייגענעם געשריי. אין דער וויברירונג פֿונעם אַרויסגעבראַכטן נאָמען האָט ער דער־ווישט זײַן האַרצלעכע גערירטקייט. זי איז זייער צעבראָכן, שרעקלעך גע־ענדערט, האָט אים געשניטן דער געדאַנק. און איר צעבראָכנקייט איז ער געווען נוטה צו זען אין אַלעם — סײַ אין דער בלאַסקייט, סײַ אין דער אָנמאַכט (וואָס זי איז אַזוי שווער אַוועקגעפֿאַלן). ס׳האָט אויף אים אָנגע־יאָגט אַ פּחד אויך דער סילועט פֿון דער רויִנע, אין וועלכער זי איז אַזוי חשכותדיק אײַנגעראַמט.

אינעם פֿלייץ פֿון די דערוואַכטע געפֿילן האָט ער זיך לגמרי פֿאַר־לוירן. רק זיך צוגעהערט צום אייגענעם פֿאַרהוילענעם קול און ר׳איז פֿול געוואָרן מיטן נאָמען וואָס איז באַלאָדן מיט שטאַרק ניואַנסירטע דערמאָ־נונגען. אָבער די צעשטאָפּלטע ליידיקייט האָט אָן אויפֿהער אים איבער־געשריגן מיט פֿאַרשטשעמעטע ציין: חנה, חנה!

פֿון דעם אויפֿגעריכטן ברויזן האָט זי משמעות זיך באַהערשט. ברייט צעעפֿנט די אויגן האָבן אירע שוואַרצאַפּלען זיך פֿאַרצויגן מיט אַ פֿײַכטן בלישטש און די ווײַ־פֿרענדזעלעך, וואָס זיך געשטעלט קאַפּויער, האָבן דײַטלעך זיך אַ ריר געטאָן פֿון זייער פֿאַרשטאַרטקייט. קלאָר — אַ לעבע־דיקער קנופּ ווייטיקן ראַנגלט זיך ערשט פֿאַר דער בכורה אין דעם רעשטל מענטש; דער קנויל יסורים וויל זיך לאָזן אָנזען אויפֿן פֿאַרצערטן גוף, ער וויל אים באַוועלטיקן. און ר׳האָט גענומען דעם אויבנאָן. אין דער פּרויס פּנים, אין איר צעוואָקלטקייט האָט זיך אויסגעשפּילט דער אויסגע־קנאָכיקטער נאָקעט פֿונעם כמו־לעבן וואָס הויערט אָט אָ דאָ. און דאָס מוז ער צוזען, ער, דער מאַן. מחמת דעם האָט די קראַמפּהאַפּטיקע האַנט פֿון רעגונגען ריוטינען אַרומגעשנורעוועט דעם האַלדז, געוואָרגן ס׳געשריי וואָס האָט זיך שאַרף געריסן פֿון אים.

ז

אומגעריכט זענען זיי געבליבן אַליין, מאַן און ווײַב.

ווען י ע נ ע ר איז אַוועק האָט ער נישט באַמערקט. אַנטצונדענע האָבן ריוטינען געברענט די אויגן, בעת ז י האָט אים אָנגענומען בײַם

אָרעם און אַרײַנגעפירט אין שטוב. ער׳ט זיך געלאָזט פירן, ווײַל ער האָט זיך געפונען ווי אַ קינד וואָס איז איבערגענומען פון אַן אומבאַוווסטער שרעק. די פיס האָבן זיך אים געוואַקלט, גלײַך זיי וואָלטן געווען וואַטענע, אָן כוחות. ס׳איז אים באַפאַלן אַ מוראדיקע שוואַכקייט.

— זעסט, כ׳האָב אַ וווינונג, — האָט זי געזאָגט אַן אומזיכערע, אָבער אויך פריידיק און אַ צוריקהאַלטעוודיקע מיט אַ מאָל געשטעלט זיך אָן אַ זײַט: „וואָס וועט ער טענהן?" — האָט עס געקענט הייסן אין איר דורכבויערנדיקן קוק. ער איז געשטאַנען אין מיטן צימער אַ פרעמדער, אַן אויסוואַרטנדיקער. רעדן? וואָס זאָגן פריִער, חנה? — האָט ער זיך געפרעגט, געשפּירט זיך אומבאַקוועם. דעם מענטש האָט פאַרפּלייצט ס׳ראַפּטעמדיקע טראַכטן.

„זיכער, ס׳איז דאָך נישט זײַן שטוב! ס׳נישט זײַן שאַנק, קיין סימן פון דעם ווײַסן קיכן־מעבל וואָס אים דערמאָנט זיך געגנוי ווי ס׳איז אָקערשט טאָג. בלאַנק־ווײַס מעבל געלאָזן אין קיך. נישט זײַנס, איז דאָס וואָס ער זעט. גאָר נישט ס׳געוועזענע. אָ יאָ, און דאָס? — — דרײַ קליינע קינדער שטייען אין ווינקל פון דער דערבײַיקער קיך, צונויפגעטוליעטע קינדערלעך. מיט שטאַרע בליקן קוקן זיי אויף אים, דעם אַרײַנגעקומענעם, און קערן באַלד אָפּ די אייגעלעך מיט שטומען געפרעג: „ווער איז דער?"

יאַנקל ריוווטין האָט נישט געקענט אָפּרײַסן די אויגן פונעם קליינוואַרג. פרעגן איר? ניין, ער׳ט נישט פרעגן. זאָל זי ליבערשט רעדן, כאָטש ער איז גוואַלדיק בייגיריק. אומרויִק זענען זײַנע אויגן געגאַנגען איבערן חלל וואָס וויגט זיך, רוקט זיך איבער, ענדערט דעם אויסזען. איצט האָט ער נישט געזוכט דער פרויס בליק, כדי פון אים עפּעס אַרויסצולייענען. חנה, און דיר קוועלט נישט קיין פרעגן? —האָט וויטיקלעך געמאָנט זײַן בליק און זי פאַרטריבט— אין מיר ברענט דער נייגיר; דו פרוווסט מיך אויס, העי? חנה האָט נישט דערהערט זײַן געשריי פון ברענענדיקן נייגיר. זי׳ט געפונען פאַר זיך אַ דרינגלעכע אַרבעט, געגאַנגען אַהין, אַהער; נישט קיין צײַט געהאַט אין דעם אויגנבליק, מחמת פאַרן ליבן גאַסט מוז מע מאַכן אָרט, גרייטן עפּעס אין מויל אַרײַן — שמועסן וועט מע דערנאָך, אַ ביסעלע שפּעטער. אַזוי האָט עס אויסגעזען אין דעם פאָרען זיך פון דער פרוי, און ער, ער איז געבליבן מיט זיך, מיט דעם נײַעם בילד און מיטן שטוינען וואָס האָט אים ראַפּטעם אַרומגעכאַפּט. אָבער ער שטייט דווקא אַנטקעגן דעם געזעמל קינדערלעך און פלוצלינג נעמט זיך אים בולט אויסמאָלן

דאָס אויסזען פון זײַן קינד, וואָס געלאָזן א י ר . אַ ברעקעלע געלאָזן אויף חנהס הענט, אַ צעשוווּמען פּנימל, זוכנדיקע אייגעלעך וואָס זעען נאָך קנאַפּ. זשעדנע נישטערט ער צווישן די פאַרחידושטע און שעמעוודיקע פּנימלעך וואָס האָבן זיך איטלעך מאָל באַהאַלטן פאַר זײַנע בליקן. יאָ, איידער ער וועט הערן, וואָסערס ס׳איז ז ײַ נ ס , וויל ער אַליין אויסגעפינען. אַדרבא, זאָל ער ז י ך געפינען צווישן די קליינינקע! איינס, זעט ער, איז אַ געלס מיט שיטערע הערעלעך און אַ שנעבעלע פון אַ קאָקאָשקעלע; ס׳צווייטע, ס׳שוואַרצע האָט אַ העזהדיקע טשופּרינע און דאָס — ס׳גאָר אַ שפּיציק נעזל אויף אַ פויגל־פּנימל, אַ פלינקס, אַ שרעקעדיקס. אַדרבא, טרעף, דאַרפסט דאָך אַרויספילן, טאַטע! זאָל דאָס זײַן זײַנס? ע, ס׳האָט קיין שום ענלעכקייט צו עמעצן פון זײַן גאַנצער משפּחה. שאַ, וואַרט צו: דער מאַמעס ברידער, די שוועסטער־קינדער — — איי, קען דען אַ מענטש אַלץ געדענקען? פאַראַן, מעגלעך, אַזאַ מוסטער. שאַרף קנייטשט זיך זײַן שטערן, נערוועז גראָבט ער אין זכרון און קען נישט אַרויסקריגן אַזוינס וואָס זאָל צו מאָל מיט אַ קענטלעכן שטריך זיך צונויפפאַלן מיט איינס פון די קינדערלעך. און אפשר! וויסטע געדאַנקען זענען אים באַפאַלן. ס׳קען דאָך אויך געמאָלט זײַן —האָט אים געריסן אַ געדאַנק אַ שדל— אַז אַ פרוי זאָל במשך פון אַ ז אַ צײַט זיך קענען דערשלאָגן צו נאָך אַ פּאָר קינדער. ס׳שפּילט דען אַ ראָלע, אויב ס׳געשריי איז באמת אַ יסורימדיקס? בפרט אַז דער תירוץ שטייט אַ פאַרטיקער: אַזוי פיל יאָרן פון דערשטיקטע האָפענונגען, אַזאַ נויט!

ערשט נעמט ער מיט גלאָזיקן בליק גלאָצן צו די קינדער וואָס האָבן אומדרייסט, פון אונטערן שטערן אַפּער, זיך אָנגעשפּאַרט אין זײַן זײַט: געקומען אַ פ ר ע מ ד ע ר און ער גייט נישט אַוועק! וואָס וויל דער? און האָט ער אַ רגע אַוועקגעקוקט, האָבן זייערע קעפּלעך זיך שוין געצויגן צו דער פאַרנטיקער שטוב, ווו ער, דער, האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַזוי, גלײַך ער וואָלט אויף עפּעס אַרויסגעקוקט. שטייט און רירט זיך נישט פון אָרט!

יאַנקל ריוווּטין האָט זיך געשפּירט פײַנלעך געקוועלט. אין אים בווירט זיך אַרײַן עטוואָס ווייטיקלעכס און דער געדאַנק נעפּלט זיך. אַ שטורעם גייט אויף אין אים, ער מוז אויסברעכן. וועט ער איבערהאַלטן דאָס אומגעפרעגטע פרעגן? און זי — זי איז קלאָמפּערשט נאָך פאַרטועזן בײַ הויז־זאַכן, אײַלט זיך פאַר זײַנעטוועגן. אויך אין איר, פאַרנעמט ער איב־

סטינקטיוו, צאַפּלט אַלץ, נאָר זי איז פֿאַרביסן. עפּעס איז דאָך געשען, — שפּאַלט זיך זײַן געדאַנק אין היץ — געוויס געשען. ער מוז עס וויסן. ער, ער׳ט סוף־סוף אַרויספּלאַצן דערמיט.

— חנה, — טוט ער זיך אָן אַ כּוח — וואָס שווײַגסטו? ג אָ ר אַ ז אַ צ ײַ ט האָסטו גאָרנישט נישט צו זאָגן דײַן מאַן, נישטאָ וואָס אויסצושרײַען, אויסצוויינען? פֿון פריידן רעד איך נישט. פֿאַר פריידן איז נישטאָ קיין אָרט בײַ אונדז.

— יאַנקל, יאַנקל, — ציט זי פֿאַרטראַכט דאָס וואָרט — וואָס דיר זאָגן אַז ס׳האַרץ ווערט צעשפּרונגען, דער קאָפּ ווערט צעריסן! לאָמיך אַ ביסל, טײַערער; פּײַניק נישט אין מיטן דער פרייד וואָס איז צו מיר אַזוי אומגעריכט אַראָפּ און מיך דערהרגעט, — און זי׳ט הייס, ממש ראַסלעדיק, זיך צעיאָמערט, באַגאָסן זיך מיט אַ דויערנדיקן שטראָם געוויין.

— שאַ, שאַ, נישט דערהרגענען האָב׳עך געוואָלט מײַן ווײַב. און נישט דײַן געוויין האָב איך געמיינט צו געפֿינען, חנה. כ׳וויס, וויטיק האָט פֿאַרשאָטן דעם בעסטן ברונעם אונדזערן. רייד פֿון האַרץ זאָלסטו מיר ברענגען, האָב איך געוואָלט. ווייסט נישט?... איך בין מיד, כ׳בין ערשט אַזוי צעטראָגן פֿון ביטערן וואַרטן אויף דעם אַז כ׳זאָל דערלעבן דיך צו זען אַ גאַנצע, און — —

מיט אַ מאָל איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. וועגן קינד האָט ער נישט געקענט רעדן. אפשר, — האָט עס אים געמאַטערט — אַזוי פֿיל קינדער זענען אומגעקומען, טאָ צו וואָס אויפֿרײַסן אַ ווונד וואָס טריפֿט סײַ ווי, אויב ס׳איז חלילה געשען. איי, דאָס אָ קליינוואַרג? האָב געדולדע, יאַנקל, דער אמת וועט שוין אַרויסקומען, דער האַרבער אמת וואָס שלאָגט נאָך מיט אַכזריות.

ס׳געמיט איז אים געווען פֿינצטער, ר׳האָט נישט געוווּסט אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ אויפֿן בענקל. דער קאָפּ איז אים אַראָפּגעזונקען צו דער ברוסט, אַזש איר האָט עס באַוומרויִקט.

— ביסט מיד, יאַנקל, וועסט זיך צושפּאַרן אויפֿן בעט.

— כ׳בין נישט מיד, חנה. זאָג מיר עפּעס, חנה.

— וועסט זיך אָפּרוען, יאַנקל. האָסט צײַט צו וויסן דאָס אַלץ וואָס מ׳קען איבערדערציילן. נישטאָ צו דערמאָנען קיין גדולות.

ער האָט פֿיבערדיק געקוקט איר אין פּנים אַרײַן. זי׳ט זיך גערייטלט, געגלעט אים דעם אַקסל.

— גיי, לעג זיך צו. וועסט זיך אויף דערכאַפּן ס׳האַרץ.

צו אים איז נישט דערגאַנגען איר געריידן. פאַרקערט, ער׳ט זיך אָנ־געטאָן אַ כוח איר צו פרעגן אַ פאַרעקשנט געפרעג.

— זאָג מיר, כ׳בעט דיך, חנה קרוין, בין איך נאָך אַ טאַטע צו מײַן קינד?

— דו ביסט, ביסט אַ טאַטע, יאַנקל טײַערער, — און איז אַרויפגעפאַלן אויף אים מיט אַ געכליפּ. — ווי ביטער עס איז געווען דער געראַנגל פאַרן קליינוואַרג וואָס האָט נעבעך גאָרנישט פאַרשטאַנען. אַזוינע גרוילן זענען געקומען אויף יידישע קינדער. מ׳האָט בײַם דײַטש קיינעם נישט געלאָזט לעבן, קינדער זענען זיי געווען אַ דאָרן אין די אויגן. מחנות־ווײַז זיי אַרויסגעריסן פון די מאַמעס הענט און די מאַמעס האָבן זיך גע־הרגעט פאַר זיי. — זי׳ט געיאָמערט, אומגערן, אָפּגעריסענע געשעענישן דערציילט מיט שטיקעניש אין דער ברוסט.

— שאַ, שאַ, חנה, —האָט ער שוין מיט די ליפּן געזוכט איר האַנט, געצויגן זיך צו איר נאַסן פּנים— איך בין גליקלעך וואָס האָסט אַרויסגע־טראָגן ס׳קינד פון פײַער. וויי מיר, ווי גליקלעך איך בין, — און זיך גע־כוחט צו שטעלן זיך איבערן ווײַב וואָס איז אַרויפגעפאַלן אויף זײַנע אַקס־לען און געהעשעט. — חנה מײַנע, — ענדערט זיך זײַן קול, ס׳ווערט אָנגעטונקלט, — אפשר קענסטו מיר זאָגן, וועלכעס עס איז מ ײַ נ ס ?

— ע ר גיט אַ שוואַכן פּרי מיטן פינגער איבערן קרענצל קינדער וואָס איז פאַרבליבּט צונויפגעדריקט בײַנאַנד, מחמת דעם איבערקער וואָס דער פרעמדער האָט פלוצלינג אַרײַנגעבראַכט אין זייער פאַרשפילטקייט.

— אָט האָסטו עס, — האָבן אים אַ בלענד געטאָן עטלעכע ווײַסע ציין אירע.

זי׳ט אָנגעטײַטלט מיט דער האַנט אויף אַ קינד און מחמת נישט ניחאדיקייט האָט זי תיכף ווידער גענומען זוכן אַ טועכץ פאַר זיך.

געציטערט מיט הענט און פיס האָט יאַנקל ריוזטין זיך אויפגעהויבן פון בענקל און זײַנע אויגן האָבן זיך צעפינטלט. גלײַך ר׳וואָלט געזוכט אַ וועג אין דער פינצטער איז ער צוגעגאַנגען צו די צוזאַמענשטייענדיקע קינדער און געגעבנט צום געלן יינגעלע, אָנגענומען עס בײַם הענטל.

— וועמענס ביסטו, יינגעלע?

— לאָז! — האָט ס׳קליינע זיך אַ ריס געגעבן פון אים. דערנאָך האָט עס אויסגעשאָסן אין אַ געוויין.

— וואָס ווילסטו פון קינד? —איז חנה צו צו יאַנקלען— ס'נישט דאָס. אָט איז דײַן זון.

אָנגערירט ס'שוואַרצע מיט דער העזהדיקער טשופּרינע, האָט זי איינצײַטיק אײַנגערוקט דאָס געלע: — „ששאַ, ס'א גוטער פּאַן. האָב נישט קיין מורא״.

— זעסטעך, די קינדער שפּילן זיך, — האָט זי געמיינט אים, דעם מאַן, נאָר גערעדט האָט זי מיט אַ גערעגטער שטים צום געזעמל קינדער און איר קאָפּ אַרײַנגעשטעלט צווישן זייערע צעשראָקענע פּנימלעך.

שיכורלעך פונעם רויש, וואָס האָט זיך אָקערשט געקנוילט אין זײַן מוח, האָט ריווטין באַלד זיך דערנענטערט צום שוואַרצינקן. דאָס אַ האָט בינו־לבינו שרעקעוודיק זיך אָפּגערוקט, שעמעוודיק אַוועקגעשלײַכט אין אַ צווייטן ווינקל. ס'איז אַנטלאָפן פון דעם פּרעמדן. דעליקאַט, קינדעריש האָט ריווטין געפרעגט אָט דעם דריבנינקן:

— ווי הייסטו, שיין ייִנגעלע? און ליבלעך אַריבערגעפירט די האַנט איבערן קינדס קעפּל.

ס'פּיצל מענטשעלע האָט אַראָפּגעלאָזן ס'געמבעלע. אָט אָט וויינט זיך פונאַנדער אויך דאָס דאָזיקע. ס'איז מחמת דעם אומגעריכטן צאַרטקייט־אָנגריף פון דעם פרעמדן. און זי, חנה, האָט פון ווײַטנס זיך צוגעקוקט צו דער באַגעגעניש פון פאָטער מיט זײַן קינד.

— האָב נישט קיין מורא. איך האָב דיך ליב, —האָט דער מענטש שוין געגלעט דעם קלייניטשקן איבערן פּנימל. — ביסט אַ גוט ייִנגעלע. דער־נאָך האָט ער וואַרעם, שעפּטשנדיק באַרירט מיט זײַנע ליפּן דעם קינדס אויערל, פון וואָס ס'ייִנגעלע האָט אומזיכער אויסגעדרייט ס'פּנימל צום צוגעקומענעם.

— וועסט גיין מיט מיר שפּאַצירן, ייִנגעלע? כ'וועל דיר קויפן שפּיל־זאַכן, שאָקאָלאַד אויכעט — ווילסט? ס'גאַנצע פּנים זײַנס האָט גערעדט, גינציק זיך צוגעבייגט צום פּיצעלע.

ס'ייִנגעלע האָט אַוועקגעבויגן ס'קעפּל. אָבער דער איז צוגעשטאַנען מיט היץ, מיט ליבשאַפט.

— ווילסט זײַן חבר מיט מיר, ייִנגעלע?

דאָס האָט אומצוטרוילעך זיך אָפּגעקערט פון דעם צודרינגלעכן. מיט נישטערנדיקן בליק געקוקט און דאָך באַגערט צו הערן דעם דאָזיקן. אָבער יאַנקל ריווטינס נייגיר איז געוואַקסן:

— ווּ איז דײַן טאַטעניו, שיין יינגעלע?

— אַוועטעטדאַנדען... מײַן פּאַפּאַ איז ווײַט, — האָט ס׳קלייניגקע זיך ספּאַטיקעט אין ריידן, גיך אָפּגעהאַקט און אַרײַנגעלייגט אַ פינגערל אין מויל.

צוריקגעזעצט זיך אויפן בענקל וואָס אין מיטן שטוב, האָט יאַנקל ריווטין פון ס׳נײַ זיך אײַנגעקוקט אינעם יינגעלע וואָס איז זײַן זונעלע. ווי דאָס פּנימל, טונקלוואַטע אַנטקעגן טאַגליכט, ציטערט אויף און די איי־געלעך לאָזן זיך אַראָפּ פאַרטראַכט, ווען זיי דערשפּירן זײַן בליק. קענטיק — דאָס קינד פילט עפּעס פון זײַן פאַטערישן קוק; פאַוואָלינקע דערווײַטערט עס זיך פון די חברימלעך, געגעענט גאָר צו אים, דעם נאָענטסטן זײַנעם, וואָס זיך אומגעריכט אָפּגעפונען אין די צעראָיעטע ווײַטן, כאָטש ער באַ־נעמט עס לגמרי ניט קלאָר, דער קליינטשיקער. מסתמא דעמס האַרציטער שטראַלט אַדורך דעם מהות פונעם קינד, ס׳ציט צו אים, מיט אומזיכער־קייט שטעלט עס די טריט. מיט אַ מאָל זיך אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע קינדער און מיטן פּנימל שעמעוודיק זיך צוגעטוליעט צו דער וואַנט, זײַטיק אָהינגעקוקט צו א י ם . דאָס יינגעלע איז געווען אומדרייסט צום אַרײַנגעקומענעם, וואָס קוקט מיט אַזעלכע אויגן וואָס רופן, זינגען אַזוי ליב־לעך אין גרויסער שטומעניש. די אַנדערע קינדער זענען דערווײַל פאַמעלעך זיך פונאַנדערגעקראָכן, דערשראָקן זיך אַרויסגעשאַרט. הער פרעמדער איז געזעסן אַן אָפּהענטיקער, עפּעס געוואַרט, כאָטש ער׳ט נישט געוווּסט וואָס ער וואַרט, אָבער מיטן בליק האָט ער געהאַלטן דאָס קליינינקע און דאָס אָ קווענקלט זיך אַנטקעגן זײַן בפירושער נאָענטקייט. אפנים, דאָס יינגעלע באַגרײַפט שוין די שטומקייט פון שטאַרקע שפּירונגען, סע זעט און ער, יאַנקל, באַנעמט אַז לינגער קען עס נישט אָנהאַלטן אַזוי. אַצינד דאַרף חנה אַרויסקומען פון איר באַשײַמפּערלעכער פאַרבאַרגנקייט. ס׳מוז קומען, יאַנ־קל, אַזוי און אַזוי.

ערשט באַמבלט זיך צווישן זיי בײדע גאָר בולטס און דאָך אומקלאָרס — פילט יאַנקל ריווטין; ס׳שאַרפע, אפשר גאָר אַ בלוטיק וואָרט דאַרף אַלץ אויפדעקן, נאַקעט אַוועקשטעלן דאָס וואָס איז נאָך סוד.

אויף דעם האָט זי געלאָזט וואַרטן. בכל אופן האָט עס אים אַזוי אויסגעוויזן. אָבער אין חנהן האָט נאָך געדאַרפט עפּעס זיך איבערזידן — פּנים אל פּנים מיטן מאַן, וואָס זיך געיאָוועט אַזוי אומגעריכט און ער האָט דערשטיקט דעם ווילן צו פרייד וואָס מוז אויסברעכן ווען אַ לייבלעכער

באַוויַיזט זיך על פּי נס פון סאַמע אָפּגרונט פון דער געוויסהײַט, וועלכע גרענעצט זיך פּאָרט מיט דער אכזריות פונעם טויט. פון חנהס שוויַיגן, פון איר מידן בליק, האָט ער צו לעצט אָנגעהויבן זיך משער זײַן אַז ער איז איר גאָר אַ לאַסט. קענטיק, זי איז מער נישט אַליין. פון איינזאַמקייט צי מחמת אומבאַהאָלפנקייט איז עס געשען — אים איז עס דען נישט אַלץ איינס? ער׳ט אַוועקגיין פון דאַנעט, — האָט ער פאַרביסן די ליפּן; זאָל איר גוט זײַן...

אַליין נישט געוווסט דערפון, האָט עס אין אים גענומען קאָכן: „ברענג זיך אום פאַר זייער געטרײַשאַפט! ס׳איז גאָלע ווײַב. נישטאָ די אמתע פרוי! ס׳איז רק דאָס בעט! ווען דען, אויב נישט אין אַ זאַ צײַט האָט דאָס געקענט קומען צום פּרווו? אַן אײַנרעדעניש זייער אײדעלע איסנעמלעכקייט. סײַדן אַן איינציקע צווישן הונדערט טויזנט. אויך אַזעלכע ווערט פאַרשלונגען פון אַן אַנדער מין אייגנליבע אָדער אומגעוויינטלעכער שעמעוודיקייט פאַרן דרויסן און נישט חלילה מחמת לויטערער צניעות. געדעכט זענען די עזותדיקע וואָס זאָגן פּראָסט, אָפן: עס באַדאַרף זיי נאָר אונטערקומען די מינדסטע אָקאַזיע, אַ מורמל פון מישטיינסגעזאָגטן גליק, צי, פאַרקערט, אַ שײַן פון סכנה. נייק, פון צניעות ווענן וועלן זיי זיך נישט דערהרגענען — — אַ שאָד, יאַנקל, זיך צו צערײַסן דעם יאַשטשיק. זאָל זי.

ס׳האָט בפועל ממש געפּלאַקערט אונטער דעם שוויַיגן וואָס האָט מיט הונדערט אויגן כיטרע געקוקט אויף יאַנקלען.

דערווײַל האָט חנה דערלאַנגט עפּעס איבערצוכאַפּן. עס האָט פאַרשמעקט מיט ווײַטער היימישקייט. חנה האָט זיך באַוועגט אין אַ גליוער פון פאַרקלערטקייט און ער, דער פאַרבלאָנדזשעטער פון עולם התוהו, האָט זיך געשפּירט מיד; אים האָט שוין צודרינגלעך שטאַרק געאָנט אַז ער איז הונגעריק. זיך געוואַשן, אונטערגעלעגט זיך ס׳האַרץ און אַזוי-זיך איבערגעביטן מיט איר אַ וואָרט.

*

— וויַיזט אויס: זי האָט זיך גיך פאַרהיימישט מיטן נײַעם צושטאַנד — געקומען דער מאַן, מוז זי מאַכן ריין פאַר דער שוועל; מ׳מוז טאָן, נישט באַלעמוטשען. דער קאָפּ האָט בײַ דער פרוי אָנגעהויבן אַרבעטן.

— ווי גוט, יאַנקל, דו האָסט זיך אויסגעהיטן פאַר די פײַערן וואָס האָבן פאַרשלונגען די וועלט, —האָט זי צו אים צוגעטראָגן אַ פּונק פון איר

געשפּאָלטענער פרייד,— ס׳איז געווען אַ ביטערער קאַמף פאַר יעדער מינוט פון אומגליקלעכן גליק צו האָבן איבערגעלעבט די גרוילן. ווי זאָל איך עס זאָגן? — זי האָט זיך באַמיט צו ווײַזן אים אַ ליבלעכע מינע, אָבער הי׳ט ראַפּטעם אָפּגעשוויגן; מחמת ער האָט באַשײַמפּערלעך געזשאַלעוועט צו עפענען ס׳מויל. זי האָט זיך פון דעסטוועגן געכוחט צו פאַרוואַרפן צווישן זיי ביידן אַ דינעם פאָדעם וואָס זאָל זיי יאַקאָש באַהעפטן: — ס׳שמעקט דיר, יאַנקל? —האָט זי האַלב אויפגעהויבן איר בליק— זיך אָפּגעוווינט פון אַ רעכטן מאָלצײַט, אָרעמער, —איז זי שוין אַרויס מיט בפירושן מיטלייד.— אוי, אוי, אויף וואָס מ׳איז אויסגעשטעלט געוואָרן, — און ראַפּטעם אַנט־שוויגן געוואָרן ווי זי וואָלט חרטה געהאַט וואָס גענומען אויפוואַרפן טרויעריקע דערמאָנונגען. — עס, עס, מ׳דאַרף קומען צו די כוחות, —האָט זי שוין געוואָלט זיך איבערשרײַען — מ׳וויל צי מ׳וויל נישט, מ׳מוז אָנהאַלטן ס׳לעבן צי פאַר זיך צי פאַר אַ קינד, איז עס דען נישט אַלץ איינס? אַרומגיין און צאַנקען איז אַן אומגליק.

גערעדט, באַגערט ער זאָל זי ריכטיק באַנעמען, אָבער ס׳איז אויסגעקומען אַז זי רעדט צו איר אייגענעם געהער, נאָר פון מאָל צו מאָל האָט זי מיט די רייד זיך ווידערגעקערט צום מאַן, ער זאָל זיך שטאַרקן, ר׳זאָל פאַרגעסן וואָס אַ לעבעדיקער מענטש מוז פאַרגעסן הײַנטיקע צײַטן. נישטאָ קאַ׳ ברירה, יאַנקל. אָבער יאַנקל האָט קנאַפּ געענטפערט, ר׳איז געווען פאַרקוקט און צעמישט פון זײַן קראַמפּהאַפטיקן געדענקען און ר׳האָט באַוווסטזיניק פאַרשטאָפּט ס׳מויל פונעם געשריי וואָס האָט זיך פון ס׳בײַגעריסן פון אים. ער׳ט געקײַעט דעם ביסן מעכאַניש, געקוקט מיט בלײַיקע אויגן. אַנטקעגן אים האָט אויך חנה געגעסן פון יוצא וועגן, געפּרווט עפּעס צוטראַכטן פאַרן טאָן וואָס זי מוז טוען.

ווי דערמאָנט זיך עפּעס, האָט זי זיך געגעבן אַ שטעל אויף און אַ גלעט געטאָן יאַנקלען איבערן אָרעם:

— ווּעסט נישט זײַן בייז? כ׳באַדאַרף אַ לויף געבן דאָ נישט ווײַט.

— אויב דו באַדאַרפסט געניייטיק גיין, וואָס זשע פרעגסטו?

חנה האָט אים געלאָזן אַליין אין שטוב און זי איז אַרויס ערגעץ אין די גאַסן וואָס האָבן געאָטעמט מיט אַ לעבן פון נאָר וואָס אָפּגעראַמטן טויט. זי איז געגאַנגען צווישן שטאַרע בלײַבעכצן פון צעריסענע מויערן, אַראָפּגעשונדענע דעכער, פאַרהאַקטע געוועלבטירן; אָפּט געשפּרונגען איבער

ווילד צעגראָבענער ערד פון אויפגעריסענע טראָטואַרן און פיבערדיק זיך אונטערגעאײַלט. „זי׳ט אים זאָגן, ער׳ט מוזן זי פאַרשטיין״ — האָט איר געטונקלט אין די אויגן — „ווינד איז מיר. פאַר מיר הייבט זיך ערשט אָן די מלחמה מיט די היטלעריסטישע גזלעוואַיעס און דעם טויט. מינוטנווײַז איז זי געלאָפן, געמאַכט מיט די ליפּן און פאַר זיך געסדרט רייד וואָס זי האָט צו זאָגן י ע נ ע ם . אַ נײַע פּײַן איז געקומען אויף איר, וואָס זי מוז איבערקומען איידער זי הויבט אויס איר לעצטן אָטעם, — האָט זי פּלוצלינג אַרײַנגעווײנט אין זיך. געאײַלט זיך און זי איז גיך צו־ריקגעקומען, אַרײַנגעבראַכט אין שטוב דעם וויסטן הויך פונעם דרויסן וואָס רײַסט זיך אַרײַנצוכאַפּן אַלץ אין די ושמעניעס. „אויסטערליש, ווי אַלצדינג האָט זיך פאַרענדערט. לײַט האָבן שוין פאַרגעסן, מ׳רײַסט זיך בגוואַלד צו פאַרגעסן״, —האָט זי געזאָגט יאַנקלען ווען זי איז אַ דעריאַכ־מערטע אַריבער איבער דער שוועל.— וואָס קען מע טאָן? — האָט ער גע־ענטפערט מיט אַ פלאַטשיק קול, געפילט אַז ס׳איז סתם אַן אַדורכוואַרפן זיך מיט אַ וואָרט צווישן אַזעלכע וואָס האָבן שוין אַלץ אויסגעשמועסט. צום תוך וואָס האָטביידן געמאַטערט, האָבן מאַן און ווײַב אַצינד נישט דער־גרייכט. דאָס נישט דערערדטע האָט טאַקע געשוועבט אויף זייערע ליפּן, אָבער זיך נישט אָפּגעטיילט פון זיי.

ערשט האָט אַ נײַע אומהיימלעכקייט זיך אַרײַנגעקליבן אַהער. ס׳אַ געמעל, האָט ער געגומען זיך אײַנשמועסן, ווי אַ קראָ האָט זיך אַראָפּגעג־זעצט אַנטקעגן אים, און אַ קראָ איז אַ בייזער סימן. ער׳ט דאָס פאַרשוויגן און זי אַנטקעגן אים האָט ערשט שווער געשטומט.

מחמת דעם סתם זיצן, מחמת דעם איבערדריסיקן געשריי פון דער שטילקייט, וואָס איז געשטאַנען אין הויז, האָט ריוווטין אומגעריכט זיך אויפגעשטעלט:

— כ׳על גיין.

— וווהין וועסטו גיין, יאַנקל? — האָט זי געפרעגט מיט דערשראָ־קענעם שטוינען, כאָטש ס׳קול האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מיט אַ צוגעלעגנקייט.

— מ׳עט שוין זען! — איז געווען נישט ביהאדיקייט אין זײַן ענטפער און די שײַן האָט אים געאַרט אַנטקעגן די אויגן.

— דערווײַל וועסטו דאָ זײַן, — איז זי צו אים צוגעשטאַנען מיט אַן אַנפאַרביקער שטים.

אָפילו דאָס האָט ער נישט דערוואָרט. עפּעס שאַרפס איז דאָ אָנגע־

יוירן געוואָרן אין צײַט פון זײַן פעלן אין דער היים, האָט ער אַרויסגעשפּירט סײַ מיט די אויגן סײַ מיטן געפיל. ווײַל זי ער זאָל בלײַבן? ער האָט דערוואָרט מער גלײַכגילט. און איז געקומען איר זאָג, וואָס האָט אויסגעציטערט מיט אומבאַשטימטקייט, האָט דער מאַנצביל אין אים — און נישט דער וועלכער האָט בשעתו זי באַמאַנט — תיכף זיך אַנטשלאָסן:

— אויב דו ווילסט, וועל איך בלײַבן.

מיט פאַרבאַהאַלטענעם פיבער האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם קלאַנג פון יעדן וואָרט. נאָר נישט זיך צערעדן, אויב זי פאַרבאָרגט זיך אויף אַן אמת. מן הסתם דאַרף אַזוי זײַן, ט׳ער נאָכלאָזיק געמורמלט.

און ער איז געבליבן. אַן אומאייגענער זיך אָוועקגעזעצט און אַ נײַער פריקרער אָוונט האָט גענומען אים אַרומשפּינען.

איצט איז יאַנקל ריווטינען שוין געווען מאָדנע קלאָר אַז זי האָט אַ ן א נ ד ע ר ן , כאָטש גערעדט האָט זי נישט פון אים, אַפילו נ׳שט מרמז געווען דערויף. מסתמא דערפאַר האָט ער גראָד איצט אָנגעהויבן דאָ הערן י ע נ ע מ ס ט ר י ט , אין דעם קליינינקן יינגעלע דערכאַפּט יענעמס אַנטרינענדיקן שאָטן. אָ, ער באַהאַלט זיך אויס. זי האָט׳ן אָנגעזאָגט. סײַ ווי איז ער אַ פּחדן! — האָט כעס זיך שוין געבלעזלט אין אים. פריִער ט׳ער זיך געפעדערט צו פאַרכאַפּן י ע נ ע מ ס , אַצינד אַנטלויפט ער. איעדער גנב איז נישטיק; אָבער, אמת, נישט „ער״ איז דער גאַנצער חייב.

שפּעטער האָט יאַנקל ריווטין שוין ניכטערער צעשטאַפּלט דאָס בילד פונעם ווײַבס פאַרראַט: פריִער איז זי אַראָפּגעגאַנגען באַפעלן „אים״ ע ר זאָל חלילה זיך נישט ווײַזן. ער טאָר נישט, זי איז קלאָמפּערשט אומגליקלעך מיט דער אומגעריכטקייט. „דער מאַן!״ יאָ, ער לעבט נאָך. וואָס פאַר אַ מאַלעער! ער מוז אויסוואַרטן! ס׳עט סוף כל סוף זיך אויסשפּילן די דראַמע אירע. אַוודאַי, זי האָט א י ם ליב, די חנה ריווטין. אין יאַנקלען, דעם געשוויר וואָס איז אָקערשט צוגעקומען צו חנהס בלאָטער, האָט עס געליאַרעמט פון דער דאָזיקער זעונג און פון געדאַנק וועגן דעם ע מ ע ץ .

אויף דער נאַכט האָבן מאַן און ווײַב ווידער געגעסן צוזאַמען, יאַנקל ריווטין מיט דער אָ, מיט חנהן. ביסלעכווײַז ווי ס׳דערציילט זיך פון אַ לאַנגן באַנוועג, האָט זי אים געלאָזט וויסן פון איר דורכלעבן די אַלע

יאָרן. דאָס געטאָ איז געווען דער ביטערסטער נסיון. ווי אַזוי האָט זי גע־קענט אויסהיטן ס׳קינד?

— הערסט, יאַנקל? ווינציק צו זאָגן — גויט! ס׳איז דאָס טרויעריק־סטע וואָס מ׳קען נאָר צוטראַכטן, — האָט זי צו אים אויפגעהויבן דעם בליק, באַגערט זײַן מיטגעפּיל כאָטש אין אַ מינע. וואָרן פון אומעטום רק עס לויערט אימה, ווילדע אַנשיקעניש גייען אויפן מענטש. נאָך ערגער איז געווען פאַרן קליינינקן. ווען דו זאָלסט וויסן ווי ס׳איז אויסגעקומען צו צאַפּלען פאַרן קינד! וואָרן וואָס ווייס אַ פּיצעלע, ס׳פאַרשטייט דען די אויסטערלישקייטן וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן? אויסצוהיטן ס׳קליינוואַרג איז געווען די גרעסטע פּײַן! זיך גופא האָט זי שוין מפקיר געווען. ס׳איז געווען צו טרויעריק מ׳זאָל האָבן געקענט האָפן אַז מ׳וועט דאָס אַריבער־טראָגן. נאָר ס׳קינד, דאָס אָרעמע קינד — —

מיט אַ מאָל האָט זיך אַנגעגליט איר שטים, צעטריפט זיך דער בליק. בכלל האָט זי אַלץ דערציילט ווי פון ווײַטנס, גלײַך זי וואָלט זיך באַוויגן מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין אַ פרעמדן שטח. בלינדע זענען אויסגע־שטעלט אַזוי אָרום צו זוכן זיך אַ וועג. אַ טונקעלער פאַרהאַנג פאַרהייבט מען אַזוי כדי פון זײַנס אַ ברעג דורכצולאָזן אַ פּאַס ליכט. דאָס אָ, וואָס גייט איר נאָך, איז אָבער אַ שטראָם בושעוודיקע פלאַמען. צו רעדן וועגן אים, אַז זי׳ט שטאַרק נאָכגעקלערט, זי האָט געציטערט פאַר זײַן לעבן — דאָס האָט זי אויסגעמיטן. ווי קאָכיקער פּעך האָט זיך געגאָסן אויף אים חנהס גרויל־געשיכטע.

— — — נישט געווען קיין שום ברירה, האָט זי געהעשעט. די תוכחה האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף איר קאָפּ. זי׳ט געוואָלט מאַכן אַ סוף צו זיך, נאָר ס׳ברעקל קינד האָט זי געהאַלטן בײַ די מאוימדיקע יסורים. וואָרן וואָס איז שולדיק אַן עופעלע, וואָס ווייס אַזוינס? כ׳האָב מיך גע־ראַנגלט מיטן טויט, כאָטש ס׳לעבן איז געווען נמאס ומאוס. זאָגן דיר ווי אַנדערע האָבן זיך געמאַרדעוועט, איז איבעריק, ווײַל דער אָ סך הכל איז געווען אַנזעעווודיק; טאָ שטעל דיר פאָר ווי מיר איז געווען ווײי און ווינד. סײַ געמוזט האָרעווען קאַטאָרגע סײַ לאָמיען זיך דעם מוח פאַרן נעבעכדיקן לעפל עסן און אויך צאַפּלען פאַרן קינד, בעת באַלד אין אָנהייב האָט מע גענומען פון געטאָ אַרויסרײַמען די עלטערע און די וואָס האָבן געמוזט אָנקומען נאָך הילף. מ׳האָט מתחילת כיטרע אַנגעליגנערט די מענטשן, באשר מ׳שיקט זיי אין רויִקע ערטער וו זיי וועלן האָבן מנוחה און זאַטיקייט.

ווי ס׳איז געווען אין אמתן ווייסט מע שוין נעבעך גאַנץ גענוי. מ׳האָט אַלע אויסגעוואָרגן, פאַרברענט אויף שייטערס. די אומגליקלעכע אַלטע לײַט און די קראַנקע זענען די ערשטע געפאַלן. אַ שרעקלעכן שניט געמאַכט אין די ענגע ייִדישע היימען און די לעבנגעבליבענע זענען אַרומגעגאַנגען אין איין פחד, געשוואָלן געוואָרן פון נויט, פון קעלט און ברויד. די סלוכן וואָס זיך געטראָגן וועגן די אַרויסגעשיקטע, האָבן אונטערגעהאַקט הענט און פיס. שוין דעמאָלט וואָלט זי אַוועק אַהין, מיט די עלטערע, אָבער ס׳קינד...? שרעקלעך לאַנג האָבן זיך געצויגן די זומערס און די ווינטערס אין געטאָ. איז דען כּדאַי געווען צו לעבן אין אַזעלכע פּײַנען? נאָך די עלטערע איז געקומען די שחיטה אויפן קינדערוואַרג. אָך, וואָס מ׳האָט געמוזט צוזען, צוהערן!

באָכן טרערן האָט חנה פאַרגאָסן אין דעם דערציילן פון געטאָ, פון כּעלמנאָ. ער׳ט איר נישט געשטערט דערין און געשפּירט אַז עפּעס אומהיימלעכערס באַהאַלט זיך אין אירע טרערן. זאָל זי וויינען, אויב זי פילט אַ באַדאַרפטיקייט צו דעם, — האָט יאַנקל זיך געקילט מיט דעם אומבאַגרײַפלעכן געפיל פון נקמה, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט דער גערירטקייט פון מיטלייד. מטושטש געאָנט איר שולד קעגן אים, דעם אייגענעם פאַרפּײַניקטן מאַן. זײַן פאַרביסן שווײַגן פּנים אל פּנים מיט איר געכליפּ, האָט זי געשמיסן, געפּאַטשט איבערן נאַסן פּרצוף. מוז זײַן, אָט־די האַרטנעקיקייט זײַנע האָט געבראַכט דערצו אַז זי זאָל זיך צוזאַמענברעכן און פון חנהן זאָל אין טרערן־גאָס זיך צעברומען איר ווידוי:

— ס׳איז מיר שוין אַלץ איינס. מעגסט עס וויסן, יאַנקל, — האָט זי אָנגעהויבן און זיך שטאַרק צעהעשעט:

ס׳איז נישט געווען מער אויסצוהאַלטן. דעמאָלט איז געקומען ע ר. נישט אַן אַנדערער, וואָס זאָל זײַן במקום דעם מאַן. ער איז אַן עלנטער מענטש, האָט ער געזוכט אַ ווינקל־ס׳איז אָנשפּאַר. דו קענסט מיך, יאַנקל, איך בין נישט אַ ז ע ל כ ע. דו ווייסט ווי געטרײַ איך בין דיר געווען, ווי ערלעך מײַן ליבע איז תמיד געווען צו דיר. ד ע ר איז געקומען פון זײַן אייגענער איינזאַמקייט און פון דער אָרנטלעכקייט פון אַ מענטש וואָס האָט באַגערט אַ ה יי מ י ש ווי נ ק ל. אַ מענטש אַן אַרומגערײַסענער פון אַלצדינג איז ווי אַן איבעריקע שמאַטע. מ׳זאָל מער נישט וויסן דערפון. ער איז געבליבן פאַריתומט נאָך אַ שוידערלעכן בראָך. מ׳האָט פון אים אַוועקגעריסן אַ פרוי מיט קינדער. אים האָט מע געלאָזן אויף

דערווײַל, מ׳האָט אים נאָך באַדאַרפֿט. ר׳האָט זיך געוואָלט מיטוואַרפֿן אין וואַגאָן אַרײַן פֿון די קרבנות, אָבער מ׳האָט אים מיט רוגזה צוריקגעשטויסן. „גיי צו דײַן זאַך, שווײַנידע!״ אַ פֿאַרצווייפֿלטער האָט ער זיך געראַנגלט מיטן צוגעוואָרפֿענעם לעבן, געוואָרגן זיך. צו מיר איז ער געקומען מיטן אײַנפּאַכן ווילן צו ראַטעווען זיך פֿון ווייטיקלעכן עלנט; נישט געבליבן בײַ אים קיין כּוח צו לעבן און נישט קיין כּוח צו פּטרן דאָס נמאסע לעבן מיט די אייגענע הענט. געהאָרעוועט פֿון באַגינען ביזן אָוונט אין גרינוואַרג־סקלאַד, געהאַט אַ גרעסערע ראַציע עסנוואַרג, אַ שטיקל ברויט מער און מיט אַלעם איז ער געקומען צו מײַן טיר: „נעמט, איר וועט האָבן פֿאַרן קינד. איך בעט אײַך, ס׳איז נישט קיין געשאַנק. ס׳איז מײַן ווילן צו האָבן אַ זאָרג פֿאַר עמעצן, אַנישט וועל איך אויסגיין״. אין אמתן איז עס געווען אַ ראַטונאָק פֿאַר זײַנעטוועגן. אַזוי אַרום האָט ער אַריבערגעטראָטן מײַן שוועל. אין דעם זכות איז אונדזער קינד אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פֿון הונגערטויט. פֿון די בייזע מיזראַפּן האָב איך געמוזט אויסהיטן דאָס קינד. איז געווען מיט וואָס, האָב איך שוין געפֿונען אַ הילף בײַ אַנדערע. אַבי כ׳האָב געהאַט מיט עפּעס צו קומען צו יענעמען מ׳זאָל מיר העלפֿן אין דער סכּנה. מיט אַ שטיק ברויט, מיט אַ זעקעלע צוקער האָט מע געקענט אַ סך אויספּועלן. אַזוי אַרום בין איך ניצול געוואָרן מיטן אומגליקלעכן יינגעלע. מער נישט, יאַנקל. קיין שום שלעכטס איז נישט אָפּגעטאָן געוואָרן קעגן מײַן פֿאַרטריבענעם מאַן. מעגסט מיר גלייבן, יאַנקל קרוין. ער איז אַן אָרנטלעכער, אַ שרעקלעך געשטראָפּטער פֿון גורל, — און נאָך אַ מאָל העפּטיק זיך צעכליפּעט.

ער איז געבליבן קאַלט, יאַנקל ריוועטין. אויב זי וויינט, האָט זי אויף וואָס צו וויינען, זי איז נישט ריין פֿון זינד. איך וועל נישט וויינען. איך האָב נישט וואָס צו וויינען אַנטקעגן איר. איך בין אַהיים געקומען מיט אַ ריין האַרץ, אַ פֿאַרתּמטס, ווײַל ס׳האָט אין פֿאָרויס נישט חושד געווען אַז ס׳קען האָבן געשען אַזאַ אומווערדיקס בײַ דער וואָס איז מײַן ווײַב. ער האָט אויף איר געקוקט זײַטיק, זיך צוגעהערט צו איר געוויין ווי צום געוויינטלעכן רעגן־כליופּ, וואָס פֿאַלט אויף די שויבן אין קאַלעמוטנעם האַרבסט.

מיט איר העפּטיקן העשן האָט חנה געוואָלט רירן דעם גליוער וואָס

האָט אַרמגערײַפּט זײַן האַרץ. אָבער דאָס האָט נישט דערלאָזט אים זיך צונייגן צו איר מיט אַ גרימאַסע פון כמו־פּ א ָ ר ש ט ײ ן איר מעמד, וואָס האָט זי דערפֿירט צום ברוך פון דער דורותדיקער ווײַב־ געטרײַ־ שאַפט צום מאַן ווען ער ווערט בעל־כרחו אָפּגעריסן פון הויזגעזינד.

דער זייגער האָט זיך גערוקט, די נאַכט האָט זיך אַרײַנגעגייגט אין אַלע שפּאַרעס און עפענונגען פון דער אייבערשטער שטוב אינעם חורבה־ הויז. יאַנקל ריווטין איז געזעסן מיט אָנגעהילציקטע אברים, פאַרנומען איר קול אַ דערוויטערטס. זי׳ט גערעדט מיט הייזעריקלעכע טרערן; זי׳ט שוין אַ מידע געגומען אויף זיך די שווערע שולד פון פּרוויִשער בגידה וואָס פאַרפלעקט ס׳פּנים פון דער משפּחה:

— זאָל ער זי פאַרשעלטן. זי איז עס ווערט. ליבערשט וואָלט זי אויסגעגאַנגען פון הונגער, אומגעקומען צוזאַמען מיטן קינד. מענטשן האָבן צוגעזען איר מאַטערניש. ווען נישט אַט־דער, וואָלט זי נישט דאָ געווען. און ס׳וואָלט גלײַכער געווען פאַר איר. ד ע ר האָט זי אַרויס־ געשלעפּט פון טויט, געבערענגט ס׳שטיקל ברויט אין שטוב אַרײַן. ער איז חלילה ג אָ ר נ י ש ט א ו י ס ן ג ע ו ו ע ן — ער איז אַ העכסט אָרנטלעכער. ר׳האָט פּשוט נישט געקענט צוזען אירע יסורים און ר׳האָט געראַטעוועט ס׳קינד. וואָס האָב איך אַלץ נישט געטאָן כדי שי־ מעלען צו ברענגען עפּעס אין פּיסקל אַרײַן? כ׳האָב זיך געגעבן ס׳פּנים צו וואַשן בײַ יעדן מאַכער, געבראַכן זיך ס׳גניק בײַ שווערער האַרעוואַניע, אַליין נישט געגעסן. דער האָט געוווינט בשכנות. געבליבן אַ קאָלעק אַליין, האָט ער אַלץ אַרײַנגעברענגט צו מיר, איינפאַך זיך צוגעוווינט צו דער שטוב — — ווען ער, יאַנקל, זאָל וויסן ווי ביטער עס איז געווען! —האָט זי אומגעריכט הייס אַ רעד געטאָן אָן אָטעם. זי איז נישט דרייסט געווען אָנצורופן זײַן נאָמען, זען דעם מאַנס דערשלאָגענע פּנים.— כ׳האָב מקנא געווען די אַרויסגעשיקטע. געקומען אַ מענטש, זיך אָנגעהאַנגען מיט הילף, צוגעשטאַנען ווי אַ ניגל! וואָס האָט זי געקענט טאָן (און זיך באַגאָסן מיט טרערן) אַז אויף אים, דעם מאַן, האָט זי שוין נישט געהאַט קיין כוח צו האָפן?

שטאָק פינצטער איז געווען דער וועג פון אומגליק, וואָס מ׳האָט זיך אים נישט געקענט קעגנשטעלן.

אַזוי אָפּן רעדן מיט אים האָט איר נישט געהאַרצט. זיך געשעמט. די געשיכטע פון איר פּײַן האָט זי דערציילט כלומרשט זיך אַליין, איבער־

געחזרט פאַרן אייגענעם געדעכעניש אַז אויך ער זאָל זי הערן, ער, דער צוריקגעקומענער. כמורע, ווי רעגן־בײַטשן האָבן אים געשלאָגן אירע רייד, וואָס האָבן זיך איטלעך מאָל אויסגעלאָזט מיט אַ קורצן ספּאַזמאַ־טישן געכליפּ.

„ר׳איז געקומען צו איר מיטן חסד צו ראַטעווען זײַן, יאַנקל ריוווטינס, פאַרפאַסקודיעט גליק״, — האָט עס שוין געציִשעט אין אים מיט פאַר־ביסנקייט.

*

צום שלאָפנגיין האָט זי אים געגעבן פרישע וועש. מאַנצבילשע וועש האָט זיך בײַ איר פאַרוואַלגערט. צי ס׳איז זײַנע? אַן אײַנפאַלעניש צו ספקן אין... נישט פאַראַנענעם! אָבער ער׳ט פון דעסטוועגן זיך אײַנגעקוקט אין דעם, אָנגעשטרענגט דעם זכרון, געפּרוווט עפּעס זיך דערמאָנען. אָ, וואָס פאַר אַ נאַר ער איז! צו וואָס זוכן אין דער לופט תבואה־קערנער, בעת קייער אָרט איז ס׳פאַרזייעטע פעלד. אַלץ איז דאָך אויבנאויף. ס׳איז גאָר־נישט צו ספקן: אַ גאַנצע וועלט איז פאַרברענט געוואָרן, אונטערגעגאַנגען, און בלויז זײַן וועש האָט זיך אײַנגעהיט אַזוי פריש! זיכער איז עס נישט פון זײַן אַמאָליקער וועש. דערצו אַזוי געפּאַכלט, פריש געפּרעסט! ערשט דערמאָנט זיך טאַקע פון אייגענער איבערלעבעניש: פון הונגער האָט מען מיט די ציין געביסן די קאָרע פון אַ בוים, מ׳האָט געזוכט אין מיסט קיך־אָפּפאַל, מ׳האָט נישט באַדאַרפט קיין העמד. ווער׳ט אַפילו געטראַכט פון אַזוינס? און דאָס אָ איז צוגעלייגט מיט געמיט. ס׳איז פון אַ בלענדיקער ווײַסקייט. יאָ, ס׳שמעקט מיט געטאָ־הפקר וואָס האָט געוועלטיקט בײַ דער אונטערוועלט וואָס׳ט אויפגעלעבט אין דעם אָ בין־השמשות. נאָך קרעמאַ־טאָריע־פאַרלענדונג און הונגער־שגעון בלײַבט נישט אַזאַ וועש. כלל נישט געווען שכיח קיין וועש אין יענע טעג, בייערט צעדריוולטע פאַסן־קליי־דער, סובהס. מילא, ס׳געקומען אויך אויף ייִדן אַזאַ אינעווייניקדיק צע־שטערערישע נאַכט. עקדישן זענען אויפגעשטאַנען צווישן אונדז און זיי האָבן אונדז געביסן. און איז שוין אַראָפּ אַזאַ נאַכט, ווען ווערעם האָבן אויפגעלעבט, וועסטו זי נישט דערוואַשן אויף ריין. קיין שום געשרייען וועלן נישט העלפן, אַפילו נישט קיין כּישוף. דאָס איז דער שגעון וואָס זוכט אַצינד פאַר זיך אַ ליאַדע תירוץ. ער נעמט זיך נאָר אַזאַ געמעל אין זײַן צעדולטן קאָפּ אַרײַן: ר׳איז געקומען אַהיים, אָבער ס׳אי׳ נישט דאָס. זי? זאָל זי! ס׳געלעגער, זעט ער, האָט זי אים שוין געגרייט, און דווקא איז

עס אַנטקעגן אירס. איז שוין פֿאַראַן אַ געלעגער, וועט ער איבערנעכטיקן.
אויסגעלאָשן די לאָמפּ, האָבן זיי אין דער טונקל נאָך גערעדט פֿון געלעגער צו געלעגער. און כאָטש ער׳ט נישט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן, האָט ער גיך געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער שלאָפֿט אײַן אין מיטן רײדן. ער האָט אַפֿילו געלאָזט הערן זײַן שנאָרכן. זאָל זי מיינען. ער האָט פֿאַר־נומען, אַז זי דרייט זיך אין בעטגעוואַנט, זי גייט אַראָפּ אין דער פֿינצטער אַ קוק געבן צום קינד, צי עס איז אײַנגעדעקט — אַזאַ אומרויִקן שלאָף האָט דאָס! — און אין איין וועגס פֿאַרריכט זי דעם צודעק אויך אויף אים.

איז עס ווידערגעקערטע ליבשאַפֿט? ס׳האַרץ גיט אים אַן אומגעריכטן שפּרונג. און אפשר טאַקע חרטה אויפֿן אָפּגעטועגעם! חלילה, צו דעם איז אַזאַ נישט פֿעיִק. אָבער דער מסוכנער צווייפֿל הערט נישט אויף פּויזען אין אים: עס איז די ווײַבערישע אייגנשאַפֿט צו פֿילן תמיד עמעצן נעבן זיך. נישטאָ גראָד י ע נ ע ר, זאָל זשע זײַן ד ע ר. עס איז די נאַטור וואָס מוז באַוועלטיקט ווערן. געקומען אַנומלט ער, יאַנקל ריוועטין, מיטן צוזאָג פֿון באַהערשנדיקער שטאַרקייט, האָט זי פֿאַר אים פֿונאַנדערגעעפֿנט די אָרעמס. און צו אים זיך צוגעוווינט. האָט אים די נויט געשלײַדערט אין כף הקלע, געמוזט זיך אָפּרײַסן פֿון דער היים, האָט י ע נ ע ר גיך פֿאַרנומען זײַן אָרט. ס׳איז די „זי״ וואָס זוכט שטענדיק די באַפֿרוכפּערונג פֿון איר קלאָמפּערשטער אומזעלבשטענדיקייט, כדי תמיד צו בלײַבן פֿרוי, די זעל־ביקע ווי מ׳האָט זי דערקענט. אָט איז די גאַנצע האַפּטיקייט זייערע. דאָס, מישטיינס געזאָגט, רופֿט מען ליבע?

אַן אײַנרעדעניש — די זאָרג בײַ זיי פֿאַרן מאַן; ווו זוכסטו צוגעבונ־דנקייט! סײַדן — צום קינד וואָס איז לײַב פֿון זייער לײַב, אָבער דער מאַן? אַזוינעם קאָן מען פֿאַרבײַטן.

טאָטשנדיקער צווייפֿל האָט אים גענאָגט.

פֿאַר טאָגס, ער איז קוים געהאַט אַנטשלאָפֿן געוואָרן, האָט זי שוין אויף די שפּיצפֿינגער זיך אַרומגעפּאָרעט אין שטוב. און ווי באַלד ער האָט געעפֿנט די אויגן, האָט זי צום בעט אים דערלאַנגט אַ פֿריש גלאָז טיי.

— כ׳על זיך צו ערשט אָנטאָן, — האָט ער זיך געוועדט.

— וואָס האָסטו זיך צו אײַלן? רו זיך אויס! — האָט זי געוואָלט זיך ווײַזן פֿרויִש געטרײַ — דער עיקר: ווועסט זיך אויסרוען, ווועסטו קענען קלערן וואָס צו טאָן. אַ מענטש האָט צו גאָרנישט קאָ׳ ווילן, אויב ער איז פֿאַר־מאַטערט. איך, נישט פֿאַר דיר געדאַכט, שלאָף סײַ ווי זייער שלעכט. חלומות

טרײַבן מיך. דער שאַרבן ווערט מיר צעשפּרונגען, — און כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַר די שלייפן. —

ער האָט זי געהערט נאָר מיט די אויגן, אָבער אַ וואָרט נישט אַרויס־געבראַכט. אין אומבאַקוועמקייט, למאַי ער זעט זי דורך אַדורך (אַזוי האָט חנה אָפּגעפילט), האָט זי ווידער זיך נישט געפונען קיין אָרט. באַשײַמפּער־לעך — זי ווערט אויסגעשטעלט אויף אַ נײַעם געראַנגל פאַרן נישטיקן בינטל לעבן. אָן אַ שיעור פאַראיבלס האָבן זיך אָנגעשאָטן אויף איר. אָבער צוקוקנדיק זיך צו איר, האָט ער שיער־נישט אָנגעהויבן מיטפילן דעם ווײַב. ס'האָט אים געריירט איר נעבעכדיקער אויסזען. „יאָ, עלנט קאָן דערהרגענען". ער'ט פון דעסטוועגן נישט נאָכגעגעבן דעם אָנפאַל פון צע־קראָכנקייט, ווי ר'האָט עס אָנגערופן. יאַנקל ריווטין איז דאָ נאָר אַ גאַסט, סײַדן ער וועט גובר זײַן י ע נ ע ם , דעם וואָס האָט געוווּנען די ז י אין איר. „ער" האָט זיך אַרײַנגעקראָגן, הערשט מיטן כוח פונעם זיגער וואָס האָט אַרויסגעשטויסן דעם שוואַכן. און יענעמס בײַזײַן שפּירט זיך אין איר גיין און שטיין, אין איטלעכן אויגן־ציטער. יאַנקלס יעדער בליק דערווישט עס אין חנהן און ער זוכט עס אומאויפהערלעך. חנה באַ־מערקט עס. יאַנקל שפּירט איר נאָך. אַלע מאָל לאָזט זי אַראָפּ דעם קאָפּ, האָט וויניציק וואָס צו רעדן מיט אים, כאָטש אַ ז אַ צ ײַ ט איז זיי געוואָרפן געוואָרן צו די פיס און זי צאַפּלט זיך אַלץ, די צײַט, זי בעט זיך אויסצולאָדן אין וואָרט, אינעם פאַרשטיין, צו מאָל אין טרערן.

איצט האָט זיך געצאַפּלט נאָר דאָס שווײַגן אירס — זײַנס, און אַזוי זענען אַוועק גאַנצע אַכט טעג אין הויז פון יאַנקל ריווטינס ווײַב, חנה דער שנײַדערקע.

י ע נ ע ר איז טאַקע נישט געקומען, יאַנקלען האָט ער אָבער פאַר־פאָלגט אָן אויפהער; יענעם האָט ער געהערט אַפילו אין אירע קנאַפּע רייד און ער, יאַנקל, איז פול געוואָרן מיט ביטערניש מחמת באַליידיקונג, וואָס האָט געטראָפן אים, דעם מאַן.

— אויסגעביטן אים אויף אַ בילע־וועמענען! — האָט ער געביטערט, געפינצטערט.

ח

די פרוי איז דאָך אויסגעשטעלט געוואָרן אויפן גרויסן נסיון: דער צי יענער? וואָרן סײַ דער סײַ יענער וואָס איז שפּעטער געקומען צו איר, האָבן זי גלײַך קונה געווען, מיט ברויט פאַר איר לײַב און מיט זאָרג און

צוגעבונדנקייט וואָס זענען נייטיק פאַר איר נפש. פאַר דאָס האָט זי שטי־לערהייט באַקלאָגט אירע טעג און אויפן ווײַבלעכן אופן זיך באַמיט לפי געוווינטשאַפט צוצובינדן דעם מאַן צו זיך, דעם דערנאָכיקן. אַזוי גערן איז ער בײַ איר, אָבער — אויך ד ע ר האָט זיך שטאַרק געהאַלטן בײַ איר; ער׳ט ממש נישט קיין כוח אַוועקצוגיין. ווײַל חנה האָט אים אָנגעהויכט מיט וואַרעמקייט, וואָס ער איז אַזוי לאַנג געווען לַהוט; צו מאָל צערטלעכ־קייט אַרויסגעוויזן: יאַנקעשי, פאָלג מיך. וועסט באַווײַזן. ביסט אַן כוחות. ער׳ט עס באַנומען, יעדן וועגד געוויגן אויף דער שאַרף פון קילן שכל און אָסור צי ס׳האָט אים גערירט.

דער אמת וואָס שײַך אים: ער איז שוין געווען אָפּגעטעמפּט אויף אַזוינע אײדלקייטן.

...צוגעוווינט זיך צו יאַנקלען, האָט זי ענדלעך אײַנגעפונען די נייטי־קייט פון זײַן זײַן נעבן איר. און פלעגט ער אַרויס פון שטוב, האָט זי אים אָנגעזאָגט: „יאַנקל, פאַרזוים זיך נישט. כ׳על וואַרטן מיטן מיטיק״. זי האָט גערן אַליין געטאָן פאַרן ביסל פּרנסה און אַפילו נישט געקלערט אים מטריח צו זײַן מיט עפּעס־וואָס. ר׳איז אויך נישט וױנציק זיך אויסגעשטאַ־נען, האָט זי אָפּט איבערגעקלערט און אין זײַן שאָטן האָט י ע נ ע מ ס שליטה פאַמעלעך זיך געלאָשן ווי שניי־ווײַסקייט לעשט זיך אין דעמער. אמת, אין טיפֿער פאַרבאַרגנקייט האָט עס איר געקאָסט אַ סך געזונט, אָבער י ע נ ע ם האָט דאָס פאַרשאַפט שנײַדיקן ווייטיק: „ס׳מײַן ווײַב. אים אַ זאָשיע. זאָל ער גיין אין זײַן רו אַרײַן! אין דער טרויעריקסטער צײַט האָב איך זי אַרויסגעטראָגן פון אַלע פײַערן אויף מײַן פלייצע. ד ע ר איז זיך אַוועק פאַרהיטן זײַן פעל. ערגעץ קיין רוסלאַנד אַנטלאָפן ווי זײַנס גלײַכן. אַ מוראדיקע כוואַליע געווען. אַצינד קערט זי זיך צוריק, די כוואַליע, קומען קאַפּויער נעבעך געליטענע. ער׳ט פלאַצן בײַ מיר״ — — און זי, זי האָט דעם בעריש זעליגער בלויז באַדויערט, געגאַנגען צו אים בעטן תחנונים, געוואָלט אים פלאַטשיק מאַכן: „פאַרפאַלן, מיר זענען אַזוי פיל געפּרוווט גע־וואָרן, איז דאָס אַ נײַער שניט אין דער נשמה. בערישלעב, פאַרשטיי מיך. מ׳זעמער אַזוי צעבלוטיקט געוואָרן, מוז מע קענען אויפֿנעמען באהבה אויך די אַ קלעפּ. וואָרן וואָס בלײַבט מיר צו טוען? סײַדן דו ווילסט זען מײַן טויט. ביסטעך מיר נישט קאָ׳ שונא, ראַכטיק? ווייסטעך, אויף דעם שוואַכן פאַלן אַלע צרות. בערישלעב, האָסט געזען דײַן ווײַב און קינדער אַוועקרײַסן פון דיר, איז דיר געווען גוט אויפן האַרץ? גלייב, ס׳איז מיר ביטער ווי גאַל.

וואָס זאָלעך טאָן מיט אים? האָסטעך אַ נשמה אין זיך — זאָג אַליין, וואָס זאָלעך טאָן אַז מײַן מאַן איז צוריקגעקומען! כ׳על דיר פּאַרווינטשן כ׳אייביקע לעבן. זעכער, כ׳קען נישט אַוועקגיין פון דיר, כ׳בין דיר שולדיק טויזנט דאַנקען פאַר אַלץ, אָבער... לאָז מיך אָפּ, בעריש לעבן. צעברעך מיך נישט מער. כ׳האָב שוין נישט קאַ׳ כוח!" איטלעך מאָל איז זי געלאָפן צו בערישן דעם מאַן פון אירע שוואַרצע יאָרן, געפאַלן צו זײַנע פיס ער זאָל נישט קומען צו איר, ר׳זאָל רחמנות האָבן אויפן קינד וואָס האָט צוריק געפונען דעם טאַטן. יאָ, ער טאָר זיך נישט ווײַזן. „ער" טאָר נישט וויסן, דער געקומענער, אַז ס׳איז אַזוי שטאַרק די באַהאָפטנקייט צווישן זיי, חנהן מיט אים, דעם צוגעקומענעם. פאַרפאַלן, זיי זענען טרויעריק געפּרוּווט געוואָרן, — האָט זי איבערגעחזרט, צעבראָכן זיך ס׳פּנים אין געוויין.

אַוודאי, זי׳ט שוין עפּעס דערציילט יאַנקלען. נאָר נישט ווי פון אַזעלכן, וואָס איז געווען צו איר ווי אַ מאַן, אַזוינער וואָס האָט זיך צוגעשאַרט צו איר, נייערט אַ פרײַנד וואָס האָט זיך דערבאַרעמט איבער איר קינד און איבער איר נפש, וואָס איז שוין געפאַלן פון שוואַכקייט. און רחמנות ט׳זי געבעטן בײַ בערישן און דער האָט געטרערט פאַר איר ווי אַ לאַמאַגע: „ערשט וואָס זאָל איך טאָן? דו צעברעכסט מיך ווי אַ ליימענעם טאָפּ". אָבער סוף כל סוף האָט ער געהאַט רחמנות אויף זיך אַליין. און האָט חנה גענומען זיך קלײַבן צוריק צו דעם, וואָס האָט זיך באַוויזן פון יענער וועלט, האָט דער לסוף אָנגעהויבן שרײַען, דער בערישלעב, דראָען אַז ער וועט נישט שווײַגן. זי׳ט אים אָבער איבערגעדײַבערט. ענדלעך האָט ער זיך צוזאַמענגעבראָכן אין זײַן ווינקל, געשרומפּן און געלאָזן אַלע מעגלעכע דאגות אויפן חסד פון אַליינגיין (זאָל זײַן וואָס עס ווילן! — האָט ער געמורמלט אין יאוש). אַלע מאָל האָט זי זיך נאָך אַרײַנגעכאַפּט צו אים אָפּווײנען „אַ שטיקל": ס׳אַ בראָך צו מיר. נאָר אויפן אײנעם קאָפּ איז צו ליגן און קלאָגן! געקלאַפּט זיך אין האַרץ אַרײַן אויף חרטה למאי דער טויט האָט זי געמיטן, נישט צוגענומען זי אין צײַט פון אַזוי פיל טויטן. ער, בעריש, איז בעת-מעשה געזעסן אַ צעחושטער, געקוקט מיט קעלבערנע אויגן.

אַזוי אַרום האָט בעריש זעליגער ביסלעכווײַז אויסגעבלײַכט אין געדעכעניש פון חנהן, דער פרוי פון צוריקגעקומענעם. בפרט, אַז זי פלעגט זיך ווײַזן פאַר אים וואָס אַ מאָל זעלטענער, ווינציקער. ס׳האָט גענומען נאָך

אַ ביסל און דעם בערישס שײַן איז כלל פֿאַרטונקלט געוואָרן פֿאַר איר. ער׳ט זיך מער נישט דערנענטערט צו איר, נישט פֿאַרגונען איר מער קיין נײַע צרות. און סוף־סוף האָט חנה אין גאַנצן זיך אָפּגעטוען פֿון בערישן. טאַקע אין אָנבליק פֿון יאַנקלען וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון איר. וואָס געווען, הייסט עס, מוז פֿאַרשאָטן ווערן. דער אָ איז איר מאַן! חנה האָט פֿון ס׳נײַ „פֿאַרגעסן״ איר איבערלעבונג און גענומען אײפֿעריק פֿאַדען פֿאַר דעם, פֿאַר יאַנקלען, געהיטן זײַן שריט. אויפֿגעכאַפּט זיך באַגינען פֿרעסן זײַנע הויזן, געהויערט איבער דער ציכטיקייט פֿון זײַן וועש און געמאָנט בײַ אים, ער זאָל חס ושלום נישט זײַן נאָכלעסיק: „גיי זיך גאָלן, יאַנקעשי; פּוץ דיר איבער די שיך, כ׳האָב זיי פֿריער שוין אײַנגעוויקסט״. אַז פֿון יאָרנלאַנגע פּײַן האָט ס׳געניק אים דאָך אַראָפּגעשווערט, ער איז געווען אָפּגעלאָזן, האָט זי נישט אויפֿגעהערט אים צו מינטערן: „יאַנקל, די וועלט איז נאָך וועלט״ און בינה לבינו אַראָפּגעקליבן אַ פּעדערל פֿון זײַן מלבוש, גלײַכגעמאַכט דעם קנופּ פֿון קראַוואַט.

*

בלויז טעג ווי ער איז געקומען אין שטוב אַרײַן און זי׳ט באַוויזן אַזוי פֿיל אַרומצוטאָן אַרום אים! אָבער יאַנקל ריווטין האָט נאָך אַלץ מיט גלײַכגילט געקוקט אויף חנהס פֿאַדען אַרום אים. אַן אייביקייט האָט זיך געצויגן ס׳גיהנום וואָס אָנומלט דורכגעגאַנגען, איז איצט אים, דעם מאַן, גע־ווען פֿרעמד יעדעס קנייטשל פֿון פּרווישער צערטלעכקייט. דער מענטש איז געווען מסוגל אויפֿצונעמען נאָר די שפּירונג פֿון הונגער און ס׳געפֿיל פֿון יושר צי ברוטאַלקייט. און נאָך: יאַנקל האָט זיך געשפּירט געשלאָגן מחמת פֿון איר גיין און שטיין האָט ער נאָך אַלץ געהערט דאָס סאָפּען פֿון דעם פֿאַרהוילענעם ע מ ע ק, וואָס פֿאַרפֿאָלגט אים.

פֿלעגט חנה זיך אַרויסקלײַבן אין גאַס אַרײַן — ער איז געבליבן מיטן קינד אין שטוב — האָט אין ריווטינען זיך געשטאַרקט די דריקונג: אַן אומבאַקאַנטער שטייט הינטער זײַן פּלייצע, ד ע ר שפּרינגט אָפּ איטלעך מאָל, קריכט אין אַ באַהעלטעניש אַרײַן און פֿון דאָרט גלאָצט ער פֿײַנדלעך אין זײַן זײַט. און פֿלעגט ער ענדלעך ניכטער זיך אַרומזען אַז ר׳איז אַליין אין הויז, האָט עס אים אַן איבעריק מאָל געשטויסן אַ בליק צו געבן דאָ און דאָרט, הגם אַלע ווינקלען פֿון שטוב זענען פֿאַר אים שוין געווען אָפֿן. עפּעס וועט ער נאָך אויסגעפֿינען, דאַכט זיך אים. וואָרן שטענדיק הערט זיך לאָקנדיקס אין דער מאָדנע צוריקהאַלטעוודיקייט פֿון חנהס טריט, עפּעס

ווייכט פון אים דאָס קינד, זײַן לײַבלעך קינד. איבערדריסיק קוקן אויף אים דאָ אַפילו די זאַכן.

פאַרדאַכט האָט געריוועט אויף יאַנקל ריוועטינען דעם גאַסט אינעם ווײַבס שטוב. און האָט ער מיט אינעווייניקדיקן געשריי באַוועלטיקט זײַן אומרו, געפּועלט בײַ זיך סתם אַנידערצוזעצן זיך, האָט ער אויף דער שויס אַרויפגענומען ס׳אַנגעשפּיצטע יינגעלע שימעלע וואָס האָט משמעות מורא געקראָגן פאַר דער נײַ אָנגעגאָסענער שטילקייט אין הויז.

ס׳קינד האָט לכתחילה זיך נישט געלאָזט אָנרירן פונעם פאָטער. נאָך אַ צאַפּלען זיך מיט די הענטלעך און פיסלעך — ס׳הויז איז פול געוואָרן פון טאַטנס בעטן זיך און גלעטן אים און פונעם יינגעלעס גוואַלדן — האָט ס׳קלייניקע סוף כל סוף זיך אונטערגעגעבן: מיט טרערן פאַרבאַקע־נעם פּנימל געזעסן אויף יאַנקלס קני און פון זײַנע ציטעריקע רייד און דעם יינגעלעס ברוגזע קלאַנגען האָט געוומען זיך אויסשפּינען אַ פאַר־נאַכטלעכער אומעט, וואָס האָט ווי אַן ערגעץ דערוועקטער שטראָם געבור־טשעט אין דער אַרומיקער ליידיקייט.

— איך ווייס ווי דו הייסט, זונעלע! —האָט יאַנקל געשמייכלט מיט כוונה— רוועלע, אמת?

— דו ווייסט נישט, — האָבן דעם יינגעלעס בעקלעך זיך אַ קרים געטאָן און ס׳נעזל האָט געגלאַנצט מיט אַ גרין פּענכערל.

— אָ־וואַאַאַאַ, וואַ, רוועלע פאַרלירט אַ לאַמטערעלע, — האָט דער ג ר ו י ס ע ר קינדיש זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ און אונטערגעשטעלט אַ האַנט אונטער שימעלעס נעזל, ווי ער וואָלט וועלן אַז ס׳איבערגעפּול־טע נעזל זאָל חלילה נישט פאַרלירן אַ טראָפּ פון זײַן שפע.

ס׳קליינע יינגעלע האָט זיך אומגעריכט פונאַנדערגעלאַכט מיט די פריש נאַסע בעקלעך:

— ס׳איז ראָץ, — האָבן די אייגעלעך זיך צעשטויבט און די אַק־סעלעך זיך געוויגט פון פּוֹלן האַרציקן כיכיקען.

דערנאָך איז דער שמועס צווישן טאַטע און זון שוין געווען היי־מישלעכער:

— ווו איז דײַן טאַטעשי, יינגעלע?

ס׳קינד האָט חידושלעך אים אָנגעקוקט מיט גראָ־בלאָע אפּלען, גלײַך עס וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס ד ע ר קומט מיט אַזאַ פּרעגן.

— זאָג, זאָג, שימעלע. איך בין אַ גוטער, — האָט ער זיך צוגעטוליעט צום קינד.

— געסטאָרבן דער טאַטע. היטלער האָט'ן דערשלאָגן, — און דעם קינדס אייגעלעך זענען ווידער איבערגעגאַנגען.

— ווער האָט דיר געזאָגט וועגן טאַטעשי?

— די מאַמע! — האָט שימעלע שיער־נישט פון ס'נײַ אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— ששאַ, שאַ, די מאַמע וועט דעם יינגעלע עפּעס ברענגען. עסשט זעען, גוט שימעלע, — און מיט אַ פינגער שטיפעריש אָנגערירט דעם קליינינקנס פאַרטראַכט אַראָפּגעלאָזן ליפּעלע. — האָסט ליב די מאַמעשי, שימעלע? — און ער האָט טיפער, אונטער זײַנע אויפגעהויבענע דלאָניעס, גלײַך ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ בלענדיק פענצטער, זיך אײַנגעקוקט אין דעם קינדס פנימל.

ערשט האָט שימעלע דעם אָ שוין צוריק אָנגעקוקט מיט חידוש, ווי אײנער זאָגט: וואָס פרעגט ער, דער מאָדנער? ס'יינגעלע האָט באַשײמפּערלעך נישט געקענט דערויף ענטפערן דעם אויסטערלישן פרעגער, אָבער ד ע ר שטייט צו:

— ווייסט ווי איך הייס, יינגעלע?

דער קליינטשיקער האָט צעפּראַלט די אויגן פול אומבאַשטימטקייט און פאַרוואונדערונג.

— יאַנטעוו, הייס איך, —איז געווען זײַן אומגעבעטענער ווענד צום קינד.— ווייסטו שוין?

דעם קליינינקן איז נמאס געוואָרן דאָס פרעגן, ר'האָט זיך ראַפּטעם אַראָפּגעריסן פון דער שויס און געשווינד, הגם אומדרייסט, זיך דערווײַטערט. דעם אַוועקגייענדיקן קינד האָט יאַנקל נאָכגעקוקט אַזוי גלײַך עס וואָלט באמת זיך געקליבן אויסצובאַהאַלטן זיך פון אים. און ריכטיק: שימעלע האָט קינדיש זיך געקליגט צו אַנטרינען פון דעם דאָזיקן — ער איז אַרונטערגעקראָכן הינטערן ווענטל פון דער נעבעכדיק אויסגעדינטער שאַפע און אײנצײַטיק זיך פאַרשטעלט דאָס פנימל מיט די קליינע הענטלעך.

דער פאָטער האָט דעמאָלט ווײמוטיק אויפגעצאַפּלט פון אַ דראָזש אין די ביינער:

— אָך איז אים! דעם קינד איז דערווײדער דער טאַטע, וואָס וויל צו דעם נישט זײַן פרעמד. פילט עס דען נישט דעם ציטער פון זײַן ליבשאַפט?

דאָס יינגעלע האָט געווייכט פון טאַטן וואָס האָט זיך נאָך נישט גע־געבן צו דערקענען צו אים, נישט געקענט זיך אַנטפלעקן פון דער אויס־טערלישקייט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר שימעלען דעם זונעלע.

„ווי שרעקלעך דאָס איז: די מאַמע פאַרהוילט נאָך אַלץ פאַרן קינד אַז דער טאַטע האָט זיך צוריקגעקערט פון אַלע בראַנדן. ס'קינד ווייס נעבעך נישט אַז עס האָט אַ לעבעדיקן טאַטן. זיין טאַטע דרייט זיך אַרום אין הויז — — באַשיימפערלעך, זי איז שטאַרק פאַרנומען מיט זיך גופא, מיטן פלאָנטער וואָס זי'ט אָנגעפּלאָנטערט אַרום זיך, אַרום אים.

יאַנקל ריוווטינען, דעם ניצול געוואָרענעם פון לעבעדיקן גיהנום, האָט ניילעך אַ שניד געטאָן דעם גמאסער מענטשלעכער טרויער.

ט

קוים אַכט טעג זענען אַוועק און זיי האָבן דורכגעבויערט אין יאַנקל ריוווטינס מהות אַל דאָס איבערגעלעבטע, אויך ס'געזעענע אָקערשט דאָ. נאָך מער: יעדער געדאַנק וועגן א י ר האָט אים געגומען רייצן; ער'ט זיך איינגעהאַלטן נישט צו צעשרייען זיך. מיט אַ מאָל האָט עס אים געטראָגן ווי אויף ווילדע פליגל. אַלץ האָט אים אויסגעמאָלן משוגענע בילדער פון וויבערישן פאַרראַט. ער איז געוואָרן פול חשד אויף איר. ער זיצט דאָ, ער שפּילט זיך מיטן קינד, מיט זיין קינד און זי...? כאַפּט זי זיך נאָר אַרויס, גייט זי שוין נישט ווו זי האָט געזאָלט גיין; עס ציט איר נייערט צום פאַר־ברעך. חנהן האָט ער איצט שוין דערזען אין גאַנצן. אין די פאַר יאָר האָט טאַקע אַלץ זיך שענדלעך איבערגעקערט. גאָרנישט איז געבליבן ווי געווען, „אויך ז י איז נישט די זעלביקע ווי ער האָט זי געזען פ אַ ר ד ע ם". געווען אַ געלאַסענע, אַ געטרייע, היינט איז זי נישט די חנה — פאַר־גרעבט אויף געמיינקייט איז זי, פאַרדרייט און נערוועז. ער רעדט צו איר, פרעגט פשוט און זי ווײנט באַלד, קנייפּט זיך העפטיק די באַקן, רייסט זיך די האָר, גלייך איך וואָלט איר אַן עוולה געטאָן און נישט זי מ י ר! ווער קען סובל זיין אַזוינס? חנהן איז ער אַצינד פרעמד און זי וויל עס פאַרשטעלן אויף ס'כּוח. חנה האָט אַן אַנדערן, בעת דער פאָטער פון איר קינד ליגט נאָך נישט באַגראָבן. חנה קאָן נישט זיין אַליין. חנהן דינט נישט די אליינקייט.

אַוודאי, ער קען נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף איר צרה; זי ווערט ערשט צעריסן פון ספיקות — וועמען פון די ביידע אויסקלייבן? גוואַלד,

וואָס טוט זי? ס'פײַער פאַרכאַפּט שוין די האָר פון איר אייגענעם קאָפּ! אָ, ווי אַ פילעווודיק האַרץ באַשענקט דיך מיט אויגן, מיט פאַרשאַרפּטע חושים. גערעכט איז ער, יאַנקל. ער דערקענט עס פון אירע קרעכצן און זיפצן. ער איז כשר גערעכט, אָבער אים קען זי עס נישט זאָגן. מודה זײַן זיך אויפן חטא איז אַ פײַער־פּרווו אויפן סאַמע רויפּלייש פון צעוויטיקטן געוויסן, כאָטש אָט דאָס ווערעמל האָט זי געמאַטערט אָן אַ גרענעץ: „דערצייל אים, זאָג אַלץ!" אָבער טראַכטן טראַכט זיך געשווינדער, איידער צו זאָגן אַזוינס. שטיינער ליגן איר אויף דער צונג. ערשט אַז זי האָט זיך צוגעוווינט צו זײַן בײַזײַן, האָט עס פון חנהן שוין אַרויסגערעדט, פּלוצלינג. טרערן דורכגעזאַפּט זענען באַלד געוואָרן אירע רייד:

— מעגסט גלייבן: כ'האָב פאַרשאַלטן די טעג מײַנע. הלוואַי וואָלט איך פאַרלייגט ס'קבר פון דער מאַמען. ס'איז געווען שרעקלעך. מ'האָט דעם מענטש געגעבן ס'לעבן און מיט וואָס עס אויפצוהאַלטן איז נישט געווען. גאָר־גאָר נישט איז געווען אין חושכן געטאָ און דאָס גאָרנישט איז געכפּלט געוואָרן מיט צרות, מיט ברעך.

אָפּט האָט זי דאָס איבערגעחזרט.

סתם געמעלה־גירהט: „ס'קינד, ס'קינד", און איטלעך מאָל האָט עס אים אַ ביס געטאָן, אויפגעשפּאָרנט אים ווי אַ צערייצטן האָן:

„פאַרן קינדס וועגן האָט זי זיך אָפּגעגעבן אָן אַנדערן, פאַרן קינדס טובה האָט זי געבראַכט דעם מאַן פאַר אַ קרבן, אָפּגעסמט זײַן לעצטע האָפענונג. און זיך האָט זי נעבעך מקריב געווען! אַ שאָד, ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל מיטווײנען מיט איר".

זי'ט געענוג געביטערט — האָט עס געדרילט אין זײַן געהער — ס'אַ לעבן פון אַ משוגענעם הונט. הלמאַי קומט נישט דער סוף צו אַזוינס! ווער באַדאַרף אַזאַ לעבן? בלויז ס'קליינטשיקע האָט זי אויפגעהאַלטן, אַנישט וואָלט זי אַוועק אין אויוון אַרײַן שוין מיט די ערשטע קרבנות, וואָס מ'האָט אַרויסגעשיקט. ווען ס'זענען געווען אומדערטרעגלעך די טעג און נעכט אין געטאָ, זיך נישט געקענט אָפּיאָגן פון ווערעמדיקן דײַטש — די אַלע האָבן זיך אַליין געמאָלדן אויף אַרויספאָרן. אויף אַרבעט האָט עס געהייסן, קלאָמפּערשט. אין אמתן האָט מע זיך שוין משער געווען: נישט אויף נחתן פאָרט מען, כאָטש פון העלישן פײַער האָט מע נאָך נישט געוווסט. דעם תהום האָט מען דווקא יאָ שוין געזעען, אָבער ס'עפּעס נישט קלאָר געווען. וואָרן מ'האָט גענומען אַרויסשיקן תחילת בלויז עלטערע, די

וואָס האָבן גענומען קצבה. שוין דעמאָלט וואָלט זי אַוועק, אָבער דאָס קינד?

— זאָל ער זי פאַרשעלטן. ליבערשט וואָלט זי אויסגעגאַנגען פון הונגער, צוזאַמען מיטן קינד, אַבי מער זיך נישט צוצוקוקן צום חורבן. כ׳בין אַרומגעגאַנגען אַ געשוואָלענע, אין שימלעס לייב זענען אַרײַנגעפאַלן לעבעדיקע לעכער. פון נויט, פון שלעק קומט עס; אַזאַ ווילטאָג איז דאָס וואַלגערן זיך אין מיסט — — געקומען אַ מענטש, — האָט זי זיך צעקלאָגט מיט געבראָכנקייט — צוגעשטאַנען ווי אַ ניגל, איז חושך־פינצטער איר וועלט נאָך אַצינד. דו מעגסט מיך פאַרשטויסן, קענסט מיך פאַרשעלטן. אַזאַ גורל איז מיר אָנגעחתמעט געוואָרן באַלד ווי כ׳בין נאָר געבליבן אַליין מיטן עופעלע אויף דער האַנט.

פײַנלעך האָבן זיך געצויגן יאַנקל ריווטינס טעג בײַ חנהן, דער מאַמען פון זײַן קינד. זי׳ט אַרײַנגעווײנט אין אים; קענטיק, מיטן געוויין געוואָלט עפּעס פאַרגלעטן, אָפּווישן, אָבער אים איז געוואָרן ענגער, דושנער אין דער אָ לופט. און אָט ווערט זי צודרינגלעך מיט ווײַבערישער גוטסקייט און ער בלײַבט באַלד ווידער אַליין, אויג אויף אויג מיטן אויסגעטוענעם א י ך זײַנעם. זי לאָזט זיך אַראָפּ פון די שטיגן, זי גייט אײַנקויפן געניטיקס, זאָגט זי. צי איז ער אָבער זיכער אַז זי אײַלט נישט ווידער צו י ע נ ע ם? עס ציט איר ווי דער פליג צום שפינגעוועב. פאַרדאָרבענע יאָרן געווען, איז דעם שימל פון פאַרדאַרבונג נישט לײַכט אָפּצוּוואַשן. דער גאָרער אַרום איז מבולבל. אָסור, צי ער ווייסט ווי אַזוי די מענטשן קענען זיך דאָ האַלטן. ער, יאַנקל ריווטין, וואָלט דאָ צעזעצט געוואָרן פון בלויזן צוקוקן זיך דערויף וואָס ס׳איז געוואָרן. דער פאַרעלטערטער שכל זײַנער קען עס נישט תופס זײַן. איבערגעדרייט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ.

*

דער מאַנספאַרשוין אין אים האָט סוף כל סוף זיך געבונטעוועט: וואָסי, לאָזן זיך שפּײַען אין פּנים אַרײַן? דער צעלאָמיטעטער יאַנקל ריווטין וועט אַזוי לײַכט נישט נאָכגעבן. ר׳זאָל וויסן צו פאַלן, נאָר בייגן וועט ער זיך נישט. אַפילו זי זאָל זײַן די גאַנצע פּרנסה־געבערן, ווי ס׳האָט זיך דערויף (ס׳ווײַזן זיך צו איר ווײַבער, מיידלעך, פאַר וועלכע חנה נייט קליידלעך, בלוזעס, ספּודניצעס. שנײַדערקעס זענען כלל נישטאָ, האָט מע חנהן אויסגעפונען און זי שנײַדערירט), — וואָלט ער נישט מסכים געווען אַז ס׳זאָל גיין ווי עס גייט. אַ מאָל איז יעקב געווען אַ זעלנער. ר׳ווייסט,

פּעסטקייט פון ווילן איז אַ געזעץ אין לעבן, אַנישט איז דער מענטש אַ טראַנטע. מ׳פּאַרלאָזט נישט דאָס שלאַכטפעלד בײַם ערשטן קלאַפּ. ער וועט זיך נישט זידלען, אַנידערקניִען פאַר איר וועט ער געוויס נישט. גלײַכער ענדיקן. אָפּשנײַדן אַפילו אָן אבר, שטילערהייט. אמת, ער וועט פאַרלירן, אָבער זאָל דער שונא נישט אַוועקגיין מיט אַ צו גרינגן נצחון.

ריוווטין האָט זיך אָנגענומען מיט פּעסטקייט: די דאָזיקע שטוב מוז ער פאַרלאָזן. זי? אַזעלכע וועט אים נישט גובר זײַן — האָט עס אין אים אַ זאָט געטאָן און פון ס׳נײַ פאַרביסן די ליפּן.

נישט מיט נקמה־לוסט האָט זיך אָנגעגאָסן זײַן האַרץ, וואָס האָט אין אָנהייב זיך געבלאָזן אין מגושמדיקער צערייצטקייט. שוין געוועזן אויסגערוט אַ ביסל, זיך געשפּירט בײַ דערוועקטע כוחות — האָט ער זיך אומגעריכט, קעציש דערנעענטערט צום ווײַב וואָס איז שוין נישט זײַן ווײַב. גענעענט מיט מענערשן אַרויסרוף אַזוי אַז זי האָט זיך נישט געקענט באַפרײַען פון זײַן דורכדרינגענדיקן כוח. ער׳ט געמאַכט זי זאָל אויפשוידערן אין איר גאַנצן מהות. „חנה, איך, איך — האָט ער אין טיפער נאַכט, אין סאַמע נעפל פון איר איבערגעריסענעם שלאָף, מיט קראַפט געשפּאַרט אויף דעם לײַב וואָס האָט להכעיסדיק גערייצט אין אים אַ שוין אָפּגעווישטע גלוסטיקייט. —

„וואָס שלאָפסטו נישט, יאַנקל? — האָט זיך געדריוולט איר געדאַנק, געוואָלט זיך שטאַרקן אויף די שפּליטערס מיניעדיקע דערמאָנונגען פון דעם ממשות וואָס האָלט זי תמיד אין פאַרשטשעמעטע פויסטן — כ׳האָב זיך אַזוי איבערגעשראָקן. געמיינט, כ׳פאַל אַראָפּ פון אַ הויכער הייך".

ער האָט שוין נישט געענטפערט, אָבער געשפּירט אַז די ז י צעפלאַמט זײַן גוף. זי איז די סיבה פונעם אומשלאָף, זי, דער קערפּער און די נשמה פון זײַן ז ײַ ן וואָס הימלט אָט אָ, צעגייט ווי פאַרע אָן אַ שום האָפט. זאָל זי נישט שלאָפן פונקט אַזוי ווי איך — האָט עס פון אים אַרויסגעשריגן אין פולער שטומקייט און ר׳האָט זיך זכריש געוואָרפן אויף דער וואָס אים איז באַשערט געוואָרן צו הויזן מיט איר פּנים אל פּנים, לעצטמאָליק, ווי ער׳ט אָפּגעמאַכט מיט זיך. אַ שלעפעריקע האָט זי אים אָפּגעשטויסן, נאָר אומגעריכט גיך ווידער זיך גענומען טוליען צו אים אין אַנטבלויזטקייט פון ווײַבערישע באַגערן: „טײַערער, פאַר וואָס ביסטו געווען אַזוי ווײַט אַוועק? אויף אַזוי לאַנג האָט מע דיך אָפּגעריסן. ס׳איז אַזוי גוט בײַ דיר". אין חנהן זענען אויפגעקומען שאַרפע רעגונגען און זיי האָבן זיך

איבערגערופן מיט דער ווידערגעקערטער פּאַרצוקערישער שפּירעוודיקייט פון דער פרוי, וועלכע האָט אַ נײַגיריקע דערוואַכט אונטערן באַריר פון דעם זכרס מאַכטיקער צערטלעכקייט. דאָס ערשטע מאָל זינט די פּאָר טעג, וואָס ער׳ט געהויזט מיט איר צוזאַמען, האָט זי באַלד צו מאָרגנס געקוקט אויף אים אַנדערש, אָפּענער און דאָך שעמעוודיקער ווי ביז אַהער. ווײַבלעך זיך געקאָרטשעט אונטער דער אָנשווימענדיקער, לאָקנדיקער לאַסט און ראַפּטעם זיך ווי פונאַנדערגעצווײַגט אונטערן טוי־טומאַן פונעם אויפטוי־כנדיקן קאַיאָר. שוין בײַם אויפלײַכט פונעם שיטערן באַגינען איז זי אויפ־געוועזן און געהאַלטן זיך געבן אים אין אַנטפּלעקטער דאַנקשאַפט: — ווויל וואָס דו רוסט זיך אויס, יאַנקעשי. ׳עסט קומען צו זיך און מירן זיך רעכט אײַנאָרדענען. מ׳עט ערגעץ אויסגעפינען אַן אַנדערע דירה. עס וועט זײַן ליכטיקער אין שטוב. הערסט, טײַערער — איז זי זיך פאַרגאַנגען אין הייסן שעפּטש — כ׳על מער נישט לאָזן מ׳זאָל דיך אָפּרײַסן פון מיר. און מיט נישטערנדיקע פײַכטע בליקן געזוכט זײַן געדאַנק; דאָס גלײַכן האָבן אויף אירע פינגער זיך אינסטינקטיוו אײַנגעפּלאָכטן אין זײַנע בײדע האַנט־פלאַכן, אָפּוואַרטנדיק, נערוועז זיי געפּלאָכטן. דערנאָך, אין פּלוצלינגער אויסניכטערונג, האָט זי זיך ערשט הייס פונאַנדערגעשלוכצט:

— זײַ נישט בייז, יאַנקעשי, —און געריבן איר שטערן אָן זײַן אַרבל און ס׳קול האָט געציטערט טרעריק— איך בין דיר נישט פאַלש. ביסט מיר נײַ־געבוירן, נאָר איך בין אומגליקלעך. געפאַלן אויף דער וועלט אַן אומ־גליקלעכע, אָן מזל, אָן ליכט אין מײַן לעבן, — און געהעשעט.

שפּעטער האָט זי געסקאָמליעט נאָך אונטערטעניקער, מיט אַ טרוקן קול:

— יענעם וועל איך הייסן גיין. מײַן מאַן איז געקומען. כ׳וויל מער נישט וויסן פון זײַן גוטס, כ׳טאָר עס נישט מער, וועל איך אים זאָגן. ס׳איז גיפט דער האָניק וואָס ער האָט געברענגט, — און פון ס׳נײַ זיך געטוליעט צו יאַנקלען, געבראָכן זיך פאַרן מאַן.

דערפילט, ס׳איז האָט געערירט, ז י האָט ווידער זיך דערשפּירט דאָס ווײַב פון יאַנקל ריוויטין דעם צוריקגעקומענעם, האָט ער זיך אויפגע־הויבן און איז אַוועק פון הויז.

כלומרשט קאַלט האָט ער איר געזאָגט:

— פאַרפאַלן, חנה. שריפה לאָזט איבער אַש און האָלעוועשקעס, אָבער קיין געביי שטעלט מע נישט אויף פון סאַמע אַש. אַש איז די שפּײַז נאָר

פֿאַרן משוגענעם ווינט. צוריקקערן דעם נעכטן האָט קיין שום מענטש נאָך נישט באַוויזן.

אַ רגע זיך פֿאַרטראַכט, באַלד אָנגעריררט איר אָרעם, האָט ער נאָך מוסיף געווען:

— איך קען נישט אַנדערש. אַז דו'סט דעריין אַרײַנטראַכטן, וועסטו מיך פֿאַרשטיין. זײַ געזונט. אויב דו וועסט וועלן, וועסטו מיך טרעפֿן בײַ — — ער האָט נישט באַוויזן צו דערענדיקן ס'וואָרט און איז האַסטיק אַרויס מיט אַ שווער אָפּגעהאַקטן זאָג: — אַ גוטן! — דער הוילער אויסקלאַנג דערפֿון איז זיך צעגאַנגען שוין הינטער אים.

פֿון סומנעם הויף איז ריווטין אַוועק מיט אַזאַ געפֿיל גלײַך פֿון אַלע חורבה־מײַלער וואָלט אים נאָכגעשריגן אַ געשפּענסטערישע שטים: דו, דו... אויך האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז זי, חנה, רופֿט צו אים אין יִיאוש:

— יאַאַנקל, יאַ־אַאַאַנקל, ווו לאָזסטו מיך פֿון ס'נײַ? און שימעלעס קול האָט אים נאָכגעיאָגט: — טאַאַאַ־טעע! און איר געכליפּ האָט זיך אַרײַנגעריסן אינעם קינדס געשטרעקטער טרער: „רוף אים, קינדלעב: ס'דײַן טאַ־טעע, יאָ, יאָ, דער טאַטע. רוף אים צוריק, יינגעלע: טאַאַאַ־טעע!" ווי פֿלאַמען האָבן זיך איבערן אַוועקגייענדיקן געהויבן די רופֿן, די אויסגעדאַכטע. און די ברוסט האָט זיך אין אים ווילד צעפּויקט. ערשט האָט זי זיך באַנײַס דורכגעטראָגן אין זײַן פֿאַרביסן אַלטער טראַכטונג:

„אומאָרנטלעכע כוחות זענען אַרײַן אין איר. ס'איז זיכער: אין האַרץ פֿון אַ פֿרוי קענען איינצײַטיק נישט הויזן קיין צווײ ליבעס, סײַדן זי איז אַ שדיכע. חנה איז פֿאַר מיר פֿאַרלוירן געגאַנגען אין דער זאַווערוכע. פֿאַרלוירן זי, כאָטש זי שאָטנט זיך נאָך פֿאַר מײַנע שריט. אַוודאי, איך מוז עס גלייבן. נישטאָ קאָ' ברירה. אָבער ליבע איז אייפֿערזיכטיק. מײַן קורצער שכל לערנט מיך נישט אַנדערש. אָדער איך וועל י ע נ ע ם אַרויסשטויסן, אָדער ער מיך!"

און שטילינקע האָט אים אונטערגעהנפּעט זײַן אייגנליבע: איך שטויס אים אַרויס. איכ'ל אים אָפּהיימען. אָקערשט זע: נאָך אַכט טעג פֿון איר די ערשטע טרער אַרויסגעקראָגן. איכ'ל מער נאָך אַ טרייסל טאָן!

י

יאַנקל ריווטין האָט צעוואַקלט חנהס גאָרע וועלט. די פֿרוי איז אַרומגעגאַנגען אַ צעדולטע, נישט געשלאָפֿן אין די נעכט: וואָס הייבט מען

אָן? אַזוי קען עס דאָך נישט בלײַבן — אַהין אָדער אַהער. סוף־סוף מוז זי ענטפערן זיך אַליין. קודם זיך, וואָרן ס׳שוין נישט קיין צײַט פֿאַר קווענקלעניש. געקומען ע ר און יענער וויל נישט אָפּטרעטן, מוז די דעה זײַן א י ר ע, דער מאַמעס פֿונעם קינד, וואָס מוז ערלעך פֿאַרזאָרגט ווערן. מעג זי אַנדערש טראַכטן?

חנה האָט געקלערט, זי איז משוגע געוואָרן אין ראַסלענדיקן געפֿילן־וויכער וואָס האָט געשטורעמט איבער דער פֿרוי וואָס איפֿן שיידוועג: ווער פֿוןביידן? — — פֿון דעם וואַקלעניש איז זי לסוף אַרויס מיטן געדאַנק אַז ס׳איז האַרט דער מ ו ז וואָס זי קען אים נישט פֿאַרבײַגײן מיט אָפּנאַרעכץ. זי, חנה, מוז גיין צום מאַן, הגם זי פֿילט נאָך דאָס דריקן פֿונעם חוב וואָס זי האָט לגבי דעם, דעם — אַנדערן. חוב, חוב, ס׳איז אָבער נישט קיין אומפֿאַרענטפֿערלעכער מוז, — שרײַט זי אויף. חנה זוכט צו שטילן די יסורים פֿון אייגענעם ברעקל געוויסן. — מ ו ז איז דער ערשטיקער חותם פֿון מוטערשאַפֿט און די מוטערשאַפֿט האָט איר געגעבן, פֿאַרשאָנקען מיט ליבשאַפֿט דער וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פֿון פֿײַנלעכן וואָגל. דער איז בפֿירוש דער באַוואולהטער. זי האָט אַ קינד און ס׳קינד מוז צוריקקריגן זײַן פֿאָטער, אויב ער איז דאָ, אויב ער וויל זיך נישט דערוויטערן. דער אַנדערער קאָן אין בעסטן פֿאַל זײַן אַ גוטער שטיפֿטאַטע, אלאָ אַזוינס גרוילט שוין ווי אַ דראָענדיקער פֿלאַם אין יונגן לעבן פֿון דעם אומפֿאַרשטאַנדיקסטן באַשעפֿעניש. וואָס ווייסט שימעלע? דאָס טאָר זי נישט דערלאָזן. ס׳קינד דאַרף וויסן אַז זײַן פֿאָטע איז טאַקע ד ע ר און נישט קיין צווייטער. לגבי יאַנקל ריוועטין האָט זי אַ בלוט־חוב, מיטן אַנדערן באַדאַרף חנה בלויז א י ב ע ר ר ײַ ס ן. ס׳נאָך צײַט איבערצורײַסן, אַפֿילו די באַנדן פֿון בלוט וואָס זי האָט צונויפֿגעקניפּט מיט י ע נ ע ם. זי מוז עס טאָן. זי איז אַן אָרנטלעכע פֿרוי. זי האָט דאָך נישט פֿאַרטראַכט צו פֿאַרבײַטן דעם מאַן, אויב אים איז באַשערט דאָס לעבן. זי איז די מוטער פֿון קינדס לעבן און די מוטער פֿונעם מאַנס אומזיסטיקע ליידן. זיכער ליידט ער דערפֿון. צו איר געהערט די אַנטשיידונג.

בײַ חנה דער שניידערן איז געוועזן אַ שווערער געראַנגל צווישן צעטרייסלטן ווילן און דעם דערוועקטן געפֿיל. זי האָט זיך ענדלעך אַנטשלאָסן און איז געקומען צום מאַן.

— יאַנקל, הער: כ׳האָב זיך באַפֿרײַט פֿון אַלעם! — אַ שולדיקע, מיט אַ געבראָכן קול, האָט זי עס געזאָגט און מיטן פּנים אַרויפֿגעפֿאַלן אויף

דער דערנעבנדיקער וואַנט. פון שעמעוודיקן געוויין איז זי אַריבער אין אַ געיאָמער, וואָס האָט פאַרכטיק אַנידערגעקניט פאַר אים אין הכנעה: — פאַרגיב מיר, יאַנקל! כ׳בין זינדיק. אַצינד האָב איך פאַרוואָרפן דעם וועג פון פאַלשקייטן, וואָס האָבן פאַרבלענדט מײַן שכל. הלוואַי וואָלט איך גע־ליימט געוואָרן איידער כ׳האָב אויסגעשטרעקט מײַן האַנט נאָך אַזאַ הילף!

אין דער פרעמדער שטוב, ווו ער איז אײַנגעשטאַנען, האָט יאַנקל זי טיף אָנגעקוקט, אַוועקגעזעצט זי נעבן זיך, אָפּגעווישט אירע טרערן: „שאַ, ששאַ, כ׳קען נישט הערן קיין געוויינען”. אָבער איר האָט דאָס העשען געלינדערט דאָס געקרענקטע געמיט און ווי קיין מאָל נישט ביז אַהער האָט זי זיך אַראָפּגערעדט פאַר אים. פשוט ס׳האַרץ אַוועקגעלייגט פאַר דעם מאַן:

„איך בין זיך ערשט אין גאַנצן מפקיר — טו ווי דו פאַרשטייסט, ווי דײַן יאַנדעס וועט דערלאָזן. נאָר פּײַניק נישט מיט דײַן אַוועקגיין”.

ווי די לעכצנדיקע ערד צעעפנט זיך פאַר דער פּײַכטקייט פון רעגן, האָט חנה זיך דאָ צעעפנט אין אָנגעזיכט פונעם מאַן. אַצינד איז ער אַלץ געוואָר געוואָרן, אַפילו אַז זי איז אָקערשט געווען מעוברת פון יענעם — — באַנעם, יאַנקעשי, כ׳האָב מיך געשפּירט דורכויס פאַרלוירן. שימעלע, דײַן אומגליקלעך קינד, האָט געמאָנט בײַ מיר זײַן לעבן, באַדאַי פאַר מײַן גרעס־טער פּײַן. דו ווייסט מסתם ווי מ׳האָט אין געטאָ געריסן די אָדערן פון די ייִדן, ווי ס׳האָבן אויסגעזעצן די טעג און די נעכט אונטער די דעקער ווו ס׳האָבן כסדר געפּלאָקערט סכנות און קראַמפּנדיקע נויט. וואָס מיר ברויט, ווער׳ט געקענט טראַכטן פון אַ ביסל ראַכטיק געקעכטס פאַר אַ קינד וואָס איז אויסגעגאַנגען אויף דער מאַמעס אויגן! ס׳איז נישט געווען קיין שום עצה. כ׳האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. און אין אמתן האָב׳עך שוין געמיינט — איז זי אַריבערגעגאַנגען אין אַ שטאַרקן געכליפּ — ער, יאַנקל, איז שוין נישטאָ. האָב נישט קאָ׳ פאַראיבל. ס׳נישט פון אומגעטרײַשאַפט. חס ושלום, כ׳האָב זיך אַליין פאַרווונטשן דעם טויט. גלייב, ס׳אי׳ גלײַכער געווען נישט צו דערלעבן דאָס, וואָס מ׳האָט געמוזט צוזען. דאַרפסט נאָר וועלן פאַרשטיין, ווערסט נישט בייז זײַן. יעדע רגע איז דער טויט אונדז געלעגן פאַר דער האַנט. ס׳לעבן ווי דער טויט איז געווען אַלץ איינס, נישט מער — ס׳קינד. דאָס האָט זי צוגעבונדן צום קנויל פון אַלע ביי־טערע אחריותן. אין אַזאַ מעמד האָט ער, יאַנקל זי נאָך געטראָפן ווען זי האָט געוואַשן די פאָר שטיקלעך וועש. מישטיינס געזאָגט האָט די זון שוין

געהאַט אויפגעשײַנט, פֿאַר איר איז די גרוב געבליבן אָפֿן. אויב נישט יע־נער, וואָלטן זיי שוין נישט געווען — כליפּעט זי נאָך מיט אַ שטיקנ־דיק העשען. אים איז געווען לעסטיק וואָס ער׳ט זיך געמוזט אויפשטעלן, צוגיין צו איר, אָבער סוף כל סוף איז ער געבליבן אָפּהענטיק אַנטקעגן איר. ער האָט נישט געוווּסט וואָס אָנצוהייבן. געשטאַנען אַ געריר־טער און זיך צוגעהערט צו איר וויסט געוויין. דאָס ווײַטערדיקע גערייד איז שוין געפּלאָסן אַ שווערס און אַנגעווייטיקטס:

מיט דער קללה פון דעם קרעציקן נעכטן טראָגט זי זיך אַרום עד היום. מיטן פּרוכט־אָנשפּראָץ פון אַ צוויי טן האָט זי צו אים, איר באַ־שערטן מאַן, נישט געקענט קומען. ער האָט זי אויסגעשטעלט אויף אַ נײַעם גערענגל, אָבער זי איז אים, איר יאַנקלען, שולדיק אַ דאַנק פֿאַרן שטויס דערצו, כאָטש ער האָט׳ס נישט געהאַט בכוונה. וואָרן ער׳ט נישט געוווּסט וואָס מיט איר איז בײַלעך געשען. אַ דאַנק אים האָט זי עס אָפּגעטאָן פון זיך. אַצינד וויל זי זײַן זײַנע, אין גאַנצן זײַנע, אויב ער קען איר מוחל זײַן. וואָרן נאָר ער, יאַנקל, קען איר שענקען דאָס לעבן. אַנדערש וואָלט זי נישט געהאַט קיין רו, קיין מאָל נישט. זי איז אַן אָרנטלעכע פרוי, זי בלײַבט אַ געטרײַ ווײַב. ר׳קאָן טאָן מיט איר וואָס ער באַגערט. אַפילו הרגענען מעג ער זי, אויב ער פֿאַרשטייט עס פֿאַר ריכטיק. זי פֿאַרדינט יעדע שטראָף.

ער איז געשטאַנען אַנטקעגן איר און געשפּירט זיך נישט אין דער מאַכט פונעם אייגענעם ווילן. ער׳ט זיך געפילט אַן אויסגעהוילטער. ער׳ט זיך געהאַלטן נאָר אויפן בליק וואָס האָט גליִיִק זיך אָנגעשפּאַרט אין „איר״.

יאַנקל ריוּוטין האָט אומגעריכט אײַנגעקלאַמערט ס׳ווײַב אין זײַנע אָרעמס און זיך פונאַנדערגעוויינט. זי האָט עס אין אים אַרײַנגעציטערט אַ כוואַליע פון אַזאַ ספּאַזמאַטישן אָנפאַל.

אָבער ווען ער איז געקומען צו זיך — געזען זי געבן זיך אַ שטיל הע־שנדיקע, האָט עס אים שוין הנאה געטאָן. ער׳ט דערשפּירט דעם רייץ פון נקמה, ווידער נקמה אין איר, הלמאַי זי האָט זיך געקענט אײַנשמועסן אַז ער, יאַנקל ריוּוטין, לעבט מער נישט, ר׳איז אַוועק מיטן רויך פון אַלע פֿאַראַשטע. ס׳האָט שטום געשריגן אין אים: וואָס פֿאַר אַ ייִדיש ווײַב מאַכט עס אָפּ בײַ זיך צו גלייבן אַזוי גרינג אַז איר מאַן קערט זיך מער נישט אום פון פֿאַרשיקונג? אַזעלכער קען דאָך אויך אַנטלויפן. מ׳איז דען נישט אַנטלאָפן פון שרעקיקן סיביר; און ס׳קען געשען אויך אַ נס צווישן די מע־

רערע אויסטערלישקייטן פון דער ווילדער צײַט! און אַפילו — אַז אַ מאַן שטאַרבט אויף די אייגענע אויגן פונעם ווײַב, פּרוּווט זי אים נאָך אָפּ־שרײַען, „צוריקרופן“, אָבער זי?

ער האָט שטאַר געקוקט אויף חנהס אַנגעבויגענער פּלייצע. איבער דער שטוב זעצט זיך אַראָפּ אַ פרעמדער, טונקעלער פּאַר נאַכט און אים נעמט אַרן וואָס דאָ דרייען זיך אָקערשט אַזוי פיל מענטשן! נישט ווילנדיק דערמאָנט זיך ריוווטינען דער שמועס מיטן זונעלע.

— ווו איז דײַן טאַטעליו, יינגעלע? — זיפּט ער דורך בכיוון, נאָכ־דענקלעך, די ווערטער אין דער שיטערער טונקלקייט.

— נישטאָ... געשטאָרבן...

דאָס אָ זוכנדיקע, געלאָסענע גערייד צעהילכט זיך באַנײַס אין זײַן גאַנצן מהות מיט אַ דײַטלעך חיהשן געוואָי. „ביסט געפּגרט, מ׳האָט דיך פאַרשרפּעט, דורכגעלאָזן דורכן קוימען — אַזוי באַגערט ז י ״. אין אָנ־געטונקלטן חלל זייגט זיך אַריין יאַנקל ריוווטינס אומרוּיִקער בליק און אַנט־קעגן עפענען זיך פּאַר אים גרויסע, איבערגעלאָפענע אייגעלעך פון זײַן יינגעלע; זיי דערנענטערן זיך צו אים, בעטן עפּעס, קוקן מיט נייגיר.

— — — שפּעטער האָט יאַנקל ריוווטין זיך אָפּגעטרייסלט פון דער ליימענדיקער אָפּהענטיקייט.

ער איז געבליבן אין דער פרעמדער שטוב, ער האָט נישט געקענט אָוועקשטעלן זײַן היים מיט א י ר בײַנאַנד.

יא

אין געפּלעפּטקייט, ווי אַ מענטש פּילט זיך אַ מאָל נאָך אַ שטאַרקן אינעווייניקדיקן שטורעם, זענען געפלאָסן די ווײַטערדיקע טעג און נעכט. טעג און נעכט באַגלײַך — ווײַל דער טאָג איז נאָך געווען ענלעך אויף דער נאַכט און די נאַכט אויפן טאָג. לאַנגע, האַמעטנע, נישט־ניחאדיקע, אָן טעם פון דעם עסן וואָס מ׳האָט געגעסן און אויך פונעם שלאָף, וואָס איז באַפאַלן.

צו יאַנקל ריוווטינען איז האַרט צוגעשטאַנען די נײַע פּײַנלעכע איינ־זאַמקייט. כאָטש ער שטויסט זיך צונויף מיט מענטשן, וווינט און אַרבעט צווישן מענטשן, האָט ער זיך דערשפּירט אַליין. און די אַליינקייט מאַטערט, דער רעש — צערייצט. נישט באַגערט עס, אָבער ז י האָט זיך נאָך אַלץ געפּלאָנטערט אין זײַן דמיון; ר׳האָט געוואָלט אַנטלויפן דערפון, אָבער דאָס בילד פון זײַן זונעלע, ס׳קולכל פונעם יינגעלע הוידעט זיך, קלינגט

און לײַכט אין אים. חנה, ווידער, איז צעטומלט פון די געמישטע געפילן וואָס עס האָט אין איר אַרויסגערופן די פּלוצלינגע נײַע צעטרייסלונג. געוועזן דער בעריש, צוגעוווינט זיך צו אים, האָט דער צוריקגעקומענער אים דערווײַטערט. אַלאָ ס׳לעבן שמידט זי צו צו זיך און שימעלע מאָנט. איז... וועמען קען זי זײַן נאָענטער, וועמען באַדאַרף זי נאָכגיין? צווייפל האָט פון דאָס נײַ אויפגעטויכט, אָבער אַן אַנדערע, די אין זיך צעוואַקלטע חנה, האָט זיך גענומען דינגען מיט איר: איי, איי, זי קען דען „אים״ נאָכגיין, אויב זי האָט אויפ׳ס כוח אַרויסגעריסן פון זיך די בלוטצייכנס וואָס אײַנגעזויגן פון י ע ב ע ם ? זי קען נישט. זי הענגט איבערן טונקל פון אַ תהום, אָט־אָט אַראָפּצוזינקען, צו צעברעכן רוק און לענד. ווי, צו וואָס דער שכל איז מחייב; ווי זשע קען עס האָבן אַ האַפט, אויב דער שכל האָט נישט קיין שום אָנהאַלט אָנעם מענטש.

אַ פאַרלאָזענע פון יאַנקלען — און ער טרײַבט זי פון זיך — האָט חנה זיך נאָך אָפּצויאָגן פון קעגנזעצלעכע כוחות: אי עס ציט צום מאַן, דעם וואָס האָט זי אַרויסגעפירט צו איר ווײַבלעכקייט, אי עס גיט איר נישט קיין רו דער אַנדערער, וועלכער האָט באַוויזן צו פענטען איר אייגענעם ווילן. זי שפּירט בפירוש: דער צוריקגעקומענער שטרעקט דאָך פאַר איר ס׳לעבן, איר פאַרפלאָנטערטקייט האָט אים נאָר אַ שאַרפן ברי געטאָן. ערשט באַווײַזט ער זיך אויך ווי אַ ווילדער עקשן. ר׳שטויסט מיטן קאָפּ און מיט די פיס הלמאַי אים איז נישט אין גאַנצן געבליבן ס׳זײַניקע. דעם אַנדערן, פאַרקערט, לאָקט דווקא די פאַרבאָטענע פרוי. טאָקע ווײַל דער מאַן איז דאָ; מחמת ר׳האָט זיך הערוועגט צוריקצוקומען מיט לעבן, וויל דער, דער צוגעטשעפּעטער, דווקא זײַן מיט איר, אַפילו בגנבה זײַן! נאָך מער: ווי באַלד יענער דערפילט חנה איז אַליין — ס׳איז אין דער פרי צי פאַר נאַכט צײַט — ווײַזט ער זיך, דער בעריש, פאַלט צו צו איר אַ פאַרסאָפּעטער: חנהלע, האָב נישט פאַראיבל, כ׳קען נישט אַנדערש! צווינג מיך נישט אַלע מאָל איבערצוחזרן אַז כ׳קען נישט אויסקומען אָן דיר. אין נויט האָסטו מיך צוגעבונדן צו זיך, זאָל איך אין פרײַקייט זײַן געשטראָפט צו זײַן אַליין? ער בעט זיך מיט די אויגן, שרײַט אַפילו מיט פאַרדריקטע ציין. איך קען נישט, חנהלע. ס׳איז אַ חוב פון וועלכן דו וועסט זיך נישט אַרויסדרייען. ווילסט בלײַבן אַ שיין מענטש אויף עמעצנס חשבון? ביין, גלאָטיק וועט עס נישט דורכגיין — — מאָדנע. איצט האָט ער זיך געשאַרט צווישן די חורבה־ווענט; אַרײַנגייענדיק צו איר, האָט ער גענומען זיך

אויסהיטן פון פרעמדע אויגן. און שוין העפטיק צוגעשטאַנען: חנה, שטויס מיך נישט אַוועק! דו ווייסט אַליין, האָסט נישט קא׳ רעכט דערצו. חנהלע, איך בין דיר אַ ברודער, אַ טאַטע, ווי דו ווילסט נעם עס אָן. צוגעשטאַנען מיט געבעט און קלייני:נגלשן געוויין. ער איז נישט מיד געוואָרן פון קריכן און זי׳ט זיך געווערט; לסוף האָט חנה אים פאַריאָגט מיט אירע געשרייען. נאַטירלעך, ער איז געבליבן בלינד אויף די ריסן אין איר האַרץ. אָפּט מאָל האָט זי, ממש אַ פאַרטאַמלטע, אים געמוזט הייסן גיין: „כ׳בעט דיך, זײַ מיר נישט קיין שונא. קום נישט מער״. און דערנאָך: — „לאָז מיך במנוחה!״ פאַרביסן האָט זי געקוויטשעט אויף אַ פאַרדושעט קולכל: — „געגנוג. שוין צו פיל אָפּגעצאָלט פאַרן נמאסן גוטס, גיי־גגיי־יי־יי״!

צו לעצט האָט זי נערוועיש געטופּעט מיט די פיס, זיך אָנגעצונדן מיט אַ פלאַמיקער רויטקייט.

ער איז קוים אַנטרינען פון איר עסנדיקן געשריי. געפּטרט דעם בע־רישן, האָט זיך איר אויסגעדאַכט: זי וועט אים פאַרגעסן, זי׳ט אויסשנײַדן בגוואַלד ס׳געוועזענע — זי בלײַבט מיט יאַנקלען, מיט לײַב און לעבן יאַנקלס ווײַב. ס׳הייבט זיך נישט אָן! ווי אויף צו להכעיס האָט עס איר גאָר ווידער געצויגן צו י ע נ ע ם , ער׳ט איר געריסן די אָדערן סײַ בײַ איר וואַכזײַן, סײַ אין איר חלום. זי׳ט אַרײַנגעוויינט אין זיך:

— בעריש, ווי אומגליקלעך איך בין. בעריש, זע ווי איך ווער צעריסן אויף שטיקער. פאַר וואָס האָסטו מיך אַרויסגעצויגן פון הונגערטויט און קענסט מיך נישט ראַטעווען הײַנט, ווען ס׳איז אַזוי לײַכט? איך שרײַ פון שוואַכקייט אָבער דו שלאַבערסט פון צעקראָכנקייט. וואָלטסט געווען שטאַרק אין ווילן, וואָלטסטו עס באַוויזן. געדענקסט דען נישט ווי פאַרליבטע האָבן בלית ברירה צוגענומען זייערע באַשערטע פון פאַרעקשנטע טאַטע־מאַמע, ממש פון זייערע הענט אַרויסגעריסן און מיט זיי אַריבערגעגאַנגען אַלע שטרויכלונגען? אָ, בעריש, אַ ביסעלע מער שכל און איך וואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל נישט אויסגעשטעלט געוואָרן אויף נײַע נסיונות צו מוזן אָפּגעבן דין וחשבון פאַר אַ גײַסט וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון יענער וועלט! קענסט דען פאַרגעסן ווי מיר האָבן זיך טאָג און נאַכט געוואַלגערט אין די פײַערן פון אַ פאַרוויסטער וועלט אַקעגן וועלכער מ׳האָט נישט אויפ־געהערט צו גרוילן פון אימה? בעריש, איך וועל עס בשום אופן נישט פאַר־געסן. ווען נישט דײַן שוואַכער כאַראַקטער, וואָלט איך ערשט געווען אין אַן אַנדערן באַשטאַנד. נו, פון גליק קען אונדזער סגאל שוין נישט חלומען!

די פרוי האָט אָפּטלעך געקלערט פון איר צווייטן מאַן, פון בעריש זעליגער, געדאַנקלעך זיך אַפילו געטוליעט צו אים, בעת פון יאַנקל ריווו־טינען האָט זי זיך אויכעט נישט געקענט באַפרייען. באשר — יאַנקל האָט געליטן פאַר איר, יאַנקלען האָט עס געפירט אַהיים און זי טאָר אים נישט אַוועקרויבן די היים, צו מאָל פאַר שימעלעס טובה וועגן. עס איז געווען אַ פאַרצווייפלטער געראַנגל וואָס האָט ביסלעכווייז אויסגעלייטערט דעם הימל איבער איר קאָפּ. יאָ, ס׳געמיט האָט שווער זיך באַפרייט פון גראָבע שיכטן נשמה־זשאַווער.

לאַנגע טעג, טעג און וואָכן האָט נאָך אָנגעהאַלטן דער טרעריקער קידער־ווידער צווישן איר און אים, איר און יענעם. אין צווישן האָבן ביי יאַנקל ריווטינען זיך איבערגעבראָכן אַ סך ספיקות, ס׳האָט אויסגעוועפּט זיין כעס אויפן פאַרזינדיקטן ווייב; ווי פון אַן אָפּגעדעקטן ליכט האָט ער פּלוצלינג דערזען די בויט וואָס האָט חנהן געשליידערט פון תהום צו תהום. זי האָט נעבעך נישט געהאַט קיין עצה —האָט ער לסוף אָפּגעמאַכט ביי זיך— און זיך געלאָזן איבערבעטן. מאַן און ווייב זענען זיך פון דאָס ניי צונויפגעגאַנגען. פאַר אים האָט זיך געענדיקט דאָס ווידעראַמאָליקע וואַלגערן זיך אין דער פרעמד: ריטשקעס וואַרעמקייט האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דער פאַרוואָרלאָזטער שטוב וואָס אין דער סטראַשנדיקער רויִנע. יאַנקלען האָט זי טראָפּנווייז (וואָס דאַרף דען אַן אויסגעמוטשעטער מענטש?) צוגעטראָגן היימישקייט און די זעונג „יענער" האָט זיך, ווי אַ ביטערער רויך, פּאַמעלעך אויסגעדריוולט. צו מאָל האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז שלווה גייט נאָך דעם פאַרפאַלק וואָס איז אַזוי העפטיק געשלאָגן געוואָרן פון גרעסטן נסיון. אין דער אמתן איז עס אַזוי נישט געווען. ער, דער רויִקער יאַנקל ריווטין, איז אין זיין מהות געבליבן צעצווייט. פונקט אַזוי ווי ער פלעגט זיין ליבלעך צום ווייב, האָט ער ביי אַ ליאַדע־וואָס געקענט איר פאַרקומען גראָב, אַפילו רציחהדיק. אַ ליאַדע קלייניקייט, אַן אויס־דאַכטעניש, האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כלים; און „געריהרט אים אַ נערוו" האָט דווקא זי, ס׳ווייב. איז חנה אַראָפּ אין קלייט עפּעס קויפן און אַ ביסל זיך פאַרזוימט, האָט ער שוין געפרעגט אַ דערצונדענער: „כאָטש געטראָפן זיך מיטן ליובאָווניק?" און איז ער געווען רויִק, איז נישט געווען קיין גלייכן צו יאַנקל ריווטינס גוטסקייט צום ווייב. ער האָט זיך דעמאָלט דערמאָנט די עוולות וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן איר, ר׳האָט זיך אַליין אויסגעמוסרט און מיט טרערן אין די אויגן צוגעפאַלן זי איבערבעטן. פון

דעסטוועגן האָבן זײַנע גראָבקייטן זיך עפּטערס איבערגעחזרט. איר, חנהן, האָט געטראָפן די דאָזיקע צעשפּאָלטנקייט און זי האָט געליטן. זי׳ט באַנומען די סיבות דערפון, אָבער דאָך נישט געקענט בײַשטיין די אייגענע שוואַכקייט און פּלעגט אומוויליק אויפּפלאַקערן פון זײַנע באַליידיקונגען. געשפּירט אַ שאַרפן ברי, אָבער אין תחילת בכבודיק עס פאַרליטן, נאָך באַמיט זיך אײַנצורוזיקן אים. שפּעטער האָט דערצו שוין נישט געקלעקט איר געדולד.

חנה האָט שוין אָנגעהויבן נישט פאַרשווײַגן. „יאַנקל, זאָלסט אָפּוּיצן! יאַנקל, כ׳וויל מער נישט הערן דײַנע געמיינקייטן!" זי האָט אײַנגעזען: ווען די אומקום-צײַט האָט אויסגעאיידלט, וועמען די צרות האָבן גאָר פאַרדאָרבן. דעם מאַן האָט זי פּירגעוואָרפן:

— בלויז ס׳שלעכטע האָסטו זיך אויסגעלערנט, מער גאָר נישט — און זיך אָנגעכעסט אויף אים. אַנידערגעזעצט זיך אַנטקעגן מאַן און געגעדעט אין שטוב אַרײַן טיף באַליידיקט, מיט אַ וויי-ניגון: — נאָר ער האָט געליטן. יאַנקל ריוטינען האָט מע צוגעפירט צו דער טיר פון ברענענדיקן גיהנום, געשמיסן מיט אײַזערנע ריטער און איך האָב געלעקט האָניק, אָרומגעגאַנגען אין אַ ווײַנגאָרטן! אוי-אוי, ווי דער פאַרשטאַנד איז געשלאָגן געוואָרן. ס׳ערגסטע, אַז מ׳ווערט געשלאָגן אויפן שכל!

אַ געקרענקטע האָט זי זיך צעהעשעט, הלמאַי ער ווייסט נישט אַזאַ פּשוטע זאַך — צו שעצן אַ פרויענצימער וואָס איז דאָך שוואַכער און די משא פאַרן נעכטן און פאַרן הײַנט, וואָס ליגט אויף איר איז אויף אַ מינדסט נישט קלענער פון דעם, וואָס שפּאַרט אויפן מאַנצביל:

— כ׳וועל שוין נישט זאָגן: ר׳האָט פאַר זיך דאָס ווײַב וואָס האָט זיך אָנגעגעסן מיט ברעך. אַן אייגן ווײַב מעג זײַן אַ פלעדערוויש, אָבער סתם אַ פרוי, אַן אויסגעמאַטערטע פרוי וואָס מ׳באַגעגנט אין קלעם — רופט זי נישט אַרויס כאָטש אַ ביסל מיטלייד? אַזוינס קען יאַנקל ריווטין זיך נישט נעמען אין זין אַרײַן, ראַכטיק? כאָטש איין משוגענע רגע אַזעלכע זאָל אים אײַנפאַלן. נאָר ער מוטשעט און מוטשעט!

אונטער איר ליאַרעם האָט דער מאַן שוין געמוזט שווײַגן. נישט געהאַט זיך ווו אַהינצוטאָן פון אירע געוויינען, האָט ער גענומען ס׳קינד אויף דער שויס, עפּעס געפרעגט דעם ייִנגעלע, געוואָלט געהערט ווערן פון דעם.

— וואָס דערציילסטו דאָרט דעם ברעקל? —האָט זי זיך געוואָרפן מיט רוגזה— לאָז אַראָפּ ס׳קינד. אַ טאַטע ביסטו? פאַר אַ גראָשן נישט קיין

געלענק. נאָר שרײַט, טומלט — בלויז דאָס ווייס שימעלע פון דיר. — די נערוון האָבן געקראָגן שליטה איבער חנהן.

מיט אַ מאָל האָט זי אינעם מאַן אַנטדעקט כלערליי חסרונות.

די היימישע שטוב איז יאַנקלען געוואָרן אַ טאָרטורן־קאַמער. געקו־מען פון דער אַרבעט, האָט ער אָפּגעכאַפּט די מאָלצײַט און ס'האָט אים באַלד אַרויסגעטריבן. אין גאַס איז אַלץ אים געווען פרעמד, אומהיימלעך, האָט ער געזומען זוכן די חברים פון לאַגער. ווי פאַרבלאָנדזשעטע פייגל האָבן יענע זיך שוין געהאַט אײַנגענעסטיקט אונטער פאַרשיידענע דעכער. איטלעכער האָט געוווינט אין אַן אַנדערן טייל פון דער צעוואָרפענער פרעמ־דער שטאָט וראָצלאַוו.

באַגעגנט זיך, איז בײַ זיי געווען אַן אויפהייטערונג, כאָטש קיין סיבה פאַר גרויסער פרייד איז נישט געווען.

— האָ, מ'לעבט? שוין גאָר עפּעס אַנדערש! גיב נאָר אַ קוק וואָס פאַר אַן אָנצוג, וואָס פאַר אַ שנופּס! ממש אַ קאָמענדאַנט! — האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ דערמאָנונג פונעם אַנומלטיקן לאַגער־תהום.

— או, או־ווו, וואָס מ'זעט! — האָבן לײַט בײַנאַנד געזוכט זיך אויפצוהייטערן.

— מישטיינס געזאָגט, — איז עמעץ דווקא אַרויס ניכטער, מיקלאָמ־פּערשט ווי אַזאַ וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגיסן פון אוועלכן כליניעדיקן שוים.

עטוואָס פון ווײַטנס, ווי אויף מבינות, האָט איינער דעם אַנדערן געזומען באַטראַכטן מיט נייגיר, צו מאָל געקלאַפּט יענעם איבער דער פּלייצע, אָבער איטלעכער האָט באַשײַמפּערלעך נאָך געטראָגן אין זיך זײַנע אומעטן. „קען מען אַזוינס אַרויספירן אויפן דרויסן?" — האָט בעת־מעשה איעדער זיך אַליין אָפּגעשטעלט מיט שטומען פרעג פּנים אל פּנים אַקעגן דעם אָח־לצרה. ס'איז געווען אַ מין געהאַמעוועטע שטרויכלונג וועגן וואָס קיינער האָט זיך נישט געקענט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט. פון דעסט־וועגן איז געווען ליב דער צונויפטרעף. „וואָס מאַכסטו?" „ווי גייט עס?" דער זכרון האָט זיך באַשײַמפּערלעך ערגעץ־ווו פאַרפּלאָנטערט; מ'האָט נישט געדענקט געגוי צי זיך געדוצט מיט דעם, צי געאירצט. די אויס־טערלישע נאָענטקייט פון אַנומלט האָט אויגנבליקלעך זיך פרײידיק אַ רייכער געטאָן פון די רייד, פון וואַרעמען האַנטדרוק. וועגן איטלעכנס היים האָט מע זיך תחילת נישט געפרעגט, מחמת מ'איז געווען איבערפול פו־

נעם אויבנאויפיקן נייגיר: „האַ, היינט אַ יאָר! סע לויפט די צייט, כאָטש ס׳געדעכעניש איז אָנעהאָרע אָנגעשוואָלן״. דערנאָך האָט שוין צו איינאַנדער געֶרעדט אַן אַנדערע מינע —איינגנטלעך די טריבקייט— פונעם חברס בליק וואָס באַגעגנט. אַ וועלט מיט אומעט איז געלעגן אין זייערע אויגן און מ׳האָט דאָס געוואָלט בגוואַלד פאַרשטויסן פון זיך, פאַרהוילן תוך כדי דיבור, אָבער ס׳איז נישט געווען מעגלעך אַזוי פיל ביינצוקומען; ווייל דווקא דער צונויפטרעף האָט אָנגערוקט דעם שווערן שאָטן פונעם נאָך דראָענ־דיקן באַרג ווייטיקן. וואָרן ווראָצלאַוו די שטאָט האָט בכלל געווימלט מיט דעם אָ מין פאָלק פון צעבלוטיקטע, פאַרווונדיקטע; די דאָזיקע האָבן זיך אָנגעזוען אויף אַלע גאַסן, אין דער גאָרער באַוועגונג פון שטאָט, וועלכע האָט זיך געקאָרטשעט אונטער די הימלען אין פולער שטויבונג פון ניצול געוואָרענע טורעמס און צעריסענע מויערן, גלייך די אָ מויערן וואָלטן נישט אויפגעהערט פאַרעקשנט פרעגן: „איז דאָס די זעלביקע דויטשלאַנד?״ די יידן וואָס פאַרוואַלגערט געוואָרן אַהער האָבן זיך באַוועגט ווי אויף קרוכלע, שפיציק צעברעקלט גלאָז. פריינד וואָס זיך באַגעגנט, האָבן זיך איבערגערופן אין קרענקלעכער האָפעדיקייט. דערמאָנט אַ לאַגער־עלטסטן, אַ קאַפּאָ, וועלכער קען נישט אַרויס פון זינען: טשיקאַווע, ווי דער הילפּער־דינג זעט אויס היינט!״ — אָ, איך וואָלט נישט געקענט גלייכגילטיק אים פאַרבייגיין. נו, ווערעמדיקער האַנס, ווו איז ערשט דיין דעה איבער אונדז? און כ׳וואָלט אים אָנגעשפּיגן אַ פולע צורה. „איך וואָלט אים דערלאַנגט איבער דער מאָרדע. זעסט, אַזוי אָ וואָלט איך אים צעקוועטשט. זיין גער־גלע וואָלט איך געהאַלטן אָט אַזוי!״

אומגערן האָט ווידער אָנגעשאָטנט דער קאָשמאַר פון די באַגראָ־בענע יאָרן. זיי האָבן זיך פון ס׳ניי, אומבאַוווסט פאַר זיך, אָפּגעטונקען אין די טרויעריקע שטראָמען פון יענע יאָרן — —

„אונדזער לאַגער־הער? עפּעס אַ קלייניקייט אונדזער לאַגער־באַלעבאָס! ווער איז אַזוי גרויס ווי ער? זיין פרישטיק האָט ער געמוזט צו ערשט פאַר־בייסן מיט אַ צוויי־דריי קעפּלעך. אַ ווונק געטאָן צו די ערשטע־בעסטע העפטלינגע וואָס באַגעגנט: „קאָם מאַל העער!״ הינטער דער וואַנט זיי פּ׳ליי־סיק אַוועקגעפירט און — פאַרענדיקט, דער מנובלדיקער רוצח. ר׳האָט זיך אפנים געשעמט מיט דער ווילדער מלאכה, דער היצל! זיך אָפּגעקאָלערט די פרימאָרגנדיקע רעוואָלווער־שאָסן, האָט מע שוין געהאַט אַ סימן אַז דער „פיינער היינריך״ זעצט זיך רויק עסן דאָס אָנבייסן.

כאָלדיק האָט מיט זכרישער גלוסטיקייט געהאַט גערן צו דערמאָנען די בלאָנדהאָריקע מאַרטאַ פון מאַטהאַוזען. ס׳אַראַ ריזיק ווײַבספאַרשוין! אַ שטאַלטנע, מיט מאַכטיקע אָרעמס און מיט אַ שטים וואָס האָט תמיד אויסגעציקלט מיט דראָונג. גוואַלד, האָט כאָלדיק נישט אויפגעהערט זיך חידושן — פון וואַנען האָבן די בעסטיעס גענומען אַזאַ קופּע מיסט אין אַ קליידל און שטיוול!! אירע נאָזלעכער פלעגן אָטעמען מיט היץ, די פולע ליפּן האָבן געציטערט תאווהדיק און ס׳לעדערנע בײַטשל אין איר האַנט פּײַפּט הערשעריש. זי׳ט הנאה וואָס ס׳ציטערט פאַר איר דער גאַנצער לאַגער. זי גייט און באַפעל פאַלט פון איר איטלעכן קלאַנג. געדענקסט די פאַדלע? מאַרטאַ האָט פּײַנט שוואַכע און בלייכע. אין סאַמע געדיכטעניש פון פינצטערנדיקן פּחד האָט מע פאַר אירע שמאַלץ־פאַרוואָקסענע אויגן זיך געמוזט באַווײַזן ווי אַ גייעדיקע ספּרוזשינע, אויסגעגלײַכט אין פעסטן ריטעם פון די באַוועגטע אַקסלען. סעלעקציעס זענען געווען איר זאַך. — ערשט האָבן זיך צעעפנט די קאַמערן פון געדעכעניש, זיי האָבן צעפּראַלט די אויגן: דער עס־עס־קאָרדאָן איז זיך נישט באַגאַנגען אָן מאַרטאַס מיטווירקונג. אַז סע שמעקט מיט אַ נײַער שחיטה האָט מע שטענדיק געוווּסט פון פאָרויס. אַ נאַכט פריִער האָט מאַרטאַ ברייטגיביק געטיילט איר געלעגער מיט די שטאַרקסטע מענער פון מאַטהאַוזענער לאַגערדינסט. שוין געווען אַזאַ אײַנפיר: מ׳האָט זיך אין ל אַ ג ע ר ה ו י ף באַצײַטנס אָפּן באַלעקט מיטן קומענדיקן זיג איבער דער „אָסטשײַסע". ווען פון מאַרטאַס צימער האָט זיך צעטראָגן אַ ווילד געזינגעכץ, וואָס איז פון מאָל צו מאָל איבערגעריסן געוואָרן כדי אויסצוברעכן פון דאָס נײַ מיט בהמהשערטעמפּקייט, האָבן די געמיינטע קרבנות אין די באַראַקן אויפגעגרוילט אויף זייערע פּריטשעס. אַלע האָבן געאָנט, געפילט די שריט פון טויט. ס׳גרייט זיך. אָט, אָט דערנעענטערט עס זיך. די טיגעריכע פּראַוועט שוין אָרגיעס פון געשלעכט. ס׳איז די אויפשטורעמונג פון בלוט־אָנגעהיצטן קערפּער. נאָך דעם וועט קומען די אינטענסיווע לאַגער־וואָכעדיקייט, „די גרויסע אַרבעט", דאָס טרײַבן די העפטלינגע צו פּײַן, צו קראַמפּן פון הונגער און עקזעקוציעס. אָ, ווער קען פאַרגעסן די אָפּגעיאַכמערטע מאַרטאַ ווי זי האָט „נאָך דעם" געבושעוועט איבער די קעפּ פון די וואָס מ׳האָט אומגעריכט אַרויסגעצויגן פון די באַראַקן. די אויסגעדייווערטע, „די מוסולמענער" זענען געווען פאַרציטערט, כאָטש אין זינען זענען זיי שוין געווען לגמרי אָפּגעגאָסן מיט גלײַכגילט צום אייגענעם פינצטערן סוף. „אַנטרינען ער־

גייען דאָ? ס׳אַ משוגעת אַפילו צו קלערן אַזוינס. סײַדן וואַרפֿן זיך אויף דער עלעקטריזירטער פּאַרצוימונג אָדער גאָר נעמען שפּאַלטן די שאַרבנס פֿון די... כאַ, כאַכאַאַאַ, אומזין! אָבער אויסטערליש: אין גאַנצן אונטערגעבן זיך דעם ייאוש האָט פֿון דעסטוועגן נישט געלאָזט דאָס נאָך טליִעדיקע פֿלעמל. די אויגן אַרויסגעזעצט פֿון דריקנדיקן נעפּל, די מוחות אײַנגעגליווערט אויף די צעבראָזגעטע געשרייען וואָס טראָגן זיך פֿון מאַרטאַן דער לאַ־גער־קו און אירע באַגלייטערס מיט די פּיסטוילן אין די הענט. חברה, איר האָרכט מיך? צינדט זיך אָן כאַלדיק: — סע בלײַבט סוף כל סוף נאָר איינס — נקמה אין די חיות! אָבער באַלד נעמט ער קרימלען שמייכלען, גלײַך ער וואָלט וועלן לעשן זײַן אייגענע אָקערשט אַרויסגעבראַכטע נאַ־רישקייט: או־או־או־ו־, אפֿשר וועט דאָך שוין גענוג זײַן מיט די אַלע טראַגטעס? און תיכף קערט ער זיך אָפּ פֿונעם ציניזם וואָס האָט זיך אָנגע־הויקערט אויף אים. ר׳גיט אַ שטעל אָן אַן אַנדערע מינע, טענהט שוין מיט אַן אַנדער קול: העלדן מײַנע, ווו נעמט מע כאָטש כוח אַרויסצוברענגען דאָס לעצטע צעטרייסלענדיקע געשריי אַז די אָ זאָלן אויף אַן אמת אײַנ־געזונקען ווערן אונטער די גלייקע תהומען וואָס שטייען נאָך צעעפֿנטע, וואַרטנדיקע — —? ווײ, אויף וועמען דאָס וואַרטן!!

נאָך אַצינד רינצלט די הויט אונטערן הויך פֿון די אָנשווימענדיקע שפּירונגען, וואָס באַדראָען דאָס האַרץ.

עס האָט גענומען לאַנגע רגעס ביז די פֿרײַנד האָבן זיך אָפּגעשאָקלט פֿון דעם שטורעמשטויב וואָס די אָנגעפּיבערטע אַנונגען האָבן אָנגעבראַכט. מעלאַנכאָליש האָט עמעץ נאָך געמורמלט: „צו וואָס, ליבער מענטש, צוריק־גיין מיטן געדאַנק אין יענע אומגליקן אַרײַן? מ׳באַדאַרף נישט אַליין אַרויס־רופֿן יענע קראַמפֿן״. און טייל ברענען נאָך מיט טענה צום געוועזענעם שוסטערוק: — פֿון וואָס אַ מענטש האָט הנאה! פֿאַרגלוסט זיך צו דער לאַגער־קו מאַרטאַ. וואָס נאָך, כאָלדיק?

— שוין, שוין! אַזוי וויל איז אײַך, אַז איר ווילט אַפילו נישט גע־דענקען דאָס, וואָס ס׳געדענקט זיך? פּע, ריסטאָקראַטן געוואָרן, — האָט כאָלדיק זיך געקרימט — איך בין אַ פּראָסטער חי וקיים. דווקא ס׳שלעכטע דערמאָנט זיך מער, כדי צו קענען זשיפּען אַ ביסל פֿריילעכער. ווער זשע איז דער נאַר וואָס וויל זיך נישט שטעלן אין ליכט אַרײַן, איידער צו מוזן ווידער פֿוילן אין טוכלען חושך? חברה, איר מעגט זיך ברוגזן — איך קען

נישט אַנדערש! אַ נו, אפשר גייען מיר אויף אַ כוסע? אַז דערלעבט, זאָל מען עס „באַגיסן״!

אַוודאי, זי שײַנט אַרײַן אין רעיון, די טונקלסטע דערמאָנונג באַשר אַצינד איז דאָך בעסער, כאָטש צו גוט איז נאָך ווײַט. און צוריק גע־שמועסט, טרייסט מע זיך מיט האַרץ־חלשות. צי קען שוין בכלל גוט זײַן אַזעלכענע ווי...? אין מיטן דערינען רײַסט זיך אַרויס אַ שטומער פרעג אַזאַ און מ׳צווינגט אַרויף אַ שמייכעלע אַ ביטערס. אַזוי בײַ דעם ווי בײַ אַן אַנדערן. יאַנקל ריווטין איז דער, וואָס לאָזט זיך הערן צום ווינציקסטן. ער איז „דערהרגעט״. וואָס זאָל ער דערציילן וועמען? אויך פאַרבער איז צוריקהאַלטעוודיק. אַן אָנגעקראָכמאַליעטער אין אַ האַרטן ווײַסן קראַגן זיצט ער מבוהל איבערן גלאָז ביר, פון וועלכן ער האָט קוים אָפּגענעפּט. מ׳ווייסט: ער האָט זיך ערגעץ פאַרהיימישט אויף אַ בערגל שמאָטעס און וואַרט אויף וויכטיקע בריוו פון אויסלאַנד. צום „עולם״ קומט ער גערן, אָבער אויף רעדן איז ער קאַרג. מ׳פרעגט אים עפּעס, באַגנוגנט ער זיך מיט אַ תנועה מיט וועלכער ער וויל אַלץ אָפּפּטרן. זײַנע אייגן שיקלען בעת־מעשה פּילזאָגנדיק. אָבער הערן „צו פיל״ האָט ער סײַ ווי מורא. באַשײַמפּערלעך — אים איז אָנגעזאָליעט אויפן האַרץ, אָדער ער טראַכט סודותדיקס. יאָ, בײַ מערערע נײַ־געקומענע האָדעווען זיך סודות, אַרומ־געוואַקסענע מיט שרעק. דער כאַלדיק הערט אַלץ נישט אויף צו שרעקן זײַנע פרײַנד מיט די אַמאָליקע מעשיות, צו וועלכע ער קערט זיך אום איטלעך מאָל. גענוג, —טענהט צו אים דער כענטשינער— גלײַכער צו האַלטן זיך פון ווײַטנס פון דעם טעם׳עוודיקן, וואָס מ׳איז דערפון קוים פּטור געוואָרן. „עולם״ איז מסכים און פּרוווט בציבור זיך אַליין איבערצו־שרײַען מיט געקינצלטן געלעכטער און די פרײַנד נעמען זיך מיט אַ מאָל פאַר די הענט. געגאַנגען אַ טענצל, הײַסט עס. די טרינקשטוב מיט די זײַ־טיקע אַרומזיצערס קוקט זיך אַרום אויף דעם אַ געזעמל און — סטאָפּ. סע טאַנצט זיך נישט. די צונויפגעקומענע חברים, וואָס זיי בינדט ס׳געדע־כעניש פון לאַגער, דערשפּירן זיך אַנגעווייטיקטע יידן ווי געוועז אַנומלט אין די אייגענע ווינקלען פון סומנע באַראַק אין — — אָ, ווי די דערמאָנונג פּינצטערט אָן ס׳געמיט. סע ווערט דערווידער דאָס טומאַניקע מיט די בעלקעס פון דער אָנגעזויערטער טרינקשטוב, וואָס פאַרשמעקט ווידער מיט דײַטש. מ׳גייט ליבערשט אַרויס אויפן ראַנד פון שטאָט, ווו ס׳רעדט זיך אַנדערש, ווינציקער געקוועלט. זיכער, עס איז אויך נישט דאָס וואָס

וועבט זיך אין דער נשמה. צו מאָל רײַסט זיך אַרויס אַ געשפּאָלטן געלעכ־טער, אַ גרימאַסע, וואָס גרײַפט אָן אומאויפהערלעך.

עטלעכע באַגעגענישן אַזוינע און איינער האָט דעם אַנדערן אַרײַנ־געפירט צו זיך אין הויז. צו וואָס זיך דרייען אין גאַס, — פאַרענטפערט זיך דער מכניס אורח — אַז ס׳איז שוין איבער געצוג פאַר אונדז די אויס־געוואָרפנקייט אָן אַ היים. ס׳האָט געפעלט דער ריח פון געמיטלעכקייט, דערפאַר אַזאַ בלינדער געטלי וואָס צעטאָרעט דאָס האַרץ. סתם דרייען זיך אין גאַס, נאָגט אויס די כוחות.

לפנים וועגן נעמט חנה אויף די דאָזיקע מיט אויפוואַרטעכץ: „געסט מיר אַרײַנגעפירט. כ׳באַדאַרף זיי נייטיק אין טאָפּ אַרײַן!״ — טראַכט זי, אָבער זי דערלאַנגט צום טיש היימיש געבאַקענע קיכלעך, אַ פריש פאַר־בריט גלאָז טיי, אַלאַ זי אַליין זעצט זיך נישט צו צום טיש. זי פילט אַ ווי־דערווילן צו די מענטשן פון די לאַגערן. משוגעים, טראַכט זי, און אין דעם „קרענצל״ נעמט זי אַרײַן אויך איר מאַן: „אַ נאַרמאַל לעבן איז אַזעלכע שוין פרעמד. רײַסן און בײַסן זיך איז די געוווינשאַפט וואָס זיי האָבן פאַראיבע־ריקט״. דער מוח ווערט איר צעזעצט פון מיטאַמאָליקן איבערטראַכטן ס׳דאָזיקע.

— און די באַלעבאָסטע? — פילן זיך די געסט פריקרע, ווען זיי דערזעען זיך בײַם טיש איינע אַליין, די כאָפּטע מענער וואָס מ׳וואַרפט זיי צו אַ גאָב צו שלינגען, קײַען. די פרוי, וואָס גיט כיבוד, דערווײַטערט זיך פון זיי. און דווקא זענען זיי להוט איבערצוואַרפן זיך מיט אַ וואָרט מיט נאָך עמעצן, בפרט אַז די אָ איז אַן אָנגעהעריקע צו אַן אייגענעם, מיט יאַנקל ריוּוטין.

— האָט נישט פאַראיבל, — ענטפערט זי אָפּטרעטנדיק אַזוי גלײַך זי וואָלט געוועזן מי יודע פאַרנומען. — כ׳פּיל זיך נישט מיט אַלעמען. איך טאָר נישט. צו מאָל נישט אַ שלוק וואַסער, — און געלאָזן ס׳געזעמל ווי אַ חברותא וואָס איינער איז „ווערט״ דעם אַנדערן.

די געסט האָבן שוין געזופּט דעם טיי יוצא צו זײַן; די רייד בײַם טיש האָבן מער זיך נישט געקלעפּט. די לײַט האָבן דערפילט: דעם יאַנקלען איז נישט מקנא צו זײַן. געפינען ס׳ווײַב, אָבער נישט קיין היים. „נישט קיין גרויסע קאָכאַניע צווישן זיי״, — האָבן זיי אויך דערנאָך איבערגערעדט. מ׳דערקענט שוין אין דער באַרווע. זעט׳ס, אַ מענטש אײַלט זיך, ר׳האָפּט, —

וויסט ער צו וואָס? מסתמא אַ געשוויר אָנגעוואַקסן אויף אַן אומבאַקוועמען אָרט, איז טאַקע ביטער און געמיין.

דער פינצטערלעכער גרויסשטאָטישער אויפדערנאַכט האָט צעמישט די סילועטן און די קולות פון די פרײַנד וואָס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין די אייגענע ווינקלען, יעדער מיט אַן אָנגעשטשערבעטן געמיט. יאַנקל ריוווטין איז געבליבן אין שטוב וואָס אויף דער סמוטנער זבאָזשאַוואַ־גאַס פון דער אויסגעשרפּעטן וואַרצלאַוו. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן ווײַב און קינד, אַרומגעשלייכט ווי אַ מידיקלעכע הויז־חיה, אַ הונט אָדער אַ קאַץ, וואָס מ׳איז סובל אין שטוב מחמת מ׳האָט פון איר ווען־עס־איז אַ נוץ. פון יאַנקלען דעם צוריקגעקומענעם מאַן פון די טרויעריקע ווײַטן האָט ס׳הויז פון חנה דער שנײַדערקע געהאַט אַ נוצן. ער׳ט אָנגעהויבן אַהיים ברענגען ס׳פּאַרדינטע געלט און ער׳ט זיך גערעכנט פאַרן פאָטער פונעם קינד, כאָטש ער יאַנקל, האָט נישט פאַרנומען פון דעם קליינעם שימעלע די ליכטיקייט פונעם וואָרט ט אַ ט ע , ט אַ ט ע ש י ; אַוודאי און אַוודאי האָט ער נישט געשפּירט די היילעוודיקע זיסקייט פון דעם קינדס נאָענטקייט. ס׳יינגעלע האָט זיך נישט געטוליעט צו אים. אין די געריבטע יאָרן, צווישן וועלכע עס וואַלגערט זיך נאָך זײַן דערדריקט געמיט, האָט די מאַמע שימעלען אַזוי געלערנט די הלכות ליבשאַפט צום אייגענעם טאַטן. „אַוועקדענומען דער פּאַפּאַ. געסטאָרבן...״ און ריכטיק: ווײַל אַ צווייטער האָט פאַרטראַטן דעם פּאַפּאַ. דאָס קינד האָט אַלץ צוגעזען. כאָטש ס׳איז נאַריש, אָבער אַזאַ זעען געדענקט אַ קינד. געוויס, אַזאַ גנבה לאָזט זיך נישט אויסבאַהאַלטן. ערשט הערט דאָס זונדעלע ווי די מאַמע בורטשעט:

— שוין געקומען, דער... רק זי ברענגט אַרויס איר פאַראיבל אַלע מאָל, ווען ס׳הערט זיך היגטער דער טיר דעם מאַנס אָנקומען, און גייט ער אַרײַן אין שטוב, קוקט ס׳יינגעלע אָן דעם יאַנקל ריוווטינען מיט שטוינענדיקע, פרעגנדיקע אויגן: „ווידער געקומען דער פּאַן?!״

שפּעטערצו האָט די קלאָרע צערטלעכקייט פון פאָטער צום קינד זיך שוין אָנבאַגעגנט מיט די שטעכלקעס וואָס זענען האַרט אָנגעוואַקסן אין דעם יינגעלעס געמיט. ס׳מײַן קינד, — האָט דער מענטש געביטערט — אָבער מ׳האָט עס בײַ מיר מיאוס צוגערויבט! ס׳איז דער מאַמעס קלוגשאַפט דעריך. אָ, צו וואָס כ׳בין אַהיים געקומען!

יב

ריווטין האָט שווער זיך צוגעוווינט צום מעמד פון אַ צוריקגעקור־מענעם. ס׳וויַיב ווערט ווילד ווען זי הערט אים דערמאָנען די חברים, די וועלכע ער האָט אַ מאָל אַריַינגעבראַכט פון פריַינדשאַפט וועגן. איר נעמט אָן אַ ווידערווילן, אויב מ׳רעדט פון לאַגער און לאַגערמענטשן. „כ׳בין זאַט דערפון, יאַנקל! לאָמיך געמאַך, יאַנקל״. שוויַיגט ער ליבערשט, ווען ער איז מיט איר אויג אויף אויג, כאָטש עס ווילט זיך רעדן, עפּעס פרעגן. תמיד קאָכט חנה ווי אַן אונטערגעהייצטער קעסל, תמיד בייַסט זי די לי־פּעלעך. אין דער פרי גייט ער אַוועק צו דער אַרבעט, אין אָוונט פאַר־ברענגט ער אין פאַראיין ביַי פאַרזאַמלונגען אָדער ביַי לייענען צייַטונגען. אפּנים, די וועלט האָט זיך גאָר וויַיט אָפּגערוקט פון דאַנען. ערגעץ אַנדערש האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט, די וועלט, מיט אירע ליכטיקייטן און אַלע מטושטשע קלאַנגען, וואָס רייַסן זיך דורך צו איר אַלע מאָל. נו, דאָ איז נאָר אויף איבערצוקומען אַ שטיקל צייַט. ווען ס׳קאָן קומען אַן ענד צו דעם, וואָס איצט? ער׳ט נישט וועמען צו פרעגן דערוועגן. לויט אים איז לחלוטין נישטאָ קיין ענד צו דעם אָ מטושטשן מעמד. מען כאַפּט נאָר אָפּ דעם אָטעם. אַ ים מיט סודות ריזלט אַרום די לייַט. ס׳האָבן זיך צונויפגענומען שטאַרקע, ברענען זיי, קאָכן זיך; ער הערט, דער מזרח און מערב זענען פון דאָס ניַי אויף מעסער־שטעך. ריווטינען איז צו פיל פאַרלייגט דער קאָפּ אַז ר׳זאָל טראַכטן דערפון. מענטשן קענען זיך אויס אויף די אַ ניַיעסן. קען ער זיך גיין ברעכן דעם קאָפּ דערויף? טראַכטן וועגן תכלית פון דער וועלט? זי מעג שוין צעשפּרונגען ווערן. און טרייַבט עס אים נישט אַרויס פון שטוב, ווערט ער דער שפּיל־חבר פון דעם קליינעם יינגעלע. שימע־לען איז לאַנגוויַיליק, דעמאָלט איז דער פרעמדער, וואָס האָט זיך אַריַינ־גענאַדיעט צו זיי, אויך גערן געזען. שימעלע באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל און דער אָ קריכט אונטערן טיש אַרונטער, מיאַוטשעט ווי אַ פאַרבענקטע קאַץ, האַווקעט ווי אַ הינטל.

ווערט יאַנקל ריווטין מיד, אָדער ער פאַרגעסט זיך אַ וויַילע, וועקט אים דאָס פאַרשפּילטע יינגעלע:

— יאַנטל, ביסט סוין ניסטאָ?

— שימעלע, כ׳בין שוין דאָ, אָט, אָט דעטימען, מיאַ־מיאַו־אַו־אַו!

חנה איז דערביַי ווי נישט פאַראַנען. זי זיצט אַ פאַרגליווערטע אָדער זי כאַפּט זיך פּלוצלינג אַז ס׳איז שוין שפּעט. מ׳באַדאַרף נישט שטערן דער

נאַכט. ס׳באַדאַרף ווערן שטיל אין שטוב. זי וואַרפט אַ צערייצטן געשריי און די שפּילנדיקע, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרגעסן, הערן אויף מיט אַ מאָל זיך איבערצורופן, יאָגן זיך, געפינען איינאַנדער אין די באַהעלטענישן די אויבנאויפיקע. ס׳נעמען זיך אויסשפּרייטן די אָנגעהאַרבעטע טונקלקייטן אין הויז, וואָס דערמאָנען אָן דער נאַכט, וואָס רוקט זיך אַרויס אַ קאָל־טענעוואַטע מיט אומגעלומפּערטע גלידער.

שפּעטער פּאַלט יאַנקל ריוּוטין ווי אַ שטיין אויפן געלעגער אַרויף. חנה, פאַרקערט, קען אָן אויג נישט צוטאָן. איבער דער פרוי זענען שולט אירע צערודערטע נערוון. ד ע ר א ו ן י ע נ ע ר איז דער נאָמען פון דער צערייצטקייט וואָס הענגט אָן אָנגעיאָזשעטע איבערן הויז.

אויך צו מאָרגנס איז קיין שלווה נישט אָנגעטראָטן אויף דער שטוב אין דעם פּוסטעווענדיקן שטאָטישן הויף.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פריער זענען זיי בײַנאַנד געווען פינעף אין שווערן עלנט, די אַסירים, איטלעכער האָט געהאָפט אַז אפשר, אפשר? מענטשן האָבן זיך נאָך אַלץ גע־זוכט צו ראַטעווען. אָבער עס זענען געבליבן צעקוועטשטע. ערשט איז ער אַליין, איינער. אויך ער האָט געמיינט — — ניין, ניין! יאַנקלען דריקט אַ גאַר נישט געאָנט אומגליק. נישט די שוואַרצע נויט, נישט קיין באָמבע האָבן אים דעריאָגט. אַלע יאָרן איז ער געשטאַנען אײַזן־שטאַרק אַנטקעגן דער בראָך. אַצינד קומט זײַן סוף. ווי אַ פלעדערמויז הויערט אָן עמעץ איבער ז ײַ ן שטוב, דערענדיקט אים. ווער ווייסט? ווער ווייסט? סײַדן דאָס קליינע שימעלע וועט אים פאַרשטיין. קינדער זענען דאָך גיך אויסגעוואַקסן אין שכל בעת דער אויסטערלישער זאַווערוכע.

ג ר ע נ ע צ ן

וואַרשע, האַרבסט 1948

אין מיניעדיק שטילן ליכט פון זאַל האָט עפּעס פּלוצלינג אַ האַסטיקן פּאַל געטאָן מיט אַ דומפּן הילך. דערויף האָט זיך אָפּגעריסן אַ ווייכער קלאַפּ. אין ווינקל פון די באַזעצטע אייבערשטע רייען איז באַלד געוואָרן אַ באַוועגונג צווישן אומגעריכט באַאומרויִקטע. דערנאָך האָבן מענטשן שוין מבולבל זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּגעבויגן זיך צו דר׳ערד, עפּעס אומבאַשטימטס געזוכט אַרום זיך. באַשײַמפּערלעך: ס׳איז געשען עפּעס אומהיימלעכס. מ׳האָט זיך אָבער געהיט דאָס נישט אויסצושפּרייטן, צו מאַכן צו פיל טומל. שטערן די פײַערלעכקייט. ס׳איז געגאַנגען אויך אינעם כבוד פונעם רעדנער, אים נישט צו שטערן. צווישן עולם איז פון דעסטוועגן באַלד אַדורך די נײַס אַז עמעצער חלשט.

„ווע־עער?‟ — האָט מען זיך איבערגעוווּנקען.

קאָפּ מיט קאָפּ האָבן אומבאַמערקט זיך צונויפגעטראָפן, אַפילו מיט אַן־אַנדער זיך אָנגערירט אונטער אַ געמורמל.

— ששש, לאָז געמאַך! אויגן האָבן אומבאַמערקט זיך געדרייט אין די נעסטן און צעעפנטע ליפּן האָבן ווידער זיך צונויפגעפּרעסט און אומבאַהאָלפן, אין שטומען פאַרענטפער, געשאָנקען די בליקן דעם רעדנער. ער איז אַ לענגערע ווײַל געשטאַנען אויבנאָן אַ לאַנגפּנימדיקער, אַ געהויקערטער און מיט זײַן האַרטער מינע נאָך אָנגעהאַלטן דאָס פײַער פון מוסר, וואָס ער׳ט געהאַט פונאַנדערגעלייגט, געברענט די שונאים פון פאָלק.

קענטיק, ער האָט נישט ניחאדיק איבערגעדויערט דעם אומגעריכטן איבעררײַס, וואָס׳ט סײַ ווי נישט לאַנג אָנגעהאַלטן.

אָנגעגליטע האָבן די פּראַזן פון דאָס נײַ זיך באַלד געהויבן איבערן עולם. דער רעדנער האָט זיי מיט העפטיקייט אַראָפּגעלאָזן איבער די קעפּ וואָס האָבן נישט אויפגעהערט פאַרנעמען דעם טעמפּן קלאַפּ פונעם פאַרחלשטן, וועלכער איז געבליבן גליווערן אַרום זיי מיט דער פאַרנעפּלטקייט פון אַ באַדראָעט לעבן. פון דער טריבונע האָבן אָבער עקשנותדיק ווי־

ברירט רייד וואָס האָבן ווי פונקען פאַרצוקט דעם איינגעהאַלטענעם רויש, וועלכער האָט פון ערגעץ אין דער נידער נאָך אַלץ געלאָזט וויסן פון זיך, אויפגעבלעזלט, פון מאָל צו מאָל, פערמענטירט.

„האַרץ־טראָפּן באַקומען פאַר אים...״

„ווי, ר׳קומט צו זיך?״

„כאָטש גערופן אַ דאָקטער?״

לייט האָבן מורא געהאַט געגעגען צו דעם פאַל: „זאָל מע זיי נאָר נישט חושד זיין באשר זיי מישן זיך מיט אַ נ ג ע ז ע נ ק ט ע״ — דאָך האָבן טייל זיך נישט געקענט איינהאַלטן צו שטיין אין גאַנצן אָן אַ זייט. וואָרן דער אויפברויז האָט ממש באַוועגט דעם חלל, אים אָנגעטונקלט אין מיטן פון זיין וואָרט־געוויטער. טאַקע מחמת דער עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אין אַזאַ געלעגנהייט. אַנדערע האָבן, מחמת פאַרביטערונג, זיך דערלויבט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַ שטילן זאָג: — געפונען ווען זיך אָפּ־צורעכענען! געמיינט האָט מע דעם רעדנער, וועלכער איז נישט גענוג קלוג צו זיין „טאַקטיש״ אַפילו כלפּי קעגנערס — אין געהויבענע מאָמענטן.

סוף כל סוף האָט נישט געהאָלפן דאָס היטן זיך מיטן וואָרט. די אימה פאַר אַ פּלוצלינגן טויט דאָ אויפן זאַל האָט גובר געווען דעם ערנסט פונעם יום־טוב וואָס איז אַהער אַריינגעפירט געוואָרן. דער אַוועקגעפּאַ־לענער האָט געפּאַכעט מיט דער נשמה. ר׳איז משנה־צורה, —האָט מען איבערגעגעבן פון אויער צו אויער— ס׳פּאַרפּעלט אים אָטעם. „מסתמא, ס׳האַרץ!״ — האָט עמעץ משער געווען. עמעצער אַנדערש האָט מיט אַ מאָל זיך אויפגעשטעלט פון זיין זיץ, גיריק אַריבערגעקוקט איבער אַלע רייען איינגעהאָרכטע קעפּ. ס׳איז געווען אַ בולטע גרינגשאַצונג פאַרן רעדנער, וועלכן מ׳האָט שוין בפירוש פירגעוואָרפן אַז ער איז דער גורם פון דעם טרויעריקן פאַל. ער׳ט ברוטאַל אָנגעגריפן דעם קרבן וואָס אויסגעפונען צווישן עולם, געוואָרנט אים מיט רעוואָלוציאָנערן עונש. ערשט האָבן אַלע שוין געוווסט אַז ד״ר הערשענהאָרן איז געווען יעלניקס צילברעט.

אַלע לאָמפּן אין קלובזאַל האָבן געלויכטן. דער פּאָדיום איז געווען באַדעקט מיט בוכאַרער טעפּעכער. אין דער פייערלעכקייט פונעם אָוונט האָבן די אָנוועזנדיקע זיך געחידושט איבער די בוקעטן לעבעדיקע בלומען אויפן פּרעזידיום־טיש און זיי האָבן זיך געוווּנדערט למאַי לעניין זעט אַזוי שלעכט אויס. ער קוקט אַראָפּ פון דער ראַם צווישן רויטע דראַפּעריעס און גרינע סאָסנע־צווייגלעך. בליקן גליטשן זיך איבער די הילצערנע

פּנימער פון פּרעזידיום, אָבער זיי בלייבן צוגעזאָגטן צום רעדנער, וועלכער האָט אונטערגעצויגן אַ סך הכל פון די דערגרייכונגען פון דעם היסטאָ־רישן אָקטאָבער. גרויס איז די שעה, חברים, — האָט ער אויסגערופן און איבערגעזיפּט מיט די אויגן אַלע זײַנע צוהערערס. — אַוודאי, — האָט ער אויסגעצויגן די ווערטער — מיר מוזן אויך האַלטן חשבון, וועד ס׳איז נישט געקומען צו אַזאַ וויכטיקן אָוונט. פרויען אײַנגעשטײַפטע אין יום־טובדיקע קליידער האָבן נישט פאַרפעלט זײַטיק אָפּצושאַצן דאָס נײַע קרעפּאָ־קלייד אויפן שמאָלן פלייצקעלע פון גענעראַל־סעקרעטאַרס ווײַב. אַ סך האָבן זי מקנא געווען, אַפילו נישט פאַרגינעריש געשמיצלט מיט די ליפּן:

— אַזאַ גוטס דאָס האָט... פון דער מאַמעס בויך איז זי געוווינט צו אַזוינס!

איינע האָט אײַנגערוימט דער שכנה:

— געזען? אַן אויסלענדישס. וואַרשע האָט הײַנט נישט אַזאַ גוט זײַדנס. פּוילישס שטייט איר נישט אָן, דער גראַנד־דאַמע חנטשע, — און פאַרביסן די צונג, ווידער ערנסט אָנגעשפּיצט ס׳פּנים אין דער זײַט פונעם רעדנער. באַהיט זאָל מע ווערן: מ׳וועט באַמערקן אַז זי הערט זיך נישט צו צו די געהויבענע געדאַנקען פון דעם פאַרשוין, קען חס ושלום מאַאַן וועלוול האָבן צרות! די פּרנסה, מישטיינס געזאָגט, ליגט דאָך אין זייערע הענט. געקומען אַ צײַט וואָס האָט אַזאַ צעקראַטשעטע פּנים! אַז אַלץ איז אין די הענט פונעם קאָמיטעט, אומעטום זענען זיי! אַרבעטסטו אין קאָאָפּעראַטיוו, האָט אויף דיר אַ שליטה דער קאָמיטעט, שיקסטו ס׳קינד אין שול אַרײַן, קומט ווידער קאַפּויער דער קאָמיטעט, ווילסטו זען אַ שטיקל טעאַטער, זענען אויך דאָרט די מחותנים די זעלבע לײַט. נישט געדאַכט זאָלן זיי זײַן! און ווער שטייט הינטערן קאָמיטעט? מ׳זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן פאַר זיי און פאַר אַל דאָס בייז! אויך דער... איז אַ קרבן פון די אָ לײַט! וויי, וויי, יום טובים דערלעבט!

אַ סך פאַרשלעפּערטע פּאַרדראָסן האָט אויפגעוועקט דאָס אַוועקפאַלן פון דעם אַלטן ד״ר הערשענהאָרן.

שוין אַ צײַט, ווי זיי דערגייען אים די יאָרן, דעם ווילן מענטש. בײַ יעדער געלעגנהײַט דערמאָנען „זיי״ זײַן חטא: דער בונד. נאַציאָנאַלע קולטורעלע אויטאָנאָמיע באַגערן זיי נאָך. טרעטן נישט אָפּ, פון זייער אַל־טער תורה. ס׳איז פאַררעטערישער שאָוויניזם אויך אַצינד. אין מיטן דער פײַערלעכקייט, שטייען זיי דערפאַר איבער אים מיט די פויסטן: פאַרראַט. אין

שותפות מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציע האָט דער בונד געגראָבן אַ קבר פאַר דער יונגער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע — — איבער די הענט די שונאים!

יעלניק האָט זיך נאָכגעגעבן די טריפהנע לוסט צו טרײַבערן די אָדערן פון די „אַנגעזענקטע". צערעדט זיך און זײַנע לײַט האָבן זיך אַרומגעקוקט אין די זײַטן: זיצט דאָ ווער פון יענע? אין דעם רעדנערס האַנט האָט אום־געריכט אַ פלאַטער געטאָן די מאָסקווער „איניקייט" מיט דער איבער־שריפט: „דער בונד גוססט". ער'ט הויך אויפן קול געלייענט פון בלאַט. בינו לבינו אויפגעהויבן דעם בליק, ל'הוט גענישטערט איבער די רייען, גלײַך ער וואָלט עמעצן פאַרלוירן פון אויג.

דעמאָלט איז עס געשען מיט ד"ר הערשענהאָרן. ער האָט דערשפּירט אויף זיך די שטעכיקע בליקן יעלניקס. דער בלוטיקער ריס פון דער צוק־חיה, וואָס ט'זיך געוואָרפן אויפן קרבן, האָט דעם אַלטן אַ שטאָך געטאָן אין דער ברוסט. אַ ווײַל האָט אים געפינצטערט אין די אויגן, מיט אַ מאָל שטאַרק אַ דריק געגעבן אין האַלדז. וואָס ע ס איז אייגנטלעך פאָרגעקומען מיט אים, האָט ער דערנאָך נישט געדענקט; ער האָט זיך נאָר געזען אין ווייכן אויסלייג־פאָטעל פון יעלניקס דערבײַיקן קאַבינעט.

ווען אין זײַן געהירן האָט דאָס מטושטשע בילד זיך אַרויסגעשיילט פונעם נעפּל, האָט ד"ר הערשענהאָרן געהאַט אויסצושטיין אַ געראַנגל מיט זיך: צו וואָס דאָס אַלץ, שלמה נאַר! ענלעכע יעלניקס זענען דאָך שטענדיק געווען. ס'איז דאָס אומפּלייט פון אַ פאַרמיסטיקטער צײַט! מ'דאַרף אַזאַ קוקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן. וואָס, פאַרברעכערס זענען מיר, די וואָס מאָנען אָרנטלעכקייט פאַר די אָרנטלעכע צווישן די מענטשן וואָס האָרע־ווען פאַר זייער טעגלעך ברויט?! פאַר ד"ר הערשענהאָרן האָט זיך אַוועק־געשטעלט זײַן גאַנצע יוגנט, דער פרומער טאַטע אין לובלין, וועלכער האָט דווקא געוואָלט זעען אין אים אַ רב פון אַ שיינער יידישער קהילה. ווי צו להכעיס דעם פרומען טאַטן איז ער גאָר אַוועק אין אַנדערע דרכים: די וועלט, דעם מענטש אויפריכטן, און ניט גראָד דעם ייד. ערשט זעט ער אַז אויך ער האָט געגרײַזט מיט זײַן חלום וואָס האָט דורכויס גע־וואָלט זיך פאָרן מיט קולטור, סתם קולטור. הײַנט זעט זיך וואָס ס'אַר אַ טײַטש מע קען געבן אויך דער ליכטיקער קולטור. אמת, ערשט שפּע־טער, אויף דער סאָרבאָן, האָט זיך אויסגעלייטערט זײַן רעיון. דעמאָלט ט'ער רעכט דערזען דעם ייד, זײַנע וויטיקן. ער וויל פשוט מענטשלעך

אַרבעטן צו גלײַך מיט אַנדערע מענטשן, ר׳וויל עסן, אָבער די קרומקעפּיקע שטויסן אים אָפּ: ז ש י ד ! דערפֿאַר איז ער געקומען צו דער פּאַרטיי, אין איר געפֿונען אַ וועג צום תּוך. ס׳זענען געווען ייִדן, ס׳איז געווען דער מענטש — געווען אַ זינען אינעם געראַנגל. הײַנט, שלמה, וואָס איז געבליבן פֿון אַלץ מיט אַנאַנד? ביסט אַ פּלעוווע; יעדער וואָס האָט חשק, טרעט דיך מיט זײַנע שטיוול. אַפֿילו אַצינד, אין סאַמע ייִדישן געזינדל, אין דײַן פּוילן.

דערצו האָבן אים נאָך אַ דריק געטאָן זײַנע זעכציק יאָר. ר׳האָט זיך דערשפּירט שוואַך און ער׳ט זיך צעוויינט מיט אַ פּלוצלינגקייט פֿון אַ באַליידיקט קינד.

ער האָט באמת שוין נישט וואָס צו לעבן! דער נעכטן איז באַשפּיגן, דער הײַנט ליגט אין אַ בלוטשטורעם. מער קען ער נישט אַזוי!

ס׳ווײַב, אַ בלאָנדע, אַ ייִנגערע פֿון אים, האָט געטרייסט שלמה הערשענהאָרנען:

— ביסט איבערגעקומען, שלמה, אַזוי פֿיל, וועסטו איבערקומען אויך דאָס! באַרויִק זיך, טײַערער.

זי האָט אים געגלעט איבערן אויסגעאָלטן, קאַנטיקן פּנים און צורװאָמען מיטן מאַן באַגעגנט דעם לעצטיקן אָוונט.

*

עס איז געווען האַרבסט, ס׳איז אָנגעשטאַנען ווינטער, דער טריבער פּוילישער ווינטער, וואָס נעפּלט זיך אין זשאַווער פֿון פֿײַכטער פֿראָסט און חורבן־ריחות.

אין דער געשרומפּענער ייִדישער עדה איז געוואָרן אַן „אונטערגאַנג" אויף פֿאַרשווינדן. נישט מיר, נישט דיר ווערן מענטשן נעלם פֿון די בעסטע שטעלעס אין ביוראָס, אין די ווערקשטאַטן. אויך קלייטלעך, וואָס ייִדן האָבן געעפֿנט אין עלנטע גאַסן, האָבן פּלוצלינג זיך פֿאַרמאַכט. פֿאַרשלאָסן די דירה און נאָר מיט אַ האַנט־טאַש, אַן געזעגענונג מיט פֿרײַנד זיך אַוועקגעלאָזט אויף אומבאַוווסטע וועגן.

„גרענעץ... איבער דער גרענעץ. דאָ האָב׳עך דאָס געגנוג", האָט מע זיך געסודעט מיט איבערגעמוטמענקייט און מיט פּחד. איטלעכער האָט זיך געשפּירט ווי ער אַליין וואָלט שוין געווען אַרײַנגעצויגן אינעם לאָקנדיקן, מאוימדיקן גאַנג איבער די סודותדיקע, שרעקעדיקע גרענעצן וואָס אָטעמען מיט סכּנה. נו, יעדער וואָס איז אָקערשט אַ ניצול געוואָרן פֿון דײַטשישן

טויט, האָט געפֿילט גלײַך ר׳וואָלט נישט ווילנדיק געהאַט אַ חלק אין דעם אומהיימלעכן סוד, וואָס האָט אָפּגעגעבן מיט אַן אונטערערדישן, פֿינצטערן פֿיבער וואָס ברענט, איז עלול באַנײַס צו צערײַסן דעם אַרום... אומקלאָרע סכּנות האָבן געטריבן, נישט געלאָזט בלײַבן אין די מקומות.

דאָס לאַנד פֿון די לײַבלעכע טאַטע־מאַמע האָט געפֿעלשט אין דיר, דײַנע שכנים זענען אָן אויפֿהער בוגד אין דיר, אַזוי נעכטן ווי הײַנט, טאָ צערײַס דעם בונד מיט אַלע בענקשאַפֿטן וואָס טליִען נאָך אין דײַן האַרץ; דערווײַטער זיך אַפֿילו פֿונעם געדאַנק וועגן דעם עבר וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער אייגענער יונגשאַפֿט, מיט די זכרונות פֿון דײַנע שטאַמפֿאָטערס, צו וועלכע דו ביסט אָנגעוואָרצלט מיט דײַן בלוט, מיט די געוווּינשאַפֿטן. לויפֿן, אַנטלויפֿן פֿון דאַנעט, איז געוואָרן דער פֿאַרהוילענער מאָטאָר, וואָס האָט געטריבן דעם פֿאַרציטערטן ייִד, בפֿרט אַז דער אַרום האָט געכטראַשעט. די אומגעהייער פֿונאַנדערגעשפּרייטע חורבה־מאָנסטערס האָבן דערמאָנט: אָט אָ דאָ איז געווען דײַן היים, דאָס נעם דיר, וואַרג זיך מיט דער אימה. מיט וואָרענונג, מיט טענה האָבן זיך געברוגזט די חורבן־בערג. און זיי האָבן אויף שריט און טריט נאָכגעשפּאַנט די צוריקגעקערטע פֿון ווײַטע וואָגלענישן. טייל מאָל זענען די איבערבלײַבענישן פֿון די געוועזענע היימען פֿאַר זיי קאַפּויער געקומען ווי דערשרעק־געשטאַלטן, אויסגעדייווערטע סקעלעטן פֿון הײַזער, אין וועלכע עס ראַנגלען זיך נאָך מיטן מלאך המוות די שאָטנהאַפֿטיקע לעבנס פֿון טאַטע־מאַמע, פֿון אַ געליבט קינד. עס האָבן געסטראַשעט אויך אַנדערע פּחדים וואָס זענען אויף אַ מיסטעריעזן אופֿן אָט אָ אַרויסגעקומען פֿון די אומקום־דערטרינקענישן, וואָס האָבן דאָ אָנגעהאַלטן זייערע בראַנד־פֿײַערן אויף צו דערשטיקן ס׳לעבן פֿון די טײַערסטע. יאָרן לאַנג זענען דאָ געווען אומקום־ערטער און ערשט שטייען זיי, די פֿאַרחוּשכטע, די אַרומגעפֿליקטע ייִדן אויף דער אויסגעברענטער ערד וואָס איז פֿאַר זייערע פֿאַרקילטע בליקן דער אומענדלעכער קבֿר פֿון... יאָ, אַפֿילו די הימלען טריפֿן דאָ מיט טרויער פֿאַרן ייִד און זײַן דירה איז סך הכּל אַן אָרעם ברעט פֿאַר זײַן געשלאָגענעם געביין. ס׳איז אַ ווינקל אויף איבערצוהאַרן אַ נײַ אָנטרעטנדיקן שטורעם פֿון חשכות. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דאָס פֿרישע אומגליק: „זיי״. די גוטע שכנים האָבן נאָך ווינציק דעם רויב און ס׳בלוט מיט וועלכן זיי האָבן זיך אָנגעפּרעסן, אָנגעזשליאָקעט בימי עמלק דײַטש. ווידער זשיד. פֿון פֿרײַהייט מײַקענען ערשט די דאָזיקע און פֿאַרשטויסן יעדן ניצוץ פֿון מענטשלעכקייט. אדרבא, זיי

פאַבריצירן אויף דער גיך נײַע מערדערס, מוסרים, חונפים. אוי ווײ, און פאַראַן אויך אונדזעריקע צווישן די געמיינע; געוויזן זיך ווערעמדיקע ייִדן אָן אַ פּונק הארץ. שכל? אַזאַ מאַשין פאַרדײַעט נישט דאָס ליכט פון גלײַכן שכל. אַנגיין מיט ערמה, צוטראַכטן פאַלשקייטן — דאָס יאָ; ס׳איז געוען געזען. איז דאָס אַנטרינען, ס׳אַרויסשאַרן זיך פון נעבעכדיקן ווינקל, ס׳נעלם ווערן דער גרויסער חלום פון דעם נשאר ייִדיש פאָלק וואָס האָט ערשט אנומלט פון כף הקלע געצויגן אַהיים, צו דער כלומרשטער היים אין פּוילן.

מענטשן האָבן אַזוי זיך אַנגעשטעקט מיטן רעיון פון אַנטלויפן, אַז בײַם אַוועקגיין פון אַ פרײַנד, האָט מען גוטברידעריש אים אַנגעהויבן פאַרשן:

— הער נאַר, קוק מיך נאַר אָן. מיר מעגסטו דאָך זאָגן!... אפשר האָסטו אויך בדעה? אָסור, צי ס׳וועט פון מיר אַרויסקומען. אויב יאָ, לאָמיר זיך כאַטש געזעגענען... ווייסט נישט, ווי אַ זאַך מאַכט זיך? וואָס מיט מיר וועט זײַן מאָרגן ווייס איך נישט. מעגלעך כ׳וועל דאַרפן נאָכטאָן ס׳זעלביקע. ס׳איז אָבער נישט גרינג, מ׳איז געבונדן, פאַרשטייסט? און ווי אַזאַ קען מע נעבעך נישט הייך האַלטן דעם קאָפּ אַנטקעגן אַ נאָענטן.

אַנדערע האָבן זיך קינדיש געבעטן, שוין אָן באַזיניקונג:

— גייסטו, גיי איך מיט. וואָס האָב איך אַנצוווערן? נישט איך האָב דאָ וועמענען און קיינער באַדאַרף מיך נישט. כ׳האָב דען מישטיינס געזאָגט אַ היים?

מ׳האָט שוין געוווסט: ס׳איז מאָדע. ניין, ס׳איז אַ מוז. טייל האָבן ניכטער באַרעכנט: אויף אַ בית הקברות איז סײַ ווי נישט מעגלעך צו לעבן. דאָס אָרט קען מע דאָ מער נישט אַנוואַרעמען. די וועלט דאַרף מיך טאַקע נישט, אָבער איינס איז קלאָר: דאָ קען מער נישט וואַקסן קיין ברויט פאַר ייִדן, סם — יאָ; פאַליאַקן גופא, שוין אָן דעם חדר פון דײַטש צי פון פאָניען, קענען גוט די מלאכה פון הרגענען דעם זשיד, באַרויבן אונדז. מ׳מוז נעלם ווערן ווי לאַנג ס׳איז נישט צו שפּעט. יענע וואָס זענען שוין אַוועק האָבן זיכער געטאָן ווי די חכמים. הײַנט איז עס סכנותדיק. די גרענעצן זענען מינירט. און שמוגלערס און ציפּערס טרעטן די לויפערס אויף די הינעראויגן, לאָזן זיי אין איין שטיקל העמד. עוקר זײַן! ווידער ברענט דאָ די ערד. די גוטע שכנים האָבן שוין נישט קיין געדולד צו וואַרטן אויף דער ירושה. זיי וואַרפן זיך שוין אויף אונדז אין מיטן העלן טאָג, דאָ שטייט ביטערער בין השמשות, דערצו אַזאַ גריזשנדיקער אומוועטער. זעסט דען

נישט? מענטשן גייען אַרום מיט אויסגעצויגענע פּנימער, דאָס מזיל אויף אַ שלאָס. קוקט מען אַרײַן אין אַ פּאָר יידישע אויגן, זענען זיי ווייטיקלעך פאַרטראַכט. לאָמיר גיין! גע־גאַאַאַנ־געען!

*

די יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזוכט דאָ און דאָרט, האָבן נישט ווו זיך אַהינצוטאָן אין דער געזונקענער היימשטאָט. האָט עמעצער געפונען אַן אָפּלאָג, וואַלגערט ער זיך אויף אַ פּאָדלאָגע, דערנערט זיך מיט אַ מאָל־צײַט אין דער קיך פון „יידישן קאָמיטעט". יעדער האָפט נאָך אויף אומ־מעגלעכע געשעענישן, אויף בריוו פון אומבאַוווסטע מרחקים, פון קרובים וואָס צאַפּלען אָקערשט פאַר זײַן גורל. טאָמער איז אַן אָפּגעראַטעוועטער פון אַ קאַצעט, פון אַ גרוב־באַהעלטעניש אין וואַלד צי מ'איז אַ לעצט פּלעמל פון אַן אויסגעלאָשענער קרעמאַטאָריע; דער יחוס מײַדאַנעק און אוישוויץ איז גלײַך צו אַן אוצר. עס וואַרט שוין אויף אים אַ גליק פון אַ קרוב וואָס „וויל אים שטעלן אויף די פיס". נו, בריוו אין דער גרויסער וועלט אַרײַן צו אייגענע און ווײַט־באַקאַנטע, זענען געוואָרן ס'טעגלעכע ברויט פון די לײַט וואָס שפּירן זיך ווי די צויטן פון דערשטיקטן נעכטן.

און מ'איז פול מיט סודות, מיט אינעווייניקדיקן פיבער; לײַט זענען בכלל שטאַרק געהיט מיט אַלץ. מ'האָט מורא געקראָגן פאַר מענטשן. און האָט ווער געמוזט רעדן, איז עס געווען נאָר אַ פּרעג: — ווי גייט עס?

— ס'גייט, — און אויך אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

אָדער:

— געלייענט די צײַטונג?

„די צײַטונג" האָט געמיינט די רשימה פון די וואָס ווערן געזוכט צווישן די ניצול געוואָרענע יידן פון די דערוואָרגענע מדינות פון איי־ראָפּע; און עס האָט געמיינט ידיעות פון די לענדער, וואָס האָבן ענדלעך געפּועלט בײַ זיך אַרויסצוווײַזן אַ ביסל דערבאַרעמונג איבערן אויסגעהר־געטן פאָלק, וועלן אַרײַנלאָזן צו זיך זײַנע פאַריתומטע קינדער, אויב זיי זענען געזונט און די מוסקולן זענען האַרט. אַוודאי, מ'עט טאַפּן זייערע מוסקלען, באַדאַכט נאָכזוכן צי זייערע שענקלען זענען גענוג שטײַף און זיי זענען נאָך גענוג יונג — — אָבער גערעדט דערפון האָט מען ווינציק. ס'האָט נאָר אין פאַרקלעמטן וואָרט אויפגעבליצט די האָפענונג: ס'עלן זײַן וויזעס! מ'עט קענען ערגעץ אַרײַנקומען. גאָט זאָל העלפן! אלא דער אומעט האָט נישט נאָכגעלאָזט; ס'ווינציק נאָר וויזעס. דערצו איז נאָך בייטיק זיך

אַרויסצוקריגן פון רע־פּוילן, איז גערעדט יוצא צו זײַן. אַ געציילט וואָרט און געגנוג. חקירות דאַרף מען אויסמײַדן. מ׳ווייסט דען הײַנט ווער עס שטייט הינטער דעם פּרעגער?

*

ס׳האָט געטראָפן:

אין אָוונט קומט מע זיך צונויף מיט פרײַנד, מען טרינקט אַ היימיש גלעזל טיי און שפּעטער שאַרט מע זיך אַרויס שטילערהייט. אין שווײַגן מיטגעטראָגן ס׳אייגענע קרענקעניש וואָס האָט שאַרף געגראָבן אין בלוט. „אייגנטלעך, וואָס איז ס׳געאיילט?״ —פלעגט מע פרעגן דעם אַוועקגייער, אָבער ער׳ט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אומבאַהאָלפן צענומען די הענט מיט אַ שטומען צוריקפרעג: „ס׳דען דאָ ווו זיך אַהינצוטאָן? דער טאָג איז אַ פּײַן און די נאַכט יאָגט אָן ווילדע הוריות! ס׳שלאָפט זיך טאַקע נישט, כאָטש צערײַס זיך. דער קאָפּ ווערט צעשפּרונגען — — אָבער ס׳גלײַכער צו זײַן אין דער היים״. מישטיינס געזאָגט אַ היים. אָבער אַזוי רופט מען שוין דאָס אָרט ווו מ׳שטעלט זיך אָפּ ווױנען פאַר אַ צײַט, מ׳נעכטיקט איבער, מ׳פאַרצערט די מאָלצײַטן און מ׳קרענקט דורך אַלע וויטיקן און טראַכטענישן.

איטלעך מאָל נאָך אַזאַ צונויפקום, האָבן לײַט זיך אַרויסגעגנבעט פון דעם ווינקל וואָס קונה־געווען מיט נײַע פּײַן, געגאַנגען איבערן חושכדיקן קאָרידאָר אויף די שפּיץ־פינגער אין מורא, אַז עמעץ זאָל זיך באַצײַטנס ניט כאַפּן אַז נאָך אַ צימער בלײַבט הפקר, אָן באַלעבאָס; צו מאָל נישט פאַרשלאָסן די טיר. געלאָזן האַק און פּאַק און נעלם געוואָרן פון דער היים וואָס נישט אָנגעוואַרעמט. אַנטרינען. דערנאָך אומהיימלעך זיך געשאָטנט אין אַ נאַכטצוג, געוואַנדלט איבער פרעמדע, אָנגעטונקלטע שטעט אויף אָפּגעשמועסטע אַדרעסן, באַגעגענישן מיט חשודע לײַט אויף חשודע שמועסן, סודותפולע אָנווינקעענישן. שפּעטער מיט טעג, מיט נעכט, האָט אָנגערוקט דער צאַפּל פון גרענעץ וואָס דערוואַרט. די סכנה האָט געבריט און אַ קנופּ גרימענישן האָט געריסן שטיקער לײַב. פּאַסן פײַכטע פינצטערניש האָבן געפּאַטשט איבערן פּנים, קעלט האָט שאַרף באַדרענגט דעם אָטעם, אַזש דער האַלדז האָט אָנגעשווילט, ראַפּטעם אויפגעיוירן אַ גרויס געשריי וואָס האָט קאָנוולסיוו זיך געוואָרגן אין דער ברוסט.

מחמת גליק וואָס שוין געהאַט הינטער זיך די אימה פון דער פּײַ־בערדיקער גרענעץ־נאַכט, האָט זיך דערנאָך צעוועקט אַ לאַנגע, נאָגנ־

דיקע מידקייט. אוי, שלאָפן, אָבער ווו שלאָפן, ווי אַזוי שלאָפן ווען ס׳איז נישטאָ קיין ווו נישט פאַרן ליַיב און נישט פאַר דער נשמה?! ערשט וויַיטער אַריַין קומט אַ ביסל אויסקלאָרונג. שפּעטער ליכטיקט עס אויך אין מוח: אָך, ווי טרויעריק עס איז דאָרט, ווו עס שרעקט ערשט דעם שכן וואָס געבליבן אַ וואַנט איבער אַ וואַנט פון מיַין אַנטרינונג. יענער איז מיך אַוודאי מקנא. יאָ, דאָס ווינקל, צו וועלכן געהאַט זיך יאַקאַש צוגעוווינט, געהיט ס׳צוריקגעפונענע רעפטל ברויט — אַלץ, אַלץ איז געבליבן אין נעפּל פון קאַלעמוטנעם גרענעץ־שטח.

*

ד״ר שלמה הערשענהאָרן האָט אויך פאַרטראַכט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון זיַין געבוירן. איך בין שוין נישט יונג —האָט ער געטענהט— כ׳וויל בליַיבן צווישן ייִדן און נישט צווישן שונאים און אייביקע פּחדים. דאָ זענען געווען ייִדן, טאַקע ערשט אַנומלט, היַינט איז פאַראַן נאָר דער וויי־טיקלעכער ריס נאָך זיי. דאָס געטאָ, אַ ריזיקער אָנדענק־שטיין אויף אַ סימבאָליש בערגל — דאָס איז אַלץ וואָס איז פאַרבליבן נאָך אַזאַ גרויס לעבן! זעלטן עס טראָגט זיך אַ טויבער קדיש ערגעץ אויף אַ שטיק פעלד אין דער אויסגעמאָרדעוועטער שטאָט. דאָס אַלץ האָט שוין נישט צו טאָן מיט ייִדישקייט, וואָס קען לעבן. ס׳איז נאָר אַ ווידער־ווייטיק אין אַ קראַנק מויל. ס׳האַרץ אין מיר איז צעגראָבן ווי אַ קבר און עס האָט נאָך די מעלה וואָס עס יאָמערט אַרויס פון מאָל צו מאָל. דערצו איז גענוג אַ וואָרט פון עמעצן, אַ פּנים וואָס טויכט אויף מיט אַ קענטלעכקייט וואָס דערמאָנט געוועזנס. מער קען איך נישט אַזוי. ס׳איז פאַראַן אַ ייִדיש לאַנד, וויל איך זיך באַהעפטן מיט דעם לאַנד, כאָטש ס׳ליגט נאָך אין געבורט־קראַמפּן. טאַקע וויַיל כ׳בין שוין גענוג אַלט דאָס צו פאַרשטיין. דערפאַר וויל איך זיַין דאָרט, וויל שטיין ביַי זיַין צוקאָפּנס. און אפשר וועל איך נאָך טויגן צו עפּעס. ייִדן זענען דאָרט מיט צעבראָכענע לעבנס; אפשר וועט מיַין ביסל מעדיציניש וויסן צוניץ קומען. נו, איך וויל באַ־וווסטזיניק דינען מיַין לאַנד — קען מען עפּעס האָבן צו מיר? אויסגע־ענדיקט אַלע מיַינע חשבונות! ברויך מען מיך נישט דאָרט ווי אַ דאָקטער, וועל איך טויגן ווי אַ פעלדשער, אַ סאַניטאַר וועל איך זיַין. כ׳וויל לעבן מיַין אייגן לעבן. אַזוי וויל איך אין מיַינע יאָרן. צוויי מאָל אין זיַין לעבן האָט שלמה הערשענהאָרן שוין געדינט פרעמדע חיילות, וויל ער צום דריטן מאָל גיין דינען זיַין חייל. כ׳מעג עס מיר דערלויבן. ס׳איז סלוזש־

בע צו מײַן אייגענעם ווילן. אַזוי איז מײַן רצון, קיין אַנדערן דרך זע איך נישט פֿאַר זיך. דאָ וויל מען מיך צעברעכן צום לעצט. איך מוז. אין לאַנד, וואָס איז פֿאַר ייִדן געוואָרן אַ דורכויסיק ברידער־קבר, קען איך מער נישט זײַן. ס׳טרײַבט מיך.

ד״ר הערשענהאָרן האָט אָנגעגעבן אויף אַן אויסלאַנד־פּאַס. אַזוי און אַזוי. אַלץ האָט זיך געזאָגט אין די פּאַפּירן פֿון דעם אַלטן דאָקטער. געוואָרט וואָכן, חדשים, און קיין תשובה איז נישט געקומען. פֿאַר שלמה הערשענהאָרנען זענען אָנגעשטאַנען טעג און נעכט פֿון ברענענדיקן אומרו. ער איז אַרויסגעגאַנגען צו קראַנקע, באַמיט זיך זיי צו העלפֿן און זײַן אייגענע קרענק האָט ער אַליין נישט געקענט היילן. איך בין אַלט, האָט ער זיך געזאָגט, אָניט וואָלט איך אײַנגעשטעלט, ווי אַנדערע עוקר געווען. געגאַנגען שוואַרצן די גרענעץ. ס׳האָבן געטראָפֿן אומגליקן — מענטשן זענען געפֿאַלן פֿון ביקסן־קוילן וואָס די גרענעצלערס שיסן אויף בלינד אין דער נאַכט־פֿינצטערניש; און דער קוילן־האָגל איז אַזאַ העפּטיקער אַז ס׳איז נישט געמאָלט אַז עמעצן זאָל נישט אָנקומען אַ פֿאַרציע ברומעדיק פֿײַער. געקוועלטע מענטשן קוקן אָבער נישט אויף די סכנות. גייען אין פֿײַער אַרײַן, אַבי אַרויסצוקומען פֿונעם פֿײַער, וואָס פֿאַרצוקט די לעצטע שפּע־נער פֿון זייער האָפֿענונג. ער וואָלט אויך ריזיקירט. עס האָט געגראָבן אין זײַן מוח, יאוש האָט צעטאָטשעט די ברוסט. דעם מענטש האָט עס גע־טראָגן פֿון אָרט צו אָרט, נישט געקענט אײַנזיצן. צעטראָגן פֿונעם בײַעם עלנט, האָט דער אַלטער דאָקטער באַגערט אַרײַנגיין צו אַן אייגענעם אַראָפּרעדן זיך פֿון האַרצן, אָבער אינדעם זיך עפּעס דערמאָנט און צוריק־געהאַלטן זיך דערפֿון. „אַז ס׳איז נישטאָ קיין איין געזונטער אבר אין לײַב פֿון אונדזער אויסגעדרייוועטן מישפּחהלע!״ — האָט זיך פֿון אים אַרויס־געריסן אַ שאַרפֿער קרעכץ און זיך ווידער איבערגעעגטפֿערט דעם אייגע־נעם אומרו וואָס האָט אים ממש צעטרייסלט. די גאַס האָט הערשענהאָרנען באַרויִקט כאָטש אויף אַ ווײַלע, נישט געשראָקן מיט די בריִדיקע, פֿאַר־שטעלטע רייד פֿון באַקאַנטע. די גאַס האָט אים געפֿירט אין אַפּטייקן אַרײַן, שטענדיק געפֿרוּווט עפּעס זוכן בײַ זיי, כאָטש ער האָט געוווּסט אַז דאָס איז סײַ ווי נישטאָ. ס׳קראַנק די באַפֿעלקערונג, ס׳זענען צעלאָמיעט די רעשטלעך ייִדן, דעם קערפּער פֿעלן לעבנסוויכטיקע סובסטאַנצן, וויטאַ־מינען, אַנטי־ביאָטיקס. דעם לאַנד קלעקן נישט קיין כוחות אַליין צו שאַפֿן די אָ מיטלען און אויסלאַנד קוקט מיט אומצוטרוי אויפֿן רעזשים וואָס

נעמט קײַען אויף פּרעמדע ציין, שפּירט שוין נישט דעם אייגענעם גומען, ממילא נישט קיין שום טעם. ד״ר הערשענהאָרן האָט פון דעסטוועגן זיך אויסגעאַרבעט אַ רגילות אַרײַנצוכאַפּן זיך איטלעך מאָל אין אַן אַנדער אַפּ־טייק, נעמען שמועסן מיטן פּאַרמאַצעווט, אויספרעגן זיך וועגן עקוויוואַ־לענטן אויף נייטיקע רפואות. פּאַר אַ תירוץ איז עס געווען אַ דרך! אין דער אמתן איז עס אויך קיין תרוץ נישט געווען. ער האָט נאָר מורא געהאַט לאַנג צו בלײַבן מיט זיך. אים האָט זיך אַלץ אויסגעדאַכט: מ׳קומט אים נע־מען, מ׳שלעפּט אים אין געהיימנישפולע ערטער, אין קערקערס אויף וואָס „זיי" זענען גרויסע מומחים. דאָרט טוט מען אָן געברענטע צרות, און מ׳מוז שווײַגן. יידן געדענקען גאַנץ גוט די זאַכן. די אינקוויזיטאָרן פון טאָלעדאָ און פון לימאַ זענען געווען זייערע מלמדים. ד״ר הערשענהאָרנס פרײַנד האָבן ענלעכס שוין מיטגעמאַכט אין קאַרטוז בערעזע, אַנדערע אין קאָנצלאַגערן וואָס היטלער האָט אויפגעשטעלט אין אַ גרויסן ציקל אין פּוילן, אין טשעכיי. דער ייִד איז פול מיט די אַלע טעמים. און זיי עקבערן אין זײַן געמיט. עס קלעקט אויף צו קריגן אַ האַרץ־פּעלער. ווו זיך אַהינ־טאָן! סוף כל סוף וועלן זיי אים דאָ ערגעץ פאַרשלעפּן. די אימה האָט אים פאַרצערט די טעג און בײַ נאַכט אַרויסגעוואָרפן פון בעט, ער׳ט געשלייכט אונטער די בלינדע פענצטער. זיי האָבן שוין אויסגעפּרוווטע דרכים: „דו ביסט אַ שונא פון פאָלק". און די, וואָס האָבן אַ מאָל דערשפּירט ער־גענץ ווו אַזאַ ווייטיק, האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַרן ווערן זאַמלנאָמען „שונאים פון פאָלק".

. . . שרעק האָט זיך געשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, מסירה האָט געבליט. אימה איז געוואַקסן.

*

געווען איז האַרבסט, אָנגעשטאַנען איז דער ווינטער, ווען דאָס אויסגעהוילטע, פאַרבלוטיקטע פּוילן איז געמינערט געוואָרן פון די ייִדן וואָס האָבן זיך געהאַט אײַנגעזאַמלט אין זײַנע עטלעכע שטעט. זיי זענען געמינערט געוואָרן אין הײַזער, אין אַ סך הײַזער, וועלכע זענען ערשט געבליבן עלנט שטיין מיט צעפּראַלטע טירן, שטומע פענצטער.

די נעכט זענען געווען שטאָק פינצטערע, באַלאָדן מיט אימה. אויף די וועטלעכע, אומהיימלעכע ראַנדן פון לאַנד האָבן די גרענעצן געשפּאַרט

שטאַרק באַוואַכטע אין סם האָט געשרפּעט דעם אָטעם פון די מענטשן וואָס האָבן באַגערט צו בלײַבן מענטשן.

אין איינער אַזאַ נאַכט האָט דער אַלטער דאָקטער הערשענהאָרן זיך געגנבעט צו דער גרענעץ פון זײַן געבוירנלאַנד. ווי אַ מסוכן קראַנקער איז ער געווען להוט לויטערע לופט פון דער פרײַער וועלט וואָס האָט אין זײַן אָנונג זיך געזיווגט מיטן יונגן ייִדישן לאַנד, אַן אויסגעלייזטס פון אַרויפגעצווונגענעם פרעמדן יאָך.

האָלאָוועשקעס

פאַר יהודה וואָידעסלאַווסקי

א

די טעג זענען געוואָרן פול מיט טענות־מענות און די שטוב, ניין, די הוילע קאַמער, וואָס האָט געדאַרפט ווערן אַ וווינונג פאַרן צערודערטן געמיט, פאַרן מידן גוף, די אָ „שטוב" איז געוואָרן ענג, סכנות ענג!

— געדאַרפט, נעבעך, דעם קאָפּווייטיק, פאַן כיל טלוסטי, נייטיק אין טאָפּ אַראַן — יאַדעט אים ס׳וויַיב. און קוקט ער זי אָן, צעגייט אים ס׳האַרץ: באמת אַ תל געוואָרן פון איר. זי עסט זיך און זי עסט אים ווי זשאַווער עסט איַיזן... — מ׳האָט׳ן געטריבן, דעם טאָטלעס־קאָפּ מאַנעם, — עקבערט זי זיַינע געהירן. — קלוג, קלוג און באַדאָעסט זיך. נישט קאַ׳ נאַר האָט עס אויסגעקלערט, אַז אַן איַינרעדעניש איז אַרגער פון אַ קרענק. אַלע קוקן אויף אים קרום, אַלע האָבן אים אין זינען, ר׳ צאָצן! ר׳וויל נישט אַריַינטרעטן אין זייער פאַרטיי, באשר בכן... הימל שפּאַלט זיך: מע שפּיאָנירט אים נאָך, מ׳הערט זיך אונטער וואָס ער רעדט. נישט אַנדערש, כיל יענטע־לאהס האָט אַ לונג־ און לעבער פאַר דער נאָז, און קיינער וויל עס נישט זען! וואַסער אין די אויערן האָב איך געהאַט פון זיַין מרונצען טאָג און נאַכט — ער וועט׳ס נישט איבערהאַלטן. ער וועט מ׳אוס ענדיקן ביַי „זיי". תהילה, תהילה, האָט ער אַריַינגעזונגען אין מיר ווי אין אַ קבר; פון זייער פאַרגאַנגענהייט דאַרף מען האָבן אַ גוטע לערנונג, און מיר פאַרגעסן עס. וויַנציק זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אין די מלחמה־יאָרן, ווען מ׳איז געווען אויף זייער חסד?

די יי׳דענע דרייט זיך אַוועק מיט פאַראַכטונג. ווי אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם נעמט זי באַלד דעם מאַן ווידער אַריַינזאָגן. די מינדסטע געלעגנהיַיט איז אַ סיבה פאַר איר הייסן „דוש":

— די האָבער האָט׳ן געשטאָכן, געמוזט נאָכטאַנצן אַנדערע. גענומען און אויך געלאָפן! לייַט זענען משוגע, דאַרף ער אויכעט משוגע מאַכן אַ וועלט. מענטשן האָבן זיך באַשיַימפּערלעך צעבראָכן, טאָר ער חלילה נישט אויסמיַידן דאָס אומגליק. האָבן אַן אייגענע דירה טויג נישט, אַ

לאַגער איז אים בעסער. אַלע טראָגט עס אין לאַגער אַרײַן, קען כיל טלוסטי זיי נישט פאַרגינען — ער מוז אויך דאָ זײַן כאָטש ס׳איז אַ געוועזענער דײַ־טשער לאַגער ווו מ׳האָט יידן געקראַפּט מיט אַלעם גוטן. נקמה האָט ער אין די דײַטשן, זאָגט ער. אַרויסגעטריבן זיי פון דאַנעט ווי באַלעבאַטים, אַצינד זענען מיר עס, מיר! פאַרבענקט זיך אים נאָך אַ נײַ מעסטל צרות. ווינציק געווען וואַיאַזשעל אין אַרכאַנגעלסק. הע, אַזאַ קאַלכאָז ווי דאָ איז בעסער? יעדער מוז אים האָבן אויף דער צונג, בייזע שליפּיעס זאָלן דורכשטעכן. איך זאָל שוין האָבן אַזאַ יאָר, ווי מ׳קען אים דאָ מסרן אַז מ׳זאָל דעם פאַן טלוסטי אין ערגעץ שוין נישט אַרײַנלאָזן! די פײַנע פאַרשוינען וואָס זיך אַהערגעקליבן, זענען צו אַלץ פעיִק. גיי פאַרלייג אַ דאַך אויף דורכגע־ברענטע קראָקוועס!

דעם ווײַבס קול קווילט אַן שווער און איבער דער סומנער לײדיקלעכער קאָמער טראָגט זיך פונאַנדער די לעסטיקייט פון דערוועקטע אַלטהיימישע צרות. שוין, די יידינע ווײנט!

און ווערט פּלוצלינג שטיל, ברומט אַן אָנגעצויגנקייט אין דעם שווײַגן. שטענדיק אַזוי. פון צײַט צו צײַט ריכט ער זיך אויף דעם; קומט דער אָנפאַל פון ווײַבערישער פאַרביטערונג, פאַרבײַסט כיל די ליפּן. דער מענטש פילט דעמאָלט ס׳טריפן פון צעעפנטע וווּנדן אין אייגענעם לײַב און לעבן. דעם ווײַבס מוסר שרײַט אים אָבער איבער, ער מוז זיך ראַנגלען מיט זיך, כדי נישט אויסצושיסן מיט צאָרן: — אַלץ איז דען פאַר זײַנעט־וועגן? זי באַדאַרף טאַקע גאַרנישט? און די קינדער? זײַן שכל איז טאַקע קנאַפּ, נאָר אין גאַנצן איז ער אים נאָך נישט צוגענומען געוואָרן, דאָך פאַרשווײַגט ער. זי בלײַבט געוויינטלעך שטיין בײַם פענצטער, דריקט צו ס׳פּנים צו דער שויב:

אין גרויסן פּוסטלעכן זאַמדיקן הויף טוט זיך אַ ביסל! „זיי" איז נישט קיין שום אָכעניש. עס רעשט די שנאַרײַסטווע, ווי זי רופט די שכנים פון פּליטים-לאַגער. פּונקט ווי די באַראַקן האָבן דאָ זייערע פּנימער אַזאַ קוק שטייט אין אירע אויגן. זי קען זיי דען הערן? זי וויל זיי דען זען? רק מ׳קריגט זיך, מ׳באַרעדט זיך. אָ, גלײַכער פון זיי נישט צו וויסן. „עפּעס רעכטס איז ניט געבליבן —בײַסט זי די ליפּן.— די, וואָס זענען נאָך שטיקלעך מענטשן, זענען אויך האַלוועשקעס!"

אָנגעזאַמלטער וויטיק, ברעך פון אַ סך מדינות ווו ס׳זענען אַמאָל גע־ווען יידן, יערט דאָ אויפן יידישן מיסט. מ׳שעלט זיך עפּטער ווי מ׳עסט.

מ׳שלאָגט זיך אַפּילו, אַלץ מיטן נאמנות אונטערן לײַבצודעקל, וואָס יעדער טראָגט נאָר פֿון מענטשנס וועגן — — אין דער ייִדענע ברענט עס פֿינצטער: דערלעבט! אַ מאַן פֿירט, און אַ מאַן פֿאַרפֿירט. נייטיק באַדאַרפֿט ווידער צו לאָזן זיך אין וועג אַרײַן. ווינציק געווען צרות רבים!

ער, כיל טלוסטי, איז שוין אויס מענטש פֿון אַלעם אַרום. געווען טאַקע דער בעסטער קאָמאַשנמאַכער אין בעלכאַטאָוו, געהאַט צו לייגן אין מויל אַרײַן, איז וואָס! כ׳וויל נישט נעמען קאַ׳ כאָמעט אויף זיך, דאַרף מען מיך פֿאַרשטיינען דערפֿאַר? אַן אייגן ווײַב זאָל זײַן אַזאַ שונא! ווען זי ציט זיך אויס, גייט ער אַרײַן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו? ווינציק זיך אָנגעליטן יענע יאָרן אין די קאָלכאָזן! אין שטאָט איז עס אַ קאָאָפּעראַטיוו — דער נאָמען נאָר אַן אַנדערער: שני כפרות ביום אחד. אַנומלט האָט ער נישט געהאַט קיין ברירה, געמאַכט אַ קנייטש, אָבער שוין דעמאָלט געהאַט אַ שטיקל געדאַנק: ס׳אַן אומגליק די שותפֿותדיקע שיסל, נאָר נישטאָ קאָ׳ן עצה. זאָל מען אויף כילן נישט האָבן קאָ׳ן אויג. דאָך אַ שטעטל, יעדער קוקט דיר אונטער דער הויט אַרונטער, יעדן איז מען עפּעס חושד. אַז אַלע זענען פֿאַרשאָלטן פֿון אומצוטרוי — — איין גאָט איז אים אַן עדות: ר׳האָט אַנדערש נישט געקענט, און נישט געטאָרט. בלײַבן פֿוילן אין יענער בערלאָגע? פֿאַר אַ ייִד איז עס אָסור.

ער דרייט זיך אַהין, אַהער, וויל איר זאָגן אַז ס׳איז דאָך גוט געשען וואָס ר׳האָט געמאַכט פּליטה. אָבער זי איז אַלץ אָנגעדראָדלט, העשעט אַרויס נישט־ווו, נישט־וועזן. שוין וואַרפֿט אים די נכפּה: אַ קורצער שכל פֿון אַ ייִדענע! סאַמע אומבאַרעכנקייט איז אין איר טוען; אים און זיך אַליין, אויך די קינדער, קען דאָס ברענגען צו אַן אומגליק, ער מוז זיך אָפּרײַסן און מאַכן טיל־טעל פֿון אַלץ. ער באַהערשט זיך ווידער, לאָזט נישט הערן אַ פּיפּס. אייגנטלעך דאַרף ער שוין זײַן צוגעוווינט צו די אַ „חתונות״, — פּרוווט ער זיך אַליין אײַנשטילן, הלמאַי דעם ווײַבס טענות קאָכן אים אויף.

לסוף לאָזט כיל זיך אַראָפּ אויף אַ ברעג פֿונעם טונקל־פֿאַרבעטן געלעגער, וואָס דערמאָנט אַ קאַזאַרמע־קויקע. דורכויס גראָלעכע קאָצן אויסגעשפּרייט איבער אַן אָנגעבערגלטער הויכקייט, וואָס האַלט זיך אויף דינע אײַזערנע פֿיס און פֿון דעם טראָגט זיך אַ שטיקנדיקע דושנעקייט ווי פֿון פֿאַרלעגענע שמאַטעס. רעכט: אַז מ׳קוקט זיך אײַן אין דעם, טוט שוין באַנג די גאַנצע מעשה מיטן לויפֿן. אפשר טאַקע געווען אומזיסט דאָס שוואַרצן

גרענעצן, גנבענען זיך אין די נעכט פון שפּיציק־אויגיקע שומרים און ס׳אַרויסגליטשן זיך פון גוטע פריַינד, אַבי פּטור צו ווערן פון יענע, וואָס קריכן ממש אויף די גליַיכע ווענט, באַגערן צו באַגראָבן אים. פון „הויכע פּליכטן״ גייען ערשט די דאָזיקע און פון בלינדקייט ציִען זיי אַליין אין שאול־תחתיה אַריַין... אַז איר איז ליב, מוז מיר זיַין ניחא! זאָל עס גיין אין דר׳ערד אַריַין. ס׳אַ לעבן? געוועזן אַמאָל צווישן זיי מענטשן, אַפילו ידידים, היַינט איז קיינעם נישט צו דערקענען. זעלטן אימעצער איז געבוג כשר. נעם פּסקענען, אַז קיין מאָל ביסטו נישט זיכער צי דו טיַיטשסט גוט אויס „זייער״ שולחן ערוך. אַלעמען ווילן זיי פּאַרטייבן מיטן געשריי: מ׳באַדאַרף בויען אַ גערעכטיקע צוקונפט. האָרכסט? אַ צוקונפט, דער היַינט מעג דיך דערשטיקן. דערוויַיל זיַי אַ ציגלטרעגער, דו מוזסט לייגן דעם פונדאַמענט פאַרן ליכטיקן מאָרגן שוין היַינט. אַליין מעגסטו איַינגעמען אַ מיתה משונה. דאַרפסט שוין קריגן ס׳דאַרעניש. אַזוי ווילן זיי, די, פון וועלכע איך האָב נישט געטאָרט נעלם ווערן וועדליק מיַין וויַיב. יאָ, מוזסט אַפילו זיך אַרויסוויַיזן אַ פּאַטריאָט פּאַר, פּאַר... מוישע, וועלכער איז יעדן טאָג מיט האָס געטריבן געוואָרן דאָ פּאַלעסטיַני, דו, משה, זיַי אַ פּאַטריאָט. די אייביקע יידן־שלעגערס האָבן צוגעגרייט אַ נײַעם סידור פאַר אונדז און יידישע פּאַרכעס וואָס קניִען שוין פאַר יענע, ווילן דאָס אויפצווינגען אויך מיר, אויף אַלעמען: דאַוון אין נײַעם סידור, צו אַל די שוואַרצע יאָר! זאָלסט זיך אַפילו חנפענען צו מאָטשעקן, וועלכער וועט נאָך היַינט אונדז דערטרענקען אין אַ לעפל וואַסער. דו האָרעווע אין ליים און אין שטרוי און זיי, די שריַיערס, וועלן ברענגען די גאולה כשרה. מישטיינס געזאָגט, ווער עס איז אונדז געבליבן נאָכן בלוטיקן מבול: פּסולת. אַ שרעק! אומעטום שווימט דאָס קאַפּויער. זי וואָלט עס כאָטש אַ האָר פאַרשטאַנען, די יידענע, די מאַמע תהילה!

די אָנהאַלטנדיקע שטילקייט דריקט ווייטיקלעך. וואָלט זי כאָטש אַרויס פון שטוב, אויף אַן אמת זיך געברוגזט, נישט געוועזן מיט אים אונטער איין באַלקן. עלעהיי זי וואָלט אַוועק אַ קוק געבן אין „אָרט״, ווו די מיידלעך אַרבעטן. אייגנטלעך אַרט אים שוין וואָס זי רעדט נישט. זאָל זי באַדאַי אים זידלען; ערשט וואָלט ער באַשטאַנען זי זאָל אַרויסלאָזן די היץ פון קעסל. איר מיטאַמאָליק שוויַיגן האָט אים שוין געריסן די נערוון.

— יידענע בליַיבט יידענע, —קערט ער אויס צו איר ס׳פּנים— אָנ־געזעצט זיך! וואָלטסט מיר ווינציקער געלעכערט דעם קאָפּ, דו אויער־

וואָרעם, וואָלט דיר ווי־לער געווען און דו וואָלטסט דיר נישט אָנגעמאָסטן אַזאַ מאַזשגע. כאָטש אויף איין מינוט וואָלטסטו זיך פאַרטראַכט! כ׳האָב דען דיך געשלעפּט בײַ דער פּאָלע? ס׳וואָלט געווען אָדער־אָדער: וואָלטסט געקענט בלײַבן דאָרט, בײַ חיים אײַזנבאַכן אין אויפגעריכטן לאַנד, איך האָב נישט געקענט. דו, דו. איך האָב נישט געוואָלט, איך האָב מער ניט גע־קענט. איך בין שיער נישט צעזעצט געוואָרן, גע־העעעי־עערט?

זײַן שטים צעציקלט זיך, דערנאָך קלינגט זי שפּאָטיש און דער גע־העעע־יעעערט לייגט זיך שוין מיט אַ שאָטנהאַפּטיקן אָפּוואָרטן. לסוף האָלט ער נישט אויס. ער טראָגט איר אָנטקעגן זײַנע האַלב־צעשמייכלטע, בלישטשנדיקע אויגן, כאָטש דאָס וואָרט האָט נאָך נישט פאַרבאַהאַלטן זײַן טראָציקייט.

זי איז צערייצט. ווידער שפּרינגט זי ווי אַן אָפּגעבריטע, ער פאַר־שטעלט איר אָבער ס׳מויל מיט זײַן האַנט:

— שוין, שוין? דו ביסט גערעכט, איך בין שולדיק, הונדערטפאַך שולדיק. אָבער אויפעסן וועסטו מיך נישט; ניטע, ניטע, וואָרן כ׳על זיך נישט לאָזן! עסן קענסטו ברררר־רויט, ברויט אין דאַן לאַאַב אַראָן, גע־העעע־יעערט, ווואאַאַ־אַאַב!

אַרויסגעשטעקט אויף איר די צונג און ער האָט י׳ִנגליש־שקאָציש פּלינק זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב.

„אוי איז זי בייז אַצינד!״ — האָט אין האַלדז בײַ אים געזאָטן אַזאַ מין געלעכטערל, ר׳האָט זיך געקילט ס׳האַרץ. זאָל זי זען, ר׳קען זיך ווערן. ער איז אויך אַ מענטש, זײַנע נערוון זענען אויך נישט פון אײַזן.

קריגן זיך מיט איר קען ער נישט. ר׳איז שוין צו אַלט צו מחלוקתן. דאָס האָט כיל פון לאַנג אָפּגעמאַכט מיט זיך און אין געדאַנק שמייכלט ער שוין צו די צווייַ אונטערגעוואַקסענע טעכטערלעך זײַנע. ווי דאַרפן באַלד אָנקומען. ר׳וועט זיך אַ ביסל אַרומדרייען אין דרויסן. פון „אָרט״ וועט מע באַלד אַרויסלאָזן די שילערס. גוט, וואָס זיי לערנען זיך; ווו מ׳וועט קומען, ׳עט עס צוניץ קומען. איי, הלוואַי קומט שוין אַן אַ רוף פון קאַנ־סול! די אָדערן דרייט אויס ס׳וואָרטן אויף דער וויזע. אַן אָנשיקעניש, די אַלע פּאַפּירן מיט די פּאַפּירלעך. נאָר משוגע צו ווערן פון אויסקוקן דע־רויף. אַ בײַסיקער רויך פון אַ שריפה איז דאָס וואָרטן אויפן פּאָרן. דער קאָפּ פּאָרט שוין און דו זיצסט און זיצסט אין געהאַקטע ווונדן! וואָ׳דען? אַלץ שפּילט אויף צײַט. אמת, מאָרגן קען עס שוין אָנקומען. מענטשן רירן

זיך דאָך אַרויס פון דער געפּענקעניש. אָ! מ׳זאָל אים נאָר נישט פרעגן: שוין געקריגן? גערופן? קיינער זאָל אים נאָר נישט אָפּשטעלן. מוחל די חברשאַפט פון דעם פּעוול. אַ מיסטקאַסטן אונדזער צייַט, ווערעם די מענטשן. באַהיט זאָל מע ווערן פון זייערס אַ ביס! צוזאַמען מיט די קינדער וועט אים גרינגער זייַן צוריקצוקומען אין שטוב אַרייַן; באַלד קומען זיי. אַוודאי, כ׳נישט קיין תכלית דאָס ברוגזן זיך.

זי, טראַכט ער, מוז זיך יעדעס מאָל אויסשרייַען. דערנאָך ווערט זי בעסער. אַ כמאַרע גייט אָן, די כמאַרע לייזט זיך אויף אין ווינט, אויב ער צינדט זיך באַלד נישט אָן מיט העפטיקייט. פאַר אַ שטורעם האָט ער מורא, כיל טלוסטי.

ב

דער לאַגער־שטח איז אויסגעצויגן גרויס, גראָעניש איז זייַן אויסבליק. די אויגן ווערן גיך מיד פון קוקן, אויב ס׳איז נישטאָ עפּעס אַנדערש צו טאָן אין דער־אָ ליידיקייט.

אַרום און אַרום אַ הילצערנער פּלויט, אַריבערן פּלויט — שטעכיקע דראָט ווי אַ דאָרן איבערן קאָפּ פון דער נייַער פרייַקייט פאַר די קלאָמ־פערשט באַפרייַטע. אויף דעם משוגע צעצויגענעם הויף זענען אָנגעוואָרפן לאַנגע באַראַקן, הילצערנע אויסטערלישע קאַמערן מיט קליינע פענצטער, אַ סך פון זיי פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך. געווען מסתמא אַרייַנגעשטעלט שויבן. אין דער פאַרוואָרלאָזטקייט וואָס האָט זיך ווי שטויב דאָ אָנגעלייגט במשך פון יאָרן איז —וויַזט אויס— שוין פאַרגעסן געוואָרן אַז מ׳באַדאַרף פאַרגלאָזן די פענצטער־פליגל. צוגעוווינט געוואָרן דער שטח צום קאַלע־מוטנעם אויסזען, ווי דער תפיסהניק צו זייַן צעלע. שויבן? ס׳מוז ניט זייַן. אָט זיצט מען אַזוי שוין יאָרן — דערוויַיל. אמת, אמת. אויך ס׳בעט ווי אַ תפיסהניקס, אַן אייַזנס, ס׳שענקל — אַ פּראָסטער קאַסטן, אויפגעשטעלט אויף אַ באָק, פאַרהאָנגען מיט אַ שטיקל פלאַכטע צי גאָר מיט אַ צייַטונג. אַזוי, אויף דערווייַל, ברענגט מע נאָך קינדער אויף דער וועלט. און יונג־וואַרג האָט חתונה, אויך עלטערע, פאַרעלנטע, פּאָרן זיך: אַן אלמן געבליבן אין די וועלדער, ווהין ר׳איז פאַרטריבן געוואָרן פון אימה, זוכט ער זיך אויס אַ יידענע, אויך אַ צעבראָכענע, נאָר האָט נישט קיין כוח צו שטאַרבן, מחמת אַ וויכטיקער אַדרעס פון אַמעריקע ציט זי כסדר אַוועק פון דער גרוב וואָס איז אָנגעבאַרייט פאַר איר. זיצט מע שוין אַזוי און אינעם אומעט הענגט מען אָן זאַלבענאַנד אַ מטושטש האָפן נאָך ערגעץ־ווו אַריבערצו־

5419 Hutchison St.
Montreal, Quebec H2V 4B4

קומען און אָנהייבן פון דאָס נײַ. פון דאָס נײַ? ספיקות גיבן אַ צופּ, כאָטש כּ׳מויל איז שווער פאַרן געדאַנק פון דעם־אָ האָפן. צווישן אַזוינע רעדט זיך נישט, ס׳האַרץ אַליין איז רעדעוודיק. עס וויינט און קלעמט זיך. ווידער דער מוח, ער הוידעט זיך אויף אַ פעדעמל, אויף וועלכן עס הענגט דער טאָג, אַ טאָג אַזאַ שלעפּט זיך פּרי אינעם אָוונט אַרײַן. דערווײַל עסט מען ס׳לאַגער־ברויט און מ׳קוקט אַרויס ענדלעך אַריבערצופּעקלען זיך ווײַטער, ווײַט, וווּ עס וועט שוין זײַן —אפשר?— ריכטיקע מנוחה. פון רײַכע מדינות רעדט זיך. כאָטש חלומען חלומט זיך עפּעס אומזיכערס, שפּינט מען אַ וואַכן האָפן פון שלווה. צונויפגענומען זיך דאָ ייִדן פון כלערליי קאַנטן אַנטלאָפן מיט ליידיקע הענט, ערשט וואַרט מען אויף אומקלאָרע גליקן; ס׳אייגענע איז מיט די לײַט פון פוילן, פון אונגאַרן, פון בעמען און סלאָוואַקיע. אויסגעדייוועטע אַלע און אַלע מיטן ווידערטעם פונעם אַמאָל; מ׳דערמאָנט זיך אין געוועזענעם און אין דעם שטעלט מע זיך אַרײַן.

באמת, דעמאָלט איז געווען גוט, זאָגן זיי, מ׳האָט זיך נעבעך ניט געקאָנט דערויף. זיך פאַרזינדיקט, — זיפצן די עלטערע און ס׳ייִנגוואַרג פאַרציט די שטערנס. ווי עס זאָל נישט זײַן, אַלע זענען פאַרטאָן אין מעשׂהאַפּטיקע ווײַטענישן. פאַראַן ערגעץ היימישע, וואָס האָבן נאָך אין די שטילע צײַטן זיך אַרויסגעקליבן אין דער וועלט אַרײַן (עמעצן האָט די וועלט געלאָקט און וועמען מ׳האָט באַצײַטנס געטריבן צו איר: „האָב שׂכל, גיי אַוועק פון חושך!”), ציט עס איצט צו די דאָזיקע. בכלל באַהאַלט אין זיך דער מענטש עפּעס קינדישס, תמיד איז ער להוט אומקלאָרע באַגערן און אים רופן אומגעזעענע לענדער. דאָרט מאַכט מען אַ לעבן. מ׳איז טאַקע שטאַרק מיד פון די ברעך, נאָר אומבאַוווּסט פאַר זיך, וואַרעמט מען אַ ווײַטע האָפענונג. באשר ערגעץ וואַרט אַ מאָרגן וואָס איז בעסער פונעם הײַנט. מ׳האָט נעבעך פאַרשפּילט די בעסטע יאָרן, ערשט וועט מע וויסן ווי אַזוי צו לעבן. טאַקע מחמת איבערגעמאַטערטקייט וויל מען אַרײַנכאַפּן. גאָרנישט מער ליגט אין זינען. אַרום מעג עס ברענען, אַבי מיך לאָזט! וועט מע קומען צו די היימישע, וואָס געדענקען בלויז דײַן נאָמען, וועט שוין זײַן גרינגער. אַלע ווייסן וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט. זיי וועלן מיטפילן. וואָסזשע מער דאַרף מען? מיר זענען דאָך די אומגליקלעכסטע פון אַלע דורות — —

אויך אין די אויפדערנאַכטן, וואָס שטייען געדיכט פינצטערע איבער די באַראַקן, טראַכט מען בציבור: מיר און זיי. מ׳קומט זיך צונויף אַרום

עמעצנס אַ טישל, אַ שוואַך לעמפּל זיצט דערבײַ און שכן רעדט זיך אַראָפּ פּאַר שכן. אין וואַרעמע אָוונטן קלײַבן זיך געזעמלעך הינטער די ווענט פון די אײַנגעקאָרטשעטע פינצטערלעכע קאַמערן, מ׳שמועסט אַ סך, אײַנגעהאַלטן, מע חלומט אויך אויפן קול. כאַפּט מע זיך — ס׳לעבן לאָזט דעם מענטש הינטערווײַלעכס, מ׳קומט אָפּ חדשים און יאָרן אין שטובן ווי שטאַלן, צו־נויפגעדרענגט אויף אָרעמע בעטלעך, דערמאָנט מען יענע וואָס האָבן גע־האַט די זכיה נישט מיטצומאַכן די מלחמה פאַר אַט־דעם לעבן מישטיינס געזאָגט. „זיי" איז לײַכט צו קרעכצן אויף אונדזער גורל; לײַכטער איז צו וויינען אויפן שרעקיקן געפיל, וואָס ס׳זעלביקע האָט אויך זיי שיער פאַר־כאַפּט. אויסגעמיטן, גאָט צו דאַנקען. יאָ, ס׳האָט אויך אויף זיי געטשאַ־טעוועט. מ׳הערט׳עך. אַמעריקע, בראַזיל, אַפריקע, ווו ס׳נאָר פאַראַן ייִדן, טראַכט מען פון אונדז. אָפּנים, ס׳איז באמת כדאַי צו וואַרטן. און נישקשה, מענטשן נעמען זיך שוין פאַקעווען אין וועג אַרײַן. נאָר געדולד. לאָמיר זיך נישט פאַרזינדיקן. פאַראַן צו עסן, ס׳רעגנט נישט מיט קאָ׳ שטיינער, איז רק בטחון, צ׳הערט?!

ג

צוזאַמען און ביחידות האָט מע געזוכט אַ טרייסט, כאָטש טרייסטן האָט זיך נישט געלאָזט. וואָרן — ווי לאַנג איז דער שיעור? אַזוי פיל יאָרן נע ונד און אַלץ טראָגט מע זיך נאָך מיטן געשוויר אין האַרצן!

אָן אויפהער געטראַכט וואָס צו שרײַבן דער וועלט, און מ׳האָט געקלערט ווי אַזוי צו שרײַבן אַז בלוט זאָל „זיי" רינען פון די אויגן. אונד־זער פּײַן זאָל זיי נישט לאָזן רויק שלאָפן.

ס׳גאַנצע דאָברע מזל האָט מען אַרײַנגעלייגט אין די בריוו, דעם גאַנצן גלויבן, ס׳גאַנציטשקע האָפן האָט מען אָנגעהאַנגען אין די בריוו. בריוו זענען געוואָרן דער דופק פון דעם אָ לעבן און צו דעם דופק האָט מע צוגע־לייגט די אָנגעשפּיצטע אויערן. בײַ נאַכט, מ׳פלעגט זיך איבערוועקן, האָט מע שוין נישט געקענט מער אַנטשלאָפן ווערן. סמוטנע פלעמלעך האָבן דעמאָלט פלוצלינג אַרײַנגעפיבערט אין נאַכטישן חושך און ס׳געוואָרן אַ קאַלעמוטנע מאַטער פלעק דאָ און דאָרט.

בריוו, בריוו! מיט דעם האָט עס געווימלט אין אַלע קעמערלעך פון לאַגער. בריוו גייען צו זיי אין גרויסע פאַרזיגלטע זעק פון די גאָל־דענע מדינות, בריוו ברענגען אומדערוואַרטע בשורות. און איז מען גאַנץ

פרי אַראָפּ פון געלעגער, האָט מען זיך שוין אויסגעקוקט די אויגן: ווי דערלעבט מע צו זען דעם פּאָסט־טרעגער! בשתיקה, מיט ברענענדיקן אָטעם זיך געשאַרט הינטער די ווענט, צעוויגט טירן און אויסגעטריקנטע שטיגלעך: „נאָך נישט געווען דער בריווטרעגער?‟ מ׳האָט געזאָגט, ר׳איז שוין אַדורכגעגאַנגען, אָבער איך האָב׳ן נישט געזען — — אַזאַ ליגן בראָקט מען אָן, אַזש מ׳פאַרלירט זיך אין די אייגענע צעוואָקלטע רייד. בריוו, בריוו זענען געוואָרן אַ קרענק פון אויסגעהוילטן קאָפּ. איינער אַליין פּלעגט אַזעלכער אַרומגיין אין פרעמדן טומל פון לאַגער, באַצייטנס צע־קייעט דאָס וואָס מע וועט דאַרפן אָפּענטפערן אויפן בריוו, וואָס בלאָנד־זשעט נאָך אפשר אויף אַן אָקעאַנישער שיף. ווי, ס׳אַפילו מעגלעך אַז אַ בריוו זאָל אַוועקקומען, פאַרפלאָנטערן זיך ערגעץ־ווו. באַשטימט, הײַנט דאַרף זײַן אַ בריוו. שוין אַוועק אַ קימא־לן פון כך וכך טעג. אַהין גייט די פּאָסט פיר טעג, צוריק אויך פיר טעג, און שראַבן שראַבט ער אַן ענטפער באַלד— ער ווייסט ווי מיר זיצן דאָ אויף הייסע קוילן — איז... ס׳ראַכטיק מאַן געדאַנק, תהילה? ווײַל תמיד קומען אָן די בריוו אַזוי ראַיעל, ווי קלערסטו? זעלטן אַז פאַרן אייגענעם ווײַב טרויט מע זיך אָן מיט אַזאַ גליַיקן אומגע־דולד. אַ ייִדענע קומט שטענדיק אַרויס מיט אַ קאַפּויערדיקן מיין, איז גלײַ־כער נישט צו קוקן אויף איר זאָג, צי ר׳איז גערעכט דער מאַן, צי נישט. אָבער אויך זי וואַרט מיט ציטערניש אויף אַ בריוו. מ׳קען פּלאַצן, קלערט זי. סײַ ווי איז אוממעגלעך זיך צו דערהאַלטן אין שטוב, וואָס סטראָ־שעט אַרויס ווי אַ — שטאַל. פון ס׳נײַ און ווידער אַ מאָל גייט מען אַרויס וואַרטן, מ׳עדותט זיך מיטן זייגער — מ׳הערט נישט אויף צו „פרעגן‟ אים, גלײַך מ׳וואָלט געקוקט אַ רמאי אין די גענאַרערישע אויגן אַרײַן, און דערנענטערט זיך די געווינטלעכע פּאָסט־שעה, גייט מע שוין דרייסט צום קאַנצעלאַריע־באַראַק. מ׳באַדאַרף אַ קוק געבן צי דער פּאָטשטאַליאָן האָט זיך דאָס מאָל נישט פאַרקרעקט מיט אַ ביינדל. קלאָר, די נערוון טראָגן, כאָטש דער זייגער האָט זיך זײַן אײַזערנעם געדולד און דער בריווטרעגער איז זיך אַ יעקע. ער האָט שטענדיק צײַט.

כיל טלוסטי לעבט דורכויס אויף די בריוו, וואָס דאַרפן אָנקומען. רוקט אָן די שעה פון אָנקום דעם פּאָסט־טרעגערס, גיט עס אים אַ צי:

— כ׳על באַלד קומען, — וואַרפט ער צו דעם ווײַב אַ ברום און זי, די הייס־געבאָדענע, קען זיך נישט שענקען למאַי דער מאַן אײַלט זיך:

— וואָאס, ר׳עט דיך נישט געפינען, דער בריוו־טרעגער? אומזיסט,

כי׳לעניו, דײַן אַנטקעגן לויפן דעם שלימזל. מ׳וויסט׳עך, וואָס פֿאַר אַ גליקלעכער האָז די ביסט. פֿאָמאַלו, זאָגט זי, געלאַסענער, ס׳גליטשיק נאָך די רעגנס, וואָס זײַן ליבער נאָמען האָט אַראָפּגעשיקט נאָכן בראַנד, וואָס ער האָט געבערענגט אויף די אָרעמעלײַט. — אַ צעלייגער געוואָרן דער פּאַן כיל טלוסטי, — רעדט זי באַלד צו זיך אין פּאַרדראָס, ווײַל דעם מאַן האָט דער אומרו שוין אַוועקגעטראָגן ווײַט אין דעם סומנעם לאַגערהויף אַרײַן.

די קראָם פֿון די פֿיר ווינטן

די קראָם פֿון די פֿיר ווינטן

1

עס איז אַ געוויינטלעכע שפּײַזקראָם. זי ליגט אויפֿן ראָג פֿון די גאַסן כואַן גאָנסאַלעס און גאַרסיאַ דעל רעי, וואָס אין דער גרויסער בוענאָס־אײַרעס. אַ קראָם ווי אַ סך קראָמען פֿון דעם מין: זי איז אָנגעפּראָפּט מיט סחורה אין בלעכן, אין פֿעסלעך, אין זעק, אין טאָוולנע שאַכטלען, שקאַרמיצן, פֿלאַשן און פֿלעשלעך; סחורה אויף פּאָליצעס, אין ווינקלען. שוין פֿון דעם דיל הייבט זי זיך אָן אָנהויפֿן פֿאַר די אויגן פֿונעם קונה, קלעטערט אין קעסטלעך, אין זעקלעך ביז צום סופֿיט אַרויף. די קראָם איז אויך אָנגעפּויִשט מיט אומפֿאַרמײַדלעכן מעלשטויב, מיט נאַפֿט־ריח וואָס רייצט דאָס שלײַמהײַטל פֿון דער נאָז; אַ מאָל הייבט זיך אויף אויך אַ וואָלקן שטיקנדיקער כלאָרפּולווער. פֿון מענטשן שטייט דאָ תּמיד אַ געזשום, אַ שטענדיקע טרייסלעניש מיט דער טיר. מ׳גייט אַרײַן און אַרויס און די שויבן אירע רופֿן זיך אָפּ מיט כּסדרדיקן טעמפּן געברום, גלײַך זיי וואָלטן פּאַפּוגײַיִש אויסגעמעלה־גירהט: „געקומען, איר זעט?"... תּמיד די זעלביקע פּנימער, די זעלביקע שטימען, די אייגענע גרימאַסעס און פֿון אַלעמען שפּירן זיך די ענלעכע געלוסטן און דער צוק פֿון די באַקן: „איר׳ט הײַנט געשמאַקע זאַכן, סוחר?" און תּמיד גייט זיי אַנטקעגן דער קילער שמייכל אויף קרעמערישע וואָנצעלעך: „קאָמאָ נאָ? * אַוודאי, פֿרישס אָנגעקומען. אַלץ פֿאַר אײַך. שטענדיק האָט מען אײַך אין זינען". דער גראָער צעכראַסטעטער כאַלאַט גיט זיך אַקסלדיק אַ באַוועג און די הענט נעמען שוועבן אין מעלאַנכאָלישער האָפֿערדיקייט. ווײַל צו קונים באַדאַרף מע זײַן גינציק, געדענקט דער קרעמער; דעם קונה קומט דער גאָרער געדאַנק.

— וואָס נאָך, סעניאָראַ? — ווי די ערד־שלענגלעך רירן זיך דעם קרעמערס וואָנצעלעך, זײַנע ליפּן גיבן זיך אַ פֿאַרהייב. אַנטקעגן דעם קונה שטעלט זיך אָקערשט אַלץ אַוועק אין אויסוואַרטנדיקן קוק: דער לעבעדי־

* פֿאַר וואָס נישט?

קער קרעמער, די האַרכנדיקע קראָם און ס׳בלינצלדיקע פלעמל וואָס הענגט אין מיטן חלל.

תמיד קוקן באַדאַכט פונעם קרעמער די צוקנדיקע, קורץ אונטערגעשוירענע וואָנצעלעך. אַפּוואַרטנדיק שטייען זיי אונטער דער נאָז און עפּעס קלערן זיי. נישטאָ קיין פּרויענצימער אין דער באַלעבאַטישקייט פון קראָם, פון דעסטוועגן פעלט קיין מאָל נישט קיין סחורה. אַלץ טוט אָפּ דער מאַנס־פּאַרשוין, און קיין שטויבעלע איז נישט צו זען אויפן טאַמבאַנק, אויף אַ סלאַי — — אויך וואָנצעדיק איז דער אַפּוואַרטנדיקער בליק פון דער קראָם אין איר הערוויליקער רו. קונהטעס זעען עס שטענדיק מיט דורכ־דרינגלעכן קוק:

— טשיקאַווע, — אַזאַ שטיק מאַנספּאַרשוין און אַלץ אַליין!? ווען זוכט ער צווישן די פרויען? שוין זשע מאַכט זיך נישט „עפּעס" פאַר אַזוי־נעם! אַ מאַן — און ער פאַרגינט נישט אַ ביסן אַ גוטן מיידל? עכ־כעכעע, ער טוט אַלץ וואָס ס׳געהער זיך נישט אַן אַ מאַן. אינ־טעע־הע־עעע־סאַאַאַ־אַאַנט, וואָס פאַר אַ פּריצה סע חלומט זיך אַזוינעם.

אַנדערע האָבן אַפילו געפּרוווט אויף אַ קול וואַרפן אַ ווערטל אויף דעם־אַ חשבון. זאָל ער וויסן וואָס מ׳טראַכט פון אים, האָט עמעץ רעכט שוין געצאַרנט. וואָס, שעמען וועלן זיי זיך פאַר אַזעלכן? ווי געשיקט זיך אַזוינס ביי אַ געזונטן מאַן און ער פאַרדינט געווג פאַר אַ ווייב אויך. אָט פּאַמעלעכקע זיך אַריינגעקראָגן אַהער און מע האָט אים געשאָנקען רחמנות. אַ נעבעכל זיך געוויזן און אַן אמתער מאַיאָנטעק קלייבט זיך אָן ביי אים. זעט, אַזוי פיל סחורה, אָבער לעבן לעבט דאָס ווי אַ חזיר. פּע, עס הייבט אָן נישט צו געפעלן. מ׳קומט צווישן מענטשן, דאַרף מע זיך פירן ווי אַ מענטש. דער וויל דווקא מ׳זאָל אים חושד זיין...? יאָ, נישט אים אַליין קען מע מיינען, דעם באַלעבאָס סעניאָר לאָפּעז. אויך זיינע ברי־דערלעך, וואָס זענען געקומען אַהער עסן ברויט — אַלע האָבן זיך געלאָזן אויף איין פוס: מ׳וויל זיין פריי קלאָמפּערשט, כאָ, כאָכאָאָאָ! מ׳ווייסט שוין ווי אַזעלכע פּאַסקודיעץ זיך אַרום. וואָס, ס׳שטייט זיי נישט אָן דער יחוס פון אונדזערע מיידלעך, אָדער אפשר (האָט אַ דרייסטערע פון די ווייבער שוין אָנגעוווּנקען חוזקדיק) גאָר טראַכטן פאַרקערט, אַז די יונגע לייט באַדאַרפן גאָרנישט חתונה האָבן, קכע־כעכע! — און אַרויס מיט אַ שטעכיק געלעכ־טערל, וואָס אַנדערע האָבן אומהיימלעך נאָכגעקרימט.

פאַר אַ לאַנגער צייט האָט מע געדראָשן אַזוינע געלעכטערלעך אויפן

חשבון פון דעם קרעמער. ס׳איז איבערדריסיק געווען פאַר לאָפעזן צו הערן דאָס, וואָס ס׳איז דערגאַנגען צו אים, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. אויף דעם גערייִדעכץ האָט זיך בײַם קלייטניק אַ מאָל נאָר אַ פאַרהייב געטאָן די אייבערשטע ליפּ: „ממאַ!” אַזאַ סיקע דורך די וואָנצעס און ווידער פאַרשלײַפּט די ליפּן.

איז עס אַ שמייכל? און אפשר איז עס געווען די נישט אַרויסגעבראַכטע ביטערניש, וואָס קען אָניערן אין אַ מענטש אַן אײַנזאַמען? לסוף האָבן די ווײַבער זיך שוין צוגעווויִנט צום אָרט ווו די קראָם האָט זיך אָנגעוואָרצלט, זי איז אַרײַן אין זייער געוווינטשאַפט; ס׳איז זיי געוואָרן אייגן דאָס פּנים פונעם קרעמער און זיי גייען אַרײַן צו אים טאָג אײַן, טאָג אויס נאָכן באַדאַרף פאַרן מאָגנעדיקן מאָגן. מילא, — ער — וואָס ער וועט זיך אָנמאַכן, וועט ער האָבן! אין אמתן האָבן זיי נישט אַזעלכע פּוסטע קעפּ אויף צו פאַרזאָרגן אַ „שוואַרץ קעפּל”. זיי האָבן זיך אייגענע דאגות און די קראָם איז זיך קראָם: זי פאַרקויפט וואָס זיי באַדאַרפן און אַ גוטן, סעניאָר געוועלבניק! פּשוט, די צײַט האָט דעם עולם פון דער געגנט מיד געמאַכט. און סוף כל סוף איז דער מענטש וואָס איז בײַ זיי געוואָרן דער קרעמער, נישט מער ווי אַ זײַטיקער, אַ פרעמדער. זאָל ער זיך גיין זײַן וועגס.

סײַ ווי איז עס אַ קראָם ווי אַלע קראָמען און דאָך שיידט זי זיך אונטער מיט עפּעס. יאָ, זי איז אַנדערש אַחוץ מיט דער אַנדערשקייט פונעם קרעמער. ער רוט קיין מאָל נישט און זײַן קראָם איז תמיד וואַך. ס׳באַדאַרף זיך נאָר ווײַזן דער קונה. סײַדן ס׳איז אַנטדרימלט די זשעדנעקייט אויפן פּרעס, אויפן טרונק. נישטאָ אין איר אײַנגערינגלטן חלל קיין טאָג און קיין נאַכט. זי פאַרמאַכט זיך נישט ווי אַנדערע קלייטן. ס׳זעט אויס אַז זי פאַרשפּאַרט נאָר זעלטן איר טיר. און אַלע מאָל דערווײַליק. ס׳געניגט אַפילו שפּעט אין אָוונט נאָר אַ לײַכטן ריר צו טאָן בײַ איר אַז זי זאָל זיך תיכף עפענען און דער פאַרכאַמערטער קלייטניק זאָל אויפרײַסן די אויגן מיט אַ פרעג: „מיט וואָס קען איך דינען?” ווען אַלע טירן־טויערן פון דער געגנט ווערן פאַרשטאָפּט מיט דער שפּאַרנדיקער קילער פינצטערניש, אין גולמדיק פאַרגאַפטן הימל וועבט זיך פויל דער שטערן־שלאָף, רוקט זיך ערשט אַרײַן אין איר טיפעניש די פאַרזונקענע קראָם און הינטער דער אײַנגעדרימלטער טאָמבאַנק לייגט זיך אויף אָפּרו דער קרעמער. ער כראָפּעט מיט אַן אָפן מויל, מיט טרוקענעם האַלדז. ס׳איז אַן הפסקה אין זײַן זשעדנעקייט נאָך לייזונג. פון באַגינען ביז שפּעטן אָוונט שטייט תמידע טונקלקייט

אין דער אַנגעשטאָפּלטער ענגעניש. שטאַר, מיט שטילן בעלמע־בליק, גליט אַ לעמפּל אין דעם־אָ טונקלען דעמער; צו גלײַך מיטן געוועלבניק טשאַטעוועט יעדע רגע אויף דער אַנגערונענער שטילקייט. אַנגעהאָרבעט ווי אַ קאַץ אין לויער קוקט אַרויס די שטילקייט אַזוי ווי זי וואָלט אויך געוווען להוט אויף אַ סענטאַווע, אַ פּעזע. לייזן, לייזן! — צישעט עס פון דעם אײַנגעשטשעמעטן שווײַגן. טונקל, קילבלעך, גלײַך אַ ברונעם איז די קראָם און גיריק איז זי נאָך קונים, שטענדיק ווילִיק נאָכצוקומען דער זולל־וזסובאַדיקער קישקע: עסן, פּרע־עסן!

זינט יאָרן אַזוי. שטענדיק ווײַזן זיך לײַט און זיי זוכן עפּעס מיטצונעמען מיט זיך, ווי אַ חיה צו פאַרשלעפּן אין נאָרע אַרײַן. און דער קרעמער וואַרט אויף זיי ווי אויף פאַרציקונג וואָס עס מאָנט דער מאָגן: צוקער? פּאַרפּל? עסיק? זייף?... פאַר וואָס נישט?! אַלץ פאַר אײַערטוועגן, סעניאָרעס! וויפל? ווײַן אויכעט? כ׳האָב פון בעסטן מין. פון מענדאָסער קעלטערײַ דירעקט, אויך פון סאַן כואַן. איכ׳ל נישט איבערפירן... דאָס זיסע וואָנצעלע באַוועגט זיך אונטערן מידן בליק, רירט זיך טראַכטנדיק: ס׳נישט קיין צײַט צו דרימלען. תמיד אַזוי, אַפילו אין חגא־טעג, ווען די קראָם איז פאַרמאַכט. פאַראַן אַ הינטערטיר! יום־טוב איז אומעטום פאַרן האַר ווי פאַרן קנעכט. וואָך איז אָבער דער מאָגן, די געלוסטן זענען אָנגעשפּיצט אויף באַטעמטס, פּיקאַנטס — געדענקט דער קרעמער. „און מיט אַ קונה וואַרפט מען זיך נישט״. ברוגזט זיך איינער, שלעפּט ער מיט אַ צווייטן, אַ דריטן. קאַפּריז איז ס׳ברויט פונעם קלייטניק, כאָטש שטענדיק פּריש און געשמאַק. דעם ביסן ברויט באַדאַרף מע שטאַרק היטן, האָט ער ערגעץ־ווו געהערט.

גיך איז געקומען צו דעם־אָ שכלדיקן שכל דער קרעמער פון ראָג כואַן גאָנסאַלעס און גאַרסיאַ דעל רעי. אין סך־הכל איז עס אַ געוויינטלעכע קראָם צווישן פאַרלוירענע גאַסן, הגם אין סאַמע שטאָט. אַט־אָ, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען איז זי, די שטאָט. הערסט על פּי זכרון ווי סע ברויזט, ס׳טומלט, אָבער דאָ איז שטום דער דרויסן. די מויערן זענען שטיינערנע, די פענצטער פאַרגאַפטע, אַרויסגעשטעלט לענגויס דער אַלטער גאַס, גלײַך זיי וואָלטן איינע אַליין געדאַרפט היטן די גלימערנדיקע טראַמוויי־שינעס וואָס כאַפּן זיך אויף מיט האַרטן געבערום; אַלע מאָל רײַסט זיך אַהער אַרײַן דער הינקעדיקער טראַמוויי מיט טראַסקעדיקן געקלאַנג. אַחוץ דעם איז דאָ רויק. אַ מאָדנע אַלטע רויקייט זיך אײַנגעגעסן אַז עס קען זיך אויסדאַכטן:

די געגנט איז יאַקבי אָפּגעגעבן נאָר צו די אויסטערלישע הײַזער וואָס וואַרטן אויף עפּעס. פאַלט מען אַהער אַרײַן פונעם רעש, ווײַזן זיך אויס די שטיבער ווי מצבות פון אַ צײַט, וואָס איז דאָ פאַרגעסן געוואָרן זינט דורות און זי זינקט אַ פאַרשטיינערטע אין שווערן שלאָף. ס׳זעט אויס: נישטאָ דאָ קיין לעבעדיקע מענטשן, נישטאָ קיין קינדער. מע וואָיעוועט נישט, עס לאַכט זיך נישט.

אין אמתן איז עס אַ שטאַרק באַזעצטע געגנט. אַ סך מענטשן וווינען אין די פּלאַטשיקע, טיפע מויערן מיט די אומצאָליקע שויבן־טירן אין די הייף אַרײַן און זיי לאָזן אין די שטיבער אַרײַן קאַרג ליכט. פענצטער זע־נען דאָ זעלטן, סײַדן איינצלנע וואָס אַרויסגעשטעלט צו די פראָנטן. אומיסטן זענען אַזוי אָנגעמויערט די נידעריקע שטיבער — מיט די שמאָלע פּנימער צום דרויסן. דער האַלדז, דאָס אויסגעצויגענע לײַב פון איעדן הויז איז פאַרבאַהאַלטן אויף אַהינטער, אין לאַנגן שמאָלן הויף אַרײַן. ס׳איז רעכט אַזוי, הייסט עס, געזינטער אַז ווינציקער אויגן זאָלן זיך אײַנקוקן אין דער מרה־שחורה וואָס האָט זיך אַוועקגעלייגט הויערן איבער דעם־אַ שטאָטישן קאַנט.

עס איז אַן אַלטע געגנט. ווען מ׳האָט מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט צוריק גענומען שטעלן די ערשטע הײַזער, איז אַלץ דאָ געווען כולו פעלד, אַ גרויסע ליידיקייט. מחמת אומגעצוימטקייט אין מרחק, אין שטח איז די זון געווען ווילד, די הייסע אַרגענטינער זון; זי האָט געברענט, געקאַטשעט זיך איבער די רחבותן און פאַרשײַט געלאַכט פון דעם אומעטיקן נאַקעט. ס׳שוין פאַרגעסענע יאָרן. ווי לעגענדע נעפּלט זיך דער עכאָ פון יענעם דור. מיט מענטשן איז נאָך שיטער געווען דאָס גרויסע לאַנד. האָט זיך געוויזן עמע־צער, געוואָלט זיך דאָ אָפּשטעלן, האָט ער זיך געקליגט קודם צו פאַר־צאַמען דעם אימפּעט פון דער זון, אויסמײַדן די היץ פון לאַנגן זומער. ביסלעכווײַז איז מען אַנטלאָפן פון איר, מחמת זי האָט די טבע אַרײַנצו־שפּאַרן זיך ווו עס לאָזט זיך נאָר. מיט אַ הויז, מיט אַ צווייטס, אַ דריטס, מיט שערענגעס שטיבער האָט מען להוט אַרויסגעריסן שטיקער פעלדישע פוסטקייט, געשיצט זיך פון דער זון. מ׳האָט געשטעלט די הײַזער מיט די פראָנטן צו מזרח, צו צפון, געבויט אויף פּאָפּערעק, אַבי די זון צו באַ־געגענען אַ מיושבע, בײַם אויפגאַנג אָדער בײַם פאַרגיין, וואָרן כלל צו ווייכן פון איר איז נישט שכיח; אַלמאַכטיק איז די זון אויפן הימל און דער הימל שפּרייט זיך אויס איבער די מענטשן אומעטום, אומעטום. נישטאָ

קיין אַנטלויפן; און סע איז נישט קלוג צו אַנטלויפן פון איר. זי איז נייטיק פאַרן וואַקסן, פאַרן לעבן.

שוין אַוועק אַ זמן רב פון יענעם בראשית, וואָס האָט געלאָזן די געגנט אַ ביסל פאַזע דער שטאָט. לאַנגע גאַסן האָט מען אויסגעשניטן פון די פעלדער —דער זכרון פון זקנים דערמאָנט עס קוים!— שוין פאַרמויערט איז די פוסטקייט. די זון האָט מע געלאָזן פאַרן הימל און פאַר די דעכער, פאַר די פרייע פאַסן ערד וואָס צווישן די שורות הײַזער; אויך די ליקן צווישן די הײַזער זענען געלאָזן געוואָרן פאַרן געלוסט פון דער זון דער זשעדנער, פונקט ווי פאַרן טראַמווײַ וואָס שנײַדט זיך דאָ אַדורך. פאַר די מענטשן וואָס האָבן נישט קיין אַנטרינונג, פאַר די שטאָטישע ווײַטן, אָנגעפּלאָנטערטע איבער אָן אַ שיעור גאַסן, פּלאַסעס, טורעמהייזער — פאַרן אומגעהייערן באַרג מיט צאַפּל וואָס מוז זיך שטיקן מיט די דרויסנס, האָט די שטילע געגנט פון כואָן גאַנסאַלעס נישט קיין שום ברירה. זי האָט אָרט נאָר פאַר אייגענע, וואָס האָבן באַצײַטנס דאָ זיך געמאַכט זייער היים. צו הויך איז געשפּרונגען די שטאָט, — טענהן די לײַט פון די אָפּגעלעגענע גאַסן וואָס האָבן נאָך פון די אַמאָלן ברייט, צעצווײַגטע אַלטעביימער פאַר די שוועלן. באַשיידן זענען די כוחות פונעם מענטש, נישט צו שאַרף באַדאַרף זײַן זײַן חשק, קלערן זיי אָפּט אויף אַ קול. געשאָנקען דיר ס׳לעבן, האָסט צום לעבן? — איז גענוג!

צוריקגעצויגן ליגט די געגנט אַנטקעגן דער טומלדיקער שטאָט. אַזוי אויך די שפּײַזקראָם אויפן ראָג גאָנסאַלעס, נאָר וועגן איר וועט זיך דערציילן ווײַטער.

2

במשך יאָרן האָבן אַ סך מענטשן זיך אַהערגעקליבן. די באַשיידענע צווישן זיי האָבן זיך אָפּגערוקט פון דער צעליאַרעמטער שטאָט. די דאָזיקע האָבן זיך דאָ אויפגעבויט היימישע נעסטן, פּאַמעלעך אויפגעשטעלט די געגנט. און אויב אַזוי, מוזן דאָך די מענטשן באַזאָרגט ווערן מיט אַלעם נייטיקן. די גאַרע וועלט האַלט זיך אַזוי און אַזעלכענע באַנײַט זי זיך טאָג־טעגלעך: מיד פון גיין אַרום די גלאַנציקע ליכטער און אירע נאַכטשאָטנס, לייגט זי איטלעך מאָל אַוועק איר גרויס-גרויסן קאָפּ אויפן געטלעכן שטיין וואָס פאַרבאַהאַלט בײַ זיך די זון מיט אַלע אירע שײַנען; דעמאָלט רוט די וועלט אין דער שווײַגנדיקער טונקלעניש וואָס רופט זיך נ אַ כ ט. דער־

נאָך הייבט זי זיך אויף ווידער אַ ריזיקע, מיט צעעפנטע אויגן אַנטקעגן דער שלאָגנדיקער שײַן פון הימל און דעם צעשפּיגלטן וואַסער פון די ערדבעקנס. פון דאָס נײַ ברייטערט זיך דאָס ליכט וואָס אייביקט און סע רופט זיך **ט אָ ג.** **און אים אַנטקעגן** גייט דער מענטש גלײַך אין פּנים אַרײַן.

פאַרשטייט זיך: דער שכל פירט די מענטשן ווי מיט אַן אָנגעצונדע־נער לאַמטער; טאַקע דער שכל האָט עס אונטערגעזאָגט וואָס צו טאָן אויף צו קענען לעבן אין דעם העק, ווו די לײַט האָבן זיך אָפּגעשטעלט וווינען.

אויף דער פוסטלעכער ערד פון דער געגנט וואָס האָט זיך אָנגערופן כואַן גאָנסאַלעס האָט זיך געעפנט קודם כל אַ בעקערײַ: פון וועגן זאַטקייט פון ברויט האָט גאָט געזאָרגט פאַר אַלע זײַנע קינדער. ווײַל עסן איז אַ מוז פאַרן מענטשנס גוף, אין וועלכן עס וווינט די נשמה. נאָכן באַזעצן זיך פונעם בעקער דאָן מיגעל וואָס האָט איינער אַליין פאַרמישט דאָס טייג, געקנאָטן און געבאַקן, האָט זיך געוויזן אַ שוסטער, אַ שערער און אַ שמיד. רעכט אַזוי: אויך שיך, דווקא שיך זענען באַלד געווען שטאַרק נייטיק אין דעם קאַנט, מחמת ווייך, זומפּיק איז דאָ געלעגן די ערד איידער מ׳האָט אין איר געוואָרפן שטיינער, פאַרגאָסן זי מיט פעך און גלאַטן אַספאַלט. דער ערשטער שוסטער האָט געהאַט ווינציק איין פאָר הענט אויף פאַרטיק צו מאַכן אַלץ וואָס מ׳האָט באַגערט פון אים. און צעלאַכצטע, פון פוילונג צע־קראָכענע שיכוואַרג האָט מען צו אים געטראָגן פון אַלע זײַטן: „מאַכט מיר באַלד, איך בעט אײַך, באַלעבאָס. אַ באָרוועסער איז מע צוגעקאָוועט צו דער שטוב, און מ׳מוז פאַרדינען די פּעזע". דאָס נעמלעכע איז געווען מיטן שערער. די וואָל אויף די קעפּ וואַקסט. דו שלאָפסט און די האָר פּע־דערן זיך לאַנגפיסיקע, אײַליקע, אין די אויגן אַרײַן טאָר מ׳ע זיי נישט לאָזן קריכן. איז אַ שערער אין דער געגנט טאַקע אויך געוואָרן אַ חשוב. אָנ־געטאָן אין אַ ווײַסן קיטל האָט ער געלאָזט רעדן צו זיך ווי צו אַ שררה. „דאָן אַגוסטין, טוט אַ טובה. אַ מענטש מוז זיך דאָך ווײַזן צווישן לײַטן. פאַסט נישט אַז דאָס ווײַב זאָל מיר אונטערפּליקן די קודלעס. כ׳זאָל נאָר אַ פּיפּס טאָן דערוועגן, שטייט זי באַלד גרייט מיט דער שער אין די הענט!" פונקט אַזוי מיטן שמיד. גרויס געווען די שטרעקע פון דאַנעט אין שטאָט אַרײַן. די שטאָט האָט זיך אין תחילת באַגרונטפעסטיקט האַרט בײַם לאַ פּלאַטאַ, אָבער דער שפּעטערדיקער אָנלויף פון פאָלק האָט זיך באַזעצט אַראָפּצוצו, ווײַטער און אויסגעשפּרייט די שטאָט. זי איז אויפגעשוואָלן אין

שטח. איז ווי עמעצער האָט נאָר געקענט, האָט ער זיך אײַנגעשאַפן אַ פערד, פאַרשפּאַנט עס אין אַ וואָגן און אַזוי אַרום געשטאַרקט זיך די הענט פאַר דער פּרנסה וואָס אַ לעבעדיקער מענטש באַדאַרף האָבן. באַוויזן זיך דער שמיד אין דער געגנט, איז ער געווען אַ ברכה פאַר די נײַע מענטשן. אַ פערד מוז קריגן פאַדקאָוועס אויף די פיס, אַ וואָגן — אַקסן, רעדער, רײַ־סאָרן, און אײַזן ברעכט זיך. הקיצור: די לײַט האָבן פאַרדינט די פעזע. און אַז ס'איז דאָ פאַר וואָס, זוכט מע זיך צו קויפן געניײַטיקס. שפּעטער איז שוין צוגעקומען אַ גאַלאַנטעריי־קרעמער, אַ שנײַדער און אַ צווייטער בעקער וואָס האָט שוין אונטערגעבאַקן אויך קיכלעך, זיס געפּילטע באַבקעלעך און אויף אַ פּאַליצע האָט ער דאָס גלײַכן געהאַלטן אַ פּושקע צוקערקעס, אַ שאַכטל שאָקאָלאַדקעס אין קונציק געוויקלטע שיינע פּאַפּירלעך.

פון וועגן אַ ביסל צוקער, צימערינג, אַ פּאַר זשערנעס פעפער, אַ שקאַרמיץ קאַווע, אַ פלאַש ווײַן, רײַז, אַרבעס און אַ הערינג האָבן באַלעבאָסטעס געמוזט זיך אויסדרייען די פיס און דאָס גיין זוכן העט ווײַט. נאָך אַ שפּײַזקראָם האָט זיך געפונען אין די מער לעבעדיקע גאַסן. און געווען נאָך אַ צרה: שלאַבעריק איז געווען די ערד אונטערן טראָט. אַרײַן מיט אַ שוך אין בלאָטע, האָט מען אים נישט געקענט אַרויסציִען. אַ שפע פון רעגנס ברענגען די האַרבסטן און ווינטערס אין דער נאָענט פון ים און גרויסע טײַכן. און דער פּלאַטאַ־טײַך האָט זיך נישט צו פאַרשעמען וואָס שײַך רעגנס. עס דאַרף זיך נאָר אָנהייבן דער זמן, רעגנט עס און רעגנט מיט דער פולער האַנט. אַט טרינקט אָן דער טײַך דעם הימל מיט וואָרעמלעכע שווערע וואָלקנס און דערנאָך פּלאַצן זיי, צעשפּריצן זיך. סע כליאָפּעט לאַנג, פאַרעקשנט איבער דער שטאָט, סע פאַרגיסט די גרויסע בוענאָס אײַרעס מיט ברייטע, שורעווענדיקע לוזשעס און גלאַנציקע בלאָטעס. די געגנט פון כואַן גאָנסאַלעס, גאַרסיאַ דעל רעי און די ווײַטערע גאַסן איז אין אירע אָנהייבן טאַקע געווען מער זומפּ ווי פעסטע ערד. אין די רעגנדיקע וואָכן זענען די מענטשן געשווומען אין בלאָטע, די נײַע הײַזקעס האָבן געטריפט, געטראָפט און געשטאַנען דורכגעווייקטע, טריב אָנגעטונקלטע אין אַ שטענדיקן בין השמשות. אַ מענטש האָט רעכט נישט געקענט אַרויסשטעלן אַ פוס — כאָטש פּגר אין שטוב פון הונגער! די שפּײַזקראָם האָט געהאַט צעעפנט אירע טירן אַ מהלך ווײַט פון דאַנעט.

אַ נס איז געשען מיטן באַווײַזן זיך פון לאָפּעז באַראָכאָ, דעם נײַעם קלייטניק.

פון די קאָרדאָבער בערג איז ער געקומען אַ נידערגעשלאָגענער. די קערניקע יוגנט געבראַכט, נאָר אָפּגעיאַכמערט, באַוואַקסן מיט אַ שוואַרצן שויבער, אַ האַרטן באָרד־אַנוווקס און הונגער האָט געברענט אין זײַנע טיפשוואַרצע אויגן. אין גאַנצן באַדעקט מיט שטויב, דאָס גראָע העמד אויפן לײַב צעקנאָדערט, אויסגעבליאַקירט, דאָס שאַליקל אויפן האַלדז צעגעסן פון שווייס, צעדריוולט פון די זאַלצן פון ברוד. וואָכן דורכגאַנג זיך גע־טראָגן איבער די זון צעבלענדטע וועגן, געשלעפט זיך אַ געפּלעפּטער פון אומשלאָף און אומרו. אים האָט געצויגן דער שטומער רוף פון דער ווײַטער שטאָט, ווו מענטשן לעבן רײַך.

עס איז געווען נאָך דעם ווי לאָפּעז פּאָטער איז אויסגעגאַנגען אין דער ראַנטשע, וואָס איז מיטן רוקן אײַנגעפּעסטיקט אין אַ באַרג־אַנהאַנג, געקראָגן אַ ביס פון אַ שלאַנג, וואָס האָט זיך אויף אים אומגעריכט גע־וואָרפן פון אַ פעלדז־שפּאַלט אין די בערג. איז דער אַלטער באַראָכאָ אָפּ־געלעגן אַ פּאָר וואָכן און געשטאָרבן אַן אײַנגעטריקנטער, מיט אַ געלער הויט ווי אַ טאַבעקבלאַט. געבליבן איז לאָפּעז מיט דער מאַמען, ער — דער עלטסטער, די דרײַ ברידער זײַנען געווען נאָך צו יונג אויף צו טראָגן דעם עול פאַרן הויז; פאַרקערט, אַז זיי האָט אַ קראַמף געטאָן דער הונגער, האָבן זיי גאָר גענומען פאַרעקשנט מאָנען ברויט בײַ דער מוטער, האָבן געשריגן, אויך זיך געבייזערט: ביסט אַ שלעכטע מאַמע! און האָט די מאַמע דאָך נישט געהאַט זיי צו געבן נישט קיין געבעקס און נישט קיין געקעכטס, האָבן די יינגלעך געוואָיעט ווי די חיות. די מאַמע האָט נישט געקענט — ווי דער טאַטע פריִער — גיין צו אַ באַלעבאָס אָננעמען אַ באַשטעלונג, איינער אַליין מיט די קנאָכיקע הענט אויפמויערן אַ שטוב, מיט פולווער אויפרײַסן שטיקער באַרג, צוקלײַבן שווערע שטיינער צום גרוב וואָס ער'ט געעפנט פאַר אַ פונדאַמענט. דער טאַטע האָט אויך געקענט קאַלכן ווענט, שמירן אַ ליימדאַך, צעשפּאַלטן אַ טויזנטיאָריקן פעלדז, לייגן איבער דער ווייכער ערד אַ האַרטן ברוק. דער אַלטער באַראָכאָ איז געווען בייטיק די מענטשן פון די אָרומיקע קליינע ישובים און ער האָט בײַ זיי פאַרדינט אויף ברויט, מאַיִס, אויך אויף אַ זײַטל שאַפּנפלייש. ערשט איז די פרוי די פאַרדינערקע און זי איז שוין נישט יונג. די מאַמע האָט געקענט גיין צו פוס בלויז קיין אַלטאַ גראַסיאַ רייניקן דילן, אין אַ פּענסיאָן וואַשן גרעט. אַ שטאַרק מידע פלעגט זי קיין מאָל נישט באַוויזן אַהיים קומען דעם זעלביקן טאָג אָנקאָרמען די הונגעריקע יינגלעך. דאָס קליינוואַרג איז זיך דערווײַל

צעלאָפּן צווישן לײַט וואָס דאַרפֿן פֿון אַזוינע אַ האַנטלאַנג, עפּעס צוצו־היטן, פּאָר מאַיס,*־פּלעצלעך און אַ שטיק געבראָטנס געטריבן בהמות צו די באַרג־לאַנקעס, געשלאָפֿן אויף אַ זאַק שעפּסנוואָל, אויף פֿעל. צוריק־געקערט זיך אַ מאָל אַהיים, האָט די מאַמע נישט געטראָפֿן די ייִנגלעך; אַ טאָג און צוויי האָט זי זיי געזוכט, גערופֿן זיי אין דרויסן בײַ די נעמען און זיי האָבן זיך נישט אָפּגערופֿן, איז דער פּרוי באַפֿאַלן אַ מאַנקאָליע: שלאַנגען! די שלאַנגען דערווערגן זי — — ווי דעם טאַטן דײַנעם אַוועק־געהרגעט די ייִנגלעך, זון מײַנער!״ די מאַמע האָט דעמאָלט אַרײַנגעקלאָגט אין לאָפּעזן, נישט געקענט מער רוען און ווי אַ פֿאַרבלענדטע גענומען אַרומ־גיין צווישן מענטשן זוכן אירע ייִנגלעך. אין שכנות האָט קיינער נישט געוווּסט פֿון אַנטאָניאַ באַראַכאַס יתומים. די ייִנגלעך האָבן אין דער פֿרעמד זיך אויסבאַהאַלטן פֿון דער מאַמעס פּײַניקנדיקן רחמנות; זיי האָבן מער נישט געקענט לײַדן דעם גלײַדיקן הונגער כדי מיטן פֿאַרשווײַגן אים, אײַנצושטילן דער מאַמעס באַנומענקייט. די אַלטע איז געוואָרן טרויעריק, האָט אויפֿגעהערט גיין זוכן צו פֿאַרדינען אַ פּעזאָ. און אַליין האָט זי נישט באַגערט גאָר קיין עסן, זי האָט אײַנגעדאַרט און אַ חושכע געשלייכט אי־בער דער ראַנטשע, אָבער מער איז זי שוין געלעגן אויפֿן בעט. רק זיך געשפּײַזט מיטן צער וואָס איז ווי האַרטע קראַפּעווע זיך צעוואַקסן אין איר מהות. דאָס שטיבל פֿון די באַראַכאַס אין די בערג איז געוואָרן שטאַרק פֿאַרוואָרלאָזט, לאַנגע וואָכן האָט עס נישט געשפּירט דעם אָטעם פֿון דער אונטערגעהייצטער הרובע, נישט פֿאַרנומען דעם ריח פֿון וואַרעם גע־קעכטס. גיך איז דאָס מענטש פֿאַרשרומפּן געוואָרן. געלעגן צווישן די טראַנטעס, ווי אַ פֿאַרקוואַרטע קאָרע איז וויסט געוואָרן איר פּנים, שוואַרץ, דערנאָך האָט זיך געלאָשן איר קול, געלאָשן זיך אויך ס'לעבן אין די אויגן. זי איז געוואָרן ווי אַ האַלבוועשקע פּאַרסוכניעט, קנאַכיק אַלט און קליין ווי אַ קינד מיט אַ פֿאַרשפּיצטער נאָז.

צוגעזען דאָס, האָט לאָפּעזן, דעם איינציק געבליבענעם זון אין ראַנ־טשע, דורכגעשווידערט אַן אימה פֿאַר דער אונטערגייענדיקער הײם. אירע טעג פֿויזען ווי וואָגלענדיקע בעטלערס — פֿינצטער, געבויגן, דערווידער־דיק, פֿון די כאַטע־וווּנט האָט גענומען אים דורכבלאָזן אַ שטעכיקע קעלט. אַליין פֿאַרצערט פֿון בלינדן דאָרשט צום אומבאַגרײַפֿלעכן קוואַל פֿון לעבן,

* קוקורוזע.

Jacob Mamelak
5419 Hutchison St.
Montreal Quebec

האָט ער מיט אַ מאָל זיך דערשפּירט שלאַבעריק: אומזיסט טרײַבסטו זיך אַרום נאָך דעם, נאָך יענעם, — האָט ער געיאושט. דאָ דרייסטו זיך פאַר דײַן אייגענעם גרוב. דער אַלטער איז אַוועק, ציט עס אַוועק אַלעמען, אַלעמען. פון אַלץ וואָס אַרום דער ראַנטשע איז פאַרן יונג אויפגעגאַנגען אַ גרויל און דאָס האָט אָפּגעשוואַכט דעם גבורהדיקן לאַפּעז, אים אויסגע־הוילט. דאָס דחקות האָט אַ פאַרטײַבנדיקן שאַרפן קוויטש געטאָן אינעווייניק טיף אין אים, אַריבער אים. די גויט פאַרוואַרפט שוין אַ לאַסע אויפן האַלדז —האָט אַ פלאַם געטאָן אין זײַן מוח— זי׳ט מיך פענטען, דער־ווערגן. נאָ, נאָ, איך וויל נישט! אַ טראַנטיקע, אַ קאַליקעוואַטע, האָט ער געזען די גויט אַרײַנקריכן אין קליינעם פענצטערל וואָס בליקט אַרויס צו דער באַרגסטעזשקע. פון שפּינוועבס אויף דער סטעליע ציט זי זיך, זי פאַרטונקלט זײַן בליק; זי וועט זיך באַלד צעשטשירען איבער דער גאַנצער ראַנטשע, אָנציינדן דעם דאָך מיטן פײַער פון אַ סטײַע וועלף, צערייצטע פון ברענענדיקן הונגער. פּחדימדיק איז די אַרעמשאַפט, גזלניש, אַ ווילדע בלאָנקעט זי אַרום איבער דער ווילדער פּאַמפּאַ, פאַרבלאָנדזשעט אַהער אין די סומנע בערג מיט אַן אַנטבלויזטן פּאַקאָן *. נו, דער בייזער דלות טרעפט נאָר צו די שוואַכע — —

אויף דער הונגער־געשריי פון די פאַרשווונדענע ברידערלעך האָט געבריט לאַפּעזס געהירן. איבער זיי איז די אַלטע געפאַלן, —האָט עס גע־גרימט אין דעם יונג.— ער איז אַ מאַנצביל, דאַרף ער אַריבערטראָגן די שוואַכע. ס׳איז אַ סכנהדיקער שטראָם, ער מוז מיט זיי זיך דורכרײַסן. ער מוז, אַנישט פאַלט ער אויך. אויף אַ רעכטן אמת האָט ער זיך געשראָקן פאַר דער מאַמעס וועגן און די אימה פאַרן טויט האָט אים געפּאַטשט.

ווי נאַכט־שריפה האָט ראַפּטעם אין אים זיך אויפגעכאַפּט דער גע־דאַנק: דאָקטער פערעס! ער איז אַ גוטער, דער דאָקטער.

אַ פאַרציטערטער האָט ער גענומען לויפן איבער די זאַמדיקע וועג־לעך, ר׳האָט נישט באַנומען ווי די ברוסט האָט זיך אין אים צעהילכט. צו דאָקטער פערעס איז לאַפּעז אַרײַן מיט מהומה אין קול, מיט ציטעריקע ליפּן:

— דאָטאָר, ממײַ־ײַן ממאַ־אַממעע! ראַטעווע, זי שטאַרבט! — און זײַן אָטעם האָט געגליווערט אויף די אויגן פון דעם אַלטן דאָקטער. ער חלשט, זעט ער, דער יונג.

---

* אַ קרימלעך פאַסטעך־מעסער

— שאַ, שאַ, ס׳וועט גוט זײַן, בחורל, — און ר׳האָט נישט געהאַט ווו די זקנהשע הענט אַהין צו טאָן. — אינדאַלעסיאַ! —האָט ער אינדעם גענומען רופן מיט עפּעס אַן אַנדער קול, וואָס האָט זיך אי געריסן פון אים, אי זיך געבעטן— הער נאָר, אינדאַלעסיאַ!

דאָקטער פּערעס פון באַרגיקן שטעטל אַלטאַ גראַסיאַ האָט תיכף געהייסן פאַרשפּאַנען די סולקע* און ער איז אַוועק צו דער ווײַטלעכער ראַנטשע פון די באַראַכאַס. באמת מוראדיק אויסגעצערט איז די פרוי, שיטער ס׳פלייש פון איר לײַב און קוים עס קלאַפּט דער דופק!

— אַזוי־אַ, אַליין האָסטו זי געהאַלטן די אַלטע? אַ, אַ, צו פיל זיך פאַרלאָזן, בחורל. נישט גוט אַזוי לאַנג צו וואַרטן, —האָט דער איידעלער זקן אונטערגעמורמלט און באַלד פאַרטראַכט הילף פאַר לאַפּעזס מאַמע.— גיכער, אינדאַלעסיאַ, —האָט ער אַ ווונק געטאָן מיט די אויפגעבערשטלטע ברעמען צום יונג וואָס האָט אים אַהערגעבראַכט אויף דער בריטשקע.— ריר מיט אַ האַנט! העלף אונטער צונויפקלײַבן דאָס פּעקל זאַכענעס פאַר דער־אַ!

דעם דאָקטערס פויערישער משרת האָט מיט די גרויסע האַריקע הענט, ווי מיט גראַבליעס פאַר צונויפשאַרן געטריקנטן היי, צוזאַמענגעקניפּט אין אַן אויסגעריבן קאָלדערקעלע, וואָס האָט געטונקלט אויפן געלעגער, עטלעכע אומהיימלעכע שמאַטעס. דער דאָקטער האָט דערבײַ געפּאָכעט מיט זײַן קורצן אָטעם איבער דעם ביטל טרוקענע ביינער וואָס אין דער דין אויסגעאַרבטער הויט פון דער... נו, קיין לעבעדיקער מענטש איז דאָס שוין נישט געווען, האָט עס געשניטן אין אַלטן פּערעסעס שלייפן. איז דער דאָקטער טאַקע געשטאַנען איבער איר שרעקיקער בלאַסקייט און געטרייסלט דעם קאָפּ:

— געלאַסן, געלאַסן, אינדאַלעסיאַ! מ׳טוט נישט אַזוי ראַפּטעם אַז אַ קרוכע זאַך שטייט אין מיטן שטוב. פּאַמעלעך, מיט געהיטע הענט טוט מען.
— בײַם אַלטן מאַן מיטן שטאַרק געקנייטשטן פּנים האָבן זיך געטרייסלט די הענט און אין גאַנצן איז ער געוואָרן רויט פון דעם מיִען זיך בײַ דער אָנמאַכטיקער, וואָס מ׳האָט געדאַרפט לענקען מיט איר יעדער באַוועגונג. דאָס אימפּעטיקע גיין, ס׳צו האַסטיקע טרעטן מיט די פיס דעם משרתס האָט אים געאַרט, און ער׳ט דערפאַר, דער אַלטער דאָקטער, מיט די אייגענע

* צווײ רעדערדיקע לײַכטע בריטשקע

העגט געהאָלפן אַראָפּשטעלן די קראַנקע פון דעם הויפן שמאַטעס וואָס איז געווען איר געלעגער. פּאַמעלעכקע זי אַנגעטאָן און אַליין אויך אַוועק פּועלן ביי אַ שכן אַרויסצופירן זיין דאָרפישן וואָגן, פאַרשפּאַנען און אַזוי אַרום די פרוי געבראַכט אין שפּיטאָל פון דעם שטוינענדיקן אַלטאַ גראַסיאַ וואָס האָט אויף זיינע בערג זיך אַרויסגעהויבן מיט געצירטע טורעמלעך פון פּע־אַדאַלע פּאַלאַצן מיט געפלעגטע פּאַרקן און שיינע האָטעלן.

— פּאַוואָליע, געדולד, און די קראַנקע וועט קומען צו זיך, —האָט דער מיושבער דאָקטער פּערעס באַרויִקט דעם זון פון דער אָרעמער.— מ׳וועט זי היילן, שטאַרקן, בחור.

— רו און לאָבונג און די מאַמע וועט קומען צו זיך, — האָט אַ קראַנ־קנשוועסטער שטיל, ווי אין אַ סוד, צוגעוווּנקען לאָפּעזן, וועלכער איז דער־נאָך עטלעכע מאָל אַריין אין שטעטלשן שפּיטאָל שטיל, אויף די שפּיץ פינ־גער. די אַלטע האָט אים נישט דערזען מיט אירע נעפּל פאַרגאָסענע אויגן, זי האָט נאָר קרענקלעך דערשפּירט זיין געטריי זיין אין דער נאָענט, געפילט דעם וואַרעמען הויך זיינעם וואָס האָט זיך צאַרט געגליטשט איבער דער הויט פון איר פאַרשוויצטן שטערן.

— לאָפּעז, ביסט דאָ, זון? — האָט זיך ווי צויטלען געריסן איר שוואַך רעדן.

— כ׳בין געקומען, מאַמע.

— גוט, ביסט דאָ, — איז באַלד געפאַלן איר שטים און די אויגן האָבן זיך געשלאָסן. זי איז שטאַרק אויסגעמאַרכט, די אַלטע.

אָפּגעגעבן די מאַמע אויף דער זאָרג פון דער שטאָט, האָט לאָפּעז באַ־ראַכאַ אָנגעהאָנגען אַ שלעסל אויף דער פּאַראַייזאַמטער ראַנטשע און אַליין אַוועק צו דער ווייטער בוענאָס־איירעס. זי מיניעט אין ליכט און אין שפּע. זי וועט אים אָנקאָרמען און געבן עסן אויך פאַר די זייניקע — — ער וועט שוין. ר׳וועט זיך דעררעדן מיט די ווילע לייט פון שטאָט. אין עקבערנדיקן הונגער, אין אַנגסטן פאַר דער אומבאַשטימטקייט וואָס לאָקט און שטויסט אָפּ איינצייטיק, האָט ער געאייַלט אין דעם וועג און אַ סך מאָל אָפּגעשטאַנען. ווייל שווער ציט זיך דער טראַקט, וואָס אויף זיין רוקן טרייס־לען זיך פול געלאָדענע וועגענער, ס׳הוידן זיך דורך גיכע קאָטשן, ס׳שרעקן איבער אומגעריכט דורכלויפנדיקע חיהלעך, שאַרף שנאָבלדיקע פייגל. ס׳ציט דער וועג, אָבער אומדערגרייכלעך איז די גרייס פון דער צוזאָגנדי־קער שטאָט. לאַנג זענען געווען די טעג און נעכט אונטערוועגס, לעסטיקער

נאָך די מידקייט וואָס האָט אָנגעפּלאָנטערט זײַנע פּיס מיט אומגעהייערער שווערקייט. דערגרייכט ענדלעך בוענאָס־אײַרעס, איז לאָפּעז געפֿאַלן ממש בײַ איר שוועל.

3

אין דער גרויסער שטאָט האָט לאָפּעז באַראַכאַ קיינעמען נישט גע־האַט פון נאָענטע צי באַקאַנטע; ס'נישט געווען אין ערגעץ פֿאַר אים קיין אָנשפּאַר. צו מאָל נישט געהאַט ווו די ערשטע נאַכט איבערצושלאָפן.

מאָדנע: שטיקער לײַדיקייט וואַלגערן זיך דאָ, גוואַלדאָוונע הײַזער אומעטום, אָבער אַ פרעמד געקומענער האָט נישט ווו זיך צוצושפּאַרן! אַנט־קעגן דער־אַ פלוצלינגקייט האָט דער יונג זיך געשפּירט אונטערגעהאַקט ווי אַ יונגער שטאַם, וואָס די ווונד פון דער שאַרפער האַק הערט לאַנג נישט אויף צו טריפן און גליווערן מיט ווײ.

כאָטש אַן אָרעמער, אַ האָרעפּאַשנער, איז לאָפּעז אין דער היים געווען שטאַרק און אָנגענומען בײַ לײַטן; מ'האָט אים באַדאַרפט, באַלעבאַטים האָבן אים אַרײַנגערופן צו זיך, מ'האָט אים אָנגעטרויט גוטע אַרבעט, אַפילו גע־שטעלט פֿאַר אים אַ גלאָז שאַרפן בראָנפן. און מ'האָט געליבט זײַן שיסן אין באַרגציגן, ר'האָט געפאַנגען יונגע אָדלערס, געכאַפּט אין פעלד קוראַ־פאַטוועס; מענטשן האָבן אים געקאַנט — דאָ איז ער שוין אַ ווערעמל. אַזאַ האַסטיקייט רײַסט זיך דאָ דורך! ווי אַ שפּענדל קען מע פֿאַרטראָגן ווערן אין די ווײַטע ערגעצן!

דערגרייכט די באַגערטע בוענאָס־אײַרעס האָט לאָפּעז זיך דערזען מיט אַ מאָל אין אַ שטיקנדיקער ענגשאַפט. די לאַסע איז אָקערשט פֿאַרוואָרפן אויף זײַן האַלדז. ערשט איז ער ווי אַ חיה. און די שטאָט האָט באַשײַמפּער־לעך פײַנט חיות, זי שלײַדערט זיי אַרײַן אין אײַזערנע שטײַגן — אויף משוגע צו ווערן! אַ גערעגטער פון דער פײַנלעכער שפּירונג האָט זיך גע־צונדן זײַן געדאַנק, אָבער דערפון איז ער גיך מיד געוואָרן. קלערן איז אי־בער זײַנע כוחות. לאָפּעז האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטיינערנער באַנק וואָס אויף אַ גאַרטנשער פּלאַסע מיט אַ ביסל פֿאַרחידושטעביימער און אָנ־געשניטענע טעפּעכלעך קאַלעמוטנע גראָז. אָבער די אויגן דריקן אים. די מידקייט דריקט, זי פּרעסט, נאָגט אין די גלידער גלײַך אַ פעלדז וואָלט זיך אויף זיי אַראָפּגעקײַקלט פון די פֿאַרטומלטע הייכן וואָס זענען פֿאַרטרונקען אין וואָלקנס. אַ רגע, און זײַן שוואַכעניש ווערט בליציק צעשניטן אין הי־

מלשע אוזאָרן, זײַן שוואַכעניש שפּיגלט זיך טריב אין אַ פּײַער־בליאַסק און וועלעכלעך וואָס טראָגן זיך ווי היפּנדיקע פערד אונטער שאַרפע רײַטערס. אַ אין דער פרעמד קען מען אומקומען! — לאָפּעזן איז באַפאַלן אַ פּחד מחמת דעם געפיל אַז ער וועט נישט קענען אַנטלויפן, אויב זי וועט נעמען שטאַרק ברזען, די פרעמד, די באַשײַמפּערלעך אומדערבאַרעמלעכע. דער־ווײַל האָבן זײַנע אויגן זיך געקלעפּט און די פיס זענען אים באַכגעהאַנגען נישט אייגן, אַנגעדראָלן. אַט וואַלגערט זיך אַן דער אָרום אין אַ וויגעניש וואָס דעקט זיך מיט אַ פאַרטייבנדיק הוקען פון אומגעהייערן געשטיין וואָס שיט זיך אַראָפּ פון דער הייך, פון די בלינדע ווענט וואָס שטעכן אָקערשט מיט משונהדיקע פלעמלעך, פּײַערן פון שויבן. פונעם לײַכטן שלאָף וואָס האָט ווי אַ חלום־טומאַן זיך געהויבן איבערן יונג, איז אויף אים אָנגעשווו־מען אַ געלוסט זיך אויסצושפּרייטן אויף דער קילנדיקער ערד, פאַרנורען זיך, אַוועק אין פאַרגעסנקייט. אַזאַ טיפער שלאָף איז אָבער נישט געקומען אויף אים — מחמת הונגער: עס האָט גענאָגט אין לאָפּעזעס בלוטן, ס׳האָט צעווינטיקט פלאַמבלעטער פאַר זײַנע ווײַעס. געקומען רגעס וואָס האָבן אים אָפּגעריסן פונעם חלשות, אומגעריכט אויך אָנגעליכטיקט דעם מוח. אין שוואַכקייט האָט ער דעמאָלט געפּרוווט זיך אויפהייבן פון דער באַנק, אָבער ר׳האָט באַלד זיך צוריק אַנידערגעוואַקלט. צי דורכגייערס האָבן גע־זען אים אַן אונטערגעשניטענעם אַזעלכן? לאָפּעז דערמאָנט זיך עס נישט עד היום. אין שטאָט ווערן מענטשן געשטויסן פון אײַלעניש, פון בייגיר — זײַן בליק איז געווען פאַרגאָסן פון אַ טונקלעניש. געוואָלט זיצן און נישט געקענט, כאָטש ער האָט זיך דערצו אָנגעשטרענגט. אויפגעשטעלט זיך און ווידער זיך צוריקגעוואַקלט. שיכור פון שוואַכעניש האָט ער סוף כל סוף זיך דערקליבן צו אַ טיר, שפּל געוואָרפן רייד פאַר עמעצנס פיס:

— דאָניאַ, איך שטאַרב עסן! — אַזש די אויגן האָבן אים געטרערט.

אַ פאַרשטויבטער, באַוואַקסן מיט אַ ווילדער האָריקייט שטייט אַזאַ יונג נעבעכדיק מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. שטאַרק איבערגעלאָפּן האָט זײַן בליק געבעטלט אַן רייד: „גוטע מענטשן, דערבאַרעמט זיך!״

די באַלעבאָסטע וואָס האָט געעפנט פאַר אים די טיר, האָט אָנגעקוקט דעם פאַרשוין מיט פאַרדראָס און באַשײַמפּערלעכן באַדויער: אַזאַ פעסטער יונג און אַזוי פויל! ס׳רוב זענען זיי אַזעלכע, די קרעאָלן. ווויגען אויפן אומענדלעכן פעלד און רירן נישט אַ פינגער אַן אַ פינגער אַז די ערד זאָל אויפשפּראָצן, זי זאָל ווערן פרוכפּעריק פאַר זיי, כאָטש פאַר זיי אַליין!

באַגנוגענען זיך מיט אַ ביטערער מאַטע, מיט אַ טרוקענעם גאַליעט אָדער — זיי קלײַבן זיך פֿאַרעטעריש עמעצן אומצובר'ענגען מיט זייער פּאַקאָן אין מיטן נאַכט. דערצו שעמען זיי זיך אויך, די צוויי־פיסיקע חיות פון די וויסטענייען און זיי זענען סכנות פויל, כאָטש פרעסן גלוסט זיך און די קינאה איז נישט ווינציקער שטאַרק. מער רחמנות ווי אויף די בלינדע באַשעפענישן איז אויף די לענדערײַען וואָס האָדעווען די דאָזיקע. מאַמע־ערד, ווילט זיך אויסרופן אַ מאָל — ביסט גרייט צו דערנערן דײַנע קינדער, אָבער זיי ווייכן פון דיר, זיי באַהאַלטן זיך פון דער זון, באשר זי איז צו הייס; זיי טוען זיך אויס פונעם עול אָפּצוגעבן זיך דער געבענטשטער מי וואָס גיט יעדן לעבעדיקן נפש זײַן שטיקל ברויט; די לײַט לאָזן אַרום זיך אויפגיין דערנער און אַליין באַגנוגענען זיי זיך מיט אַ פּאָסנעם קוקורוזע־קאַטשאַן און ווידער אַ מאָל מיט אַ מאַטע־טיי. פון פאַרפאַלענע איז גרויס דער שבט אָפּשטאַמיקע פון אַרגענטינער סטעפּ! זיי ווילן גאָרנישט טאָן, כאָטש זיי חלשן עסן, יעדן טאָג ווילן זיי עסן. און זיי מערן זיך ווי די היי־שעריקן, די...

מיט ווידערווילן האָט די פרוי געקוקט אויף דעם יונג וואָס האָט זיך געבראָכן אַנטקעגן איר. דאָך האָט זי דערלאַנגט לאָפּעזן אַ שטיק ברויט מיט קעז:

— נאָט, און געדענקט — אַ מענטש באַדאַרף מע זײַן. מ'באַדאַרף עפּעס טאָן! — און אָפּגעקערט זיך פונעם שלעפּער. די גאַב האָט אים אי־בערגעראַשט און ר'האָט רעכט נישט באַנומען וואָס די פרוי זאָגט. ער האָט געשפּירט נאָר דעם אימפּולס פון זײַן פאַרשמאַכטן געביין.

— אַ טרונק, דאָניאַ, — האָט ער אַ שלאַבעריקער זי צוריקגערופן מיט אַ תחנונימדיקן קול און אַ נעבעכדיקן בליק. די פון דער פרעמדער שטוב האָט פון ס'נײַ זיך אײַנגעקוקט אין דעם יונג. זײַנע ליפּן זענען געווען בלאָ און פאַרטריקנט.

זי האָט אַרויסדערלאַנגט אויך וואַסער. מיט איין דויערנדיקן שלוק האָט ער אויסגעזופּט דאָס מעסטל, געזאָגט „גראַסיאַס" און קוים זיך צוגע־וואַקלט צום דערבײַיִקן שטיינערנעם טרעפּל. די כוחות האָבן אים נישט געטראָגן. ווידער האָט לאָפּעזן געגאָגט די לעסטיקע מידקייט און דער מאָגן האָט זיך צעצאַפּלט. געזעסן צוגעשפּאַרט מיט רוקן צו דער וואַנט און אַ ציטעריקער, מיט אַליקע ציין געריסן פונעם געשענקטן ברויט.

במנוחה אויפעסן איז אים נישט באַשערט געווען. די זעלביקע באַ־

לעבאָסטע איז באַלד אַרויסגעקומען. מיט אַ קיישל האָט זי זיך געקליבן אין מאַרק אַרײַן. נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויפן יונג און געפרעגט מיט שטוינונג, גלײַך זי וואָלט אים געזען ערשטמאָליק:

— אָ, יונגער מאַן, וואָס עפּעס דאָ? נישט רעכט פון אַזוינעם ווי איר? מ׳גייט ליבערשט אַהיים צו די אייגענע, מ׳לייגט זיך צו, אויב מ׳איז נישט מיט אַלעמען. מ׳טוט וואָס מ׳באַדאַרף. אויפן אויסקומעניש מוז מע זיך אָרנטלעך פאַרדינען. אויב מ׳איז אַ מענטש איז אויף אַלץ אַ צײַט, — האָט זיך איר פאַרוואָלט אים מוסרן.

— ווײַט איז מײַן היים, סעניאָראַ. אין קאָרדאָבער געגנט איז די ראַנטשע מיט די אייגענע. ערשט געקומען פון דאָרטן. מיטן טאַטן געאַר־בעט אויף מויערן, אויף די וועגן, אין די בערג. יאָ, יאָ, דאָניאַ, —האָט ער שוין געשאָקלט מיטן קאָפּ, גלײַך ער וואָלט ערשט זיך אַליין דערהערט.— זי מעג גלייבן, די דאָניאַ. אָרנטלעכע די באַראַכאָס, — און דערשפּירט ווי טרערן רינען אָן. פּלוצלינג האָט ער אויפגעהערט ריידן, אַראָפּגעלאָזן די אויגן. נאָך אַ ווײַלע, ווידער אויפגעהויבן דעם בליק, מער דערזען די גוטע פרוי, האָט ער אָבער־אַמאָל גענומען רעדן אַזוי אַז עס זאָל אים נישט צערן די דערוועקטע בענקשאַפט, וואָס איז שאַרף צוגעטראָטן: — דאָניאַ, אַ מענטש ווערט אַזוי געקוועלט אַז ר׳קען נישט אײַנזיצן מיט די אייגענע —און פון ס׳נײַ זיך געוואָרגן מיט אַ קנויל טרערן.— די דאָניאַ פאַרשטייט? די מאַמע איז דאָרט. קראַנק די מאַמע; די יינגלעך, קלענערע ברידער, גע־לאָזן ערגעץ צווישן לײַטן. — אַוודאי, ר׳האָט געוואָלט אַלץ דערציילן, אָבער געזאָגט האָט ער נאָך עפּעס דער דאָניאַ:

— אַז ס׳נישט געוואָרן דער אַלטער, איז אַלץ זיך צעפלויגן. סע ווערט שלעכט, אַז אַ מאַן שטאַרבט. דאָס הויזגעזינד ווערט צעטומלט. און מ׳ווערט שוואַך פון נישט טאָן. אָ, ס׳איז אַזוי ווײַט דער וועג אַהערצו! כ׳ווייס נישט, דאָניאַ, ווען צו פרעגן דאָ, וווהין איך דאַרף גיין — — דער יונג האָט זיך בפירוש פאַרפּלאָנטערט אין די געדאַנקען וואָס האָבן אָנגעשטורעמט אויף אים ווי באַלד די פרעמדע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אים אויסהערן. פרײַנד־לעך די לײַט אין שטאָט, — האָט בעת מעשה דורכגעבליצט אים אין מוח.

„אַ שוואַרץ קעפּל״, — האָט די פרוי אַ טראַכט געטאָן אין דער זעל־בער צײַט— אָנגעהערט זיך פון שטאָט, איז ער אָנגעריטן אַהער זיך אָנ־צופרעסן מיט פּײַן. גליק געקומען פאַנגען מיט זײַנע פוילע נעצן!

אומצוטרוילעך האָט זי געעפנט אירע ליפּן:

— וועט דער יונגער מאַן וועלן אַרבעטן? קלאָר, אויב מ׳וויל אַרבעטן, קען מע פאַרדינען ס׳ברויט.

— סי, דאַניאַ, — האָט ער געלאָזט הערן אַ שוואַכן קלאַנג און זײַנע אויגן זענען ווידער פאַרלאָפן געוואָרן.

און ווי אין נאָכקלאַנג פון דעם וואָס ער האָט נישט דערדעדט, איז לאָפּעז געשטאַנען אַן אָנגעוױרענער און שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ. זײַן בליק האָט נאָך אָפּגעגעבן אַ מאַטן גלאַנץ פון נבהלדיקער פאַרטראַכטקייט.

— אַרבעט מען, האָט מען עפּעס, — טײַטשט זי פאַר דעם דאָזיקן איר טראַכטן וועגן גורל פון אַזאַ וואָס מוז פאַרלאָזן זײַן היים.

„ערב פּגרן, קלערט זי אין מיטן דערינען, ווערט אַזוינער ערשט גוט. פריִער וויל ער נאָר פרעסן און זויפן. נאָשעדיק איז דאָס צו אַלץ. מ׳קריגט די פּעזע ווערט באַלד יום־טוב. די האַרעוואַניע פאַרגינען זיי אַנדערע. נאָר ייִדן שפּאַנען זיך באַלד אײַן אין יאָך פאַרן ביסן ברויט. דאָס אַ וויל לעבן אָט אַזוי״.

זי קאָן די, וואָס ציִען פון דער סומנער פּאַמפּאַ אין שטאָט אַרײַן — האָט זיך אַ וויג געטאָן דער פּרויס געדאַנק צו גלײַך מיטן וואָרט וואָס האָט איר געבריט די צונג: — זיי לאַנגווײַליקן זיך שוין ד אָ ר ט. אַהין האָט דערגרייכט די מעשה וועגן דעם ווילטאָג פון שטאָט, ווילן זיי אין דער גיך אויסברענען די אָנגעהויפטע ענערגיע און באַגערן אָבער באַלד פון ס׳נײַ זיך צו צעגענעצן. דינסטן ווילן זיי נישט זײַן ווי באַלד זיי פרעסן זיך אָן; פריצהטעס ווילן זיי ווערן, פאַרביק זיך אָנטאָן, זענען להוט אויף ווילדע פאַרגעניגנס, ממזרן אָן די בײַכער און זייערע מאַנצבילן ווילן זיך אַ מינדסט נישט אָנשטרענגען, ווילן קיין שוויס נישט פאַרגיסן אויף דער פּעזע. ס׳לייי־דיקגייין ווערט זיי נישט נמאס. מיר מאַטערן זיך, אַרבעטן מיט די לעצטע כוחות. יאָרן זיך געפּײַניקט, אָבער ד אָ ס האָט קיינער נישט געזען. קוים זיך דערשלאָגן צו דעם וואָס מ׳האָט, און מ׳מוז נאָך שלעפּן דעם וואָגן.

— אַרבעט, האָמברע*, מאָנט מען בײַ איטלעכן — חזרט איבער די סעניאָראַ איין מאָל און אַ צווייט מאָל.

— איך וויל, סעניאָראַ, —הערט ז י פון אים הכנעהדיק. ער שטייט, זעט זי, און ער קען נישט שטיין. שיכור איז דאָס גאָר, צו אַל די רוחות.

* מענטש.

אָדער...? — זי קוקט אויף אים און ס'ווערט איר אַ רחמנות אויף דעם פאַרשווין.

— ווילט נאָר, וועט שוין זײַן — גיט זי אים בייזלעך אַ מעסט אָפּ, זעט ווידער אַ מאָל זײַן צרהדיקן הילוך און ווערט ווייכער: „וועל פּרוּוון אַ רייד טאָן מיט פּעדראָן. אַ יונג אַ ריז. אַזוינער קען זײַן אַ האַנט אין געשעפט". און אים זאָגט זי:

— מײַן מאַן וועט אפשר עפּעס אויסגעפינען. איכ'ל איבערשמועסן.

— אַ דאַנק, סעניאָראַ, — און ער וויל שוין אַ שמייכל טאָן, נאָר די מינע זײַנע צעבערעכט זיך, רינט אויס. ער שפּירט אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט אַ בלאָטער איבערן גאַנצן לײַב, אין גאַנצן פּילן. אָ, אויסשטרעקן זיך, נישט ווערן אין תהום פון אָט־דער שפּירונג — ווי גוט וואָלט עס געווען! די גאָרע וועלט איז ברוגז אויף אים — — לאָפּעזן ווילט זיך פאַרמאַכן די אויגן, נאָר ער דערמאָנט זיך אַז די סעניאָראַ וואָרט אויף אים און דער אָרום שפּאַרט, שרײַט אַרײַן אין זײַנע געהירן: „ווי אַן אייזל ביסטו פּוילו! לאָפּעז, הע־עוּער!" מיט אָנשטרענג קוקט ער זיך אַרום: נישטאָ! געווען די דאָניאַ, אַנטרינען די דאָניאַ. מיט זײַנע שפּיץ נערוון כאַפּט ער זיך דערנאָך אויף די ווידעררופן פון די רייד וואָס זענען אָקערשט אַרײַנגעפאַלן אין אים: „זי'ט איבעררעדן מיטן סעניאָר". ער'ט אַרבעטן. אַוודאי וועט ער אַרבעטן! — — גלײַך דער ווינט אין פּאַמפּאַ הילכט עס אין זײַנע געהירן און ווי אַ מערעשקע קריכט דאָס.

שפּעל צום פאַרקלונגענעם וואָרט וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין אים, איז לאָפּעז ענדלעך געבליבן אַליין אויפן גאַסיקן טרעפּל. עפּעס געוואָרט און נישט געוואָרט. נישטאָ די באַלעבאָסטע! דער ליאָר־עמדיקער דרויסן האָט זי צוגענומען. ער וועט אין ערגעץ נישט גיין, טוקט אויף אַ שײַן פון געצווונגענעם וואַכזײַן, כאָטש ס'ווילט זיך שלאָפן — ער טאָר עס נישט.

פון מאָל צו מאָל אויפגעריסן די אויגן און בײַ לאָפּעזן איז געבליבן אַ לעבלעך טליען: דאָן פּעדראָ הייסט דער דאָזיקער. ער'ט זאָגן וואָס ס'וועט זײַן מיט אים.

ווען די דאָניאַ איז צוריקגעקומען, איז דער יונגער פּויער פון ס'נײַ שוין געזעסן בײַ דער טיר, פון וועלכער מ'האָט אים אַרויסדערלאַנגט דעם ערשטן ביסן בוענאָס־אײַרעסער ברויט. אַצינד האָט זי אים אַרײַנגענומען אין הויז, געגעבן אַ טעלער געקעכטס און צוגעוואָרפן אַ פונק האָפענונג: „מײַן מאַן וועט שמועסן מיט אײַך. דאָן פּעדראָ וועט אים אפשר צונעמען צו

זיך". דער גלאַזור פון לאָפּעזעס אויגן האָט דערפון אויפגעטריפט אין שאָ־טנדיקער גלאַנציקייט, ער איז איר געווען דאַנקעוודיק מיטן בליק.

דער בחור האָט זיך געקוויקט מיטן שטאָטישן עסן. — ס'איז גע־שמאַק, סעניאָראַ! — און זיך נאָך אַ מאָל געלאָבט מיטן צוזאָג אַז דאָן פּעדראָ וועט אים באַדאַרפן. ס'אַ געשעפט ביי אים, באַדאַרף מען אַ מענטש. געוויס וועט ער אים צונעמען. שוין לאַנג האָט ער געהערט, לאָפּעז באַראָכאַ: די שטאָטישע האָבן אַ סך עסקים, זענען ס'רוב איילעוודיק, קענען אַליין נישט טאָן אַלצדינג. מ'באַדאַרף זיי אַרויסהעלפן. ער וועט זיין אַן אַרויסהעלפער — — ס'גוט אַזאַ וואַרטן און ס'איז פריקרע וואָס מ'גלייבט דיר נישט. די סעניאָראַ פאַרשט אים מיט די אויגן, וואַרפט צו אַ פרעג, איז נישט זיכער צי ער איז אָרנטלעך. גאָר שלעכט וואָס מ'וויסט נישט אַז לאָפּעז איז אַ פלינקער, אַ שטאַרקער. ס'איז אומליב צו זיין אַזוי־אָ אַ געפּענטעטער. ס'איז טאָג אין דרויסן, ס'איז רוישיק ווי אַ באַרגטייך וואָלט זיך צעזאָטן און ער מוז זיצן באַנעזאַמעט, אַכטונג געבן ר'זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשן פון בענקל, נישט פאַרשפּעטיקן צו ענטפערן. אָט וועט די סעניאָראַ פון ס'ביי עפּעס פרעגן. זי קוקט זייטיק, קוקט פון ווייטנס, פלינדערט אין זיינע גע־דאַנקען. ניין, לאָפּעז טראַכט נישט שלעכט פון דעם הויז; ער פילט דאַנק־שאַפט; אַוודאי, ער דאַנקט פאַרן גוטס וואָס מ'ווייזט אַרויס צו אים — — ער טרייבט דעם דרימל וואָס זשומט טריב ווי זלידנע פליג. ער טאָר נישט דרימלען, געדענקט לאָפּעז. ער מוז זיך ווייזן מאַנצבילישׁ. ע, די שטאָטישע צייט, ווי שווער זי איז, זי קלעפּט זיך ווי פּעך. זי בינדט די פיס, פאַר־שטאָפּט דעם גאָרגל.

ס'אומדרייסטע שווייגן וואָס טרייבט אַהין, אַהער, איז אים נמאס גע־וואָרן. ער האָט לסוף נישט אויסגעהאַלטן, דער קאָרדאָבער:

— סעניאָראַ, איכ'ל ברענגען וואַסער, וויפל איר באַדאַרפט, — האָט לאָפּעז אומגעריכט זיך אַרויסגעכאַפּט.

— כי־כיכי־י־ייייי! — צעהילכט זיך דאָס קליינע מויערהויז מיט דער סעניאָראַס לאַכן. —גראַסיאַס,— האָט זי געענטפערט נאָכן אָפּלאַכן ס'טראַכ־טעכץ וואָס איז מיט אַ מאָל איר געקומען אויפן זינען — מ'באַדאַרף ניט. — האָט זי גענומען ציילן די רייד.— פאַראַן וואַסער ביי אונדז. איר ווילט, איכל ווייזן —גרויסט זי זיך שוין;— פון אַ קראַן גייט וואַסער ביי אונז.

ער איז נישט דרייסט צו זיין נייגעריק, כאָטש עס גלוסט זיך זען, נאָכ־צוגיין דער באַלעבאָסטע.

— כ׳האָב געהערט פון אַזוינס, סעניאָראַ. בײַ אונדז ברענגט מען פון קוואַל. אויך פון טײַכל טראָגט מע וואַסער.

ערשט הערט ער זיך אײַן, לאָפּעז, ווי ער רעדט אין דער דאָזיקער פּרעמדע, אָבער ער וויל ליבערשט שווײַגן. נאָר ער דערמאָנט זיך: ס׳אַ חרפּה צו זיצן אָן אַנגעגולמטער. די שטאָטישע וועלן חוזקן.

— איכ׳ל ברענגען ריטלעך, — זאָגט ער — כ׳ל פלעכטן אַ בעזעם פאַר אײַך. אַ הויז באַדאַרף.

— כי, כי-כי-ייייייי, — פּלאַצט פון איר שוין אַ שפּריץ געלעכטער — יונגער מאַן, נישטאָ אונטער דער נאָז אַ וואַלד, אַ וועלדל אויף צו קלײַבן ריטלעך. אַ גערטל פאַראַן זעלטן — נאָר פון וועגן אַ בלימל, פאַר אַ גרעזל, פאַר שיינע קאָלירן, און גאָר. שטיין פאַנצערט די שטאָט, נישטאָ קיין גראָזן. אַפילו ברויט האָדעוועט נישט די שטאָט; די שטאָט פאַרדינט אויף ברויט, פראַצעוועט, קנעט, באַקט, אָבער ס׳מעל?

זײַן טונקל פּנים פאַרקרימט זיך. לאָפּעז רײַסט אויף זיי אויגן, נייגט צו ס׳געהער, נאָר פאַרשטיין פאַרשטייט ער קנאַפּ די קלוגשאַפט פון שטאָט. ער וויל נײַערט דערווײַזן, אַז ר׳קען אויך עפּעס, כאָטש ר׳איז נאָר וואָס פון די בערג.

— איכ׳ל אויסווײַסן אײַך דאָס הויז, צובויען אַ קעמערל; כ׳ל לייגן אַ פונדאַמענט פאַר אַ נײַער שטוב. איכ׳ל אין אַלץ העלפן, דאָניאַ. לאָפּעז איז שטאַרק.

— מ׳באַדאַרף נישט אויסווײַסן, מ׳באַדאַרף נישט צובויען אַ קעמערל, יונגער מאַן — האָט זי געענטפערט שוין אָן געלעכטער. — זיצט רויק. דאָן פּעדראָ איז אַ גוטער. ר׳וועט קומען, וועט ער מיט אײַך שמועסן. פאַראַן וואָס צו טוען, אַנדערשט. איטלעכער טוט אויף זײַן שטייגער, יונגער מאַן, די שטאָט באַדאַרף גענוג, זי צעוואַקסט זיך נאָך.

אויף דאָן פּעדראָ האָט לאָפּעז באַדאַרפט וואַרטן ביזן אָוונט. ער גייט אַרויס פון שטוב אין באַגינען, דער שטאָטישער, און קומט אַהיים נאָכן צו-פאַלן פון דער טונקלקייט.

ווי אַ בין צום בינשטאָק פאַלט צו דער חושך צו די אַנגעצונדענע פענצטער, עס זשומט שטאַרק דער אָוונט אין שטאָט; דאָן פּעדראָ האָט ליב אָונטלעך זיך צו צעשפּרייטן אין הויז. ס׳ווײַב האָט פאַר אים בײַ צײַטנס שוין געגרייט אַ גרויסע מאָלצײַט, אויפן ברייטן פאָטערשטול אָוועקגעלייגט זײַן קאָווע-קאָליריקע פּידזשאַמע אין מוטנע פאַסן, דערנעבן געשטעלט די

באַקוועמע שטוביקע טרעטערס. אַלץ איז פֿאַרנעמיק, ברייט, אויף הנאה צו שעפּן פֿון דעם אויפֿדערנאַכט פֿאַר דאָן פּעדראָ. לאַפּעז באַראַכאַ דער קאָר־דאָבער האָט נײַגעריק זיך צוגעקוקט צו די־אָ הכנות. דער שלאָף, וואָס האָט אים פֿריִער באַפֿאַלן, איז אין גאַנצן שוין אויסגערונען. ער׳ט גוט געטאָן וואָס אָפּגעמאַכט בײַ זיך: וועסט וואַרטן אויפֿן באַלעבאָס, לאַפּעז!

פֿאַמעלעך איז געקראָכן יענער ערשטער טאָג הינטער דער שטוב וואָס האָט לאַפּעזן גענומען לערנען לעבן אין דער לאַקנדיקער פֿרעמד — אָ שילדקרעט אַזאַ שטיינערנער האָט ער געפּויזעט אין זײַן פּאַנצער. אומ־אויפֿהערלעך רוישט פֿון אים די שטאָט ווי אַ באַרג־שטראָם.

4

דאָן פּעדראָ טשאַקאָנאַ, דער פּרוכטהענדלער, וואָס שטייט מיט אַ טיש־וואָגן אויף דער פּלאַסע סעריטאַ, האָט לאַפּעזן היימיש אויסגעשטרעקט אַ האַריק־ברייטע דלאָניע, גלײַך ער וואָלט שוין לאַנג געהאַט געשמועסט מיט אים; ס׳געררייד איז אָבער מידלעך איבערגעריסן געוואָרן:

— ביסט, זע איך, אויף צרות, ברודערקע. נישט קיין נײַס אַזוינס, — האָט ער אים געזאָגט אויף דער נאַכט, ווען זיי האָבן געהאַט זאַלבעדריט אָפּגעגעסן די זאַטע מאָלצײַט. — אָבער ס׳וועט אַדורך. צו אַלץ געוווינט מע זיך צו. מ׳האָט שוין אַלץ פֿאַרזוכט, אַ־אָאָ! נישקשה, דער הימל פֿאַלט נישט צו דר׳ערד. בלײַב בײַ מיר, וועסטו האָבן אַ פּולע שיסל, אויך אַ געלעגער און אַ פּאָר הויזן אויפֿן הינטן. רײַכקייט ברויך נישט דער מענטש. דאָס וויל איך אַליין אויך נישט. ווײַל רײַכקייט מאַכט קאַליע דעם בעסטן. איך האָב עס שוין אײַנגעזען. וועסט זײַן אין שטאָט, וועסטו זען אַלץ, ריכטיק לערנען ס׳לעבן... אויב דו באַשטייסט, קענסטו דאָ זײַן ווי אַן אייגענער, אַלאָ נישט — וואָרף איך דיך אויך נישט אַרויס אויף בײַ נאַכט. קענסט זיך אָנזעטיקן מיט שטאָטישער מידקייט, צעבענקן זיך אַהיים און קרעכץ ווי עס וועט דיר אָנשטיין. דערווײַל וועסטו דאָ איבערשלאָפֿן, אָפּעסן און גיין זיך געזונטערהייט, אויב דיר וועט גלוסטן. אַזעלכע איז מײַן דעה!

דאָן פּעדראָ האָט שטאַרק געקוקט אויף אים מיט זײַנע הייסע רויט־לעכע אויגן אינעם פּלאַטשיקן פּנים וואָס איז פֿול מיט דער פֿליישיקייט פֿון דער נאָז און אַ קאַנטיקן שטערן. אַז ער האָט גערעדט, האָבן זיך לײַכט פֿאַרקוועטשט זײַנע מידע אויגן און דער האַלדז־קנאָפּ האָט זיך אויפֿגעהויבן.

— איך בין אויכעט געוועזן אויף צרות, —האָט ער באַלד אָפּגעהאַרציק

געלאָזט וויסן דעם קאָרדאָבער— אָבער כ׳האָב זיך אַרויסגעדרייט. דער מענטש איז אַלע מאָל ביי זיך אין די הענט. ווילסטו, ווערסטו אַ באַנדיט — הרגעסט און קענסט אַליין געהרגעט ווערן. איך האָב אויכעט געקענט ווערן אַ פּעאָן * ביים אייגענעם בלוט וואָס צעקאָכט זיך. יעדער קען עס, האָמברע. כ׳בין ליבערשט אַוועק קיין מענדאָסאָ, אין שוויס זיך געוואָרפן, גע־האָרעוועט און געבליבן לעבן. אַנדערש פאַלסטו פונעם מעסער, ברודערקע.

דער מענטש פעדראָ איז זיך אַליין קענטיק געפעלן געוואָרן אין די אייגענע רייד. לסוף האָט ער זיך אויפגעהויבן פון בענקל, צוגעגאַנגען צו לאָפּעזן וואָס האָט נישט געקענט אָפּן קוקן אים אין די אויגן אַריין:

— ווּעסט טאָן וואָס דו קענסט. אַלץ טוסטו פאַר זיך, חברלעב. האָסט אַליין גענוג קלוגשאַפט צו וויסן וואָס דו דאַרפסט טאָן. האָסט חשק, ווּעסטו ווערן אַ בוענאָס־אײַרעסער און אַפילו קריגן אַ גוט ווייב. אָן אַ ווייב ביסטו אַ פאַרפאַלענער. נישקשה, ווּעסט דאַרפן אַ ווייב, בחור!

אַ זשוואַוועער איז דער דאָן פעדראָ. ער רעדט הויך און קאַרגט נישט אַ קלאַפּ איבערן אַקסל.

— ווּעסט מיר העלפן, ווּעסטו זיך אויך העלפן. איך דערלאַנג דיר אַ האַנט. כ׳בין געווען ווי דו אַ וואָרעם אַ געטראָטענער. אָבער לאָך זיך אויס! בלייב דאָ, איך באַדאַרף דיך, הערסט? האָסט פונקט אַרײַנגעטראָפן אויפן ריכטיקן אַדרעס, יינגל! ביי מיר, — ווערט ער באַלד גדלותדיק, דער אַל־טער, און ער דערוואַרעמט זיך רעדנדיק — ווּעסטו נישט האָבן צו קלערן פאַר גאָאָרנישט. ווּ ווּעסטו געפינען אַזוינס, אַחוץ ביי פעדראָן?! — ער ביילט שוין אויס אויפן יונג די רויטפאַרלאָפענע אויגן און ער שמועסט שוין מיט זיך, פעדראָ: — דעם ביסן גלייך אין מויל אַרײַן. גאָט, ווי דאָס מאַכט אַ גוט געשעפט! אָסור מיר, פעדראָן איז גאָר נישט לייכט אָנגעקומען, ווען ער איז אַראָפּ פון דער שיף. ווי אַן אָקס אין יאַרמע אַרויסגעשטעקט דעם לעקער. אין פאַרטראַכטקייט בייגט ער אַראָפּ דעם קאָפּ און זײַן קול וואַקלט זיך אין הכנעה אַנטקעגן די גרימאַסעס פון גורל, וואָס מאַלן זיך אָקערשט פאַר זײַן בליק. דערפון קלינגט אָפּ זײַן רעדן מיט באַזיניקונג.

— ס׳ווערן אויסגעטריקנט די כוחות. שוין נישט יונג דער פעדראָ, ווי דו זעסט אים. און לעבן ווילט זיך. פגרן האָט קיינער נישט קיין חשק. ע,

* אַ שוואַרצאַרבעטער.

אַ סך טאָן וועסטו נישט באַדאַרפן. מסכים? הייב אויף ס׳פּרצוף, יינגל, — נעמט ער זיך אָן פלוצלינג מיט כוח.

דעם אַלטנס אָפנקייט האָט אַ טיפן שטורכע געטאָן דעם אָרעמען יונג.

— סי, — איז געווען דער ענטפער און דער פאַרשוין מיטן צעצויטלטן שאַל אויפן האַלדז איז געבליבן הויזן ביי דאָן פּעדראָ, דעם גאַסנקרעמער פון סעריטאָ.

5

אין די באַגינענס, ווען דער הימל זיצט נאָך ווי אַ פינצטערער קאָלפּאַק איבערן פאַרשלעפּערטן געצעלט פון שטאָט, כאַפּט זיך אויף דאָס הויז פון פּעדראָ טשאָקאַנאָ. צוערשט קומט אויף זי, די פאַרדאַרטע, גיכע כאָרכע־לינאָ. פלוצלינג, מיטן פּראַל פון צעעפנטן עלעקטרישן ליכט, באַווייזט זיך די פרוי אין מיטן שטוב שוין אָן אָנגעטועניע. די שיין שטעכט, די אויגן קענען זיך נישט פונאַנדערקלעפּן און דער קאָפּ פאַלט צוריק אויפן קישן. כאָרכעלינאָ שווייגט ווי די נאַכט הינטערן פענצטער; עס שאַרן גרילציק די פּאַדעשוועס פון איר׳ע שיך. זי רייבט די וויעס מיט די פאַרקנאַכיקטע פינ־גער, קוקט זיך אַרום מבולבל — צי איז עס אויף אַן אמת איר היים? אָבער נעמט באַלד טוען ווי נעכטן, ווי אַנומלט. שוין לאַנג, גאָר לאַנג איז זי אין שטאָט. אַ מענטש ווערט צו אַלעם געוווינט און די געוווינטשאַפט באַוועגט מיט אים אינערטיוו.

שטעלט זי פאַרטאָגס די ערשטע טריט אין הויז, באַגלייט איר אָן אויסגעצויגן, טויב הילכן פון דער אָנגעשפּאַנטער פינצטערניש. טיף אָפּ־געלעגן איז די דאָזיקע שטילקייט און די שטוב הענגט אין מיטן פון גרויס־גרויסן חלל וואָס בליקט טונקלקעפּיק ווי ער וואָלט געווען אַ גליד פון דעם סודותדיק־אָנגעיאָזשעטן, מעכטיקן דרויסן. אַ ליאַדע ריר פון דער פרוי, ברייטערט ער זיך אויס מיט אַ שטוינענדיקן עכאָ איבער דער פאַר־טאָגיקער רו. און דווקא נעמט זי זיך דעמאָלט שטאַרק פּאָרען. צוערשט פּאַמעלעך, אָנגעדראָלן מחמת אַן אומאַנטפּלעקטער שרעק, דערנאָך ווערט זי אויף אַן אמת וואַכעדיק: לאָזט שוין דרייסט, ראַפּטעם לויפן ס׳וואַסער פון קראַן אין טשייניק אַריין, טומלט מיטן געפּעס, וועקט ס׳הענגעדיקע בלעך אין קיך און דאָס ליאַרעמט. עס איז אַ סגולה קעגן דער אייגענער פוילקייט — האָט זי שוין אויסגעפונען. שלאָף ציט, איז אָפּנאַרעריש ווי האָניק, איז זיס און פּאַרפּירט אין איבל אַריין. און ער, דער מאַן, האָט

זיך שוין צוגעוווינט צו דעם פריקרען געקלעפער. „דער וועקזייגער, זאָגט ער, דערלאַנגט שוין". לאָזט זיך כאַרכעלינאַ הערן אין מיטנאַכטיקער שטילקייט, זי רײַסט זיך אַרײַן מיט ליכט, מיט שאַרפן געפילדער, ווייסט ער: סע איז געקומען דער טאָג. מ'דאַרף ווידער אַרויס פון שטוב. דער מאַרק אַבאַסטאָ באַוועגט זיך שוין מיט אומגעווויינטלעכן אימפעט, גלײַך די ערד וואָלט אויפגעציטערט. דער שטאָטישער וישט צעעפנט זיך אין באַנײַטער זשעדנעקייט. דער מאָגן שלאָפט אייגנטלעך קיין מאָל נישט. אים חלומט זיך פון דער פרעס אַפילו אין זײַן אָפרו. פעדראָ, מ'טאָר מער נישט זיך מאַכן געפגרט, בכן דו הערסט נישט, צי דו האָסט פאַרגעסן. ערשט איז שלאָפן אַ נאַרישער תירוץ.

ער פוילט זיך נישט, פעדראָ דער הענדלער פון סעריטאָ. אַראָפּ און פאַרטיק! — מוסרט ער זיך. זי, ס'וועב, איז פלײַסיקער. איידער־וואָס האָט כאַרכעלינאַ שוין צוגעגרייט אַ שלוק פרישע, הייסע קאַווע, אַ באַטעמט פלעצל. דאָס שטויסט אים טאַקע אונטער: טשע, שעם זיך ליבערשט! און באַלד זיצט ער אין קיך, גיט אַ זופּ, אַ קײַ און אײַלט זיך אין שלינגען:

„דער היישעריק איז פרעסערדיק. איידער ער טראָגט זיך אָפּ לאָזט ער איבער פרישע אייעלעך. דער היישעריק שלאָפט נישט. איי, איי, ס'זאָל אונדז כאָטש עפּעס בלײַבן".

תמיד דאָס אייגענע ווערטל וועגן דעם מעלה־גירהדיקן עולם וואָס שטופּט זיך פון סאַמע באַגינען בײַ די קרעמערישע טישן און בײַ די אָנ־געהויפטע בערגלעך דאַרפישע פּירות אויפן שפּײַזמאַרק אַבאַסטאָ. גיך ווערן פול די קיישלעך מיט אכילה, נאָך פולער ווערן די זשעדנע אויגן וואָס זוכן נאָך, נאָך מער אָנצופּאַקן די קיישלעך.

תמיד האָט דאַן פעדראָ געהאַט חוזק־רייד וועגן די הונגעריקע נעבעך, וואָס זוכן און קענען קיין מאָל זיך נישט אײַנשטילן. תמיד האָט ער צו־ליב זיי געמוזט זיך אונטעראײַלן אין די פאַרטאָגן. זינט דער קאָרדאָבער יונג האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אים, איז וואָס אַן אמת דאַן פעדראָן היימלע־כער, נאָך מער: ער האָט געגרן דעם בחור. יענער שאַנעוועט אים אַזוי אַז ער קען זיך שוין נישט באַגיין אָן אים. יעדן באַגינען רײַסט ער אַראָפּ דעם בחור פון געלעגער, קלעפּט זיך צו אים מיט טאַטישער ליבשאַפט און ער שטויסט אים מיט צערטלעכע רייד נאָכצוגיין פוסטריט: — יונגעלע, גאַ־פעסט זיך? שיין, שיין, אָבער נישט אַצינד. איכ'ל דיך פירן ווײַזן גאָר ווילס. פאַראַן חיות וואָס וועסט נישט דאַרפן מורא האָבן פאַר זיי, פאַראַן

קאַרוסעלעס וואָס מאַכן פריילעך. יינגעלע, שטעל אַ פיסל! — און שמייכלט צו אים מיט אַן אָנגעשטרענגטן שמייכל. — אַ נו, גענוג געפּאָפּט!

פאַרטראַכט זיך אַ רגע און שוין מינטערט ער זיך און ער מינטערט דעם יונג:

— האָ, — זאָגט ער און שפּירט ווי ער אַליין שטייט קוים אויף די פאַרשלאָפענע פיס, אַלע גלידער האַלטן זיך בעל כרחי און אַזוי וועקט ער ווידער לאָפעזן: — דו, דו, קוקסט? דער אייזל איז געשפּאַנט! — אָבער דער הערט נישט. ער שווימט אין ברייטן, וואַרעמען געשנאָרך פון אַן אָפּגעאַרבעטן בעל־חי.

— טשע, * באַהאַלט דעם קאָפּ! —טאָרעט שוין דער אַלטער דעם יונג— ס׳גייט אַ האָגל ווי שטיינער.

6

... אַ פאַרלוירענער לאָזט ער זיך פירן, דער אונטערטעניקער לאָפּעז באַראָכאַ. קיינער קאָן אים נישט דאָ, מוז ער טאָן וואָס מ׳הייסט אים — און אַזוי האָט ער זיך איבערגעוועלטיקט. ביסלעכווייז איז ער זיך צעגאַנגען אין שטאָטישן שפּאַן, דער יונג פון דאָן פּעדראָ דעם מאַרקהענדלער. און פּאַמעלעך איז דער קאָרדאָבער זיך גופא געפעלן געוואָרן אַזוי־אָ: ער׳ט שוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די ברייט־געפאַלדעוועטע הויזן מיט די שמאָלע, ענג פאַרקנעפּלטע מאַנקעטן ביי די פיס־קנעכלעך, געפּטערט דאָס צעפוילטע שאַליקל פון האַלדז אַראָפּ און איז אַריין אין שטאָטישע פּאַנטאַלאָנעס, אין אַן אייבערהעמד מיט אַ שנופּס און ער פירט זיך וועדליק דאָן פּעדראָס הדרכה. צוזאַמען מיטן באַלעבאָס שטייט ער אַ גאַנצן טאָג ביים גרויסן טישגעשטעל מיט אויבסט, זאָגט יעדער קונהטע — יונג צי אַלט— „אַ גוטן טאָג, סעניאָריטאַ", יעדן אַוועקגייענדיקן וויבטשט ער „גייט מיטן געזונט" און איז גרייט פּאַר שליחותן. דאָן פּעדראָס גאַסנקראָם געפינט זיך אין אַ רייכער געגנט. פאַראַן דאָרט באַלעבאָסטעס וואָס דאַרפן מ׳זאָל זיי נאָכטראָגן ס׳פּעקל: זיי קויפן, באַצאָלן און ווי מיט גומענע אברים שפּאַנען זיי אַוועק אויף זייערע שטיפע, הויכע אָפּצאַסן, אויף צוגעשמינקטער שיינקייט. לאָפּעז האָט זיך שוין צוגעוווינט צו שטיין גרייט מיט אויסגעצייגטע אויערן און האָרכן דעם באַלעבאָס: „לאָפּעז גיי, לאָפּעז

---

* דו (היימישלעכע ווענדונג צו עמעצן).

טראַג אָפּ. במשך פון טאָג שטעלט ער זיך אַרײַן אין אַ סך געפּוצטע שטובן און האָרכט, דערזעט זיך מערערע מאָל אין שפּיגלען פון שפּריגנדיקע און סיקענדיקע ווינדעס, שמעקט זיך אָן מיט כּלערליי ריחות, מיט פאַר־שיידענע שטילקייטן. דאָן פּעדראָ ציילט פּלייסיק ס׳געלט, וועגט אויס סחורה אין פּאַפּירענע בײַטלען, קײַעט שטענדיק אַ זיסלעך וואָרט צו אַ מאַדאַם, צו אַ דינסט. ער היט זײַן געשעפט. פון אין דער פרי אָן שלענגלט זיך אויף דאָן פּעדראָס מויל אַ צעקראָכן שמייכעלע פאַרן קונה, כאָטש ער באַ־ווײַזט זיך גראָד נישט, דער קונה. די העפלעכקייט לערנט ער אויך זײַן גענזע־לן. דער יונג, מוז מע זאָגן, איז תמיד געהאָרכיק, אָנגעשפּאַנט אויפן גע־דענקען אַז מ׳מוז זײַן איידל צו מענטשן וואָס קומען צו דיר. עפּעס אַנ־דערש טאָר מע נישט האָבן אין זינען, — האָט אים אָנגעזאָגט דער באַ־לעבאָס און די פּעדריכע האָט אָנגעקוואָלן, ווען זי האָט זיך צוגעקוקט ווי דער יונג טויג זיך אויס בײַ דער קראָם. אַזוי פאַרשטיי איך — האָט זי געטענהט צו לאָפּעזן — אַ מענטש וואָס טראַכט פון אַ תכלית געדענקט וואָס ר׳האָט צו טוען. די הסכמה איז דעם קאָרדאָבער געפעלן געוואָרן און איטלעך מאָל האָט ער אויסגעקוקט אַז די אַלטע כאַרכעלינאַ זאָל זיך ווײַזן צום פרוכטוואָגן אויף סעריטאַ. יאָ, איר קומען האָט אַלע מאָל געמיינט אויך אָפּרו. דעמאָלט פאַרשווינדט דאָן פּעדראָ אין אַ טיפער הויז־עפּענונג אַרײַן. זײַן ווײַב באַווײַזט זיך אַלע מאָל אַ דערדרייטלטע און אין איר האַנט באַמבלט זיך אַ שפּאַר קיישל מיט אײַנגעוויקלטע וואַרעמע טעפּ און טעפּלעך. מיטנטאָג געשעט עס. איר אָנקומען צום געשטעל מיט דער אָנגעבערגלטער סחורה דערמאָנט דאָן פּעדראָן אָן הונגער, אין זײַן מידקייט מחמת דעם לאַנגן שטיין און גיין אַרום דער קראָם. האָ, האָ, — דערמאָנט ער זיך ערשט — פון דעם ווײַטן פאַר טאָג ביזן אויסגעניכטערטן מאָגן איז אַ וואַזשנער מהלך! אַנדערע האָבן שוין פאַרביסן מיט גוטע סאַנדוויטשן, פאַרטרונקען מיט קאַווע־לעך. דאָס געשעט די לײַט וואָס גייען אַרום שלינג און שלאַנג, ער, פּעדראָ, פאַרדינט נישט גרינג זײַן אָרנטלעכן ביסן. ערשט שטייט שוין די זון אַ העכסט צעליכטיקטע. זי האָט דעם מענטש רעכט אויסגעמאַטערט, אין שווייס אים צעבאָדן. צײַט צו מיטאָגן!

אַ בייג זיך אונטערן אײַנגעפּעסטיקטן טישוואָגן, עס גיבן זיך אַ צע־פּאַכע זײַנע הענט און דאָן פּעדראָס קראָם בלײַבט שטיין אַליין, אָן השגחה, איבערגעדעקט מיט אַ גראָער פּלאַכטע און איבער דעם, אויף אַ הילצערנעם פּיסל, אָן אויפשריפט אויף אַ האַרט געלבלעך טאָוועלע: „געשלאָסן”. ווי־

ס׳רוב געשעפטן פאַרמאַכט אויך דער אויבסט־העגדלער פון סעריטאָ זײַן קראָם אין מיטנטאָג. די דאָזיקע שעה לענגערט זיך אויס איבערן ברייטן שטח פון דער רײַכער אַוועניִדע; עס צעקריכן דעמאָלט די שטיקער שוואַרצער גלימער וואָס הויערן איבער הונדערטער וואַרטנדיקע אויטאָס; דער פאַר־חידושטער אָבעליסק בלײַבט דאָ הויך, שאַרף שווײַגן אַנטקעגן דעם פו־נאַנדערגעצויגענעם אָפענעם הימלשטערן, וואָס קוקט און דערזעט גאָרניט אַ חוץ דעם האַסטיקן אַוועקאײַלן פון די מענטשן גאַס־אַראָפּ, גאַס־אַרויף; די אָנ־געגליווערטע הימל־צורה קוקט און שטומט אין שטוינען, סײַדן מ׳זאָל דאָס אָננעמען פאַר טענה: האַ, ערשט לאָזט מע מיך אַזוי־אָ בעת די גאַנצע צײַט האָב איך אײַך באַגלייט? אָדער דער מיטנטאָגיקער פאַרשטאַרטער גענעץ מיינט שפּאָט איבערן געווימל וואָס ווערט מיט אַ מאָל ערגעץ אײַנגעזונקען — אונטערן רייץ פון דער „צעלאָזענער קישקע”.

אַן אײַנגערוזקטער שטורמישער טײַך בלײַבט דער אומגעהייער ברייטער סעריטאָ פלאַץ (וואָס ווערט אַרויפצו באַשיידענע גאַס) אין האַלבטאָג. אין שטילקייט ווערט אײַנגעשטאַרט אויך דאָן פּעדראָס פאַרדעקטער קראָמטיש.

שוין יאָרן ווי פּעדראָ טשאָקאַנאָ האַלט זײַן געשעפט דאָ אונטערן פרײַען הימל פון דער ברייטסטער בוענאָס־אײַרעסער אַרטעריע. ער האָט דערפאַר באַוויזן זיך אײַנצושאַפן פרײַנד אין שכנישאַפט. ראָדאָלפאָ דער קצב פון סאַלטאַ באַזאָרגט אים מיט די זאַפטיקסטע ביפן פון זײַן יאַטקע; סעניאָר וויסענטע שמועסט מיט אים אַלע מאָל, ווען ער כאַפּט זיך אַרײַן אין זײַן שענקשטוב נעמען אַ שלוק ביר. ס׳מיטטאָגמאָל, וואָס כאָרכעלינא ברענגט אין פאַרעדיקע טעפלעך, גייט ער אָפּעסן בײַ כאָסע ראַפאַעל דעם שנײַדער. יאָ, פאַרן ביסל אָפּרו מוז דער קאָפּ פילן אַ דאַך איבער זיך. און נישטאָ דעמאָלט בײַם באַשטעלטן שנײַדער קיין קונדן; אַרום האַלבטאָג פאַלט צו גאַנץ בוענאָס־אײַרעס צו דער שיסל. אגב, אַ רויִקע איז דעם שנײַדערס אַרבעט און גינציק איז צו דאָן פּעדראָ זײַן וואָרט.

— ווען מ׳זעט! —רופט אויס כאָסע ראַפאַעל אַריבער זײַנע צע־גלאַנצטע ברילן.— רעבעקאַ, פון טיש איז אַראָפּגערוימט? — דער שנײַ־דער רעדט אַרײַן ערגעץ צום ווײַב, וואָס ווײַזט זיך גראָד נישט מחמת איר פאַרטױענקייט. ער ווייסט, דער ווילער מענטש, אַז דאָן פּעדראָ האָט ווינציק צײַט; זײַן קראָם איז אין דרויסן געלאָזן געוואָרן איינע אַליין און ר׳איז נישקשהדיק הונגעריק. אַהיים גיין איז אים צו ווײַט, אָפּכאַפּן די

מאָלצײַט אין מיטן גאַס איז אומהיימלעך און אויך נישט צום געזונט. און צוריקגעשמועסט: וואָס קען עס אַרן דעם שנײַדער יוסף רפאל אַז אַ מענטש וועט האָבן פון אים אַ טובה? אַ ווייל מענטשל דער גאַסנסוחר, כאַטש ר׳איז לא עלינו פאַרגרעבט וואָס שײך ייִדישקייט; געכאָוועט זיך אין אַ העק, אַלץ צווישן ס׳זייעריקע, האָט ער זיך אָנגענומען מיט אַ גויי־שער טבע אין זײַן גאַנצן פּירעכץ; ר׳ווייסט נעבעך נישט פון קיין יום־טוב, פון קיין שבת. בלויז ראש־השנה און יום־כּיפּור שטעלט ער זיך ערנסט אין ייִדישקייט, גייט אין שיל אַרײַן, האָרכסט זיך צו און זעט ווי ייִדן רופן בגוואַלד דעם שר פון רחמים, ער זאָל מוחל זײַן די עבירות וואָס זיי באַגייען אַ גאַנץ גייעדיק יאָר. ווי אַ גוי צווישן אַ פולן ייִדישן קהל שטייט פעדראָ אַ געשטרויכלטער אַקעגן דעם ייִדישן רעש און די אויגן גליִען אים אין פאַרלוירנקייט. אַ שאָד אים, כאָסע ראַפאַעלן דער פעדראָ מיט זײַן פּראָסטקייט פאַר וואָס ער לײַדט אַלע טעג פון יאָר. ער מוז זיך נאָך פלאָגן אין גאַס, אין רעגן און קעלט און אויף דער סמאַליעדיקער זון.

אָבער דער, דער שפּירט דערוויַיל דאָס בורטשעניש פון די גע־דערעם. דער הענדלער איז דערוויַיל מוראדיק ערנסט אַקעגן דעם ווײַבס „סוד" וואָס זי אײַלט זיך נישט אים צו אַנטפּלעקן ווי לאַנג די דאָניאַ רעבעקאַ וועט נישט צורופן צום טיש. ער קוקט רק צו כאַרכעליניאַן, וויל גיכער דערשנאַפּן וואָס זי האָט פאַרפּעקלט אין אירע טיכער, אָבער כאָסע ראַ־פאַעל פרעגט אים הלצהדיק תמיד דאָס אייגענע: — האָ, דער פּופּיק קלאַפּט? דער באַשטעלטער שנײַדער שמייכלט בעת־מעשה, זאָגט פרײַנד־לעך אַז עס וועט אים דערפאַר בעסער שמעקן דאָס עסן, דעם גאַסנ־מענטש פעדראָ. כאָסע ראַפאַעל מיטן נאָדל־פאָדעם צווישן צוויי אויפגע־הויבענע פינגער רעדט אַלץ גאָר האָפערדיק:

— מ׳הונגערט זיך אויס, שמעקט דאָר ברויט ווי דער טײַערסטער פלאָדן... נישט געדאגהט, ס׳עט גוט זײַן, דאָן פעדראָ טשאָקאַנאָ. נאָר בטחון. פיינע לײַט האַלטן אַזוי — און ער פאַלט אַרײַן אין אַ ניגונדל, פירט אַבליק אַרײַן די נאָדל אין פליש פון אַ נײַעם געוואַנט, קײַעט אַ שטיקל פאָדעם, שטעכט זינגעדיק.

די שנײַדעריכע דאָניאַ רעבעקאַ פאַרציט בינו לבינה אירע בלאַסע ליפּן, שפּרייט אויס איבערן טיש אַ העל גלאַנציקע צעראַטע, שטעלט זאַלץ, אַ פלאַש פריש וואַסער מיט גלעזער און ווינטשט די מענטשן אַ גוטן אַפּעטיט.

— עסט אָפּ, שוין צײַט, —זאָגט זי גינציק.— מירן פּעפּערס, מיר שלאָפן שפּעט, קריגן מיר שפּעטער צו עסן.

— אַוודאי, ס׳ברויט באַדאַרף מע צו ערשט ווערט זײַן. דאָן פּעדראָ האָט שוין געמאַכט די פּעזע, מעג ער עסן. אמת, פּעדראָ בן רחמין? — און הימלעך אים צוגעוווּנקען.

דעם עפּלהענדלער טוט הנאה דאָס גוטע וואָרט פון זײַן פרײַנד כאָסע ראַפּאַעל, דעם פּײַנעם שנײַדער. היימיש שפּירט ער זיך אין זײַן הויז. אַ גוט האַרץ בײַ כאָסע ראַפּאַעל!

— סי, סי, ריכטיק אָנגעשלעפּט זיך הײַנט דעם האָרב, —ענטפערט ער מיט אַ פול מויל— עס גייט דען אַנדערש? און איר דאָן כאָסע ראַפּאַעל, טוט דען נישט ס׳אייגענע? איר ברעכט זיך דעם נאַקן איבער פרעמדע טראַכעס * און אַנד׳ שוואַרציאָרן פון אַלע מיני שטאָטישע לײַדיקגייערס. די וועלט קאָציעט זיי אָן אָן חשבון פונקט ווי זי שטעלט צו חמרים נאַראָנים, וואָס ווייסן נישט אַנדערש ווי גיין נאָר אין שפּאַן. צרות צוגעטראַכט פאַר מענטשן, דער פּאָטער אָדם. נאָר נישקשה, מיר לאַכן זיך אויס, מיר טוען גוטס די מענטשן: איר פאַרדעקט זיי דעם הינטן מיט מײַטקעס, מיט רעקלעך, מיר ברענגען צום מויל זיי דאָס עסן און גענאַרן זיך דורך אַ סך עגמת־נפשן.

— אמת, אמת, פרײַנדל, —וואַרפט צו דער שנײַדער מיט דער־וועקטער הייטערקייט— מיר זענען די פערדלעך, שלעפּן אַלע משאות. מיר ברענגען פאַר די מענטשן אַפילו קילקייט, ווען ס׳איז מאוימדיק הייס אין גאָטס דעפּאַרטאַמענטן און מאַכן זיי וואַרעם, בעת אין דרויסן בלאָזט אַ בײַסנדיקע קעלט. מירן פרײַוויליקע שקלאַפן פון די בערנטרײַבערס, אין זייערע מאָמעס אַרײַן, קע־עעהעהעהעע! — צעכעכעט זיך דער ווילער שנײַדער. — פּפּעררררד, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט צו לעקן מעג־טשישע הינטנס.

— שוין, כאָסע ראַפּאַעל? —שפּרינגט אַרויס די שנײַדערקע מיט פּלוצלינגקייט אין איר טענה— דאָס זענען דאָך נישט דײַנע רייד, חכם מײַ־נער. שעם זיך כאָטש פאַר לײַטן נאָכצובעבען עמעצן! פון בזשעזשין, דער אַמאָליקער היים זײַנער, געבראַכט די פּראָסטע רייד, —שאָקלט זי מיטן קאָפּ אין באַדויערן.— האָט נישט פּאַראיבל, דאָניאַ כאָרכעלינאַ. דאָס האָט

* אָנצוגן.

נישט קיין שאַנדע אין די אויגן, דער... אַ פרוי אין הויז ביי אים, און ער דערלויבט זיך, — גיט זי נאָך אַ בייזן קוק אויפן מאַן.

— הערט אים נישט, דאָן פּעדראָ, —ווענדט זיך די שניידערקע צום קרעמער ווי צו אַ חשובן גאַסט אין איר הויז— מיינער מאַכט־נאָך די צעלאָזענע געזעלן, די אַמאַליקע טאַנדעטניקעס, און זי ווייסט נישט צי זאָל זי שמייכלען דערביי אָדער אָנשטעלן אַ קרומע מינע. — ווי דאָס גע־דענקט ס׳שלעכטע! די וואַטענע קעפּ, די בזשעזשינער, האָט מע זיי גע־רופן. האָבן געוווסט נאָר צו זיין אַריינגעטאָן אין אייליקער אַרבעט און אין געאייל געשאָטן גראָבע רייד, ווען געוואָרן אין כעס.

— וואַטענע קעפּ, —האָט כאָסע ראַפאַעל איבערגעחזרט מיט אי־בערדריסיקייט— הלוואי וואָלטן זיי היינט נאָך געווען און גערעדט נישט איידל צו די גראָבע לייט, וואָס באַהאַלטן זיך אין זיידענע גרימאַסעס און געמיינע מעשים. גאָר אָרנטלעך געווען, זאָג איך אייך, די טאַנדעטניקעס פון בזשעזשין: האָבן אָנגעטאָן אַ וועלט אין הויזן און געוואָרעמט געפּרוירענע מיט וואַטעווקעס! שווער געפּראַצעוועט און נעבעך נישט געהאַט אָפּצו־עסן צו דער זאַט, תמיד זיך געפּלאָגט. דער שניידערוק יוסף רפאל האָט אומ־געריכט זיך אָפּגעטויכט אין טרעריקער דערמאָנונג פון זיין אַמאָל, ווען ער איז געווען יונג, אַלע אייגענע זענען געווען אַרום מיט געטריישאַפט און אין קאָפּ האָט נישט אַזוי געזומבענקעט ווי מיט האַמערס. וואָס מיר קאָפּ־וויטיק, כאָטש ס׳האָט גענאַגט ביים האַרץ פאַר אַ רעפטל ברויט. מ׳האָט זיך פאַרזינדיקט מיטן אומזיסטיקן קרעכצן אויפן אָרומיקן גוטס אויף וואָס מ׳איז נישט געווען קיין מבין.

— שוין אָנגעהויבן, סעניאָר כאָסע ראַפאַעל טייטעל? די מענטשן דאַרפן נישט וויסן דיינע פאַרטריקנטע נאַרישקייטן! עסט, עסט, ליבע לייט, — האָט די שניידעריכע זיך צוגעניגט מיט וואַרעמען בליק צו די געסט די טאָגטעגלעכע. — שטערט זיך נישט. ער׳ט אַ גרינגן קאָפּ, מיין מאַן.

דעם באַשטעלטן שניידער יוסף רפאל נעמט אַלע מאָל אַרום אַן אומעט ביים דערמאָנען זיך זיין ווייט פאַרוואָרפענע היימשטאָט. פון די לאַנגע יאָרן פאַרזונקענקייט אין דעם אַרגענטינער וואָגל, ווו ר׳האָט באַצאָלט שווערע צינזן אין האַרעוואַניע און פלאָגעניש, ווערט זי, די אייגנגעבאַ־קענע בזשעזשין, אַלץ מער אָפּגעמעקט פון זכרון, הגם פון בענקעניש צאַפּלט אויף די ברוסט אין אַ קראַמפּנדיקער היץ. ווען ס׳וויבֿ מוסרט אים אויס פאַר אַ האַרב וואָרט וואָס כאַפּט זיך אַרויס פון אים, לאָזט ער

אַראָפּ די אויגן און די נאָדל אין האַנט ווערט פאַרשטיפּט. אים טוט באַנג למאַי ר׳וואַרפט אָן אַ פּאַרדראָס אויף די מענטשן וואָס קומען אַריין אָפּ־כאַפּן ביי אים ס׳לעפל מיטאָג. סע אַרט אים אָבער הלמאַי זיין ווייב האָט אַזאַ טאַטעריש האַרץ — זי גיט זיך אַ זאָג אָפּ: „וואַטענע קעפּ!״ בזשעזשיך, ווי נאָגנדיק ליב זי איז געבליבן, די שטאָט מיט בלאָטיקע געסלעך און קאַלעמוטנע הייזער־רייען מיט אָפּגעקראָכענע ווענט און צעפוילטע דע־כער, דעכער שיפּע און אָנגעבוקטע. ביי אַלע דיינע חסרונות, קליין גרוי־סע שטאָט פאַרפאַלענע, ווי דו ביסט מיר נאָך אייגן! זיינטיקע קענען דען אַזוינס באַנעמען וואָס עס מיינט צוגעבונדנקייט צום היימישן דלות? ער שפּירט בעת־מעשה ווי די אַנדרינגלעכע טרערן זאָגן עדות אויף דער וואָרהאַפטיקייט פון דעם געדאַנק וואָס בליקט אָקערשט צו אים, אָבער אויסטייטשן קען ער עס נישט קיינעם און רעדן טאָר ער נישט אַצינד. און היות ער וויל יענעמען נישט פאַרשטערן די מאָלצייט, באַמיט זיך יוסף רפאל טייטעל די ווילע מענטשן אַנטקעגן צו טראָגן אַ מילדע מינע:

— גיי מיט ווייבער צום טיש, הע, דאָן פּעדראָ? —גיט ער אין דעם אַ זאָג— כאָטש שיק זיי אין קאָנגרעס *, די קליגע קעפּ, — און ס׳פּנים זיינס צעשייַנט זיך: — קכי־קיקיקי —

אַ קורצן שניט איבערן געלעכטערל לאָזט הערן אויך דער אויבסט־הענדלער און ער שעמט זיך צו קוקן דער דאָניאַ רעבעקאַ אין די אויגן אַריין. „מע שטערט איר, דער באַלעבאָסטע, מ׳חזירט אָן דעם דיל. אָ, אָ, זי קען זיך אָנברוגזן און דו לאַך... ס׳גאָר געגרעכט דער שניידער״, — טראַכט ער באותו הרגע. ער טראַכט זיך ס׳זייניקע, אָבער ענטפערן ענט־פערט ער נישט דעם פריינדלעכן שניידער.

— אַלע רעדעס זייערע אין קאָנגרעס וועל איך לויפן הערן, — איז ממשיך זיין געדאַנק כאָסע ראַפאַעל און זיינע ברילן־גלעזער לאַכן פאַרקייכטע פון זיין אייגענער דינער פּאַרע.

— שאַ, ששאַאַאַ, חכם מיינער! — פאַלט אָן אויף אים דעם ווייבס געשריי.

ווידער ווייזט זיך דאָניאַ רעבעקאַ פון קיך אַרויס. דאָס איז זי אויסן צו באַשטעטיקן איר אָנזאָג אַז כאָטש אַ באַלעבאָס, באַדאַרף ער געדענקען,

* פּאַרלאַמענט;

איר יוסף רפאל, צו זײַן אַ מענטש. צו זײַן ערנסט איז וויכטיקער ווי צו האָבן געלט, צו וואָס עס דערשלאָגן זיך אויך גראָבע קעפּ. כאָסע טייטעלס הויז דאַרף זיך האַלטן אין דער מדרגה, איז דאָניאַ רעבעקאָס תורה וואָס זי שלאָגט אַרײַן אין דעם מאַנס מוח זינט יאָרן. „ס׳איז געוועגדט וואָס אַ מענטש הערט פון דיר, כאָסע ראַפּאַעל״, דערמאָנט זי אים שטענדיק, „אויף דעם זאָגן פון אַ מענטש שטעלט זיך אויך אַ הויז״ — און גייט דאָניאַ רעבעקאַ צוריק אין קיך אַרײַן, בלײַבט דעם מאַן נאָך צו צעגריזשען איר מוסרדיקן בליק:

„נאָר ער שטערט! ער פאַרגעסט אַז מענטשן האָבן נישט קיין איבע־ריקע צײַט״.

מ׳הערט נאָך דעם ס׳קלאַפּן מיט די לעפל, מ׳הערט ס׳שלינגען און מתוך זײַן מיטאַמאָליקן שווײַגן פאַרבײַסט דער שנײַדער אַ ווערטל וואָס רײַסט זיך אַרויס פון אים, אַבי דאָס ווײַב זאָל מער נישט האָבן זיך צו בייזערן.

— כאַפּט אַ טרונק מיט אונדז, —בעט זיך אין מיטן דערינען דאָן פעדראָ בײַם שנײַדערשן פרײַנדל— פאַר אַ לחיים, אַמיגאָ! *

— אַ דאַנק, —ענטפערט ער— מײַן סעניאָראַ וועט טרינקען; זי איז סײַ ווי שיכור, זאָל זי שוין דערגיסן. — רעבעקאַ! —רופט ער אויס.— דערויף קוקט זי אַרײַן אַ צעפּלאַמטע און לאַכט אין זיך מיט אַ צעקוואָלנ־קייט באשר זי האָט געפּועלט בײַם מאַן „ער זאָל זיך רעכענען אַ ביסל״.

— שוין, צופרידן? — מאַכט זי אַ פאַרגעבנדיקע העוויה גלײַך אַקעגן דעם מאַן, קוקט זיך אַרום אַ ווײַל און שאַרט זיך צוריק אַרײַן אין קיך:

— לאָז עסן, זאָגט זי נאָך, כאָסע ראַפּאַעל. די מענטשן עסן, טאָ שטער נישט. טרײַבן ליצנות וועסטו אַן אַנדערש מאָל! — און זי ווערט נעלם.

פון ס׳נײַ הערט מע נאָר קײַען און ס׳טראָגט זיך דאָס אַנגעטומלטע שווײַגן פונעם באַשטעלטן שנײַדער וואָס פון די אַמאָליקע בזשעזשינער טאַנדייטערס. ער וועט מער נישט שטערן, כאָסע ראַפּאַעל, —רעדט זײַן אַנגעבויגענע פּלייצע צום געוואַנט וואָס הויערט אויף זײַן קני— טײַערע לײַט די־אָ — טראַכט ער אין זיך, אָבער קיין וואָרט ברענגט ער נישט אַרויס. פריִער האָט בײַ זײַן פרײַנדלעכן טיש געגעסן דער עפּלקרעמער מיטן ווײַב (זי קען נישט עסן אַליין — האָט זי זיך פאַרענטפערט), ערשט

* פרײַנד.

עסן זיי זאַלבעדריט, שוין מיט לאָפּעזן, אויך אַ געשלאָגענער הונט, ווי עס הייסט בײַ כאַסע ראַפּאַעלן. קאָכן קען זי געשמאַק, די כאַרכעלינאַ, טעפּלעך פּעלן נישט אין הויז, ווײַן פּאַרקויפט זיך אומעטום — „ריפּעט" מען בײַנאַנד מיט חשק, מ'זיפּצט צו און עס טוט הנאה. כע־כעע, דאַן פּעדראַ באַלעקט זיך דערפון אַזש אויפן קול. דעם ווײַבס געקעכטסן זענען אים צום טעם און דינען גוט זײַן מאָגן, לאָפּעזן — ווינציקער. דער קאַרדאַבער יונג עסט, ווײַל ס'איז גוט צו עסן, דער איינציקער תענוג וואָס איז באַשערט געוואָרן פּאַר זײַן קרעפּטיקער מאַנצביִלשקייט, אָבער זײַנע געדערעם פאַרדייען נישט ריכטיק די אויסגעזאָטענע פליישן. פּוטשעראָס* פון אײַנגעדעקטע, זייערנדיקע טעפּ זענען נישט פּאַר באַרגלײַט. עסן געבראָטנס אויפן פײַער און דורכגעזאַפּטס מיט רויך איז לאָפּעז באַראָכאַס געוווינטשאַפט. נישט מער, אַז דער הונגער נאָגט, עסט ער, נאָר אַזאַ עסן „יאָגט". פון דעם ווערט לאָפּעזן איטלעך מאָל אומהיימלעך: ר'האָט מורא, דאַן פּעדראַ קען בייז ווערן. דער אַלטער וועט סוף־סוף מיד ווערן פון רופן אים —ר'מוז אים ערגעץ שיקן— און דאַ האַלט ער אָפּט די הויזן אין האַנט... שטענדיק שאַדטן אים די געווייקטע פליישן און דאָס כליאָפּטשעניש וואָס די דאָניאַ האָט יעדן טאָג געבראַכט צום פרעמדן טיש. אין אָונט איז די מאַלצײַט געווען אַ בעסערע, מיט געבראָטן פלייש און מיט היימישער באַקוועמקייט דערצו. אַפילו טינטאָ־ווײַן האָט נישט געפּעלט: לעשסט דעם דאָרשט פאַר אַ גאַנצן טאָג, לאָזסט אַראָפּ פון זיך די קייטן, די שיך פון די פיס, אויך ס'רעקל וואַרפסטו אַראָפּ. ווי דאַן פּעדראַ טוט, הייסט ער טאָן אויך זײַן געזעלן:

— שעם זיך נישט, דו. נעם דיר אָפּ ס'דײַניקע, לאָפּעז, —טענהט דער באַלעבאָס מיט איבערגעלאָפּענע ווײַסלעכער.— פּרעס אַצינד אַז זאָלסט פּלאַצן — מאָרגן, — און ר'האָט זיך פאַרגונען אַ קרומען שמייכל.

ער האָט ליב אַ ברייט וואָרט, דער באַלעבאָס פון דעם קאַרדאָבער יונג.

אָפּגעגעסן אָוונטמאָל, איבערגערעדט אַל דאָס וויכטיקע, טיף אויסגערעבצט זיך און געלייגט זיך שלאָפן. רו איז געקומען ווי אַ מוז, ווײַל סײַ דער געדאַנק סײַ דאָס לײַב האָבן פול אָנגעגעסענע, איבערגעטרונקענע, שווער זיך געצויגן צו אויפלייזנדיקער פאַרגעסנקייט.

---

* פּליישן אויסגעקאָכטע אין זופּן.

טאָג נאָך טאָג, אָוונט ביי אָוונט אַזוי — ביז עס זענען אַוועק יאָרן קנאַפּע דריי זינט לאַפּעז באַראַכאַ פון קאָרדאָבער קאַנט איז אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין.

7

אַוודאי, מ׳באַדאַרף זיין ערלעך לגבי דער דערמאָנונג פון דער צייט זינט לאַפּעז האָט זיך אַראָפּגעלאָזן קיין בוענאָס־איירעס. דער קריאָזשאָ* האָט אין תחילת שטאַרק געבענקט מיטן מטושטשן בענקען פון אַ טויב וואָס ווערט אומגעריכט אַרויסגעריסן פון איר טשאַטע. ווו ר׳איז געגאַנגען, האָט ער אַלע מאָל אינסטינקטיוו געהאָפט צו באַגעגענען אַ היימישן, אויך אַ פאַרבלאָנדזשעטן וואָס ווייסט צו דערציילן עפּעס פון זיינע אייגענע. מערסטנס האָט ער געקלערט פון דער קראַנקער מאַמען, געבעטן דער דאָניאַ כאָרכעלינאַ זי זאָל אָנשרייבן אַ בריוו אין שפּיטאָל פון אַלטאַ גראַסיאַ: וואָס טוט זי, די אַלטע באַראַכאַ, די אלמנה פון אַנטאָניאָ? דער עלטסטער זון וויל געווי וויסן דעם מעמד דער מאַמעס. ער איז אַוועק אויף אַרבעט אין בוענאָס־איירעס און ער האָט דאָס מזל צו האָבן אַריינגעקומען אין אַ פיינעם הויז — דער בריוו איז אַוועק אין די ווייטע וועגן וואָס פירן דורך פּוסטקייטן, בערג און טאָלן, אָבער פון דער מאַמען האָט זיך גאָר נישט געהערט. ס׳האָט זיך נישט אָפּגערופן קיין מינדסטער עכאָ אויפן געשריי פון דעם יוגנס שטומען ווייטיק. איז זיין בריוו פאַרלוירן געגאַנגען אונטערוועגנס? לאַפּעז איז דער מוח צעשפּרונגען געוואָרן פון איבערקלערן. און פון די ברידערלעך האָט זיך אים אויך דערמאָנט: ווי זעען זיי אויס? מן הסתם זענען זיי אונטערגעוואַקסן, זענען צוריק געקומען צו דער מאַמען, העלפן איר מיט ברויט, מיט ברענגען האָלץ, טראָגן אַריין וואַסער פון קוואַל. אַליין איז ער געוואָרן זאַט, לאַפּעז, ר׳האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך די מראה פון אַ יונגן מאַן וואָס פאַלט שוין אַריין אין אויג פון סעניאָריטאַס, וואָס מיט זיי זענען פול די גאַסן, וועלכע ער שפּאַנט דורך. פאַראַן אין שטאָט אַ סך אַזעלכע וואָס האָבן שוין געשמייכלט צו לאַפּעזן; אַנדערע האָבן אַפילו געפּרוווט ריידן צו אים צערטלעך, מיט לאָקנדיקן אָנווונק אַז ער געפעלט זיי. דאָניאַ כאָרכעלינאַ האָט זיך דערין משער געווען, זי האָט דערזען וואָס מיטן יונג טוט זיך און זיך געפלייסט

* קרעאָל, געבוירטיקער אין אַרגענטינער סטעפּ.

צו געבן אים צו פאַרשטיין אַז מ׳קען זיך לײַכט פאַרפּלאָנטערן מיט די אומבאַקאַנטע מוידן. פאַראַן לײַכטזיניקע צווישן די דאָזיקע, בחורל, האָט זי פאַרטרוילעך אים צוגעוואָרפן אַ זאָג אַזאַ איין מאָל און אַ צווייט מאָל. זי האָט זיך באַמיט אים צו באַלערנען. פאַרלאָז זיך, לאָפּעז, —איז זי שוין צוגעשטאַנען— איך ווייס וואָס כ׳רעד. גאַנצע סטײַעס קומען זיי אין שטאָט אַרײַן, פון דער פּאַמפּאַ לאָזן זיי זיך אַהער, פון דעם מידבר אין סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ און פון טוקומאַנער קאַנט ווײַזן זיי זיך נישט ווינציקער. דו ווייסט, אַז מיט מעסערס וואַרפן זיי זיך באַלד, אַפילו די ווײַבער, אויב דו פאַראיקעסט זיך מיט עפּעס אַקעגן זיי? די טוקומאַנער זענען גאָר שאַרף. די אַלע קליידלדיקע האָבן דאָ נישט קיין היימישע וואָס זאָלן זיי אַ ביסל צוהיטן, וואַלגערן זיך אין וואָלוועלע אָפּלאָג־הײַזער, ווערן צעלאָזן, רײַסן די אויגן פון מאַנסלײַט, זוכן די פּעזע, אַ נאַש. אַנדערע ווערן דינסטן, אָבער קיין אָרנטלעכע איז שוין נישט צו געפינען צווישן זיי. אוי, לאָפּעז, מ׳מוז זײַן געוואָרנט פאַר די אומלויפן. פאַרב נעמען זיי אויף זיך פרעמדע, פאַלשע פאַרב — אַ נאַרישער מאַן פאַלט אַרײַן בײַ אַזעלכענע.

דער בחור איז צעטומלט געוואָרן. אין זײַן צעפּיבערטן בלוט האָט לאָפּעז נישט געוווּסט פון די־אָ חשבונות, אָבער די טעמפּע שרעק דער־פון האָט די געניטע באַלעבאָסטע נישט אויפגעהערט אים אויסצומאָלן: — מיאוסע חולאתן קריגט מען פון די דאָזיקע. ווײַל אויף אַלע מיסטן טשאָרען זיי זיך! אַ ז ו י נ ס , מוזסטו געדענקען, קומט פון נאָענטער מגע ומשא מיט צווייפלהאַפטיקע מוידן. ס׳איז פײַער! — האָט זי אין אים אַרײַנגערעדט. און דאָס האָט אים פאַמעלעך, גרינטלעך דערווײַטערט פון אַלע מעגלעכע ליבעס, וואָס זענען אים אונטערגעקומען. פײַנלעך, אין גלי, זענען אים אויסגעפאַלן דער כאָרכעלינאַס מעשיות פון די פאַרשייטע. אַזויערנאָך האָט לאָפּעז זיך אויסגעקילט פון דעם ציִעניש צו אַ וועלכער־עס־איז. אומעטום האָבן זיי געלויערט, די ליבעס, אין אַלע הײַזער האָט ער זיי געזען, די ווילע, צוזאָגנדיקע מיידלעך; זיי האָבן קנאַפּ גערעדט, אָבער די בליקן האָבן גערופן, גערעדט דיבורים פון שרײַענדיקן בלוט אין זיי. און ס׳האָט געצויגן זייער ברי און די העזה פון די, וואָס האָבן געטשאַטעוועט אויף אים אין די ווינקלען. טייל האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך אים, דערפאַר טאַקע געשראָקן מיט דער דראָונג פון דער באַלעבאָסטעס פאַרטרוילעכע רייד. אַזוי אַרום האָט לאָפּעז זיך צוגעוווינט צו ווייכן פון די הייס־אָטעמענדיקע, די לאַשטשענדיקע ווי געטרײַע הינטלעך. ער האָט

מורא קראַנק צו ווערן אויף נישט צו קענען אויסגעהיילט צו ווערן! — האָט ער אין זיך אַרײַנגעליאַרעמט. אַז די חולאת וואָס ס'איז גורם די אומ־ריינע ליבע פון „אַזעלכענע", זאָל קריכן אויפן פנים מיט קרעץ, ס'זאָל אויספוילן די נאָז — פאַר דעם האָט דעם יונג אָנגעכאַפּט אַ גרויל. אַז די שיינע, ענערגיש־שעפּטשנדיקע האַרטענסיאַ פון נאָענטער שכנות האָט זיך צו אים עקשנותדיק דערנעענטערט, איז דער יונג אַנטלאָפן מיט אומגעריכטקייט אונטער אַ תירוץ: „דער באַלעבאָס רופט מיך!" און אַן אַנדערש מאָל: „זעסט, מ'עט אונדז באַרעדן". און באַלד זיך אַוועקגעדרייט. אַזוי האָט ער געטאָן אויך מיט מאַרטאַן, דאָס גלײַכן ווען אַליסיאַ־אויכעניאַ און די אַנדערע האָבן זיך געשאַרט צו אים. אַ פאַרהאַרטעוועטע איז די צײַט נאָכגעגאַנגען דעם יונג, צו מאָל אים צעוואַקלט, אָבער מערסטנס איז ער אַרונטערגעפאַלן דער קילער שטים וואָס האָט געוואָרנט. ביסלעכווײַז איז לאָפּעז בײַגעקומען דעם לײַכטזין צו טרעפן זיך אין דער טונקלעניש מיט אַ מויד פון די, וואָס זענען אויפן שווערן ברויט פון באַלעבאַטים, וועלכע פירן ערגעץ קלייטן און זייערע היימען מוזן זיי רייניקן, באַוואַשן, זײַן אָנגעשפּיצט אויף אַ יעדן אָנזאָג פון די ברויטגעבערס. די אָונטלעכע רופן פון די דאָזיקע מיידלעך, זייער פיבערנדיקער גערייד האָט דעם קאָרדאָבער פאַרטריבן מיט אימה פאַר זיך און פאַר דעם, וואָס עס באַהאַלט זיך הינטער איטלעכן מאַנצביל, וועלכער האָט מחזקות מיט אַזעלכענע.

דאָס זענען געווען זײַנע שטאַמשוועסטער, אַנטרינענע ווי ער פון נויט אין די אַרגענטינער מידבריות — ווי ער זענען זיי תמיד בלינד אין די קליגשאַפטן פון די שטאָטישע, וואָס זענען מער געלערנט. שטום אין זיך האָט לאָפּעז באַראַכאַ אָפּט געדאַנקט דער דאָניאַ פאַר איר מוטערלעכער וואָרענונג קעגן די וואָס האָדעווען אַן אין זייערע לײַבער די פּײַנלעכע אומציכטיקייט פון לויערנדיקע מאַנסלײַט, וועלכע זענען אומבאַרעכנט אין זייער להוטקייט נאָך אַ ווײַבלעכער שויס. אָט זיי קענען פאַרפירן אין שאול תחתיה. ס'איז ווי אין די פרעמדע, אַלטע וועלדער, ווו אַן אונדזעריקער שטעלט אַרײַן אַ פוס און ער קען אומגעריכט פאַרצוקט ווערן פון אַ חיה רעה — —

אין די זונטיקן, אין חגא־טעג האָט לאָפּעז אַ ביסל אָפּגעעטעמט פון די פחדים וואָס האָבן זיך געיאָגט אויף אים.

דער געזעלן פונעם אויבסט־הענדלער דאָן פעדראָ איז ווי אַן אייגענער אַרײַנגעפירט געוואָרן דורכן באַלעבאָס צווישן זײַנע פרײַנד, ווו

די משפחה טשאָקאַנאָ איז געווען היימיש, איז אויך לאָפּעז באַראָכאַ געוואָרן נאָענט. אָנגעטאָן אין אַ יום־טובדיקן אָנצוג, ברוין ווי אַ וועווערקע־עק, אין גלאַנציקע שוואַרצע שיך און אַ שטרייפיקן קראַוואַט אונטער דער אויס־געגאָלטער גאָמבע, האָט דאָן פּעדראָ מיטן ווײַב מיטגענומען דעם יונג אַ גלײַכגעקאָמטן, אָן איבערגעטוענעם, אַ געצאַמטן. זאַלבעדריט זענען זיי אַוועק אין געסט. געגאַנגען זענען זיי אומעטום, ווו ס׳האָט זיך געעפנט אַ באַ־קאַנטע טיר. ס׳האָט זיך געגלוסט פּאַרבײַטן די שטענדיקייט פון אייגענעם הויז אין דער אָפּגעלעגנקייט פון עק־שטאָט. און ווו געקומען האָבן זיי מיטגעבראַכט פּעקלעך, משמני הבית: זיסע, יוסט־געבאַקענע טאָרטן פון כאָרכעלינאָס אויוון, גרויסע בײַטלען מיט אַנאַנאַסן, שמעקעדיקע סיצי־ליאַנער מאַראַנצן, טערקישע ניס. דער פּרוכטהענדלער האָט זיך גע־פרײַנדלט מיט לײַטישע מענטשן, גאַטשאַטשקעט זיך מיט זייערע משפחות, געזיפצט אויף זייערע צרות, געחנפעט זיך צו זייערע אונטערוואַקסנדיקע סעניאָריטאַס. בײַנאַנד מיט די אַלע פּײַנע לײַט האָט דאָן פּעדראָס קליינע הויזגעזינד געלאַכט פון כלערליי טיפּשים, אויסטערלישע ברואים, אי־בערגערעדט נײַעסן וואָס זענען צוהאַנדן געקומען אין שטאָט; מ׳האָט זיך בחברותא געפרייט מיטן גאַנצן האַרץ, געגעסן שאַרפע, באַטעמטע, וואַ־רעם־פרישע קוכנס „פּיצע״, פּאַרטרונקען מיט אַ סך ביר און צוזאַמען, אין מחנה, געגאַנגען אין ביאָגראַף* אַרײַן זען טשיקאַווע, ווילדע און אויך פריילעכע בילדער־געשיכטעס.

דאָן פּעדראָ האָט איטלעך מאָל אין קינאָ געעפנט זײַן טייסטער, גע־צאָלט בילעטן פאַר אַלעמען — געוויזן זיך מיט אַ ברייטער האַנט, כאָטש ער איז נישט געווען פּאַרמעגלעך אַזוי ווי די צו וועלכע ער האָט זיך גע־קלאַמערט מיט חברשאַפט.

— שנאָרער, וואָס גרויסטו זיך? —האָט ס׳ווײַב פּאַרביסן אים דער־נאָך אַרײַנגעזאָגט מיט ביטערקייט.— נאָך אַ ביסל אַזוי און דו וועסט דאַרפן גיין נאָך אַ נדבה צו די־אָ. וועסט זען, שוטה ווי זיי וועלן דיך באַגעגענען! גלייב, טייל וועלן דיך אַפילו נישט דערקענען. האַ־האַ, פּעדראָ, ווו דײַן ביסל שכל איז פּאַרפלויגן.

אָן אַנדערש מאָל האָט דאָס ווײַב פון אים שוין געחוזקט:

— קבצנישער שררה, וואָס לויפסטו מיטן בײַטל?! — און פּאַרדרייט

---

* קינאָ־סאַלאָן.

די אויגן אויף אים. שפּעטער האָט כאַרכעלינאַ אים שוין געביסן נאָר מיט אירע ביסטרע בליקן: — פּע־עעע־דררראָאָ! פייער פון אומבאַהאָלפענעם כעס האָט אַרויסגעשריגן פון אַזאַ בליק.

איר האָט פאַרדראָסן דעם מאַנס פּזרנות, זי איז געווען געקרענקט פון קנאה: די פריינד וואָס איר אַלטער האָט זיך איינגעשאַפט האָבן אַ סך, זיי זענען משוגע ריין, —פלעגט זי אַרויסבורטשען— און ווילן דווקא נהנה זיין — ביי איר! וואָס איז ער סך הכל, איר פּעדראָ? אַ פּראָסטער מאַרק־הענדלער, קליינע פּעזעס שלאָגט ער אַרויס פון קעסטל עפּל, אָבער זיי — פעסטע באַלעבאַטים מיט אייגענע שטיבער אין שטאָט, מיט קלייטן, מיט ווערקשטאַטן און פון דעסטוועגן וואַרפן זיי זיך נישט מיט די פּעזעס! פאַר־קערט, זיי האָבן קיין מאָל זיך נישט אָפּגעזאָגט צו נעמען פון אים, דעם נאַרישן. גענומען און געלאַכט. האָסט נישט קיין אויגן, אַלטער, ווי זיי פירן זיך, דיינע אַמיגאָס! — האָט זי געטענהט. ער האָט זיך נישט שטאַרק גענומען צום האַרצן די האַרבע רייד. אַ ווייבספאַרשוין האָט ליב צו פּלאַפּלען, זאָל זי האָבן הנאה דערפון, — און זיך צעשמייכלט. און ער איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין פריינדשאַפט צו די ליבע: אויך אין דער טונקל פון קינאָ־זאַל האָט דאָן פּעדראָ, דער אויסגעפּיאָקעוועטער קבצני־שער שררה געשטופּט אַלעמען אין די הענט אַריין קאַרמעלקעס, קלעצלעך שאָקאָלאַד: „שלאָפט נישט איין, חברה!" — און אַ כיכע געטאָן.

— אַ מענטש ווי ס'באַדאַרף צו זיין, אונדזער פּעדראָ, ער ווייסט: צו מוזיק מוז מען האָבן אויך אַ דאַמע, אַנישט טאַנצט זיך נישט, — האָט עמעץ אָנגעוווּנקען.

— פפיי־יינע שאָקאָלאַד, — האָט אַן אַנדערער אויסגעדזשאַמדזשעט אַ שפּיציקע מבינות. ווייבער האָבן דעם גאַסנהענדלער ליבלעך אַ פּעטשל געטאָן איבער דער האַנט וואָס פלעגט וועדליק איר געוווינטשאַפט אין דער קינאָ־טונקלקייט דערלאַנגען געשמאַקע זאַכן. איינע פון די פרויען האָט אַפילו חניפהדיק אַ גלעט געטאָן דעם עפלקרעמער איבערן פּנים און צווישן זיך נאָך געלויבט דעם פריינד וואָס ציט צו זיי פון עק־שטעט: „אַ ווילער מענטש דער פּעדראָ, אונדזער פּעדראָ!" אָבער זיין ווייב איז געוואָרן איטלעך מאָל, ווען ער האָט זיך באַמיט „אַרויסצוקומען גערונצלט אַ גביר". שטילערהייט האָט זי פאַרביסן אים פירגעוואָרפן:

— לויף, לויף מיט דיינע גראָבע געלטער. וועסט שוין פאַלן, יונגער־

מאַן! די פרײַנד װעלן דעמאָלט דיך נישט זען, אָדער זיי װעלן נישט האָבן קיין צײַט דיך צו זען.

— נאַרעלע, —איז ער געװען װייך צום האַרטנעקיקן װײַב— װעסט נישט לעבן הײַנט, װעסטו שטאַרבן אָן שום פרייד, דו שעפּעלע! — און אויפן װײַב אָנגעשטעלט זײַן קאַנטיקן שטערן.— מיינסט, אַ מענטש איז זיכער מיטן טאָג? מ׳באַדאַרף הנאה האָבן פון באַדאָסטן לעבן, װי לאַנג ס׳דאָ כוח.

צו מאָל װען זיי זענען געװען צװישן לײַט, פלעגט אויך אויסברעכן די רוגזה צװישן מאַן און װײַב, אָבער פעדראָ האָט זיך געמאַכט אַ קנאַפּן צימעס פון אירע טענות. — עס גייט זיך דען צו פאַרסטראַכירן קעגן דעם װאָס מוז קומען? טאָ זאָל מע שפּירן אַ טעם דערפון װאָס סע איז גוט, — האָט ער זיך געהאַלטן בײַ ס׳זײַניקע. זי איז אַלץ נישט אָפּגעשטאַנען פון איר ברוגזן זיך אויף זײַן פזרנות. צװישן אייגענע האָט מע דערפאַר שוין לײַכט אונטערגעשפּעט פונעם מאַן און װײַבס איבערװערטלען זיך.

אויסגעבראָכן אַ מאָל אַן איבעררייד זייערער בײַם יומטובדיקן טיש פון כאַסע ראַפּאַעל טייטעל, צו װעמען ס׳פאַרפאָלק איז געקומען צו גאַסט, האָט דאָניאַ רעבעקאַ זיך געאײַלט מיט אַ װאָרט פון שלום װעגן און זי׳ט זיי געבעטן: „שוין, שוין, גענוג״.

— איך מוז אים היטן װי אַ קליין קינד. כ׳האָב שוין נישט קיין כוח פון רעדן: פעדראָ, געדענק, —האָט די געקנייטשטע כאָרכעלינאַ כמעט געװיינט אין די רייד— אָפּגעהאָרעװעט אַ לעבן, װאָס האָט מען ערשט? װאָס װעט זײַן מאָרגן? — און אויסגעצויגן אַ זויערע מינע צו דער שנײַדעריכע.

— נאָר אַ גוטער װיל ער זײַן פאַר יענעמען. זיך אַליין בלײַבט ער דער גרעסטער שונא.

— פע, ערשט איז צײַט אויף טרויעריקס? ס׳יומטוב־חגא בײַ אונד־זער סגאַל, װאָס איז שטענדיק פאַרקאָפּעט אין דאגות, זוכט מע זיך אַזוינע פאַרגעניגנס! אַ מענטש טאָר נישט אַזוי. מ׳לעבט, כדי נישט צו שטאַרבן! עסט ליבערשט אונדזער לאָקשענע קוגל מיט ראָזשינקעס, און פאַרטיק אַן עסק. געזען אַ מין חשבונען זיך אין מיטן דערינען?

די שנײַדעריכע, אַ שבתדיק פאַרצירטע לכבוד זונטיק, װאָס מ׳פראַ־װעט דאָ כמנהג המדינה, האָט ברייט זיך געשטעלט די געסט אין פּנים אַרײַן:

— אויף אַן אמת. איר װעט פאַרזוכן. שוין דערלאַנג איך! און איר

אויך, לאָפּעז. ס׳איז באַטעמט. איר מעגט שפּירן אַזאַ טעם. ס׳אַ כשרער ייִדישער טעם, — און צעלזיכטן זיך אויפן גאַנצן פּנים.

— און אַ שטיקל פיש, דאָניאַ רעבעקאַס איז שלעכט? די פינגער צו לעקן! — האָט כאָסע ראַפּאַעל זיך אַרײַנגעמישט, באַלד אַראָפּגעלאָזן אַקעגן פּעדראָן זײַן אונטערשטע ליפּ, אָנגעקרימט אַ שנאָבל אַקעגן דאָניאַ כאַר־כעלינאַ: — זענען מיר פרײַנד צי נישט? — איז ער צוגעשטאַנען — כ׳האָב פײַנט אַז אַ מענטש איז נישט צופרידן!

געוואָלט, צי נישט געוואָלט —דער כיבוד וואָס איז ערשט געשטעלט געוואָרן, און דאָניאַ רעבעקאַ האָט נישט געקאַרגט— האָט פאַרריבן דעם שלעכטן טעם פון דער קריגערײַ. דער עפּלהענדלער מיטן ווײַב האָבן אין אָוונט שוין געטרײַ זיך אַהיימגעפירט, גלײַך עס וואָלט גאָר נישט גע־שען. אַ ביסל דערשלאָגן איז לאָפּעז זיי נאָכגעגאַנגען אין אייגענע הוריות: „נישט גוט מיט אַ ווײַב. ווילסטו אַזוי, פאַרשטייט זי פאַרקערט. שטענדיק איז אַ קידער־ווידער צווישן אַן ער און אַ זי. אַ מאַנסירט * פערד און אַ ווילדס צוזאַמענגעפירט אין איין געשפאַן״.

איבעראַוואָך זונטיק איז מע פון ס׳נײַ אַוועק זאַלבעדריט אין געסט צו פרײַנד פון דאָן פּעדראָ. כאַרכעלינאַ האָט ווידער אַ צופּ געטאָן דעם מאַן, בייז אָנגעקוקט הלמאַי ער איז אַזוינער, ר׳פּטרט זיך און ר׳מאַכט אַ תל פונעם מאַרגן וואָס זי היט אָפּ מיט זאָרג פאַר די אַלטע, שוואַכע טעג זיי־ערע. מיט אַ מאָל איז דער אַלטער אויפגעשפּרונגען מיט פאַרקניפּטע ליפּן: „טרעט אָפּ, אומגליק!״. לײַט האָבנ׳ס אויפגעכאַפּט, אָבער זיי האָבן דערפון נישט מער ווי זיך אויסגעלאַכט. להיפּוך צום שנײַדער כאָסע ראַפּאַעל, האָבן די דאָזיקע הנאה געהאַט פון כאַרכעלינאַס אָנגעדראָדלטקייט אויפן מאַן. זיי האָבן ליבלעך געשמייכלט און זי האָט אַן אויפהער איבערגעחזרט: — אַ מענטש איז נישט אייביק, — און זיך נאָך צעשריגן שוין אָן בושה: — ער פאַרגעסט זיך צו פיל, דער וויעכאָ! ** ווי לאַנג וועט ער נאָך האָבן כוח צו שלעפּן די קוישן, אויפרײַסן די אויגן אין די פינצטערע פאַר־טאָגן אין קעלט און אין רעגנס?! איך וויל, איר זאָלט מיך כאָטש פאַר־שטיין, אויב ער האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, — און די אַלטע האָט אי גע־וויינט אי זיך געבעטן און געזוכט אַן אָנהאַלט בײַ די זײַטיקע, אָבער יענע האָבן געזען אין אירע רייד קאָמישקייט; פון זיי האָט צו מאָל גע־

---

* דרעסירט; ** דער אַלטער.

5419 Hutchison St.
Montreal, Quebec H2V 4B10

יוסף אָקרוטני

שפּריצט אַ צעריסן געלעכטערל: „גייט שוין גייט, כאַרכעלינאַ, ער איז געזונט ווי אַ נוס, אונדזער פּעדראָ און ער וועט געזונט זײַן לאַנגע, לאַנגע יאָרן. אַבי איר ווילט אים איבערשרעקן מיט זיקנה".

דער קצב ראָדאָלפאָ האָט אַנדערש געטענהט צו די גוטע פרײַנד:

— ס'גייט נישט אַנדערש — מיט אַ ווײַב מוז מע זיך צעוווערטלען, אַנישט ווערט לאַנגווײַליק. און ס'גאָרנישט אינטערעסאַנט. ס'איז אַפילו פריילעכער אַז מ'צעקריגט זיך. מחמת איבערפולקייט פון ליבע, מוז מע זיך אַפילו פונאַנדערוויינען. יאָ, מ'צעשלאָגט זיך אַ מאָל, אויב מען טרעפט אָן גראָד אַ שאַרפן באַרג־אַרויף צו אמתער פרײַנדשאַפט. און בײַ ראָדאָלפאָ דעם קצב האָט מע דעם שמועס אויך אַנדערש אַראָפּגעפירט פון טרויער. אַ פולן טעלער מיט הייס געבראָטן פלייש האָט מען אַוועקגעשטעלט פאַר איטלעכנס מויל, אויך אַ גלאָז טונקעלן ווײַן — די היץ און די שאַרפקייט פונעם געבראָטנס האָבן געקיצלט די גאָזלעכער אַזש די אויגן האָבן געגומען פלעמלען פון תאווה צו דער פרעס.

— געקײַט זאָל ווערן, געטרונקען, און נישט גריזשען געדאַנקען! — האָט געטענהט דער קצב. און ס'איז געוואָרן יומטובדיק אויפן האַרצן אין די טעג, ווען דאָן פּעדראָ מיט זײַן געזינדל האָבן פאַרבראַכט בײַם יאָטקע־מענטש ראָדאָלפאָ, וועלכער האָט געהאַט די גוטע טבע קיינעם נישט צו לאָזן קלערן פון קאַלעמוטנע זאַכן. — מ'נעמט ליבערשט עפּעס אין מויל אַרײַן, — האָט ער געמינטערט די לײַט וואָס האָבן גערן זיך געזאַמלט בײַ אים; ער אַליין האָט טאַקע געוויזן אַ בײַשפּיל ווי מ'זייגט אויס די הנאה פון יעדן ביסן, פון יעדן שלונג. זײַנע ליפּן האָבן זיך צעגלאַנצט פון סלינע.

אַן אַנדערער מענטש איז געווען דער פרײַנד אַלעכאַנדראָ דער סטאָליער. בײַ דאָן אַלעכאַנדראָ אין הויז איז געשטאַנען סאַמע ערנסט ווי ס'פּאַסט פאַר אַ געזעצטן באַלעבאָס. בײַם סטאָליער האָט די געסט אָבער פריילעך געמאַכט זײַן טעכטערל אַבעליאַ. ס'איז געווען אַן אָפּגעציטערט מיידעלע וואָס אַלע, סײַ אייגענע סײַ פרעמדע האָבן איר געקוקט אין די אויגן אַרײַן. „זי זעט אויס גוט, אמת?" האָבן לײַט זיך געדאגהט פאַר אַבעליאַס אויסזען, צו מאָל אומרויק. זי איז געבוירן געוואָרן אַ שוואַך באַשעפעניש און דאָקטוירים און טײַערע רעצעפּטן האָבן זי במשך לאַנגע יאָרן קוים אַרויסגעשלעפּט פון שלאַפקייטן. ערשט צירט זיך אין איר דער טאַטע און עס הויכט אויף איר יעדער פרײַנד פון שטוב. אויך דער

עפּלהענדלער און די זײַניקע האָבן געפֿילט אַ גינציקײַט צו אַבעליאַן. אַחוץ דעם האָט דאָן פּעדראָ געשפּירט אַ דאַנקבאַרקייט צו אַלעכסאַנדראָן מחמת דעם ממשות פֿון דער פֿרײַנדשאַפֿט וואָס דער סטאָליער האָט אים אַרויסגעוויזן. בעמלעך, דעם טישוואָגן מיט די שיפּלעדער פֿאַר פּעדראָס קראָם האָט אויספּלאַנירט און אויסגעפּאַרטיקט טאַקע אַלעכסאַנדראָ גופֿא און בישט זײַנע אַרבעט־יונגען. ער׳ט עס געמאַכט מיט אַ געטרײַער האַנט, שטאַרק און באַקוועם פֿאַרן מיסחר אין גאַס און ר׳האָט אים בישט באַריסן אין מקח. דאָן פּעדראָ האָט עס ריכטיק אָפּגעשאַצט און זינט דעמאָלט האָט דער גרויסנאָזיקער פּעדראָ טשאָקאַנאָ רעכט זיך צוגעבונדן צום סטאָליער. ס׳איז אַן אָרנטלעכקייט וואָס האָט שוין אויסגעטריקנט הײַנטיקע צײַטן, — האָט דער פּרוכטהענדלער געטענהט — אַזוינס איז בישט צו טרעפֿן מער. דערפֿאַר האָט ער זיך בישט אויסגעאַרבעט קיין מאַיאָנטעק, ווי אַנדערע טאַנדעטניקעס, ר׳מוז אַרבעטן מיט די אייגענע מאַזאָלנע הענט. בכן האָט ער געזוכט אויסצודריקן פֿרײַנדשאַפֿט דעם סטאָליער. צו ערשט צוגעוואָרפֿן אים אין שטוב אַרײַן פּעקלעך פּרוכט: „עפּעס בײַס געבראַכט צו פֿאַרזוכן“, — און גיך אַוועק מ׳זאָל זיך מיט אים בישט אַמפּערן, פּרווון צוריקגעבן ס׳פּעקל. אַ מאָל האָט דער הענדלער נאָר געעפֿנט די טיר בײַ אַלעכסאַנדראָן, אָפּגעגעבן אַ גוטמאָרגן און אַנטלאָפֿן. „כ׳בין פֿאַרבײַ געגאַנגען, האָב איך בישט געקענט אַנדערש, הי־הי־הי“ און איז אַנטריגען. שפּעטערצו האָט דאָן פּעדראָ גענומען גיין צום סטאָליער אין שטוב אַרײַן אין די יומטוב־טעג, קומען מיטן ווײַב און מיטן געזעלן ווי אַן אָנגעלייגטער גאַסט. אַזויערנאָך קויפֿט ער זיך פֿרײַנדשאַפֿט, דער פּעדראָ. אומעטיק אין דער היים בײַ אים אין די ליידיקע טעג; קוקן דעם ווײַב אין די אויגן אָדער אַרײַנגעגעצן אין דער פּוסטקייט וואָס וועבט זיך אַרײַן אין גאַנצן געביין זײַנעם? ס׳בישט קיין תכלית פֿאַר דאָן פּעדראָן וואָס איז געוווינט צו מענטשן, צו געטומל. איז טאַקע ווײַל וואָס מ׳האָט אַ פֿרײַנדל און ער טענהט עס אויך צום ווײַב. אין אַ חגא־טאָג ציט עס פּעדראָן צום סטאָליער. ער פֿילט זיך היימיש אונטער אַלעכסאַנדראָס דאַך, ער האָט ליב אים צו הערן ריידן. און אַ זיס פֿויגלש קולכל איז בײַ אַלעכסאַנדראָס טעכטערל; בישט נאָר זי זינגט, זי מאַכט סתם פֿריילעך, בעסער ווי אין טעאַטער, זאָגט דער טאַטע. זי טאַנצט אויך פֿאַרן טאַטנס מענטשן און זי פֿאַרכאַפּט אַלעמען מיט איר גוטסקייט. אַ וואַרעם הערצל צאַפּלט בײַ דער סעניאָריטאַ און געשיקטע פֿיסלעך האָט זי: זיי הייבן זיך לופֿטיק און ציִען

אויך זיי, די דאָניאַ כאַרכעלינאַ צום טאַנצן, אַפילו לאַפּעזן. דער יונג רייטלט זיך דעמאָלט און וואַקלט זיך אינעם מיידעלעס שלאַבעריקע אַרעמס, חלשט אַוועק בײַ איר אַזוי, אַז אַהיים גייט ער אַ צעשרויפטער, אַ גוואַלטיק איבערגעענדערטער אין טראַכטן, אין פֿילן. איז ער נישט שי־כור? און אפשר איז ער נאַריש אַנטקעגן לײַטן, וואָס ווערן דורך יאָרן געהובלט פון דער שטאָט? — —

...ס׳איז געוואָרן ענג אין שטוב בײַ די טשאַקאַנאָס, אויב זיי זענען אין די ליידיקע טעג נישט אַרויס צו פרײַנד. זאַלבעדריט זענען זיי תמיד געגאַנגען אין פרעמדע הײַזער אַרײַן, בײַנאַנד זיך אויסגעמישט מיט פרעמדן פרייד־געליאַרעם, אין וועלכן מ׳העננגט זיך אָן מחמת אייגענעם לאַנגווײַל. זיי האָבן עס אַליין נישט באַנומען, די פשוטע; ווי איעדע באַ־שעפעניש האָבן זיי מיט גיר זיך געשטרעקט צו אומאייגענער היימלעכ־קייט. די אַלטע לײַט אַזוי און נעבן זיי אויך דער יונג לאַפּעז.

געקומען זענען דאָס גלײַכן אָוונטן וואָכעדיקע, ווינטערדיק לאַנגע, ווען דאָן פעדראָ האָט נישט געקענט אויסזײַן אין שטוב. דערעסן געוואָרן אים דעם ווײַבס זויערקייט, האָט ער זיך אַרויסגעקראָגן ווי פון אַ שטײַג און בינו לבינו נאָך אַ ווונק געטאָן לאַפּעזן ער זאָל נאָכקומען. דער יונג האָט שוין געוווסט: די אַלטע דאַרף נישט וויסן וואָס זיי, די מאַנסלײַט, האָבן צווישן זיך. און צוריקגעשמועסט, אַ יונגער מאַן מעג זיך האָבן זײַנע סודות. אויך דער אַלטער האָט געפונען זײַנע תירוצים פאַרן פלוצלינגן אַוועקגיין אין אָוונט. ר׳מוז זיך טרעפן מיט אַ סוחר, וואָס האָט אַ ראַמש גע־טריקנטע פלוימען פֿון ריאָ נעגראָ, וועט ער אפשר קענען דאָס קויפן, — און אַרויסגעשאַרט זיך. זאַלבענאַנד זענען די מאַנסלײַט דערנאָך לענגער גע־זעסן אין אַ גרויסן שענקהויז, געזעסן מיד, פאַרגאַפט בײַ גלעזער אויס־געשוימטן ביר. פאַרשטייט זיך, דער אַלטער און זײַן געזעלן האָבן נישט געהאַט וואָס צו שמועסן צווישן זיך. פון דאָן פעדראָ האָט נאָר אַראָפּ־געגליוועט די שטאַרע רויטקייט פון זײַן צעאַקערטן גראָבן פנים און די טרעריק־גלאַנציקע קליינע טונקעלע אויגן, בעת בײַ לאַפּעזן האָט נערוועז געפיבערט דער בליק; ער האָט געזוכט פאַרענטפערניש פאַר די צעדרוי־בלטע קולות וואָס האָבן זיך געדרייט ווי אַ טומאַנער ליכטקנויל אין דעם חלל וואָס איז ווי אַ קאַזאַרמע. איצ אויף אויג אַנטקעגן זיך האָבן סײַ דער אַלטער פעדראָ סײַ דער יונגער לאַפּעז זיך געשפּירט געפאַנגען פון דעם טומל. געדיכט מיט עולם געווען אַרום, אַ פרעמדער עולם, וואָס איז אַפּ־

געריסן פון אומבאַוווּסטע לענדער. אַלע האָבן זיי געערעדט, געלאַכט שלע־פעריק, אַנדערע האָבן שטום געקוקט אויף די אַרומזיצנדיקע שענק־שכנים; מ׳האָט געקענט אַרויסלייענען פון זייערע בליקן אַז זיי לאָדן אויס אַזוי אַרום זייער שווערע זאָרג, אַזאַ מטושטשער וואָלקן וואָס לייגט זיך בולט אויף כלומרשט רויִקע פּנימער, אַפילו די וואָס ברענגען אַרויס אַ שמייכל. און משמעות, אויך אין פריילעכקייט רײַסט זיך אַרײַן אַ מאָל דער טעמפּער געקוויל פון צער. מענטשן גייען אַוועק פון זייערע היימען מחמת נויט, אַנט־רינען פון אומגליק, פון איינגעגעסענעם טרויער, מ׳פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן כדי אין נײַער פאַרצווייפלונג נישט צו קענען מער זיך אומקערן אין דערעסענעם אָרט. אַזאַ געווימל פון טראַכטן האָט זיך אויפ־געהויבן אויך אין דעם אַלטן פּעדראָ, ווען ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין די מענטשן פון דער שענק־שטוב, ווען זײַן בליק איז געפאַלן אויף לאָפּעזן וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים אַ פאַרשטיינטער אין אומגעריכטן שטוי־נען. — זע זײַן מינע, — האָט אין אַן אויגנבליק זיך צערעדט דער אַרום וואָס האָט זיך צוגעבויגן צום אויבסטהענדלער — וועסטו באַנעמען אַז דו ביסט נישט דער איינציקער, וועמען גאָט האָט אַזוי ליב — —

מיט דער ברייטער ברוסט האָט דאָן פּעדראָ פּלוצעם זיך צוגענייגט צום יונג, מיטן בליק אָנגעטײַטלט אויף עמעצן בײַ אַ טיש. לאָפּעז האָט מעשה איבערגעוועקטער אָנגעשטרענגט געקוקט אין דער געגעבענער זײַט, געוואָלט באַנעמען דעם מיין פון באַלעבאָס. איבער זיי האָבן זיך געשפּליטערט אומפאַרשטענדלעכע לשונות, געשפּאָלטן, געפינקלט קלאַנ־גען. „האָרכסט, לאָפּעז? ס׳מוז זײַן כינעזיש. און אפשר נישט. ווער קען וויסן? פאַראַן געלערנטע לײַט אויף דער וועלט. ענגליש פּאָנפען כאַפּ איך אויף. פאַראַן אויך טערקיש לשון, אַפריקאַניש, שפּאַניש און רוסיש, מאָדנע זאַכן זיך אָנגעזאַמלט אויף דער וועלט, לאָפּעז. טשיקאַווע די ווײַטע ערטער, האַ?״ — האָט זיך געוועקט דער אַלטער, זיך דערמאָנט ווו ער איז, אָבער דער יונגער, פאַרכאַפּט פון עפּעס אַנדערש, האָט אַ מבולבלער זיך גע־צוואונגען צו הערן דעם באַלעבאָס און אומגעוואָלט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: סי, סי, טשיקאַווע!

דער אויבסטהענדלער פון סעריטאַ־גאַס האָט ליב די טיפע, טונקל־מע־בלירטע אַלטע קנייפּעס וואָס זענען פון מי־יודע וויפל יאָרן פאַרלייגט בײַם פּאָרט פון פּלאַטאַ־טײַך, וואָס איז ערגעץ אַרויף־שטראָם זײַנעם פאַר־קניפּט מיט די אָקעאַנישע וואַסערן. אַהין, אין די קאַלעמוטנע צוגעוואַ־

רעמטע טרינק־ און פּרעס־הײַזער וואָס בײַם פּאָרט, ציט עס יעדעס מאָל דאָן פּעדראָ, ווען אים ווערט איבערדריסיק דאָס זײַן מיטן ווײַב וועלכע האָט אַ קרענק צו פיל צו חשבונען: ווי ווײַט זײַן מאָרגן, פּעדראָ, אַז דו וועסט מער נישט קענען אַרויסגיין אויף אַבאַסטאָ? מ׳באַדאַרף זיך רעכע־נען, פּעדראָ, אַז דער מענטש איז אונטערגעוואָרפן דעם גורל פון יאָרן וואָס פליסן ווי די כוואַליעס פון טײַך. ס׳גייט זיך נישט אײַנצורײדן אַז מ׳קען אַנטלויפן פון די שטורעמס, אויב מ׳לעבט בײַ אַ טײַך. קומט דאָס מילדע פרי־יאָר, מוז מען אויך האָבן דעם שכל צו דערוואַרטן דעם ווינטער. אַוודאי, צו ערשט קומט דער יעשען, די פּאַטשנדיקע רעגנס און חלשות־דיקע גראָע ווינטן מיט די קעלטן. דערנאָך, שפּעטער, קומט דאָס וועטער וואָס צעגריזשעט די הויט, צעברעכט די ביינער. כ׳האָב דערפאַר מורא, מאַן מײַנער, שטאַרק מורא. געדענק, יאָרן צײלן זיך און דו פאַרגעסט זיך אין גאַנצן. ביסט נישט קיין יונגעלע, פּעדראָ!... אַן אַנדערש מאָל איז זי נאָך האַרבער, זײַן כאַרבעלינאַ. פּעדראָ, טענהט זי אַרײַן אין אים מיט עקשנות, מענטשישע כוחות זענען ווי פײַער וואָס ברענט אויס, לעשט זיך. וועסט ווײנען אויף דײַן פירעכץ — מירן אויסגיין אין נויט, פּעדראָ! אים איז בעסער צו זיצן אין די שענקהײַזער אונטער דער אַלטער, ווײַט אַוועק־לויפנדיקער קאַלאָנאַדע פון דער אַוועניִדאַ לעאַנדראָ אַלעם. מיט ים, וואָס שוועבקט די שמוציקע ברעגעס, מיט פאַרגעסעניש אָטעמט עס דאָרט. פון ווײַטקייטן און נישט פון דאַנען דעם נמאסן, גייט אויף אין דער שענקשטוב די פאַנטאַזיע פון פאַרעלטערטן פליישעסער און ווײַנטרינקער פּעדראָ טשאַקאַנאַ; בײַנאַנד מיט לאָפּעזן איז אים געווען היימלעכער צו זיצן, כאָטש זיי האָבן זעלטן אויסגערעדט אַ וואָרט צווישן זיך. בײַם גלאָז פּעטן ביר וועפּן זיך אויס די ביטערנישן און סע טויכן אויף די רייצן פון אַמאָל. עפנט זיך ס׳מויל בײַם אַלטן, קערט ער זיך אום צום גאַסיקן גע־ווען זײַנעם, וואָס ברענגט אים זעלטענע דערמאָנונגען פון זײַן ייִדיש־קייט אין דער היימישער ברינדיזי. דעמאָלט דערציילט ער פון זיך דעם יונג, וויל אים באַלערנען ווי אַזוי אַזאַ ווי ער האָט זיך באַוועגט אויף די משופּעדיקע אָפּהאַנגען פון די סכנותדיקע יאָרן, ווען מ׳מוז זיך שוואַכן דעם קאָפּ פאַרן טעגלעכן אויסקומעניש. אויך געבליבן אַ יתום, אַ יונגער, קליינער יתום, וואָס האָט געשלעפּט משאות אין ביידע הענט, אויף די שוואַכע אַקסלען און ציטעריק געוויגט זיי אויך אויפן צעקודלטן האָר־שיידל, אַלץ כדי צו האָבן דעם ביסן אין פּיסק אַרײַן. געווען אַ לאָבונג

פאַרן משוגענעם הונגער פונעם ייִנגל וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין מאַרק, ממש אין גאַס און ס׳נישט געווען רעכט ווער ס׳זאָל זיך אומקוקן אויף אים, סײַדן כ׳האָב באַוויזן עפּעס אַראָפּצוצײַען פון אַ פּויערישן וואָגן וואָס איז פּאַמעלעך געפאָרן מיט פּראָדוקטן אויפן מאַרק אַרויף. אַ ווײַטער קרוב האָט דענצמאָל געעפנט די טיר פאַר מיר, געפרעגט קלאָמפּערשט ווו כ׳טו זיך אַהין אַזאַ לאַנגע צײַט און, האָט געדן צוגענומען ס׳פּעקל. אָ, דעמאָלט! אָבער יום־טוב פון זאַטקייט און אמתע רו האָב איך געהאַט נאָר איין מאָל אין יאָר, אין סוף זומער. לײַט האָבן יום־טוב פון אויסקויפן זיך בײַ גאָט די זינד פון אַ גאַנץ יאָר; דער יום־טוב הייבט זיך אָן מיט דרייען איבערן קאָפּ ווײַסע הענער, איבער איטלעכנס קאָפּ פון הויז־געזינד אַ האָן און די עופות ווערן דערנאָך אַרויסגעלאָזן אין דרויסן. אין דורכוויסיקן פּחד האָבן די איבערגעשראָקענע הענער זיך געלאָזן לויפן, פליען איבער די הייף, האָבן געפּלאַטערט איבער פּלויטן, געוואָלט אַנט־רינען פון דער אימה צו לײַדן פאַר פרעמדע עברות. יאָ, יאָ, אין הימל זיצט דער שטרענגער גאָט, ער שטראָפט פאַר אַזע זינד, זענען די עופות אַנטלאָפן פון דער צרה, זיך געשטרויכלט און ווער ס׳האָט זיי געכאַפּט, האָט געהאַט אַ געלעגנהײַט זיך גוט אָנצופּיקן מיט געשמאַק, רײַך פליייש. כאָטש איין מאָל אין יאָר, ייִנגל. איך האָב זיך אויסגעטויגט דערצו. אָנ־געטשאָטשעוועט זיך אויף די שיינע עופות, געכאַפּט אַ צוויי־דרײַ און זיך געקוויקט. יום־כיפּור האָט געהייסן דער יום־טוב פון די אומזיסטע עופות. האָסט אַוודאי נישט געהערט אַזוינס, אמת, לאָפּעז? אויף יום־כיפּור איז געווען דער זאַטער פּרעס מיט הינער. מ׳האָט זיי געקאָכט, געבראָטן און געגעסן. אויף דעם האָב איך געוואַרט אַ פול, לאַנג הונגעריק יאָר, בחורל, און אַזוינס געדענקט זיך. אַליין געמוזט זיך אויסשוואַכן דעם קאָפּ פאַרן אויס־קומעניש. — לאָפּעז האָרכט, לאָפּעז וויגט מיטן קאָפּ אין קלאָמפּערשטן מיטגעפיל, כאָטש נישט אַלץ וואָס ס׳האָט געזאָגט דער אַלטער, האָט ער צע־קײַט. אָבער דאָן פּעדראָ איז באַשײַמפּערלעך געווען צופרידן וואָס ער האָט פאַר וועמען זיך אויסצורײדן. פאַרביידע שטייען די הויכע געפינ־גערטע בירגלעזער (דאָן פּעדראָ צאָלט!) און ס׳שטייט מענטשישע היימ־לעכקייט. אַזוינס רעגט דאָס האַרץ, מינטערט ס׳געמיט. אונטערן דאַמף פון שאַרפע געטראַנקען האָט דער מוח זיך געקאָרטשעט, געוואָרן שווער, אָבער ס׳בלוט, אַ דערוועקטס צו פלאַם, האָט זיך געצויגן צום אָנגעצונ־

דענעם שפּילקאַסטן, וועלכער האָט אָן אויפהער זיך געהויבן אויף די מגושמדיקע פיס פון זײַנע טראַסקנדיקע מעלאָדיעס.

קנאַפּע יאָרן דרײַ ווי לאַפּעז באַראַכאַ איז אַזוי נאָכגעגאַנגען דאָן פּעדראָן, געלעבט אויף דעם אַלטנס טראַכטן און טיף פאַרנומען דעם אָנזאָג פון דער באַלעבאָסטע כאַרכעלינא: היט זיך, געדענק! אָן אײַנגעשרומפּענע, וואָס קוואַרט אײַן אין איר אומאויפהעריקן געטועכץ אַרום דער באַלעבאַטישקייט, האָט זי כסדר געצאַפּלט פאַרן חשבון פון פּעזעס און פון די יאָרן וואָס פאַרגייען, רינען אויס.

געוואָלט צי נישט געוואָלט — ער האָט זיך דערמאָנט אויך אין אַן אייגענעם חשבון, דער יונג לאַפּעז, וואָס אין די פאַרנעפּלטע ווײַטן פון באַרגיקן קאָרדאָבאַ האָט ער געלאָזן אַ בלודנע היים.

8

פון מאָל צו מאָל האָט זיך אים געבענקט אַהיים, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין צײַט און נישט קיין שטאַרקע שליטה אויף זײַנע אייגענע געפילן. וואָס געקענט און וואָס געמוזט, האָט ער געטאָן, דער יונג לאַפּעז. ווי אַ שלעפּ-פערד וואָס געדענקט תמיד די שמיץ פון דער בײַטש, האָט די־אָ שפּירונג געלעבט אין אים ווי אַ פײַערדיקע וואָרענונג: מוזסט האָרכן! יעדער עמעץ איז דיר אַ באַלעבאָס.

טאָג אײַן, טאָג אויס איז דער יונג אין די באַגינענס, ווען דער הימל האָט נאָך געפינצטערט אין קאַלטן געשטערן, נאָכגעגאַנגען דעם באַלעבאָס צום ליאַרעמדיקן אַבאַסטאָ־מאַרק, וווהין די גאַנצענע שטאָט ציט אויף אָנצוזעטיקן זיך מיט די רייצן פון שמעקעדיקן פּרוכט, פון גרינוואַרג, פון פליישן און פישוואַרג, אַבאַסטאָ איז דער ריזיקער. מאַגן דער בוענאָס־אײַרעסער. ער פאַרצערט מיט זשעדנעקייט גאַר־גאַר אַ סך. אַליין אַן אומגעזעטיקטער, אַ להוטער, שטעלט צו דער מאַרק אומגעהייערע סכומים שפּײַז פאַר אַלע וואָס דרענגען צו אים אין זשעדנעקייט. אָן אַ צאָל הענט שטרעקן זיך צום דאַך־געדעקטן, אייביק אָנגעטונקלטן אַבאַסטאָ־מאַרק און אַלעמענס געלוסטן שאַרפן זיך אויג אויף אויג מיט דער רייצנדיקער שפע וואָס ער זאַמלט אָן. קנאָבל, פעפערס, לאַקסן, געטריקנטע פלוימען, באַרנעס, עפּל, פעסער אײַנגעלייגט זויערקרויט, געררייכערטע פליישן, וווּרשטן הויערן אין די קילע געדערעם פון די אַבאַסטאָ־שפּייכלערס. טויערן, שטיגן און גאַרנס פירן צו אים. ער האָט קעלערס אומגעהייערע, עלעקטריש באַ־

ליכטענע טאָג און נאַכט און אין דער שיין גליטווערט אַ טוכלעוואַט ווינטל. איבער פיר גאַסן מיטנשטאָטישע איז דער אַבאַסטאָ־מאַרק גראָ און הויך אָנגעמויערט אין אַ מאַכטיקן קוואַדראַט און ווי אַזאַ איז ער דער טיפער, דער אומאַרומנעמלעכער פּאַנץ וואָס איז דורכגעשטעפּט פון זייער שווערע, טעמפּ־באַוועגלעכע, קלעפּיקע עסקאַלאַטאָרן; אין זיינע תהומיקע טריב אָנגעליכטיקטע קעלערס וואָס פרייכן מיט אָנגעיאָגטער פרעמדער קעלט, ווערן אין די נעכט אַריינגעשליידערט אָן אַ שיעור אָפּגעשונדענע בהמות, תמימותדיק אויסגעגאַנגענע, פאַרבלוטיקטע קעלבער, פלוצלינג איינגעשטילטע, צעהעלפטע ציגן און שעפּסן אין סטאַדעס גאַנצענע אַוועקגעלייגטע אויף דער עקדה פון דעם פרעסערישן מענטש, אַזוי אויך חמרים עופות מיט איבערגעשניטענע העלדזלעך, פאַרצאַפּלטע אין מיטן זייער געפּלאַטער; אויך הורמעס מיט פאַרטונקלטע, שטאַר אַנטשוויגענע טויבן, פאַרקויטיקטע אין זייער סאַמע חנעוודיקער שיינקייט. אַ גאַנצן פעליקן טאָג שטייט דערנאָך אַ ראָיעניש אַרום דעם דאָזיקן גרעסטן האַנדלסמאַרק פון שטאָט. עס הערן נישט אויף צו שפּאַרן צו אים טרייסלענדיקע, שווערע אויטאָ־וועגענער, ברייטע פלאַטפאָרמעס, ווינציקע אַלטפרענקישע ראָלוואָגנס פאַרשפּאַנטע אין פערד, אויך שערענגעס האַנט־וועגעלעך און קעסטלעך אויף לייכטע ציקליסטן־רעדער — אַלץ, אַלעמען פאַרשלינגט דאָס פינצטערע אַבאַסטאָ־פּיסק. אַ גאַנצן טאָג פּאַקט מען, האַקט מען, מ׳וועגט סחורה אין די בלינדלעכע אַבאַסטאָ־תהומען און מ׳צעפירט זי איבער דער לענג און ברייט פון דער ריזיקער שטאָט. בלויז ביי נאַכט גייט אָן דער אימפּעטיקער אַריינפיר פון דער פרעס אין דאָזיקן מאַרק אַריין. שוין אין די שפּעטע טונקל־שעהען הייבן אָן זיך פאַרשטאָפּן די גאַסן אַרום אַבאַסטאָ פון קאַראַוואַנען הויך באַלאָדענע וועגענער מיט גרינוואַרג און פירות אַלערליי, וואָס פון זיי גייען־איבער ווי די פולע וויינבעכערס די ווייטע און נאָענטע אַרגענטינישע פעטע ערדן; נישטאָ אויף די ערטער פאַר דער דאָזיקער שפע אַזוי פיל אייגענע הונגעריקע מיילער צו קענען פאַרצערן דאָס גוטס פון די פראָווינצן, דערפאַר שטראָמט עס אין פראַכט צו דער פאַרטוענער, שטאַרק גיריקער בוענאָס־איירעס. מאַכטיקע הייבמאַשינען כאָרכלען אָן אויפהער אין די שאָטנדיקע אינגעווײדן פונעם גוואַלדאָוונעם מאַרק; אין די קעלערס, אין די איינזקאַמערן פון די אַבאַסטאָ־שפּייכלערס ווערן ווי רויט־בלאָלעכע, געשוואָלענע פייכטע ציכן צעהאָנגען צענטנער־שווערע פריידיקס פון צעפּערטלטע אָקסן, אויף האָקנס אויסגעשפּרייט אין די

ברייטע, עלעקטריש־באַליכטענע חללס; שטאַרע מיט אָקערשט אַנטשטומטן געקוויטש באַמבלען זיך ווײַסלעך־חלבנע חזירים מיט אויפגעשאַרפטע פעטע בײַכער; גליווערדיק אין דער פליישיקער רויקייט ווערט די פלייצעניש פון רויט־טויטע כוואַליעס פלייש ממש מיט קינדערשער לײַכטקייט אַרײַנגעוואָרפן, פאַרלוירן אין די פריריקע טיפקייטן פון אָט דעם מאַרקישן תהום. אויך אונטער אײַליקע מענטשישע אַקסלען וואַקסט, בערגלט זיך אָן די שפע אין די חללס פון אַבאַסטאַ; אומאויפהערלעך באַוועגן זיי זיך אויף קרעפּטיקע, גיכע פיס, די טרעגערס, שרײַען, רופן זיך איבער אין מיטן דער מגושמדיק ראַפּטעמדיקער באַוועגלעכקייט.

איבער אָנסופיקע ברייטן און טיפן פון די נעמלעכע קיל־שפּײַכלערס וויקלט זיך, פאַרקניפּט זיך דער אינגעווייד פונעם מאַרק, איבער וועלכן עס קנוילט זיך דער אומריח פון אויפגעראָיעטער ערד, פון פוילער יאַטקע. אויף גאַרנס, הייכן און תהומען איז אויסגעשפּרייט דער זולל־וסובאדיקער גיגאַנט פון דער גרויסשטאָט און צו זײַן וישט פירן ווינדעס אַרויף־אַראָפּ — ווינדעס פאַר מענטשן, ווינדעס פאַר משאות; ברייטע, קלעפּיקע בלוטיק־בלאָטיקע עסקאַלאַטאָרן לויפן, שטעפּן אומאויפהערלעך, שטעפּן און קלעפּן מיט קויט די טריט פון די מענטשן.

דעם זשעדנעם סוחר ווי די רעכטפאַרטיקע באַלעבאָסטע באַגעגענען מיט גלײַכגילט די צעפּראַלטע טויערן פון אַבאַסטאַ־מאַרק וואָס גאַרגלט זיך צו אַלעמען מיטן געשריי פונעם אָן־סוף פון דעם באַשאַף:

„זעעעע־עעט — פפפררררע־עעעעססססט׳סס!״

ווי אַן ערגעץ אונטערגעהייצטער קעסל הודיעט די מאַשין פון מענטשישן גיר, וואָס וויסט נישט פון קיין רו, קיין אָפּשטעל. שלאָפט דער שטאָטישער עסער, שלאָפט נישט דער באַאומרויקטער, תמיד נשתוממער פּאַמפּאַ־באַוווינער וואָס באַגערט חיהש זיך אָנצוזעטיקן מיט דער אומדערגרייכלעכקייט פון די שטאָטישע רייצן, קינדיש אָנגעצאַצקעטע אונטער די שויבן פון די וויכטיקע אין דער ווײַט. שיכור פון מידקייט קלאַפּט ער אָן אַפילו אין מיטן נאַכט אין טויער פון דעם שטאָטישן: „קויפט, סעניאָר, די פרוכט פון מײַן כוח, פון מײַן גלייכן בענקען״. ער וויל זעטיקן, פאַרגעלטן זײַן גיר, דער פּאַמפּאַ־מענטש, צו מאָל מיטן אייגענעם לײַב, צעבײַטן דעם דורות־אַלטן חלום אויף דער רופנדיקער בלינדקייט פון זײַן שטאָם, מיט אומגעצאַמטן געשריי אויספּלאַמען אַלץ וואָס איז אין שטער.
די מגושמדיקע שטיינערנע ווענט פונעם אַבאַסטאַ־מאַרק, דער רייץ פונעם

אײַנגעדושעטן רעש איז די שוועל פון אַלע שוועלן, וועלכע ער באַטרעט אין די גבולן פון דער אָנגעטורעמטער שטאָט. אַ להוטער, אָן אַ סענטאַווע, כאַפּט ער דאָ אַ זשמעניע זאַפטיקע, אַ ביסל צוגעלעגערטע פּרוכטן צו שטילן זײַן ערשטן הונגער; דאָ קען ער פאַרדינען אַ פּעזע, אויב ר׳וויל נאָר אונטערשטעלן אַן אַקסל פאַר משא, וואָס זוכט שטענדיק אַ בעלן צו־געטראָגן צו ווערן צו אַ וואָגן, צו אַ טיר. פון דאַנען איז אויך דער וועג צו אַ כמו־היים פאַר אַזאַ וואָס האָט פאַרלוירן זײַן לײַבלעכע נעסט.

אומשטיינס געזאָגט גליקלעך ווערט דער הונגעריקער וואָס פאַר־בלאָנדזשעט גלײַך צום אַבאַסטאָ־מאַרק. שטיקער פעט פלייש, האַרפּלאַקס־באַוואָקסענע מאַרכביינער וואַלגערן זיך בײַ קצבישע טישן; נישטאָ צו דעם קיין חשקות צווישן די וואָס האָבן אין זייערע בײַטעלעך אַ פּעזע אויף קויפן פלייש (מאָגערס, ווייכס און בלוטנדיק פרישס מיט יונגער זאַפטי־קייט) און אויך מינץ אויף פרוכט און קעז. פון נויט קען אַ הונגעריקער נישט אויסגיין, אונטער אַ בריק באַדאַרף ער נישט נעכטיקן. אויך פּרוכט־שיריים הויפן זיך דאָ איבער גענוג. סוחרים ווילן זיי נישט אײַנשפּײַכלערן מחמת אַ ליאַדע פלעקל, אַ קנייטש, אַן אויבנאויפיקן ראַץ. איידעלע מינים פּירות זענען שטאַרק שפּירעוודיק, זיי ווערן לײַכט קאַליע פון אַ מינד־סטן פּגם. אַדרבא, אַזעלכע שטעקן נאָך אָן די אומגערירטע סחורה וואָס קומט פון ווײַטן באַרגיקן מענדאָסאַ, פונעם טאָל ריאָ נעגראָ, וואָס איז פול מיט שפּעדיקע סעדער. גרויסע פאַרדינערס די אויבסט־הורטאָווניקעס, ס׳שטייט זיי נישט אָן זיך צו פּאַטשקען מיט באָוול־סחורה. אַ רײַכער צווישן זיי וויל סתם זיך נישט אײַנקנייטשן דעם בויך אויף אַרויסצוקלײַבן די געזונטע פרוכט פון צווישן די שלאַפע. אַזעלכער פאַרוואַרפט אַ מאָל גאַנצע פאַרטיעס סחורה פאַר אַ שיבוש. אַנדערע זענען לײַכט אויף אויסבראַקירן ספקדיקס צווישן גוטס. דערפאַר טרעפט אויף אַבאַסטאָ אַ סך אויסבראַ־קירטס וואָס פוילט נעבן אָנגעקנייטשטע פרוכטן. אין אײַלעניש צו פּטרן דאָס צווייפלהאַפטיקע פון די פּירות, וואַרפן אָן טייל הענדלערס הויפנס סחורה ווי מעשר פאַר הונגעריקע. שטאָטישע אָרעמע לײַט בייגן זיך שפּל צו די הויפנס אָוועקגעקליבענעם קלאָמפּערשטן אָפּפאַל, דאָס גלײַכן צום פּעטן פליישוואַרג וואָס בלײַבט אַרום האַלבטאָג ליגן הפקר אויף די ראַנדן פון ווײַסע מירמלטישן; די גרויסע יאַטקעס שטייען דעמאָלט אַנטשוויגן אָפּגעליידיקטע, פאַרגלאָצטע מיט אַלטן בלוטנדיקן קלאָץ אויבן־אָן, מיט אײַנגעוויגטער וואָג און שטאַרן זעגל צווישן פויסטן פון ניקל. כאַפּטעס

קבצנישע ווײַבער, בלאַסע קינדער און פּאַרוויאַנעטע זקנים פולן אָן זייערע קיישלעך מיט דעם אויפקלײַבעכץ. מיטן בלײַבעכץ פון אַבאַסטאָ זעטיקן זיך אַ סך משפחות.

אַנדערש איז מיט לאָפּעז באַראָכאַ. אים איז נישט געווען באַשערט באַלד צו לענקען זײַן טראָט צום אַבאַסטאָ־מאַרק. דער יונג פון קאָרדאָ־בער הויכלאַנד האָט צו מאָל נישט געוווסט פון דער שפּע וואָס וואַלגערט זיך אונטערן מאַכטיק־געוועלבטן דאַך פון אַבאַסטאָ. דער יונג האָט היפּש געבלאָנדזשעט אין שטאָט. געטראָפן צו פּעדראָ טשאָקאַנאָ, האָט ער אים ערשט באַקענט מיטן מקור פון שטאָטישער זאַטקייט.

אונטערן קילן לופטל וואָס טראָגט זיך נאַכטיש פון די טײַך־פלײַצען לאַ־פּלאַטאַ און פּאַראַנאַ און פון די פרײַע פּאַמפּאַס, האָט דער יונג אין די פּאַרטאָגן רעכט צעטשוכעט די גלידער. ר׳האָט זיך באַמיט צו זײַן געשווינדער פון באַלעבאָס דאָן פּעדראָ. פּאַוואָליע האָט דער אַלטער געהויבן די פיס. זײַנע טריט האָבן דײַטלעך אויסגעהילכט אין דער פּאַרטאָגיקער שטילקייט, אַזש מ׳האָט זיי געקענט נאָכציילן, די טריט: הופּ, הו־ופּ! לאָפּעזס ברויטגעבער אַליין האָט דאָס שווערע קלאַפּן פון זײַנע טריט נישט פאַרנומען; אין דער באַגינענדיקער פינצטערניש האָט ער אין דעם יונג דערנאָך אַרײַנגערעדט מיט אַ שטאַרק קול, הפּנים כדי גובר צו זײַן די געדאַנקען וואָס האָבן נאַכטיש זיך צעטליִעט אין זײַנע ביינער.

— האָרכסט, בחור? איכ׳ל קויפן, עס אַוועקשטעלן און דו וועסט אַכטונג געבן. מ׳קען אַוועקשלעפּן! פאַראַן גרויסע אויפטוערס צווישן די לקחענערס, —גיט ער נאָך אַ ווונק.— זאָלסט געדענקען —האָט ער מדריך געווען דעם יונג— איכ׳ל דיך רופן, זאָלסטו צוגיין. — אַ צווייט מאָל האָט ער אים צוגעפירט נאָענט צו זײַנע געדאַנקען וואָס האָבן זיך געהויבן צו די שפּועים פון תכלית: — מיינסט, ס׳וואָלט געווען כדאַי צו נעמען אַ קלייטל דאָ דערנעבן? אין רעגן וועט עס זײַן אַנדערש ווי אַצינדער. די קעלטן פון מײַ, יוני וועלן זיך ווייניקער אײַנעסן אין די קריזשעס אויב מ׳עט שטיין אין אַ געוועלבל. ס׳מענטשלעכער, זאָגסטו? —

דער יונג האָט זיך נישט דערוועגט צו רעדן, אָבער דער אַלטער האָט אים בפירוש „געהערט". ר׳האָט איינער אַליין גערעדט ווי אַ טויבער מיט אַ הויל קול און געפּרוווט מיט לעקן די ליפּן דערווישן ס׳אייגענע געהער.

אויג אויף אויג מיטן יונג און מיט דער אָפּגעפרישטקייט פונעם מוח, האָט דער גאַסן־הענדלער גערן זיך צוגענייגט צום דערוועקטן געדאַנק.

אין די פּאַרטאָגן האָט דאָן פּעדראָ דערשפּירט די עלטער. שווער דערשפּירט, וואָס אַ מאָל מערער. מיט דעם בחור וועט זײַן גרינגער, — האָט ער געקלערט. אָבער לאָפּעז איז פּאַוואָליע אַוועק ערגעץ אַנדערש מיט זײַן טראַכטן. דער רזיש האָט אים צעטומלט און ער האָט אים אײנצײַטיק געמינטערט: „גערענק, ווו דו האָסט זיך! מענטשן לעבן אַזוי, דו טאָרסט זיך גישט פאַרלירן!" אַרײַן אין אַבאַסטאָ האָבן זיך אינעם יונג צעשפּאַרט די נאָזלעכער. ר'איז מער וואַכיק געוואָרן, ווען דער באַלעבאָס האָט זיך צוגע־רירט צום מסחר: יענער האָט אָן אויפהער זיך געפּערעגט אויף כל המינים פלוימען, אַ טאַפּ געטאָן די פּירות וואָס האָבן געהויערט אויף דער ערד אין בערגלעך, אין קעסטלעך. אויסגעדונגען זיך, האָט ער אַרײַנגעשפּאַנט אין דער טיף פון בלייך־צעצונדענעם חלל. כאָטש נאָך פרי אויפן נײַעם טאָג, אײַלט ער זיך פון דעסטוועגן, דער אויבסט־קרעמער פון סעריטאָ. געשפּרײַזט איבער די ברייטן פונעם צעהאָנגענעם מאַרק און דער יונג האָט שווײַגנדיק זיך אַרײַנגעשניטן אין זײַן שאָטן: „האָרכסט, בחור? איכ'ל קויפן און דו וועסט צוהיטן — —"

קופּקעלעך ערד־פּירות גייען זיי נאָך, קעסטלעך עפּענען זיך מיט גלוס־טיקע קאָלירן און ריחות, זיי באַגלייטן דעם אַלטן מיטן יונג, קריכן אין די אויגן אַרײַן דאָ, דאָרט.

הויפנס רויט־אויסגעבליאַקירטע, בלינדלעך געשפּרינקלטע קעפּ דיניעס שווילן אויף דער ערד פון אַבאַסטאָ אונטערן טונקל־אײַזערנעם, מאַכטיקן דאַך; בערג גרינלעך־ווײַסע קרויט־הייפּטלעך, הויך־אויפגעשטאַפּלטע עפּל־קאַסטנס, לאַנגע, ברייט אויסגעצויגענע וועגט פון יוטע־ברוינע, שורשנ־דיקע זעק ציבעלעס, שווערע וועגט פון זעק קאַרטאָפל, טורעמדיק אויפגע־שפּיצטע קופּעס בלוטרויט אַנגעגאָסענע בורעקעס, שיקלענדיקע מאַסיווע קירבעסן פון מידבר־קאָליר, קוישן מאַטגרינע אַרבעסשויטן, געקרויזטע שאַלאָטן־פרישקייט, רויטלענדיקע טאָמאַטן־יונגקייט. אָט ווי אַזוי דאָס פעלד און גאָרטן האָבן אַהער זיך אַרײַנגעיאָוועט מיט גלוסטונג געפעלן צו ווערן די לײַט! פון אַן אַנדער זײַט שטײַגן אויף רוי־הילצערנע פּיראַמי־דעס פון טרויבן־שטײַגלעך, גרינלעך־גאָלדיקע באַנאַנעס, ווילד אָנגעשאָטענע ווי פון אַ מויער־אײַנוואַלגערונג אונטער אַ טראָפּיש צעגליטער זון; אויך אָנגעמיניעטע הויפנס פון הייסע און קילע קאָלירן אין רעטעכער ערד־גראָ וואַלגערן זיך אויף די דילן וואָס איבער ריזעדיקע הוילקייטן; דאָס גלײַכן ווייך מאַראַנצן־ליכט שנײַדט זיך דורך, האָניק־בורשטין פון געקאָרבטן

צײַטיקן אַנאַנאַס און אַ פּערל־זילבערדיקייט פון פלײשיקע פלוימען באַ־גלײַך מיט שאַרפע, דינע ריחות, אָנגעשטראָמטע אַהער פון ווײַט־ווײַטע פליינען, בערג און טאָלן אַרגענטינישע, וואָס קרײציקן זיך מיט די פּלוצ־לינגע האַרבקייטן פון אַלערלייִקע קלימאַטן.

תמיד גייט אַרום אַזוי פיל האַרבס און צײַטיקס אין די שפּײַכלערס פון אַבאַסטאָ. דערפאַר קאַכט שטענדיק דער זשויב בײַ זײַנע סוחרים.

נאָך גוטס און וואָלוולס —וועלוועלער פון אומעטום— ציט עס צום גרעסטן מאַרק פון שטאָט.

נישטאָ דער באַגינען אַז דער אויבסט־הענדלער זאָל אויסמײַדן דעם מאַרק. ס'איז אַ כלל בײַ אים: יעדן טאָג מוז מע דעם קונה ברענגען עפּעס פרישס. ווי באַלד ער לאָזט זיך אַרײַן אין זאַק פון דער פּאַרטאָגיקער פינצטערניש, גיט עס אים אַ שלעפּ אַראָפּצו ווי אויף אַ כוואַליע צו דער טאָל־אָפּיקער לאַנגער גאַס קאָריענטעס. ער קען שוין נישט אַנדערש, דאָן פּעדראָ. אַבאַסטאָ ליכטיקט שוין אין גרויסן טומל, צאַפּלט זיך אין ערמה פון די וואָס פאַרהאַנדלען גראָשנדיקן חלום אויף ברויט מיט פלייש, און אָרעמע קרעמערס אײַלן זיך אין תמימות אַוועקצוגעבן פאַר דעם דאָס לעצטע וואָס זיי פאַרמאָגן. אויך דאָן פּעדראָ גייט אַהין און דער יונג לאָפּעז האָט זיך געפּלייסט איבערצואײַלן דעם באַלעבאָס, העלפן אַ שלעפּ טאָן, הייבן אַ קאַסטן, אַ קויש סחורה, אונטערשפּרינגען איידער דער אַל־טער בייגט זיך אײַן צו דעם. ער איז אַ גוטער, דער באַלעבאָס — ער לאָזט אים זײַטיק פאַרדינען אַ פּעזע און אַליין האָט ער אים אויכעט אונטער־געשטופּט אַ בלעטל: „נאַ, ס'וועט דיר צו ניץ קומען. אַ מענטש באַדאַרף... ביסט נאָך אַ יונגער מאַן!"

אונטנאַרומעט, אַז ס'ווײַב זאָל נישט זען, האָט דאָן פּעדראָ מהנה געווען לאָפּעזן:

— ביסט יונג, רוקן זיך אונטער באַדאַרפעכטסער. באַהאַלט.

די אייגענע יונגשאַפט ווייטיקלעך זיך דערמאָנט און באַדויערט דעם בחור וואָס האָט אָפּגעשניטענע יאָרן. איטלעך מאָל אים עפּעס צוגעוואָרפן. פאַר אַ נײַע פּאָר שיך זײַנע זיך געזאָרגט:

— גייסט אַ סך, דרײַ זיך נישט אויס די פיס אין צעפּאָרענע טשיזמעס.

דער זון־פאַרברוינטער יונג האָט זיך פּאַוואָליע אַרײַנגעאַנקערט אי־נעם טומל פון גאַס, אַליין געוואָרן אַ שטיק רעש, זיך געשלאָנדערט אַרום הענדלערס. ער האָט ליב געקראָגן זיך אויסצומישן מיט זיי, הגם ער פלעגט

נאָך אומצוטרוילעך זיך אַרומקוקן צי די שטאַטישע מיינען אויף אַן אמת מיט אים. פּאַוואַליע געקומען צום גליבן אין די מענטשן, האָט לאַפּעז זיך אָנגענומען מיט אַ געווינטשאַפט אַריינצושטעלן דעם קאָפּ אין אַ פרעמ־דער קראַם, תמעוואַטע געפרעגט: „ווי גייט עס?” מיט גינציקייט האָט מע געקוקט אויף אים. אַ רחמנות אויף דעם פּעדראָס יונג, האָט עמעצער אים באַדויערט; אַן אַרנטלעכער — האָט אַן אַנדערער געענטפערט — און יעדער האָט אין זיך געהאַט אַ מענטשישע טובה פאַרן פרעמדן וואָס האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין זייער מיט; נעענטער אים דערזען, האָט איטלעכער געזוכט פאַר לאַפּעזן אַ גוט וואָרט, צוגעוואָרפן אַ פאַרדינסטל.

— אַזעלכע געזונטע לאַפּעס, — האָט מע געשמועסט — און אַזוי נאַריש. און ביי יענעם האָט ס'האַרץ זיך אַ באַוועג געטאָן פון באַגערטן גוטס פאַר זיינעטוועגן. דער באַוואַקסענער שוואַרצער יונג האָט עס אָפּגע־פילט און מיט אַ מאָל אויף אַבאַסטאַ זיך דערשפּירט אין דער היים. אָפּ־געפּאַרטיקט זיך ביי דאָן פּעדראָס גרויס־צעוואַקסענעם בויד־טיש, צוגע־טראָגן צו די שטענדיקע קונים די באַשטעלטע פּעקלעך און קיישלעך, האָט ער געזוכט אַ געלעגנהייט צו ברענגען אַ ביסל סחורה, וואָס פעלט אויס אַ מאָל אין מיטן לייזעכץ. און האָט אים דער באַלעבאָס געשיקט אויף אַבאַסטאַ, איז ער אַהין אַוועק ווי אויף פליגל. אַריינגעפאַלן אויפן מאַרק, האָט מע לאַפּעזן געצויגן אין אַלע זייטן — די פּרוכטהענדלערס, די גרויסע ווי די קליינע:

— טשע, לאָז דעם אַלטן קאַטשאַר אויף אַ מינוט. ער וועט נישט דערטרינקען ווערן אָן דיר.

— אָ, ער שווימט ווי אַ גוטע באַרקע, הערסט?

— לייג אַראָפּ דעם מוח, כ'ל דיר עפּעס זאָגן, — וויל אַן אַנדערער לאַפּעזן געווינען.

סודות, צוזאָגענישן. דער, יענער, האָט אים אַ צופּ געטאָן.

אויך ווייבלעך, פּריילנס, האָבן אים געוואָלט איינהיימישן. איינע האָט'ן צוגעווונקען, אַ צווייטע האָט אים שקאָצעוואַטע גערופן מיטן כאַפּ־פינגער:

— שוין, לאַפּעז: מיר זענען גאָר נישט ווערט? רעכטע סחורה ביי אונדז — קענסט קלייבן צום ווילגעפעלן. גיב נאָר אַ קוק, — און אַ וואָרף געגעבן דעם קאָפּ אַרום זיך צו גלייך מיט אַ פּעט מינעלע.

— ער פאַרשטייט דען? — האָט זיך אַפילו שוין געהערט באַהאַלטענער

ברוגז אויפן יונג— ר׳איז ווי אַ גראָז־קאַלב, — רעדט אַ באַליידיקטע הענדלערקע און אַ שכנה שיסט אויס אין אַ געלעכטער:

— גיב אים טייטלען, אַנטלויפט ער דערפון ווי פון אַ כ׳וויס וואָס. ווילד דער באַק פון דעם שטאָטישן גוטס. ר׳פאַרדאַרבט זיך פון אַ גוט מאַכל, — און כיכעט.

צעגלאַנצטע, פריידיק־טרעריקע אויגן אונטער אַנגעחנדלטע סטוי־געס האָר לאַכן דעם יונג אין פנים אַרײַן און ער פּילט נישט ווי עמעצער האָט מיט די פינגער זיך אײַנגעקראַמפּט אין זײַנעם אַן אַרבל.

— טשע, זעסט דען נישט אַז בײַ אונדז איז בעסער ווי ערגעץ דאָרט? — האָט שוין גלוסטיק צו אים אַ שפּיל געטאָן אַ געגנבעטער ווײַבערישער ווונק.

דער יונג האָט זיך נישט געכאַפּט וואָס מ׳באַגערט פון אים און אַ שלאַבעריקער, אַ צעטומלטער, זיך אָפּגעטראָגן.

— ביסט כלעבן אַ ווילדער, — קומסט אַליין קויפן אויף אַבאַסטאַ, גייסטו נאָר ווו דײַן אַלטער קויפט. ערגעץ אַנדערש גיסטו נישט אַ שמעק צו. וואָסי, מיט מיר ביסטו ברוגז?

די לײַט האָבן צעשרויפט דעם פאַרהאַקטן קאָפּ — ער האָט זיך קנאָפּ געכאַפּט אויף זייערע כוונות. רק געמיינט מ׳וויל אים אָפּגענאַרן. אַ סך מאָל איז לאָפּעז אין מיטן טאָג אַליין אַוועק אויפן מאַרק אַבאַסטאָ נעמען אַ פּאָר קעסטלעך סחורה. ער האָט עס געקראָגן אויף חשבון. דאָן פּעדראָן געטרויט מען. דערפאַר געגומען נאָר בײַ די הענדלערס ווו דער באַלעבאָס האָט געהייסן. מערערע סוחרים זענען געוואָרן ברוגז אויפן אַלטן פּעדראָ. במשך פון לאַנגע יאָרן האַנדלען אויף אַבאַסטאָ, האָבן זיך קעגן אים אָנגעזאַמלט געגוג ברוגזן בײַ סוחרים וואָס האָבן שוין אונ־טערגעוואַקסענע זין און טעכטער, וועלכע העלפן אַרויס אין די עסקים בײַ די געשעפטן. האָט זיך באַוויזן דער קריאָזשאָ אַליין, האָבן אַזעלכע יונגע הענדלערס זיך צוגעטשעפּעט צו אים:

— דו מוזסט זיך נאָך פּלאָנטערן ווי אַ האָז אַן איבערגעשראָקענער? לויפּסט, חברהמאַן! מירן דיר געבן שאַרף ליכט אין די אויגן אַרײַן: שטיי! בײַ אונדז קריגסטו דען נישט אויף קרעדיט? מירן דיר געטרויען, בחור. אומזיסט האַלטסטו זיך בײַ דער פּגירה. טו פּאַר זיך עפּעס, וועסטו האָבן בעסער. נישט שלעכט זענען די מענטשן בײַ אונדז. זיי קאָנען דיך שוין, יונגער מאַן.

— לאָז דעם אַלטן פאַר זײַן אַלטער שקאַפּע. ווער אַ מענטש, לאַפּעז קאַרדאָבער.

אָפּט איז עס געווען אַ סתם אָנרייצן אויפן באַלעבאָס. מערסטנס האָט עס אים טאַקע צערייצט. מיט דער צײַט האָט דאָס־אַ דרילן געלאָזן אַ לאָך אין זײַן מוח, אין גאַנצן אים צעחושט.

„ער האָט אַ בײַטל געלט, דער אַלטער, דער הולטאַי אויפן ברייטן פוס! ער טיילט אַ סך מתנות, פּרעסט, טרינקט אין שענקהײַזער און האָט נאָך אַ הויפן פּעזעס. אַ געלט־ברונעם בײַ אים. ער, לאַפּעז, איז אַ שיקיונג און אַזאַ פאַרבלײַבט ער. גערעכט די מענטשן. דער פּעדראָ מוז אים קויפן אַ פּאָר הויזן... רײַך איז די שטאָט. אויסטויגערס ווערן רײַך — —"

דעם יונג איז צוגענומען געוואָרן דער שלאָף בײַ נאַכט, זײַן אַפּעטיט איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן — ער איז אַוועק אין מטושטשן קלערן וועגן דעם אַז ער מוז סוף כל סוף זיך אָפּרײַסן פון דעם אַלטן. אויך ער מוז זיך דערשלאָגן צו אַ געלטבײַטל, ווערן אַ ביסל וואַזשנע. ער'ט מוזן פּרווון. די צוזאָגענישן פון די לײַט אויף אַבאַסטאָ מוז ער מאַכן פאַר וואָר. ער האָט עס עפּטערס אָרײַנגעגריזשעט אין זיך, אײַנגעחזרט בקשות וואָס ר'וועט דאַרפן האָבן צו די גרויסע סוחרים: „באַרגט מיר, איכ'ל אָפּגעבן באַלד ווי כ'ל אָפּלייזן. איכ'ל זיך אַוועקשטעלן מיט אַ קויש אין גאַס. כ'ל לייזן און אַרײַנטראָגן ס'געלט". ער האָט זיך שווער געלערנט וואָס צו טאָן, און אַז ער'ט זיך אײַנגעהערט אין דער שטים פון זײַן געדאַנק, האָט ער זיך דערפאַר דערשראָקן, געשעמט זיך, לאַפּעז.

עס איז געווען אַ נײַע לערנונג בײַ אים בײַצוקומען די שעמעוודי־קייט, אָבער בײַ דעם איז ער נישט געבליבן, לאַפּעז. ר'האָט זיך דאָך אַ רוק געטאָן פון דער גרענעץ, וואָס ט'זיך אים אָנגעחלומט.

קודם כל האָט ער שטילינקערהייט גענומען פאַרבאַהאַלטן די פּעזעס וואָס ער קריגט פון דאָן פּעדראָ. אויך האָט ער געהיט דאָס געלט וואָס ער כאַפּט דאָ און דאָרט פאַר אַ שלעפּ טאָן אַ משא פאַר עמעצן, פאַר גיין אַ גאַנג. ביסלעכווײַז איז לאַפּעז באַראַכאַ געוואָרן זשעדנע אויף געלט, האָט געזוכט געלט. אין די זונטיקן, ווען דאָן פּעדראָ האָט זיך געגרייט צו גיין אין געסט, האָט לאַפּעז אויסגעפונען תירוצים אַליין זיך אַוועקצולאָזן ערגעץ אַנדערשוווּ. ער האָט שוין געהאַט באַקאַנטשאַפט צווישן סוחרים פון די אויבסט־שפּײַכלערס. טייל האָבן איך די רו־טעג זיך פאַרמאַכט פון אײַנעווייניק און געסדרט בײַ זיך אין שפּײַכלער די סחורה, זי איבערגע־

קליבן. דער שטילער לאָפּעז איז אַזעלכענע געווען אַן אַרויסהעלף, דער־פֿאַר האָט ער אַלע מאָל אויסגעשוויצט ביי זיי אַ פּאָר זייטיקע פּעזעס. איפּעריק געקליבן געלט, דער יונג, געציילט עס און גענומען חלומען פֿון דעם. געני נאָך נישט געוווּסט וואָס דאָס מיינט. ער האָט נאָר געפֿילט אַז פֿאַרלייכטערנדיקס ברענגט דאָס געלט, עס מאַכט פֿריי דעם וואָרט, וואָס וויל אַרויסקומען פֿון זיין ענגשאַפֿט. עס באַפֿרייט פֿון עפּעס פֿיינלעכס. לאָפּעז האָט פֿאַרוואָרפֿן אַלע געדאַנקען וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען, ר'האָט זיך אַן אויפֿהער געטריבן נאָך פּעזעס, וואָס מער פּעזעס אָנצו־זאַמלען.

פֿאַר אַ קרבן פֿון דעם־אָ געלוסט האָט ער געבראַכט אַלץ וואָס קען אָנריידן אַ יונגן געזונטן גוף, אַ יונג געמיט. געגליט אין שטענדיקן רצון צו געלט, האָט לאָפּעז פֿון אַלצדינג געוויכט און גאָרנישט זיך נאָכגעגעבן. „ליג פֿאַר זיך — האָט ער אין זיך איינגעזונגען דאָס לידל וואָס די באַלע־באָסטע האָט'ן אויסגעלערנט — טאָרסט נישט צעלאָזן דעם גאָרגל".

9

האַרטע יאָרן זענען אַוועק פֿאַר לאָפּעזן, יאָרן פֿון האָרעוואַניע און פֿאַרביסענער עקשנות קעגן זיך גופֿא: נישט נאָכגעגעבן די גלוסטונגען וואָס זענען אים באַפֿאַלן און נישט געווען לייכטזיניק אויף אויסגעבן געלט. געלט פֿורן אַלע וואָס לעבן אין ווילטאָג, ווייסט ער. אַזוי האָט ער באַצוווּנגען זיינע כּוחות. אַזויערנאָך האָט ער פֿאַר אַ צייט אָנגעזאַמלט אַ קניפּל פּעזעס, אָבער אין זיך האָט ער אָנגעקליבן אויך פֿאַרהוילענע ביי־טערניש קעגן אַלץ אַרום זיך. אַלע ווייסן קלאָמפּערשט פֿון זיינע בענקע־נישן, זיי זענען אים אַ פֿאַרצרהטן, אָבער עס טוט זיי הנאה. „געניג, ער וועט אַלץ וואַרפֿן!" בייזקייט האָט זיך אין אים געצונדן. אַפֿילו קעגן זיין געטריישאַפֿט צום אַלטן פּעדראָ האָט ער געצערנט. דער מוח איז אים פֿאַרגאָסן געוואָרן פֿון אַ הייסער כוואַליע, ווען ער האָט געקלערט פֿון אים. דאַכט זיך, אַ ווילער דער ויעכאַ,* אָבער אַן אויסנוצער. ר'שיט אַן אַ זאַק געלט און אים וואַרפֿט ער צו נאָר אַ ביין ווי פֿאַר אַ הונט. מער האָט לאָפּעז נישט באַנומען. אין קאָפּ האָט זיך צו מאָל נישט פֿאַטויפֿעט וואָס ער וויל אייגנטלעך, וואָס ער דאַרף טאָן. ער האָט נאָר געשפּירט אַז אַזוי־אָ

* דער אַלטער.

איז אים סכּנות ענג. „געגוג״, — האָבן אין דעם יונג געליאַרעמט שאַרפע רעגוגגען. דערנאָך, ער האָט זיך יאַקאָש געצאַמט, איז אין אים אויסגעקלאָרט געוואָרן אַ באַגער: — ער איז שוין דערוואַקסן אויף נישט אָנצוהאַלטן זיך בײַם אַלטנס פּאָלע. ער וואָלט באַדאַרפט זײַן אַ באַלעבאָס ווי אַנדערע. און ס'געלט ס'באַהאַלטענע האָט אים געשטויסן, פון ס'נײַ אויפגעדריגעט אין אים אַ צאָרן קעגן זיך, קעגן אַלע. — ער איז נאָך אַלץ אין פרעמדע הויזן, אַ שלעפּ־יונג, אַ היטער־יונג, אַ באַשפּיגענער פּעאָן!

„בײַ לײַטן איז פאַראַן אַלץ אַ סך״ —האָט אינטענסיוו אים געביסן דער געדאַנק.— אָבער שעמעוודיקייט און קנאה האָבן בפירוש געברויזט אין לאָפּעזן און די ביידע שפּירונגען האָבן איינצײַטיק באַוועגט זײַן מוח. פון דעסטוועגן איז ער אַרומגעגאַנגען אַ נעכטיקער, דערשלאָגן.

— יינגל, מירן דיר אויסזוכן אַ ווײַב, ווילסט? — האָט אומגעריכט אים געזאָגט דאָן פּעדראָ, וואָס האָט זיך שטאַרקער געעלטערט מיט די פּאַרטאָגן, שוין שווערער זיך אויסגעטשוכעט פון שלאָף. לאָפּעזן איז דעמאָלט שוין אויסגעקומען צו שלעפּן אויף זיך מער קעסטלעך אויבסט, מערערע קוישן, וועלכע ער האָט קוים אָוועקגערירט פון אָרט, גלײַך זיי וואָלטן געווען פעלדזן פון ערגעץ אַראָפּגעקייקלטע. — וועסט האָבן אַ שטיבל אין שכנות פון אונדז, וועט זײַן היימלעכער סײַ דיר סײַ אונדז. מירן שוין אַלטע לײַט, —האָט ער געגעבן אָנצוהערעניש אויף זיך און זײַן ווײַב.— מיט עסן וועט איר ביידע זײַן באַזאָרגט, דו מיטן ווײַבל, וואָס וועסט קריגן. אמת, כאָרכעלינאָ? ער האָט זיך געעדותט מיט דער אַלטער וואָס איז געזעסן דערנעבן ווי אַ מידע הון; כאָרכעלינאַ האָט נישט געענטפערט, נאָר מטושטש צוגעוויגט מיטן שטערן. דאָן פּעדראָס אויגן האָבן בעת־מעשה געטרערט. זיי זענען געווען באַשײַמפּערלעך איבערמיד פון אומאויפהעריקן טרינקען שאַרפע משקאות און פון אַלטקייט. ס'ווײַב האָט, אַ געזונקענע, דערנאָך יוצאדיק צוגעמורמלט אויפן מאַנס רייד: סי, סי, און פאַרקוועטשט די אויגנדעקלעך. ס'האָט אויסגעזען ווי זי האַלט בײַם אײַנשלאָפן.

דעם יונג האָט אָבער נישט גערירט דעם אַלטנס זאָגעכץ, ס'האָט אים נאָר געצאַרט דער אַלטערס צושאָקלען אויף אַלץ וואָס מ'רעדט פון אים.

— פּלוידערן! —האָט לאָפּעזן שאַרף אַ ריס געטאָן דער פּאַראיבל— טשעפּען זיך די...

— מאַנצביל, אַזוי איינער אַליין מיינסטו זיך דורכצוגענאַרן? ס'וועט נישט גיין, —האָבן אויף אים זיך אָנגעשטעלט דעם באַלעבאָס' קוקערס.—

אַזעלכע שיינע, קאָכעדיקע מיידלעך אַרויסגעוואַקסן בײַ די שכנים, וועלן זיי דיך נישט לאָזן אַזוי. ס׳מיינט אַ וואָרע באַליידיקונג — קוקסט נישט אויף זיי, ס׳גאָרנישט ווערט זייער בריהשקייט? באמת, פאַראַן געגוג ווי־לעטשקע!

יאָ, אַחוץ דעם האָט מען אים סײַ ווי נישט געלאָזט צו רו. פון אַלע זײַטן איז מע געקומען צום גאַסנהענדלער אָנשלאָגן זיווגים פאַרן יונג לאַפּעז און דער אַלטער איז טאַקע צוגעשטאַנען צו אים מיט זײַן גוטסקייט.

— אין צווייען איז שטאַרקער, —איז דער באַלעבאָס נישט מיד געוואָרן אַרײַנצורעדן אין דעם יונג ער זאָל זיך לאָזן פאַרשלײַערן, קומען צו אַ תכלית.— אַ גוט מיידל איז אַ הילף פאַר אַ מאַנספאַרשוין. אַזאַ דערלאַנגט אַ האַנט ווען נייטיק און זי קען צופאַרדינען אַ פעזע. ער האָט אים געגעבן אָנצוהערעניש אַז ס׳וועט אים ווערן ליכטיקער די דאָליע. — וועסט האָבן וווּ זיך אַהינצוטאָן, בחורעץ, ווען דו וועסט האָבן אַ פרײַע שעה און אויפן האַרץ וועט נישט זײַן אַזוי אָנגעזאָליעט. ס׳אומזיסט די שרעק פאַרן עול וואָס מ׳נעמט אויף זיך מיט אַ ווײַב, — האָט דער אַלטער נישט אויפגעהערט. לאַפּעז האָט אַלץ איינס געוויגט מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

— נעמען אַ ווײַב אַן אָרעמע? וועלן מיר ביידע ווייבען. קלאָגן וויל איך אַליין, אויב ס׳וועט נעמען אַ חשק דערצו. אַ רײַכע וועט סײַ ווי נישט קומען צו מיר — איז גלײַכער אַזוי. בײַנאַנד איז אָרעמקייט אַ קרענק. זי טוט שטענדיק ווײ.

גיך צו געלט איז אַרײַן אין געווימל פון זײַנע פוילבלעכע געדאַנקען. לאַפּעז באַראָכאַ מוז רײַך ווערן, האָט ער באַשלאָסן, כאָטש ער האָט נישט תופס געווען ווי אַזוי דאָס קען געשען. אָבער ער איז דערצו געגאַנגען בלינד, פויעריש, ווײַל ס׳האַרץ האָט געברענט נאָר מיט דעם אַ פאַרלאַנג. אַ פעזע, נאָך איינע און עס וועט זיך אָנקלײַבן אַ ביסל, אַלאַ אין דער פאַנ־טאַזיע האָט דאָס אָנזאַמלעכץ אים געשראָקן און ס׳האָט אים געגרוילט די הויט פון דעם אָרעמאַן: מ׳עט דערקענען אויפן פנים אַז ר׳שרעקט זיך פאַר דער אַפּותיקאַ וואָס ר׳באַהאַלט; מ׳וועט אים באַגנבענען, ער וועט בלײַבן ווי אַ בעטלער נאַקעט. אַרײַנגעפּילט זיך דערין, איז ער ברוגז געוואָרן אויף זיך און אָנגעדראָדלט אויף אַלץ מיט אַ נאַנד. לאַפּעז דער פעאָן האָט ביטער געקלערט:

„ס׳מזל שמייכלט־צו נאָר די פריצישע!"

„נישטאָ קיין פערד, גנבעט מען אַ פערד, אייזלשער גאַטש! — האָט

באַיאָרטער להכעיס זיך געשפּילט מיט לאָפּעזן. — צופוס ווּעסטו ווייט נישט אָנקומען. דער וועג איז אַ שווערער און דער מאָגן איז אומגעדולדיק", — טענהן ווייטלעך אין אים אַריין די פּאַמפּאַ־לייט, געדאַנקלעך שטורעמען זיי אויף אים.

— נו, נו, — האָט דערווידערט אַ וואָרעם לאָפּעזן; ר'האָט נישט אין גאַנצן מסכּים געווען אויפן צווייפל, וואָס האָט אים געטאָטשעט.

אָבער לאָפּעז קאָרדאָבער איז נישט פון די וואָס אַמפּערן זיך לאַנג. עס סטייעט נישט אַזוי פיל קאָפּ. ער האָט כּוח נאָך אין די הענט, דער רוקן איז שטאַרק, כאָטש ס'טראַכטן גראָבט זיך אומגעבעטן אין דער נשמה אַריין. זיין טאַטע אַנטאָניאָ האָט אַלע זיינע יאָרן זיך געמאַטערט אין אָרעמשאַפט, די מאַמע האָט געליטן, געבראַכט זין אויף דער וועלט פּאַר צרות וועגן. אַוודאי, מיט טעכטער איז ערגער. מאַנצבילן לויערן אויף זיי. מיידלעך ווערן אומלויפס, זונות! נישט גוט, גאָרנישט גוט. נאָר האָרעווען, שלעפּן דעם יאָך איז די באַשערטקייט — —

דער יונג איז אַרומגעגאַנגען אַ נישט היגער: אין די אויפדערנאַכטן שוין זעלטענער אַוועק מיטן אַלטן אין שענקהויז אַריין. און דער אַלטער וויל עפּטערס שלאָפן. לאָפּעז האָט אויך אויסגעמיטן מיטצוגיין אויף די געסטלעכע באַזוכן פון פּעדראָן מיטן ווייב. די אַלטע זענען אין די זונטיקן שוין אַוועק אַליין. געבליבן נאָענט פון שטוב, האָט דער יונג זיך געדרייט אין גאָס, נישט געהאַט קיין פריינד צווישן יונגוואַרג פון דער פּוסטלעכער געגנט.

— גייסט? — האָט אַ בחור געפּרוווט זיך צושאַרן צו לאָפּעזן, נאָר ער האָט זיך געשפּירט אומהיימיש מיט אַ ליאַדע ווּעמען.

— כ'קען נישט, —האָט דער יונג זיך אָפּגעשאָקלט— דער קאָפּ טוט וויי. ער האָט בכיוון אָנגעכמורעט דאָס פּנים און זיך אַוועקגעדרייט.

תּמיד אַן אַנדערן תּירוץ געפונען. מיידלעך האַלטן זיך שטאָלצער, כאָטש זיי האָבן זיך אָפּט פאַרביי־געשלייכט דעם יונגן מאַן, גיריק אַ קוק געטאָן אויף אים, פולאויגיק אַ גראַבל געגעבן אין זיין פּנים, אַ מאָל אויך צוגעוואָרפן אַ שטאַמלדיק וואָרט. לאָפּעז האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח אויסצומיידן אַזעלכע, טייל מאָל זיך גערייטלט, צעביסן אַן אַרויסגעשווומענעם שמייכל. ריכטיק, אויך אים פלעגט אַ ציִ טאָן צו זיי: „גוטע נקבהטשקעס, שטאַלטנע און קרעפּטיקע. אַ־אַאַ, מיט די ביינער זיי אַראָפּצושלינגען!" מייניסטנס האָט ער אין דער שטיל געצמאַטשקעט מיט די ליפּן אין דערמאָנונג פון זיי.

אָבער גובר געווען האָט אין אים די מורא אָנצוווערן אַ פּעזע. אַ סעניאָ־ריטאַ קאָסט געלט, אַז מ׳גייט אַרויס מיט איר, — האָט ער איינגעחזרט דער אַלטער כאַרכעלינאַס זאָג:

— באַהאַלט. פאַרטאַכליעווען געלט מעגן די רײַכע. ער טאָר נישט!

מיידלעך זענען געווען באַליידיקט אויף אים, בייז געמורמלט: „אַ ווילדער, אַ משוגענער”... עס איז געווענדט אינעם טעמפּעראַמענט פון די יונגפרויען. אַ סך האָבן פון דעסטוועגן געצויגן צו לאָפּעזן, געפּרוווט זיך אַרײַנקריגן אין זײַן האַרץ. „זע, כ׳בין אַ שיינע, אַן אַרנטלעכע, נישט אַזאַ ווי...” אין זייער שעמעוודיקן גלי האָבן זיי דאָך געוואָלט געפעלן דעם יונג. אַ פראָווינצער, ר׳האָט נישט קיין אייגענע דאָ, וועט זי אים צוטוליען, דווקא פאַרקאָנקורירן מיט איר צניעות. זי׳ט זיך נישט לאָזן אַזוי גרינג...

לאָפּעזס ברייטע שענקלען האָבן געררייצט די פרויען. זיי האָבן אים לײַדנשאַפטלעך נאָכגעקוקט. זײַנע פעסטע פיס אין די שמאָלע הויזן האָבן געלאָקט. פון זײַן טונקלברוינעם, גלאַטן פּנים האָבן אַנדערע זיך אָפּגע־טרייסלט:

— אַ ליאַלקעוואַטער מאַנצביל איז אַן אומגליק! עפּטערס האָט אַזעל־כער אַ צעווערעמט האַרץ.

אַ מאַמע פון אַ שכניש מיידל האָט שאַרפצונגיק געטײַטשט לאָפּעזס אויסזען:

— ווי אַ בלום איז עס, נאָר מיט געמיינע אויגן, דאָס מאַנצבילשע שיינע פּנים.

אַזעלכע האָבן צוגעטראַכט אויף אים כל דבר אסור: מיט הינט פּאָרט זיך דער לאָפּעז. אַ חיה דער יונג. וואָרן ווי אַנדערש, אַז ער וויכט פון די בעסטע צווישן די מיידלעך? מ׳האָט אים שוין מער ווי איין מאָל גע־זען זיך אַרומטשאָרען מיט חיות. דאָס וואַלגערט זיך מיט אַ ליאַדע־ווערלכער!

— אַזוינער דערוועגט זיך נאָך צו קומען צווישן מענטשן? מ׳באַדאַרף אַזוינס טרײַבן, — האָבן באַיאָרטע מאַנסלײַט בחברותא געשפּיגן אויף אים אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן, ווען זיי זענען אַרויס פאַר די שוועלן אַנטקעגן ווינטל־פרישקייט. — אין פּאַמפּאַ דאַרף דאָס זיצן!

מאַמעס פון דערוואַקסענע טעכטער האָבן אויף אַ קול געחוזקט:

— אַפילו אַ טומטום לאָזט זיך אַרײַננאַרן אין זאַק, אַבי ס׳מיידל איז אַ שיינע און אַ בריה. דער איז אַ שמאַטע אין פּאַנטאַלאָנעס.

דרייסטע יונגפרויען, געטריבן פון די צעהיצטע בלוטן, האָבן פשוט געמאַכט אויף אים אַנגריפן: אויף כלערליי אופנים דערנענטערט זיך צו לאַפּעזן, געקליגט זיך אים אַרײַנצוקריגן מיט די שאַרפע זיסקייטן פון ליבע, געפּרוּווט צעשטורעמען דעם פּגר פון מאַנצביל אין אים. אַזעלכע האָבן שוין זייערע פּאַרטלען — מיט געשעפּטש, מיט צופירן זײַנע הענט צו איר צע־פיבערטן בוזעם: „זעסט? פאַר דיר זיך געצײַטיקט אַלע יאָרן, פאַר דיר גרייט! ווי די צאַרטע טויבן האָבן זיי באַהאַלטן פאַר דיר די גאַרע שיינ־קייט. ליבע וועלן זיי דיר געבן". אַנדערע האָבן אים באַלד געוואָלט אָפּגעבן אַ חלק פון זייער געלעגער. — „וועסט צוזאָגן, כ'על זײַן דײַנע? אַן אָרנטלעך מיידל קען זיך נישט ווארפן אַזוי, ליבינקער", אַפילו געוויינט האָט מען אין זײַן נאָענט, אים געקושט. לאַפּעז איז דאָך געבליבן ניכטער:

— כ'וועל סײַ ווי נישט חתונה האָבן מיט דיר. וועסט נישט אויסזאָגן, וועל איך מיט דיר שלאָפן הײַנטיקס מאָל. מער זאָלסטו נישט קומען.

טייל זענען געקומען צו אים נאָך אַ מאָל, און מער. אַזעלכע האָט ער אַנגעמוסרט: „מ'טאָר נישט אַזוי! וועסט דיר אָניערן אַ קינד, וועסטו ווייַ־נען און אַ מאַן וועסטו נישט האָבן. גיי דיר, קליינע!" פון דעסטוועגן איז לאַפּעז געווען גוטווייליק. ר'האָט זיי באַשלאָפן און בײַם אַוועקגיין פון אים האָט ער האַרט אָנגעזאָגט, אַז חתונה האָבן וועט ער נישט מיט זיי. קינדער באַדאַרף ער נישט. אויב זיי וועלן ווײַטער קריכן צו אים, וועט ער זיי דורכטרײַבן. ער וועט שרײַען. מיט דער דראָונג פון געשריי האָט ער זיך געוועהרט קעגן פרוילעכן אָנגריף. אַלץ וועלן זיי וואָגן, די ווײַבער: טראַכטן פון ליבע, בעטלען ליבע, אַפילו רויבן זי, אויב ס'לאָזט זיך, נאָר שטיל זאָל זײַן! — האָט דער יונג שוין קליגעריש גערעדט צו זיך וועגן די דרייסטע.

וואָס אַן אמת, האָט לאַפּעז גופא זיך אונטערגעטעניקט זײַנע אייגענע געלוסטן: אין די וואַרעמע אָוונטן האָט ער געטשאַטעוועט אין דרויסן הינ־טער די ווענט. געשטאַנען און אויסגעקוקט מ'זאָל קומען, רופן פון ס'נײַ זײַן מאַנצבילשן נייגיר, וועקן די דרימלענדיקע כוחות אין אים. עס איז שטאַרקער פון ווײַן די שטאַרקייט וואָס עס ברענגען די פרויען, די לויַ־ערנדיקע, די זשעדנע. פאַמעלעכל האָבן זיי אין די פינצטערנישן אויסגעַ־שמעקט זײַן זײַן אין די ווינקלען, צוגעשלייכט צו אים, געוואַרט אויף זײַן גלעט. דערנאָך האָבן זיי זיך שוין צוגעטוליעט, באַגערט די אימפּעטיקע וואַרעמקייט פון זײַן לײַב, פאַרחלשט צוגענייגט די ליפּן צום שפּרודלענ־דיקן כוס פון ליבע.

זיי האָבן עס געוואָלט, ער האָט געוועלטיקט איבער זיי, באַנומען זייער טיפן אויפצאָפּל, נאָר פאַר נעמען אַ ווײַב האָט לאָפּעז זיך אויסגעהיטן. אַ פרוי קען מע קריגן אָט אַזוי, זיי זענען תמיד ווילִיק, קושן נאָך מיט ברי. אַ ווײַב איז הוצאות, אַ ווײַב איז דאגות — ער האָט נישט קיין געלט פאַר אַזאַ, ער האָט נישט קיין געדולד. בײַנאַנד מיט אַ ווײַב וויל ער נישט ווינען.

און נאָך אַ תירוץ פאַר זיך און פאַרן צווייפל, צי ער וועט סוף־סוף קענען בײַקומען דעם לויער פון די לויערנדיקע מיידלעך:

— איינער אַליין איז דער מענטש שטענדיק פרײַ — פאַראַן אַ מאַמע, פאַראַן ברידער; מירן זיך אַלע צונויפנעמען, באַשטימט זיך צונויפנעמען, וועט זײַן גרינגער. אַ ווײַב בינדט.

און צו דעם געדאַנק האָט ער זיך צוגעווינט. אַפילו גענומען אין די אויפדערנאַכטן אויסמײַדן צו שאָטענען זיך הינטער די ווענט, וואַרטן אויף די, וואָס זוכן געהיים זײַן מענלעכע באַוועלטיקונג. „ווי מײַז זענען די נקבות — דערשפּירן אַ מאַן אַ נאָכגיביקן, ווועלן זיי אים ס'בלוט אויסזייגן, וועלן נישט אָפּטרעטן, סײַדן וועסט אויפהייבן צו זיי אַ שטעקן. וו־וווּאַ, אַ מיסטקאַסטן די... וואָר עס וויל, שפּײַט אַרײַן אין אַזאַ. וועט ניט זײַן לאָפּעז, וועלן זיי קריכן צו כימענעז, צו אַנכעלן, צו פראַנציסקאַן". מיט אַ מאָל האָט אים אָפּגעעקלט. און ס'האָט פון געדעכעניש בײַ אים אַרויסגערופן בילדער וואָס האָבן פאַרשאָטן אַיעדעס שטעגל צו דער פרוי. די אייגענע מאַמע איז מיאוס פאַרטונקלט געוואָרן אין בליק פון אינטימער דערוואַכונג. גיך איז מוראדיק אויסגעליידיקט געוואָרן אַרום אים, חורבן האָט געשפּאַרט אויף אים, שפּיציק ווי צעבראָכן גלאָז צעקאַליעטשעט זײַן אַנען פון דער פרוי וואָס איז עלול אַנצווייען פרישן ריח פון צעגלעקלטן צווייט. און דאָס הויז פון דאָן פּעדראָ איז געוואָרן לעסטיק. גיריק האָט זיך געוועקט אַן אומגעריכטער דראַנג אַוועקצוגיין פון עפּלהענדלער. עס איז אומעטיק דאָ, — האָט ער זיך אײַנגעשמועסט אַזוי, אַקוראַט ער וואָלט דאָס דערזען ווי אַ נײַע אַנטפּלעקונג ערשט אַציגד. אַלע קעסטלעך, אַלע זעק מוז שלעפּן ער אַליין, דער אַלטער איז גאָר שלאַבעריק. ער לאָזט אים נישט מער קיין צײַט צו כאַפּן אַ זײַטיקע פּעזע.

מיט אַ מאָל האָט לאָפּעז געהער זיך צעעפנט פאַר די רייד פון די הענדלערס אויף אַבאַסטאָ:

— שוטה, פאַר זיך טו! לאָז דעם אַלטן דאָסער...

— הייב אָן, וועט עס גיין. פאַרפאַלענער וואָס דו ביסט!

די רייד האָבן אין אים זיך צעגליט, ער איז אָבער נישט דרייסט געווען זיי אויסצופירן. ער האָט'ס געטאָן ביסלעכווײַז, פּאַוואָליע. בגנבה זיך אַוועק־געשאַרט פונעם עפלהענדלער. נישט געקענט ראַפּטעם וואַרפן דעם גוטן מענטש. איטלעך מאָל אַוועק נאָר אויף אַ פּאָר שעה, צוריקגעקומען מאָדנע פאַרשולדיקט, קוים געפונען פאַרענטפערניש: געווען אָפּנעמען אַ גרוס פון די היימישע, — האָט ער געשטאַמלט. אין אמתן האָבן פּײַנע לײַט אים גע־פירט דאָ און דאָרט, געעצהט צו נעמען אָן אָרט פאַר אַ קראָם; זיי וועלן גוט־זאָגן פאַר קרעדיט, האָבן אים פרײַנדלעך געזידלט, ווען ער האָט זיך געקווענקלט. „ס'צײַט דערצו. ער טאָר נישט פעלשן אינעם אַלטן באַלעבאָס". ממש ווי אין פאַסטקע פון ליבלעכקייט האָט דער יונג זיך געצאַפּלט, אָבער לסוף זיך אונטערגעגעבן: לאַפּעז באַראַכאַ האָט געגומען אַ קלייט אין אַן אָפּגעלעגענער געגנט פון כואַן גאָנסאַלעס אויפן ראָג פון גאַרסיאַ דעל רעי. ער וועט אָנהייבן. ער'ט פּרווון, פּאַוואָליע, — און דער יונג איז אַלץ נאָך נישט געווען זיכער מיטן שריט, וואָס ר'האָט סוף־כל־סוף געשטעלט. אַוו־דאַי, ער האָט זיך פשוט געשראָקן פאַר דער פּוסטקייט פון דער געגנט. און ס'געוועלב איז ליידיק, — ט'ער זיך ווי פאַרענטפערט פאַר דער וואַק־לעניש וואָס ר'האָט אַרויסגעוויזן.

— ס'איז פּוסט די קראָם, זי וועט ווערן פול. דאָ וווינען מענטשן, זיי וועלן מאָנען פון דיר, וועסטו שוין האָבן. געלאַסן! דער קונה מאַכט דעם סוחר. מענטשן באַדאַרפן עסן, לאַפּעז. טו, טו.

מיט האָפענונג ט'מען אים אונטערגעשפּאַרט און די פּעזעס, באַהאַלטענע אין די פּלודערן, האָבן דעם יונג צו ביסלעך צוגעלויכטן.

וואָכן לאַנג האָט דער שליסל פון געדונגענעם קלייט קאָנוווּלסירט ווי אַ לעבעדיק פישל בײַ לאַפּעזן אין קעשענע; דער באַגער און די שרעק אַרײַנצוגיין צווישן די ליידיקע ווענט, האָבן אים געליימט. ווי וועט ער...? נישט געפונען קיין נאָמען פאַר דעם געפיל, וואָס האָט ענג געמאַכט אין דער ברוסט ווי באַלד ער האָט גענומען קלערן פון דעם ווי אַזוי ער וועט אָנהייבן אַזוי־אַ, ווי די גוטע מענטשן הייסן, שטויסן. דערנאָך האָט ער זיך דערטראַכט, אַז עס וועט נישט טויגן צו זײַן איין אַליין אין קראָם. דאָן פּעדראָן האָט ער נישט געוואָלט אָנפּאַרטרויען דעם סוד וואָס צע־וואַקסט זיך אין אים — זיך געשראָקן פאַרן אומבאַקאַנטן באַסט וואָס וועט אויסברעכן פון דעם אַלטן. און ר'האָט זיך געשעמט, געציטערט, ר'זאָל

אין דאָן פֿעדראָן זיך נישט איינשאַפֿן אַ שונא. אויך פֿון שלאָף האָט דער אומרו אים אַרויסגעריסן ביז ער האָט זיך דערטראַכט צו דעם זאָג וואָס ר׳וועט זאָגן דעם באַלעבאָס:

— איך מוז אַהיים גיין אין קאָרדאָבאַ. צו דער מאַמען, צו די יינג־לעך מוז איך. שלעכט חלומט זיך פֿון זיי.

באמת, אַ תירוץ, נאָר אַ נייטיקער. דערנאָך, דערנאָך, ער וועט צוריק קומען, וועט שוין זיין אַנדערש.

10

אַהיים איז לאָפּעז געקומען גיך, ווייל שוין אַ שטאָטישער. אויף צו גיין צופֿוס האָט ער איצט מער נישט געהאַט קיין צייט. ר׳האָט באַלד פֿאַרטראַכט — ר׳מוז פּרוּוון פֿאָרן מיט דער באַן. ס׳מסתּמא אַ גלוסטיק פֿאָרן און מ׳פּטרט נישט קיין כּוח. די באַן וואָס ווערט געטריבן פֿון אַ שטאַרקער מאַשין, האָט אים טאַקע אַ נעם געטאָן אויף אירע אָרעמס. בפֿרט, אַז צום פֿאָרן גופֿא האָט ער זיך אָנגענומען מיט אימפּעט: ער וועט... אויך ס׳געלט וואָס אָנגעזאַמלט האָט לאָפּעזן געגרייסט אין די איי־גענע אויגן.

— איבערן טאָג וועט ער שוין זיין אין דער היים, — האָבן אים געזאָגט די בוענאָס־איירעסער, מיט וועלכע ער האָט זיך צונויפֿגערעדט פֿאָרן לאָזן זיך אין וועג אַריין.

— האָ, האָ! — האָט לאָפּעז זיך געחידושט און פֿאַרנדיק זיך געאײַלט: ער וועט...

אַריינגעזעצט זיך אַ נייגיריקער אין דער גרויסער אייזערנער באַן, דערזען, אַז זי רייסט זיך אין די ווייטן אַריין מיט זינגעדיקן טומל, איז ער אומגעריכט פֿול געוואָרן מיט פֿאַרוווּנדערונג אויף זיך:

„וועט עמעץ דערקענען לאָפּעזן?" און באַלד קיל געטראַכט: העט ווייט שוין אַוועק יענער לאָפּעז, אָבער אויך אַלט איז געוואָרן דער קאָרדאָבער קאַנט.

ערשט האָט ער זיך דערזען אין שטאָטישן אָנצוג, דערוויִשט די איי־גענע ניי־צוגעוואַקסענע וואָנצעלעך — געשפּירט זיין וויכטיקע דערוויי־טערטקייט פֿונעם היימישן דאָרפֿישן מקום און טאַקע באַגערט מערער אין זיך אַריינצוקוקן, ער׳ט עס אָבער נישט באַוויזן. דער דרויסן האָט אים שטאַרק באַשעפֿטיקט, דערצו האָבן מענטשן געשטערט מיט זייער נייגיר:

„וואָס? ווהין?" אַ סך אויגן זענען דאָרשטיק צו וויסן, צו הערן ווער ער איז, וואָס ער טוט.

עס איז געוועז אויפדערנאַכט, ווען לאַפּעז איז אָנגעקומען צו דער היימישער ראַנטשע. אַ פינצטערע, אַ פאַרלוירענע האָט זי זיך אויפגעטו־ליעט מיט דער שטילער נאַכט. הויך איבערן קאָפּ — ווײַטע, קליינע ליכט־שפּליטערלעך, וואָס זענען בלייך געהאַנגען איבערן אומגעהייערן שוואַר־צן מאַסיוו פון דער באַרגיקייט, וועלכע זשומעט, ציקעט, בליפּט פאַר־עקשנט. רופן, מ'זאָל אַרויסגיין צו אים — ווי קען ער? די מאַמע קען זיך דערשרעקן מחמת דער פלוצלינגקייט, די יינגלעך וועלן מורא קריגן. די פאַרפלאָסענע צײַט האָט אָקערשט ווי אַ שטעכלמויז זיך אָנגעהויקערט אַקעגן אים: אַרויסגעקראָכן פון די אימהדיקע שפּאַלטן, אָנגעשפּאַנט זיך מיטן בליק. זי'ט ממש געקלאַפּט איבערן שאַרבן מיט באַשולדיקונג — — „דו, דו!" פּחד פלאַקערט מיט שדישע אויגן און גאָרע פינצטערניש איז פונאַנדערגעגאָסן. עס ברענט, און ער אין דער מיט! אַנטלויפן? זײַן טראָט איז אָבער געליימט, קוים ער קען זיך מיטן קאָפּ אַרויסהייבן איבערן תהום, וואָס שטאַרצט איבער דער אומגעהייערער ליידיקייט און זי כליניעט ווי אַ שוואַרצער שטראָם און שרעקט.

אין דעם יונג האָט זיך צעציטערט ס'אַדערל פון טרערן: אין האַלדז האָבן געדריקט האַרטע הייסע טראָפּנס. דער יונג האָט אַ שטיקל צײַט נישט געקענט באַזינען וואָס ער זאָל טאָן. צום סוף האָט אין אים דערוואַכט די דערמאָנונג: ביסט אין דער היים, לאַפּעז! גיב זיך גיכער צו דערקענען.

ווי דער שטייגער פון פרעמדע, וואָס ווילן ערגעץ אַרײַנגיין, האָט לאַפּעז באַלד צעפּאָכעט זײַנע האַנטפלאַכן, געפּאַטשט איינע אין דער אַנדע־רער. זיי האָבן געשפּאַלטן די שטילקייט. עס האָט שטאַרק אָפּגעהילכט אין דעם צעוויגטן דרויסן. און ער האָט פיבערדיק זיך אײַנגעהערט אין די עכאָס. אויך די פונאַנדערגעשפּרייטע שוואַרצקייט האָט זיך לעפיש באַ־וועגט, אויפגעלויכטן אין פונקען. שרעק־אויסדאַכטעניש איז געוועז אי־נעם הילכן וואָס האָט אומגעריכט גענומען דרילן די געהירן, צעדרילט דעם גליווער פון דער נאַכט. קיינער איז נישט אַרויסגעקומען פונעם שטיבל. וואָס איז געשען? געקלערט אַ ביסל און לאַפּעז האָט ראַפּטעם גע־נומען צינדן שוועבעלעך. אַ צוק, און אַ פלעמל האָט אויפגעקרייזלט, נאָך אַ פלעמל־צוק — „די שלאָפנדיקע וועלן זיך סוף כל סוף איבערוועקן!" פלוצלינגדיק ליכט שנײַדט, די פינצטערניש אָבער האָט אָקערשט גע־

כוואַליעט. דערפון איז לאָפעזן באַפאַלן אַ פּחד: ר׳שטייט פאַר אַ תהום! ער׳ט נישט געדענקט אַז אַ שליסעלע פון דער היימישער ראַנטשע ליגט צווישן זײַנע זאַכן. לאַנג איז עס געווען צוגעבונדן צו זײַן רימען, עס געהיט: אין מיטן פאָרן האָט ער עס אַרויסגענומען, באַקוקט. אין געפלעפטקייט האָט ער איצט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם, צוגעשלייכט צום אָנגעגאָסענעם פלעק פינצטערניש וואָס אויפן פאַן פון די באַרג־שיפּועים; ענדלעך דער־שפּירט אַ שאַרסטקע וואַנט, אָנגעטאַפּט אַ הילציק קילע טיר, ס׳הענגע־דיקע שלעסל. ער דערמאָנט זיך: ס׳איז דאָס זעלביקע שלעסל, האַלב־קײַ־לעכדיק, מיט דרײַ ניטלעך. ס׳זעלבע.

צוגעלעגן ווי שטאַל־האַרבקייט האָט זיך מיט אַ מאָל אַ וויקל געטאָן פאַר אים אַן אָנגעוואָרעמטער חושך.

— הו־הו־וואו! האָט ער מבוהל געפרווּוט זײַן אייגן קול.

נישטאָ קיינער, קיינער. די נאַכט האָט זיך דאָ דומפּ אַנידערגעלייגט.

די שרעק האָט לאָפעזן מער נישט געשראָקן. מיט שוועבעלעך האָט ער פון ס׳נײַ אויפגעריסן די פינצטערניש, בולטער דערשנאַפּט אײַנגעפּרעסטע דושנעקייט און זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן אַלטן אײַזערנעם בעטל. עס האָט אַ סקריפּע געטאָן, לאַנג געקרעכצט און אים גיך אײַנגעוויגט. האַמעטנע איז געווען דער שלאָף, נאָר ער איז אָפּגעשלאָפן אַ שטיק חלום אין אומרו: די מאַמע שטרעקט אויס צו אים די הענט נאָך הילף; ער גייט נאָך איר רוף און פאַלט. געשרייען ברעכן זיך איבער זײַן קאָפּ, גוואַל־דענעס האַמערן איבערן בלעכענעם דאַך — —

אויפגעכאַפּט זיך, האָט עלנט געשטשירעט אויף אַ צעקרימט מויל, אָבער רגעווײַז זיך געבעטן: זע מײַן מזל!

אַן אייגענער און דאָך שוין אַ פרעמדער איז לאָפעז אַרויס אויפן אויפגעטאָגטן זאַמד־שטעגל וואָס פאַר דער ראַנטשע. גראָ, אומהיימלעך איז דער וועג צו זײַן היים! לענגער ט׳ער זיך אַרומגעקוקט און זיך דער־נענטערט צו שכנים.

— גוט מאָרגן, — און ס׳האָט זיך געקאַרבט זײַן שטערן: — איר דערקענט?

ער האָט געקוקט, יענע האָבן גענישטערט אין זײַן פּנים, טויבקייט האָט געהוקעט אין די אויערן.

ווײַס, גרויס האָבן געשמייכלט לאָפעזס ציין, אויסוואַרטנדיק האָבן זיי

שוין געגרימאַסעט. אויסטערליש: מע האָט אים באַלד דערקענט, באַוווּנ־דערט און באַלד באַקלאָגט:

— לאָפּעז, לאָפּעז, געפאַלן ס׳הויז פון די באַראַכאַס, און נישט געווען ווער ס׳זאָל עס אונטערשפּאַרן. ווײַ דער זיקנה! ווי שוואַכע גראָזן ווערט מען צעטראָטן. אַ־אַאַאַ, זינט דער אַלטער דײַנער איז אַוועק, איז אַלץ געוואָרן אויס, — און געוויינט, באַדויערט.

אַ קנאַכיקע פרויען־האַנט האָט לאָפּעזן געגלעט מיט טרייסטונג:

— אויסגעהויכט די נשמה, די מאַמע, נישט געוווּסט פון די לייב־לעכע, געלעכצט צו זיי. אמת, שוין נישט יונג געווען די פרוי, אָבער אַ מאַמע בענקט תמיד צו אירע קינדער, נאָר זיי בלאָנדזשען רק, פאַרגעסן. דו ביסט יונג, זונעלע, וועסט אַוועקשטעלן אַ שטיין אויף איר קבר. אַ מאַמען דאַרף מע שוינען שטענדיק, אויך נאָכן טויט! פון די לעבעדיקע זײַנע האָבן די לײַט נישט געוווּסט אים עפּעס צו זאָגן. זיי האָבן געאָנט עמעצנס קומען, — האָבן זיי טרעריק זיך געפרייט וואָס זיי זעען ענדלעך אַ באַראַכאַ. — האָסט גוט געטאָן לאָפּעז, וואָס ט׳זיך דערמאָנט אָן דער היים!

לאָפּעז האָט זיך געשעמט צו וויינען ס׳געוויין וואָס האָט אים אַ דריק געטאָן. אַוועק פון די מענטשן, האָט ער געקלערט צו גיין קיין אַלטאַ גראַסיאַ אויסזוכן דער מאַמעס גרוב, נאָר געגאַנגען איז ער אין אַנדע־רער הײַזקעס אַרײַן. ער מוז געוואָר ווערן פון די ייִנגלעך. גרויסע שוין אַוודאי, מסתמא אַ מאָל געקומען זיך ווײַזן אַהער. ער איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, געווען צופרידן וואָס מ׳דערקענט אים נישט, אָבער גע־לאָזט זיך דערקענען, דערציילט פון שטאָט, צום מערסטן האָט ער געפרעגט, אַ סך געפרעגט.

לײַט האָבן אים מערמאַליק אָנגעקוקט, באַדויערט און מקנא געווען וואָס ער איז אַ שטאָטישער; מ׳האָט אים פאַרבעטן מיטעסן אַ מאָלצײַט און געהייסן גיין פרעגן אויך בײַ אַ ווײַטערן שכן: אפשר ווייסט יענער?

— כ׳געדענק נישט: פיר בחורים געווען בײַם אַלטן באַראַכאַ? דעם טאַטן געדענק איך גוט, זייער גוט. אָן סאַמע שפּוע זיך אײַנגענעסטיקט, די ווינטן זאָלן אים נישט אַראָפּטראָגן, כע־כעכעע! פיר זין, זאָגסטו, יונ־גער מאַן?

געבליאַקעוועטע, ווײַסע ברעמען האָבן זיך געקנייטשט אָקעגן אים, אַלטע אויגן האָבן געפײַכטלט, ברעקלענדיקע שוואַכע שטימעלעך האָבן אָנגעקלאַפּט אין זײַנע אויערן. אָרעמער געוואָרן אַלץ, אַלע.

— פיר, דאָן פּאַבלאָ, — האָט דער יונגער באַראָכאָ איבערגעחזרט און דערשפּירט אַ סקרוך אין רוקנביין.

— און אַלע זיך צעלאָפן ווי די פיר ווינטן? איי, איי, גאָט, ווי ווינציק דער מענטש ווייסט!

דער אַלטער שכן האָט אויסגעצויגן זײַן טרוקן פּנים, שווײַגנדיק גע־קוקט אויפן גאַסט.

ס׳קרעכצן פון דער אײַנגעשטאַנענער זיקנה האָט לאָפּעז נישט גע־קענט סובל זײַן.

— פון די ברידערלעך מײַנע ווייסט איר גאָר נישט? וואָס זשע טאָן אַצינד, דאָן פּאַבלאָ!

— וואַרט, מ׳באַדאַרף זיך דערמאָנען, — האָט דער זקן זיך איבער־גענומען מיט דער פאַרצווייפלונג דעם יונגן באַראָכאָס.

ס׳האָט אים געטראָגן ווי אַ שטורעם, דעם עלטסטן פון די באַראָ־כאָס: מ׳שטאַרבט דאָ! אוי, געשטאָרבן די היים. אין געלאָף האָט אין אים געציטערט דער מענטשישער געקלאָג אויפן נישט אָפּטרעטנדיקן טויט. ווייסט איז אין די גרויסע לײדיקייטן פון די בערג די קאָרדאָבער! אין שטאָט שפּאַנט האָפערדיק די שפּע, די פולקייט פון כוחות טרײַבן אָפּ די שרעקן. אין שטאָט וואַרט אויף אים אַ קלייט. די שטאָט וואַרט. דאָ איז פּוסטעניש — הארבע חלום־נעכט קען ער מער נישט איבערטראָגן. זיי, די דאָזיקע, איז אָבער נישט כדאַי צו זאָגן דערפון — —

...עס האָט גענומען אַ פּאָר טעג ביז לאָפּעז האָט לסוף געפונען זײַנע יינגערע ברידער, אויסגעפונען ווי זיי האַלטן זיך אויף, זיי לסוף מיט כוח אַרויסגעריסן פון דעם ליידיקן געבוירנאָרט און אַוועק זאַלבענאַנד מיט זיי קיין בוענאָס־אײַרעס.

די גרויסע שטאָט האָט געשטוינט, ווען זי׳ט זיי דערזען געשטרוי־כלטע, נעבעכדיקע און די שטאָט האָט אויך זיי דערשטוינט, געפּלעפּט.

11

אײַליק, מיט דער באַן, האָט לאָפּעז אַוועקגעפירט זײַנע ברידערלעך אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן, די פאַרשפּינוועבטע ראַנטשע איז גע־בליבן שלאָפן אויפן שלעסל צו פּוסנס פון דעם באַרג־אָפּהאַנג אונטערן קאָרדאָבער פאַרבעלמעטן הימל.

אַוועקפירן זי מיט זיך, די ראַנטשע? ס׳אומגעהייער שוין שווער ס׳זײַן מיט

איר! — האָט לאָפּעז אומגעריכט אַ דליבע געטאָן אין מוח — זאָל זי דויערן, זאָל זי וואַרטן, די שוועל פון דער היים וואָס דער אַלטער האָט אויפגעבויט.

שפּאָר שוין אונטערגעוואַקסן די יינגלעך, בחורים געוואָרן מיט אויפשפּראָצן פון ווילדע בערדלעך, נאָר די מראה וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט אין גרויסשטאָט אַריין, איז געווען אַן אַלטע, ווי עס איז אַלט די אָרעמקייט וואָס לייגט זיך אָן אויף פאַרוואָרלאָזטע. די הענט מיט ווונדן, שראַמען אויף די באַקן, די העלדזער פאַרקאָוועט מיט ברוד. מיטן אָראָפּברענגען זיי אין שטאָט אַריין, האָט לאָפּעז זיי אַרויסגעצויגן פון קויט און הפקר. זיי האָבן גענומען זיך שעמען, פויל געזוכט זיך צו וואַשן. שוין געהאַט צוגעזען העפּטיקע געשלעגן, אַליין זיך געניט צו האַלטן אַ שטילעט אין דער פאַרקראַמפּטער פויסט און אַליין אויך באַפאַלן געוואָרן פון הייסבלוטיקע. האָבן די יונגע באַראָכאָס דאָ זיך פאַרשרומפּן אין אייגענער אָפּגעשראָקנקייט. און זיי איז געוואָרן ניחא דאָס צוגעלאָזענע וואָרט פונעם בוענאָס-איירעסער ברודער. יתומים, האָבן די יינגלעך אין דער פּאַמפּאַ זיך געוואַלגערט אין אַן אָרט וואָס באַדאַרף נאָר מענטשישע מוסקולן פאַר גראָבער אַרבעט: ד אָ ר ט האָבן זיי געשלעפּט משאות, געהאַקט האָלץ, געטריבן פיך, אָנגעלייגט פייערן, געחברט זיך מיט צעלאָזענע וואָס האָבן קיין מאָל נישט געוווּסט פון אַ היים, האָבן נישט קיין זין פאַר אָרנטלעכקייט. פאַראַן אַזעלכע אין דער ווייסטער פּאַמפּאַ; אין גרויסע עסטאַנסיאָס* שפּילן אויס די דאָזיקע זייערע רויע כוחות אויף פּרעסן רויכפלייש, געבראָטנס צוזאַמען מיט דער פעל, מיען זיך צו לויפן גאַלאָפּ אויף ווילדע פערד און אויף שיכורן.

צעקנאָדערטע שמאַטעס זענען געווען אויף זייערע לייבער, קנאָכיק די פּנימער פון די יינגלעך און שטאָליק די גלידער, אָבער גלאַנץ האָט זיך געמעסערט פון די אויגן. זאַקענע טאָרבעס זענען געהאַנגען אויף זייערע אַקסלען, סחורהנע שיך מיט גומי-זוילן אויף די פיס, ווען לאָפּעז האָט זיי אַריינגעבראַכט צווישן די פיר ווענט פון דער פּוסטעוווענדיקער קלייט, וועלכע ער האָט אַנומלט אָפּגעדונגען פאַר אַ תכלית פון זיינעטוועגן און פון די יינגלעך וואָס זענען געבליבן נאָכן אַלטן באַראָכאַ.

---

* לאַנדגיטער.

— יונגע לײַט, —האָט ער זיי געזאָגט מיט אַ געוויסיקן שטאָלץ— פון הײַנט מאָל אָן וועט דאָ זײַן די הײם.

קאַרמעלאָ מיטן געדיכטן האָר־שויבער האָט אָנגעשטעלט אויפן ברו־דער זײַנע גלײַכקע שוואַרצאַפּלען:

— אַזוי־וי, אויפן הוילן?!

און אַ פֿאַרשייט שמייכעלע ציטערט אויס אויף זײַן אייבערשטער ליפּ. אמת, קיין זאַך שעפּסנוואָל האָט זיך דאָ נישט געוואַלגערט, אויך קיין פּעל האָט זיך נישט געשפּרייט.

אָבער דער מיטלסטער, מאַריאַנאָ, האָט אין דער זעלביקער רגע אָן אַ פּיפּס זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער פּאָדלאָגע, געלאָזן אונטערגעלייגט זיך ס׳זעקל מיטגעבראַכטע טראַנטעס און געוואַרט אַז עמעצער זאָל עפּעס זאָגן. ער האָט עס שטאַרק באַגערט, נאָר קיין דרייסטקייט דערצו האָט בײַ אים נישט געקלעקט. באַשײַמפּערלעך, אַזאַ שטום וואַרטן האָט דעמאָלט אַלעמען אַ קלעם געטאָן. לויס, דער ייִנגסטער, איז פֿון דעסטוועגן נאָך געבליבן שטיין אַקעגן לאָפּעזן פֿול מיט פֿרעגן, געקוקט אים אין מויל אַרײַן: „דאָס איז עס, ברודערל?"

— נישט אויפן הוילן דיל, יאָטן, — רופֿט זיך אָפּ דער עלטסטער וואָס האָט דערשפּירט אַ שולדיקייט לגבי די וועלכע ער האָט אַרײַנגעפֿירט אַהער. דאָך זיך שוין פֿאַרלאָזן מאַנצבילישע וואָנצעלעך און די הויזן זײַנע זענען שטאָטישע מיט ברייטע מאַנקעטן. — מירן קויפֿן טאַפּטשאַנעס צום שלאָפֿן, מירן עסן צוזאַמען, האָט ער געזאָגט: מירן דאָ אויפֿבויען אַ צימער פֿאַר זיך. ייִנגלעך, בײַנאַנד מירן אַ פּרווו טאָן לעבן אין שטאָט!

אומקלאָרס איז געווען אין לאָפּעזס שטאַמלען, אָבער דרך־ארץ צום עלטסטן האָבן די ייִנגערע אָפּגעגעבן אין דעם נישט דעררעדטן. אָ, ער ווייסט, ר׳האָט אַ סך צוגעזען, דער ברודער, האָט עס געקענט הייסן אין זייער קוק, און שטאָט וואַרפֿן רייד האָבן אַלע דרײַ זיך געזעצט אויפֿן דיל. מירן זען, האָט איטלעכער אַ טראַכט געטאָן אויף זײַן שטייגער. זאָל נאָר דער טאָג זיך גיין זײַן וועג, דער ערשטער טאָג זייערער אין שטאָט.

שטיל איז די גאַס כואַן גאָנסאַלעס, שטיל און טונקלהאַפּטיק די קלייט וואָס מחמת איר ביז איצטיקער געוויינשאַפֿט שטייט זי פֿאַרמאַכט אויף די לאָדן־טירן. געווען גראַד גרויסער טאָג ווען לאָפּעז האָט אַרײַנ־געבראַכט זײַנע ברידער אין דעם טונקעלן חלל און שווער האָט זיך

געשטעלט אַלעמענס אָפּוואַרטנדיקע שווײַגן, ווען דער זעלביקער לאָפּעז האָט האַסטיק אַ שפּאַן געטאָן צו דער טיר, אָפּגעוואָרפן אַ דרויסנדיקן לאָדן־פליגל. אין קלייט האָט זיך ראַפּטעם פונאַנדערגעלייגט אַ שיטערע ליכטיקייט:

— ס׳איז בעסער אַזוי, חברה?

— בעסער, — האָבן די ברידערלעך געענטפערט.

— און ס׳וועט זײַן נאָך בעסער, — האָט לאָפּעז געשפּירט אַז ער דאַרף זיך לאָזן הערן פון היימלעכקייט וועגן.

די ייִנגערע האָבן צו לאָפּעזן אַרויפגעקוקט: „טאַקע אַ זויכטיקער געוואָרן, דער־אָ!"

— און פולער וועט דאָ ווערן, —האָט דער עלטסטער ברודער זיך שוין אָנגענומען מיט אַ האָפּערדיקייט— מירן קויפן, מירן בויען, מירן ווינען אין שטאָט, קינדערלעך!

בײַ קאַרמעלאָן האָבן אַ שפּרונג געטאָן די ברענענדיקע אויגן: „אויף אַן אמת?" ער האָט עס אָבער נישט געפרעגט; קאַרמעלאָ האָט גלוסטיק גע־וואַרט אַז די אַנדערע זאָלן רעדן, מחמת אַלע טראַכטן אָקערשט פון לאָ־פּעזן דעם וויכטיקן און זיי קלערן פון דער שטאָט. דאַכט זיך, וועדליק זײַן אומגעדולדיקייט האָט ער לאַנג געוואַרט. אַזוי ווי קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, האָט קאַרמעלאָ אומגעריכט אַ זאָג געטאָן צום עלטסטן:

— לאָמיר אָנהייבן, האָמברע!

זינט יאָרן געטאָן יעדן טאָג פּראָסטע אַרבעט אינעם פּאָלוואַרק בײַ דאָן כיעראָנימאָ וועלאַסקאָ, דעם נאָכן געבויגן, האָט דער ייִנגערער אויך איצט נישט געקענט זיצן ליידיק. אים האָט באַאומרויִקט די דריקנדיקע פרעמדע פוסטקייט.

ווי אַרויסגעוואָרפן פון זיך די רייד פון צעריזלטן ווילן, האָט קאַר־מעלאָ האַסטיק זיך אויפגעשטעלט. דערשטיקטע כוחות האָבן אים גע־טריבן צו באַוועגונג, אָנשטרענג: טוען! עפּעס טוען!

די אַנדערע ברידער וואָס געבליבן זיצן אויפן דיל, האָבן אויך שוין נישט געקענט זיצן. ס׳האָט געהייסן: אויך זיי זענען גרייט זיך אָפּצו־רײַסן פון דער נײַער פרעמד, סײַדן...

שוואַכלעך געווען דער יונג לאָפּעז צו האַלטן די אַפּוטרופּסות איבער

יענעמען, אָבער די בליקן האָבן געשפּאַרט אויף אים. די ברידער האָבן גערופן זײַן געדאַנק. ער איז געוואָרן צעטומלט. ענדלעך האָט לאַפּעז זיך אַרויסגעדראַפּעט פון זײַן קווענקלעניש.

„טאַקע אָנהייבן. מ׳דאַרף אַרויסנעמען די פּעזעס. די הוילע וועגט מוזן ווערן אַ קלייט פון ברויט וועגן, פון וועגן אונדזער מאָרגן, אַנישט מוז איך זיך צוריקקערן צו דעם קרעכצער פּעדראָ. איז דאָס דער וועג וואָס איך דאַרף זיך ערשט פאַרנעמען אויף אים?״ — צווייפל האָט צע־וואַקלט דעם יונג. נאָך פּריִער האָט זיך געהאַט געוועקט דער דאָזיקער געדאַנק, אָבער ביז איצט איז ער נישט גענוג צײַטיק געווען: דאָס נעמען גיין פאַר־זיך!

אָט אָ אין די געציילטע מינוטן, אַנטקעגן די אַרומזיצנדיקע, וואַרטנדי־קע ברידערלעך האָט זיך יאַקאָש באַוויזן אַרויסצורײַסן צו אים דער רעיון אַז ס׳פּעלט נאָך די הייוון פאַר דער אַ יזירונג. נישט מער ווי עטלעכע לאַנגע מינוטן. באַלד האָט לאַפּעז מיט אַ קאַלעמוטנעם געלעכטערל דער־ציילט דער חברה פון דעם גוטן פּעדראָ, וואָס עלטערט זיך שטאַרק, האָט ליב זיך צו פרײַנדלען מיט לײַטישע מענטשן, האָט גערן פריילעכקייט, אָבער ער קרעכצט עפּטערס, באשר זײַן אַלטע היט אים צו פיל — — אַ ווױלער אַלטער, דער באַלעבאָס מײַנער. לאַפּעז האָט די ברידערלעך געמאַכט נײַגיריק און בינו־לבינו זיי אָנפאַרטרויט אַז דער אַלטער טאָר דערווײַל נישט וויסן פון דער קלייט, טאָר נישט דערגיין אַז „זײַן לאַפּעז״ איז שוין צוריק אין שטאָט. ער׳ט אים שלעפּן צו זיך און דאָס טאָר ער נישט אָצינד. ער וועט זײַן באַליידיקט, יונגע לײַט, געהערט?

דער אמת איז אַז לאַפּעז האָט זיך אי געשעמט מיט זײַן קער אין די געדאַנקען אַנטקעגן דעם באַלעבאָס, אי ער האָט זיך פאַרלוירן מחמת זײַן עקשנות צו וועלן מיט אַ מאָל ווערן אַ מענטש פאַר־זיך.

צערעדט זיך און אים האָט אויגנבליקלעך אויסגעוויזן אַז די ברידער־לעך קאָנען נאָענט דעם דאָן פּעדראָ, זיי קענען, גאָט באַהיט, פאַר אים זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט. יאָ, ער אַנטלויפט פון דעם אַלטן עפּלהענדלער. לאַפּעז האָט גאָר פאַרגעסן אַז די אָנפאַרביקע, הוילע פּאַמפּאַ ליגט נאָך ווײַט צווישן די יינגלעך און דעם אַלטן עפּלהענדלער. געכאַפּט זיך דערויף, האָט ער שוין רויק אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל קאַרמעלאָן: — קום! זאָל־בעצווייט זענען זיי דעמאָלט אַוועק אין שטאָט אַרײַן, געבראַכט אויף די אייגענע אַקסלען מאַטראַצן, זיי האָט זיך נאָכגעבאָמבלט אַ בעזעם אויף אַ

לאַנגן שטעקן און מאַריאַנאַ האָט טאַקע גיך געוומען מיט אים אויסקערן: „זאָל זײַן כבוד פאַר די נײַעקע מאַטראַצן!" ער׳ט זיך געוויגט אויפן בעזעם און דעם יינגסטן, לויסן איז געבליבן צו זײַן ניצלעך נאָר מיט גינציקייט אין די רייד; ער איז באמת געווען גרייט צו טאָן, זיך פאָרען:

— אַ נו, גיב, איך וועל העלפן, — און זיך געפלאָנטערט בײַ לאָפעזן, אַראָפגעשלעפט אים פון אַקסל דעם מאַטראַץ, צוגעשפּרונגען צו קאַרמע־לאָן, געוואָלט כאַטש נעמען פון זײַן האַנט די טאָרבע. די אַרומיקע לײדי־קייט איז ביסלעכווײַז אויסגעפולט געוואָרן. שוין געווען אויף וואָס זיך אַוועקצוזעצן, ווו אָפּצוכאַפּן אַ ביסן: אַ קעסטל, אַ טאָוול אויף אַן אַנדער קעסטל איז געוואָרן אַ בענקל, אַזוי אויך דער טיש פאַר דער בחורשער מלוכה וואָס הייבט זיך אָן שטעלן אויף אומזיכערע פיס.

נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט אין חלל פון קלייט אויפגעבלישטשעט אויך די געלע מאַטקייט פון אַ פּרימוס. פון די צעפּלאָנטערטע דרויסנס האָט מען דאָס גלײַכן אַרײַנגעבראַכט אַ קענדל קעראָסין, עטלעכע שע־לעכלעך, אַ טאָפּ מיט טעלערס און לעפל. אָ, עס שטעלט זיך אַ באַלעבאַטיש־קייט! — האָט לאָפעז זיך געפרייט מיט אַ טריבלעכער פרייד, מחמת ער האָט אין דער זעלבער צײַט נישט געקענט פאַרגעסן אַז ר׳איז אָקערשט פריש אָפּגעריסן סײַ פון דאָ און סײַ פון דאָרט, פונעם אַלטן פעדראָ ווי פון דער באַרגיקער היים. דער אָ עלנט האָט זיך ממש צעהוילט פון אים, גלײַך אַ בלוטנדיקע וווּנד וואָלט געוומען טריפן אין זײַן געמיט. אַזוי פיל וויסטעניש איז באַגראָבן אין אים און זי נאָגט, — האָט ער ערשט אָפּ־געשפּירט. אָבער זײַן פאַרנומענקייט און דער אײַנגעהאַלטענער רעש אַרום האָבן נישט געלאָזט איבערקלערן אַלצדינג פאַר אַ מאָל. בפרט, אַז די ברידערלעך האָבן באַלד צעשטויבט די ליידיקייט, זי פאַרטריבן. פאַר נאַכט האָבן די ברידער שוין בײַנאַנד אָפּגעגעסן די ערשטע שטאָטישע מאָלצײַט. מאַריאַנאַ האָט געקאָכט. די אַנדערע האָבן בעת־מעשה צוגעהיטן אַז דער קאָכער זאָל נישט געשטערט ווערן. האָב געדולד, יונגער מאַן! — האָט איטלעכער געצאַמט דעם קוקער וואָס איז הונגעריק און נײַגיריק. די אַנדערע האָבן אויך געבראַכט וואַסער פון פלומפּ וואָס פּאָמפּעט זיך מיט אַ לאַנגער אײַזערנער האַנט אין אַ שכנישן הויף, האָבן מיט פליים געשיײַט מייערלעך, געשוואַנקען ס׳גרינס וואָס ווײַזט זיך דאָ אין ברייטע גרינלעך־בלאַסע בלעטער. לאָפעזן האָט מען געהאַלטן בכבוד, געלאָזן אים רויק קלערן „וואָס ווײַטער? הי איז ער דאָך אַן אייגענער, ער ווייסט וואָס צו־

צוטראַכטן", האָבן די יינגערע געקוקט אויף אים, נו, איבערגעענטפערט זיך צו אים. דערווייל האָט אָנגערוקט די נאַכט. געשלאָפן איז מע זאַלבע־צווייט אויף אַ מאַטראַץ, ווייל ס'זענען געווען נאָר צוויי מאַטראַצן. צונויפ־געטוליעטע האָבן די ברידער אונטערן שטאָטישן דאַך איינגעוואָרעמט אין זיך די אומקלאָרקייטן פון דעם, פון וואָס סע באַדאַרף דאָ אויפשטייגן זייער נייע היים.

צו מאָרגנס זענען די באַראַכאַס שוין געווען האָפּערדיקער און אַוועק קויפן ברעטער, קויפן אויך אַ זעג, אַ האַמער מיט טשוועקעס. ס'איז געווען דער ערשטער אויפצומאָרגנס אין דעם אומבאַקאַנטן אָרט. דאָס שווערע גע־הילץ האָבן זיי אַריינגעטראָגן אין דער קלייט־ליידיקייט, געפּרייכט, גע־שוויצט און געשלעפּט. געראָטן אין דעם אַלטן אַנטאָניאָ, דעם טאַטן, וועלכער האָט געהאַט געניטע הענט פאַר אַלץ וואָס איז נייטיק אין הויז און אַרום הויז, האָבן די יונגע באַראַכאַס גענומען אויפשטעלן אַן אינע־ווייניקדיקע וואַנט, וועלכע האָט פון דעם איינציקן גרויסן חלל געמאַכט אַ קלייט מיט אַ צימער דערנעבן. אַ צימער מיט אַ טיר צו פאַרמאַכן און אין דעם פאַוואָליע זיך אַריינגעקליבן זאַלבעפערט: פיר יונגע מאַנצבילן מיט אייזערנע בעטלעך, מיט הילצערנע בענקלעך און אויך אַ הינקעדיקן טיש. אַן אָרעמע לאָמפּ איז אַראָפּגעהאַנגען איבער דעם אָ טיש אַזוי ווי זי וואָלט געווען פאַרטראַכט און פאַרחידושט. מיט איר איינגעקלעמטן פלאַם האָט די לאָמפּ זיך פאַמעלעך איינגעוווינט צו דער בחורשער באַלע־באַטישקייט, וואָס האָט דאָ זיך געשניטן אַ וועג אין איינטאָניקע ווייטע יאָרן אַריין.

12

פון די פיר מויערוועגט וואָס אין דער געוועזענער שטילער ליידיקייט האָבן די ברידער באַראַכאַ זאַלבענאַנד מיט זעג, האַמער און טשוועקעס אויסגעשניטן אַ שטיקל ענגשאַפט פאַר זייער באַזונדערער שטאָטישער היים. אין געלוסט צום אומבאַוווסט נייעם וואָס דאַרף זיך דאָ איינשטעלן, האָבן זיי אין דער אָ נעסט אַריינגעפּאַסט בלויז בעטלעך, אַ טישל, אַ בענקל, אַ שמאָלינקן טאַבורעט. לסוף האָט גאָרנישט מער שוין געקענט אַריין אַהער. ס'וועט גוט זיין, האָט לאָפּעז אַ ברום געטאָן — זיצן וועט מען אויך אויפן בעט. „צו ערשט איז ס'ברויט", האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט פון די שטאָטישע. אַצינד האָט דער יונג געוואָלט פריער־אויס דערגיין ווי ס'וועט

אויסזען ס׳געוועלב וואָס באַדאַרף זיך עפֿענען אַרום זיי. אָבער די פּאַנ־טאַזיע האָט שווערלעך זיך געריהרט. אין בלייכע קאַנטורן איז עס גע־וואַקסן פֿאַר אים, אָבער אַלץ איז גיך אַנטרונען פֿון זײַן צעהוידעטן דמיון. ערגעץ אין אַ בויד פֿון אַבאַסטאַ, ערגעץ אין פֿאַרבײַגאַנג אויף אַ „גאַס״ האָט אומגעריכט זיך פֿאַרהוילן ס׳אָפּבילד פֿון דער קראַם, וועלכע דאַרף אַרײַן אַהערצו אויף צו בלײַבן אין זײַן רשות. לאָפּעז האָט רעכט אָפּגעסאָפּעט, ווען אין דרויסן אַרויס, מיטן פּנים צום ראַג, זענען לסוף פֿונאַנדערגע־פּראַלט געוואָרן די טירן פֿון דער קראַם — אַ פּאַרטיקע, גרייטע קראַם. בײַנאַנד מיט קאַרמעלאָן, מיט מאַריאַנאָן איז ער צו פֿריִער נאָך אַ מאָל אַרײַן אין שטאָטישן רויש, אַנגעבראַכט פֿון איר סחורה, זי געשלעפּט אויף די אָרעמס, אויף די אייגענע אַקסלען, געפֿירט מיט אויטאָמאָבילן און ענדלעך געגומען וואַרטן, אַרויסקוקן —

קונים זאָלן קומען,

הונגעריקע זאָלן זיך ווײַזן,

נײַגעריקע זאָלן זיך שטויסן צו די באַראַכאַס די קרעמערס. מיט גע־שפּאַנטן געדולד געוואַרט. און כאָטש זיי קומען נאָך נישט, די קונים, „זעט״ זיי לאָפּעז באַצײַטנס, הערט זיי:

— „פֿײַן, שיין, אַזוי באַדאַרף עס זײַן — —״ קעפּ וויגן זיך מיט פֿאַר־ווונדערונג און הענט ציִען זיך צו זיי, אויגן, מײַלער בעטן זיך אָרנטלעך, שטעלן זיך צו מאָל אין ריי ער זאָל זיי געבן: — איר׳ט אַזוי גוט זײַן, סעניאָר? דערלאַנגט מיר אָט אַ דאָס (ווײַזט מען מיטן די פֿינגער צו...). צו ערשט מיר, סעניאָר, — פּרוּווט אַפֿילו עמעצער זיך אַריבערשפּאַרן מיט אַ האַנט. איי, ס׳אַראַ שטויסעניש, אַן אומזיסטן געדרענג מענטשן מאַכן עס אַליין!

אויף דער וואָר זענען די ברידערלעך גיך מיד געוואָרן פֿון פּוסטן וואַרטן, אַרויסקוקן אויף אַ קונה. ס׳אַן אָנשטרענג אַזאַ אומזיסטיק וואַרטן אין אַ געגנט וואָס האָט אַן אויסגעצויגן פּנים און די מענטשן באַוועגן זיך ווי אין שווערע זאַמדן. אַוודאי, ס׳איז אַ שלעפּעריקער קאַנט, אַ ווײַטלעכער פֿון געדיכטן שטאָטישן מענטשנוואַרג. און לײַט זענען דאָ נישט געוווינט צו האָבן אַ קראַם. פֿון געוווינטשאַפֿט האָבן זיי אַפֿילו נאָך געווייכט פֿונעם קוים דערוועקטן ראַג גאַרסיאַ דעל רעי. צו וואָס נישט צוגעוווינט, איז פֿריקרע, טרײַבט צו מאָל. ווי פֿריִער האָט אַלץ זיך נאָך שאַרף געשאָטנט

דער לאַנגער הילצערנער אַלטער פּלויט מיט דער שורה שטומע, שיטערע ביימער — עדות פון דער הינטערשטאָטישער מעלאַנכאָליע.

אין די ערשטע אויפדערנאַכטן, זינט ס׳געוועלב איז געעפנט געוואָרן, האָבן די קרעמערישע ברידער פּאַרפרי זיך צונויפגעהאַרבעט אויף די געלעגערס ווי די שלעפעריקע העגער. פאַרמאַכט די דרויסנדיקע טיר וואָס צו דער גאַס און באַגערט שלאָפן, כאָטש דער שלאָף האָט אויסטעריש געשראָקן. אַבי־ווי אָפּגעגעסן אַז ס׳זאָל נישט וועקן דער הונגער אין מיטן שלאָף, און אַנידערגעוואָרפן זיך. אין דעם שלאָפן־גיין איז אויך געווען אַ מאָדנע אימהדיק וואַרטן אויף עפּעס וואָס קאָציעט זיך אין די פאַרוואָרפענע פינצטערנישן. איבערגעוועקט זיך אין מיטן נאַכט, האָט אַ קילע ניכטערקייט געמומען זיי רײַסן די הויט: איינער איבערן אַנדערן האָבן די ברידער געטשאַטעוועט אַז — לאָפּעז זאָל פאַרטאָגס נישט פאַרשפעטיקן דעם בעקער. די יינגערע האָבן לאַנג זיך געשראָקן פאַר די פאַרבאַגינענס, דראָענדיקע ווי די שרעקיקע קעץ. זאָל ער, ער ווייסט שוין... אין אַן אָפּגעלעגענער גאַס פאַרט נישט אַדורך דער בעקער־וואָגן אין די קאַיאָרן מיט וואַרעם־פריש געבעקס. ער ווייכט פון דאַנען, אָבער קונים האָבן גערן זעמעלעך דווקא פרישינקע וואָס קנאַקן צווישן די ציין. דערווײַל נעמט מע ביים בעקער ווינציקס, אָבער זײַן מוז ס׳ביסל געבעקס. מוז מען אים „כאַפּן״, דעם וואָס האָט נישט קיין חשק אַהערצופאָרן אויף כּוזאַן גאָנסאַלעס.

— דער האָן האָט דאַכט זיך שוין אָפּגעקרייעט, לאָפּעז! — האָט אַ ברודערל אויפגעריסן די אויגן.

דער און יענער הייבן אויך אויף דעם קאָפּ פון געלעגער.

— עס בזשיזגעט אויף טאָג, לאָפּעז.

דער שלאָף קלעפּט צונויף דעם האַלדז, טונקלט אָן די אויגן.

— ס׳דריפּעט אַהער אַ געשפּאַן, לאָפּעז. הע־ערסט?! — כאַפּט זיך ווידער עמעץ אין עול.

איטלעך מאָל רײַסט זיך אַרויס אַן אַנדערער פון שלאָף, גיט אַ וואָרף ווי אַ שטיין אַ כריפּעדיק וואָרט אין דער פינצטערניש אַרײַן און ציט זיך ווידער צום זיסן קוואַל פון שלאָף.

לאָפּעז, לאָפּעז! אַלץ ער, דער שטאָטישער. ער ווייסט מער, דער ברודער. ערשט איז ער ווי דער פּאַטראָן זייערער. אים באַדאַרף מע פאָלגן. אויף זיי, אויף קאַרמעלאָן, מאַריאַנאָן און לוזיסן וועט אויך קומען אַ ריי. זיי

וועלן זיך נאָר צוגעוווינען, וועלן נאָר נישט דערדריקט ווערן פון דער דערוויַטערטקייט דער היימישער... זיי וועלן אויך ווערן שטאָטישע!

נאָר אין אָנהייב איז געווען אַזוי. פּריקרעוואַטע איז געווען פאַר זיי די אומבאַוווּסטקייט פון דער נײַער געגנט, כאָטש יעדע נײַקייט לאָקט.

און סײַ לאָפּעזן סײַ די ברידער האָט אַ צי געטאָן דער אויפטו מיטן געוועלב. ס'איז מיט דער צײַט געפעלן די שטענדיקע באַגעגעניש מיט מענטשן און ס'איז געווען צו פאַרדינען די פּעזע. טאָקע שעמעוודיק האָט זיך געוועקט דער דאָזיקער באַוווּסטזײַן און אין שכנות האָבן לײַט מיט נייגיר זיך אײַנגעקוקט אין דעם, ווי סע האָט זיך שטיל אָנגעראַיעט אויף דעם ראָג־גאָס, עפּעס אומצוטרוילעך איבערגערעדט וועגן דעם וואָס איז אין געגנט געוואָרן אַ געשעעניש:

— אַ שפּײַזקראָם גאָר? ע, עע!

— ס'אָן איינפאַל, אָבער דאַכט זיך — גאָר קלוג!

— ריכטיק. אַ קליינע, נאָר אַ קלוגע קראָם: פון אַלץ האָט זי צוביסלעך. אַ פּאָר גראָם פון איטלעכן, אַ קליין פּעקעלע; ס'אַ חשבון דערין אַז אַ קילאָ, אַ טוץ זאָל זיך חלילה קיינעם נישט פאַרגלוסטן. אַזוינס קען אַוועק געבנוג ווײַט. לײַט וועלן מוזן אַהער אַרײַנגיין.

— אויף אַן אמת אַ שפּײַזקראָם, נאָר זי'ט פּלאַצן. אפנים, מיט ווייניק כוח צוגעגאַנגען. אָרעמע לײַט קענען נישט צוצײַן. דער קונה האָט ליב צו האָבן אין וואָס צו גראַבלען, אויסצוגעפינען אַ קרישקע אין אַ גרויסן קויש, אין טיפע זעק.

— זי'ט וואַקסן, זאָג איך אײַך! זי וועט פּלאַצן פון לייזונג. ווו עס שטייט אײַן די פּרעס, דאָרט יערט קודם דעם קרעמערס בויך.

אַנדערע זענען געווען נעימותדיקער:

— גאַנץ גלײַך. שוין לאַנג נייטיק געווען דאָ אַ קראָם. און באמת: צו וואָס זיך אויסקרימען די פיס ווען מ'באַדאַרף קויפן אַ ליאַדע־וואָס?

מער ניכטערע האָבן געחשבונט אַזוי:

— ס'וועט גיין אַ גאַנג. אַ גאַנצע קאָמפּאַניע זיך אַרײַנגעטאָן אין דעם עסק. קענטיק, ברידערלעך. זאָל נאָר זײַן פרידן צווישן זיי.

— אַזש זאַלבעפערט? אַ ספק צי אַזאַ געניייעכץ וועט זיך נישט צע־טרענען.

פונעם געשמועס הײַנט און נעכטן האָבן לײַט פּאַוואָליע זיך צוגעוווינט צו דער קראָם, מ'באַדאַרף פּרוּוון צי עס וועט זיך לאָזן קויפן בײַ זיי.

האָט איטלעכער געפּרוּווט. אַרײַן און טאַקע געקויפט. „קלוגע יונגע לײַט, לעבן בשלום”, האָט מע דערנאָך געלויבט די פלייסיקע מאַנצבילן. ווײַבער האָבן מיט געניטקייט געלערנט די נײַע קלייטניקעס ווי זיך נוהג צו זײַן.

— ווייסט: מענטשן קומען אין שפּײַזקראָם אַרײַן, זעגען זיי גרימאַסנע

— ווער עס וויל סאַרדינען מיט אַ גאָלדפישל אויף דער שאַכטל, ווען מען סע געפּעלט סאַרדין מיט אַ קריינדל. בישטאָ אָקערשט? אין אַ שעה אַרום וועט זײַן, אַט אָ זאָל מען אַרײַנברענגען. קענט איר אַ ביסינקע וואַרטן? איכ׳ל אַרײַנטראָגן צו אײַך אין שטוב. אַזוי געוווינט מען צו דעם קונה; ס׳בייטיק אַרײַנפירן זיי ווי פרײַנד פון געשעפט. דערנאָך קענען זיי שוין אָנדערשוווּ נישט קויפן. און נאָך אַ לעקציע, אַ מער היימישלעכע: יונגע לײַט, מ׳באַדאַרף זײַן לײַכט אויף די פיס. ס׳איז נישט קיין בזיון. יעדער איז אַ שקלאַף פון דער אייגענער קישקע. אַלע מוזן האָרעווען, און בלײַבט ריוח די פּעזע, איז אַ שיינעם דאַנק. נאָר נישט פויל זײַן. פרי אַראָפּגיין פון געלעגער, אָנטאָן חשק דעם קונה. היע, היעע, ער זאָל עסן פרישינקע זעמעלעך. אַ גוטע געגנט אונדזערע, סעניאָרעס. מענטשן עסעדיקע. אַ גאָלד־מינע קען ווערן אַזאַ קראָם, יונגע לײַט!

געקנעלט מיט זיי האָט איינע און אַ צווייטע; אַ באַטײַטעוודיקן ווונק האָט זיי איבערגעלאָזן אַן אַנדערע, וואָס איז אין אַ צווישן טאָג און נאַכט אַוועק פון זיי נאָכן אָפּרעדן אַ מינוט פופצן צי מערער. דער עיקר — זי׳ט אויסגעניצט די צײַט ווען מ׳האָט זיי נישט געשטערט. ס׳גערייד האָט פון דער דאָזיקער געשטראָמט ווי פון אַ פאָנטאַן. לסוף זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ פּלוצלינגקייט און אַוועק מיט אַ האַסטיקן זאָג „ביז מאָרגן!” די דאָזיקע איז דערנאָך שוין געבליבן נאָענטלעך מיט די געוועלבניקעס, עפּטערס אַרײַן צו זיי אין די פאַרנאַכטן, די סעניאָראַ מאַרגאַריטאַ. אַ נייגיריקע, צו־געפּוצטע און גוטווינטשנדיקע, ווי זי האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט פאַר די יונגע מענטשן.

די מאַרגאַריטאַ איז געווען אַן ערשטע וואָס האָט רעכט זיך באַקענט מיט די פרישׂ אָנגעקומענע סוחרים. ס׳טאַקע בחורים, אַלייניקע, — האָט זי זיך איבערגעצײַגט; קען זײַן, זיי זענען ווילע. באַדאַרף מע זיי דינען מיט אַן עצה, אַ וואָרט. נישט גוט אָן וואַרעמקייט פון אַ פרויען־האַנט, האָט זי כלאחר־יד געגעבן די ווויליקע אַ פרײַנדלעכע אָנצוהערעניש. זיי מוזן נעבעך אַלץ אַליין צעאַרבעטן: וואַשן דעם דיל, רייניקן דעם שטויב, לויפן נאָך סחורה וואָס פאַרפעלט און אויך אַליין קאָכן פאַר זיך ס׳טעפּל.

נישטאָ קיין פריילעכקייט אָן אַ פּרוי, סעניאָרעס! — האָט זי לסוף היימיש־לעך אַרויסגעבראַכט פאַר די ברידערלעך פון דער קראָם.

זי׳ט זיס געשמייכלט און אויסגעטייט׳ט די מאַנצבילן אַ פילזאָגנדיקן בליק. די באַראַכאַס זענען געבליבן פאַרצאַגט נאָך איר אַוועקגיין. אַ מערכה ס׳איז נישט געבליבן קיין צייט צו אומערן. אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט די קראָם באַנייס זיך געוועקט צו לייזעכץ. קונים האָבן גענומען זיך ווייזן, קונים זענען אַוועקגעגאַנגען.

אין גיכן האָט מען אין דער געגנט געוווּסט אַלץ פון די קרעמערס אויף ראָג־גאַס: אַז זיי זענען קיילעכיקע יתומים, זיי זענען דורותדיקע קאָרדאָבעזער און אַרבעטווילעקע. זיי טוען אַליין אין קלייט און אין שטוב אַלע ווייבערישע טועכצן.

טאָקע פון אויפגעוועקטן נייגיר צו די יינגע לייט און דערנאָך מחמת דער באַדערפעניש צו קויפן וואָס מ׳באַדאַרף פון אַ געוועלב זענען ווייבער אַריין אין דער נייער קראָם און זיך צוגעוווינט צו איר, ווי צו אַ נאָענטן שכן. אַזוי אויך די סתם אינגייערס פון צווישן די קונים וואָס האָבן זיך צוגעוווינט צו די באַראַכאַס פון קראָם.

די ברידערלעך זענען אַריינגעוואַקסן אין דער געגנט, ווי זיי זענען געוואָרן אייגן צווישן די לייט. לאָפּעז האָט זיך אַזוי אַרום דערוווּסט אַז די דאָניאַ מאַרגאַריטאַ מיטן ווייסגעפלעגטן פּנים האָט אַ מאַן אַ רייכן „קלאָפּער״. ער פאָרט אַרום אין אַן אייגענעם קאָטש איבער ווייטע יישובים, איבער די באַרגיקייטן פון לאַנד, ר׳פאַרדינט גוטע געלטער און קערט זיך אום אַהיים יעדע עטלעכע וואָכן, ווען סחורה לאָזט זיך אויס און עס פאַרבענקט זיך אים צום שיינעם ווייב. דאָניאַ מאַרגאַריטאַ האָט אַ סך ליידיקע צייט. איר איינציק טעכטערל גייט אין דער פרי אַוועק אין שול, קומט נאָר צו מיטאָג. גאַנצע נאָכמיטאָגן און אָוונטן איז די קליינינקע ערגעץ מיט אירס גלייכן. דאָניאַ מאַרגאַריטאַ פעלט טרעט שיקלעך אויף הויכע קנאָפּל און זוכט ווו צו פאַרברענגען די פרייע שעהען, די געלוסטן פון איר לייב רעכט צו פאַרשפּילן. זי כאַפּט זיך אַריין צו די באַראַכאַס צווישן טאָג און נאַכט — ס׳איז די באַקוועמסטע צייט פאַר פלוידערן אין קלייט; זי הייסט זיך דערלאַנגען אַ טאָוול שאָקאָלאַד, ברעכט אָפּ דערפון אַ ווינקל, פאַרזוכט בלויז, און ס׳איבעריקע צעטיילט זי צווישן די קרע־מערס גופא.

— נעמט, נעמט, — אָמפּערט זי זיך מיטן פאַרזיכטיקן לאָפּעז, ער

וויל נישט נהנה זײַן פון דעם וואָס אַזאַ האָט געקויפט בײַ אים. — ס׳שוין באַצאָלט, זאָגט זי, און איבערלאָזן איז נישטאָ פאַר וועמען. פאַרלוירן וואַלגערט לאָפעז דאָס צעשוואומענע זיס־לאָקנדיקע טייג אויף דער צונג, קלעפּט עס צום גומען און האָט נישט וואָס צו זאָגן אויף די נײַן מאָס רייד וואָס זי פּלאַפּלט אָן:

— אַ שטילע געגנט אונדזערע, אמת? קיינער גייט נישט אָן קיינע־מען, —טענהט זי,— אַבי געזונט און גענוג געלט צו קענען זיך פאַרגי־נען וואָס ס׳האַרץ גליסט. — זי גיט אַ ווונק צו לאָפעזן און פרעגט זײַנע בלײַפנדיקע ברידערלעך: — ריכטיק, ס׳גוטע שאָקאָלאַד די בוענאָס־אײַ־רעסער? פון אַלע סאָרטן האָב איך אויסגעפונען מו־מו פאַר די בעסטע. איר׳ט זען וואָס פאַר אַ ווונדערלעכע געגנט דאָס איז. איר דאַרפט זיך נאָר אויסטויגן. איר׳ט נישט חרטה האָבן, סעניאָרעס. זי פאַרשנירלט דאָס פיסקל, שטעלט זיך אַנטקעגן דער טירשויב נאָכקוקן עמעצן וואָס האָט זיך גראָד דורכגעשלייכט. — רויִק דאָ און פאַראַן אויך פײַנע גבירים. יאָ, יאָ, — אין די פעלדער, אויף די דאָרפישע טשאַקרעס* האָט איר נישט געזען אַזוינס וואָס איר׳ט האָבן דאָ. נאָר געדולד און אַ קאַפּעלע שוויס אויף צו באַזאַלצן ס׳ביסל מזל, סעניאָרעס, צעוויגט זיך מיט ליכטיקן חן איר האָר־גאַריבאַלדע. אַזש די יונגען גייען־איבער די אויגן פון סאַמע קוקן אויף איר, — איר׳ט גוט געטאָן וואָס געקומען, —הערן זיי פון דער שטאָטישער שיינהײַט. — איר׳ט באַדאַרפט זיך אַהערוויַזן נאָר אַ ביסעלע פריִער. אָבער איר׳ט נאָך צוריקכאַפּן, — האָבן געבלאַנקט אירע ציין, ס׳האָט גלאַטיק געמאָלן איר מויל.

— אוי, וואָס כ׳האָב געוואָלט פרעגן —זאָגט זי נאָך אַ האַרבן שווײַגן אין מיטן דער אַראָפּזינקענדיקער טונקלקייט— זענט איר דער מיטל־סטער באַראָכאַ? און ווי נישט ווילנדיק זיך אָנגעהאָנגען מיט ביידע הענט אָן לאָפעזן. — אָ, וואָס איך הער! דער עלטסטער? כ׳גלייב נישט. איר זעט אויס אַ מאַמע־קינד, איר אַלע האָט צורות פון ייִנגלעך, נאָר צו פירן בײַם הענטל, — לאַכט זי שוין היימישלעך אי צום וואָנציקן לאָפעז אי צו די אַנדערע, וואָס האָבן זיך אײַנגעגעסן אין דער פרוי מיט זייערע אײַנגע־סטאָיעטע שוואַרצאַפּלען, מיט די אָנגעשפּיצטע נערוון — איר וועט זיך נאָר אָנטאָן אַ ביסל שטאָטישער, קומען אין געזעלשאַפט — — ווידער

---

* באַלעבאַטישקייטן.

געוואָרפן מיט דער צונג, געשניטן די יונגע פינצטערניש מיט אויגנגלאַנץ און זי׳ט זיי צעטומלט, די זכרים. אומגעריכט בלײַבט זי שטיין אַקעגן לאָפּעזן, ביוכעט דעם געשמאַק פון זײַן רייצנדיקן עלטער און דערשפּירט אין אים דעם באַלעבאָס פון אַלץ וואָס צווישן די אָ שווײַגנדיקע ווענט: אינסטינקטיוו דערוואַרט זי ער זאָל איר אַ זאָג טאָן עפּעס מיט אַ ברום, אַ ווונק, וואָרן זײַנע ברידערלעך, זעט זי, דרייען זיך אומבאַקוועם, שטרויכלען זיך אין בריעדיקן קלערן, טשאַטעווען עפּעס אויף בלינד. אָבער לאָפּעז? לאָפּעזן ווײַזט זיך גאָר אויס אַז אירס אַ מורמל האָט זיך קוים־קוים פאַרטשעפּעט אין אים; זי וויל אָנטרויען אַ סוד. אָבער סוד און פּרוי האָבן אים אָפּגעשאָקלט. ביין, ער קען זיך נישט אַנטדרייסטן אויפן ווונק פון אַזאַ. הינטער איר שטייט דאָך דער אייגענער מאַן, תמיד דער מאַן. לאָפּעז פאַררייטלט זיך באותו הרגע, מאַכט זיך זוכן עפּעס אין שופלאָד.

— האָסט אפשר געזען מאַרטינעזס חשבון, קאַרמעלאָ? אָבער דער ייִנגערער גיט אַ בורטשע און קערט זיך אָפּ, שפּירט זיך געשטערט אין זײַן אינסטינקטיוון לויער, אויף וואָס ער איז געשפּאַנט זינט די אָ גייט אַרײַן אַהער. ס׳ווערט אים דערווידער דעם ברודערס פרעגן אַקוראַט דעמאָלט ווען אים ווילט זיך שווײַגן, מחמת אַנטקעגן דער דאָזיקער — אַלע מאָל אַזוי — ווערט ער געשטעלט אין אַן אימפּעטיקן טראַכטן.

נו, סוף־סוף ווערט נמאס דער דאָניאַ מאַרגאַריטאַ דאָס שלאָנדערן זיך צווישן די קרעמערישע לונג און לעבערס און גייט ראַפּטעם אַרויס פון קראָם.

— מ׳באַדאַרף גיין זיך צולעגן, זאָגט זי דעמאָלט, אָבער ווערליק איר מיינט עס אַז ס׳איז ווערט אַ שישקע פולווער ס׳גאַנצע לעבן, אויב ס׳רופּט נישט דער טאַנץ צו צעשטורעמען דעם אומעט, וואָס זויערט דאָ און אומעטום! זי׳ט עס שוין אַפילו אײַנגעטײַטשט דעם עלטערן פון די געוועלבניקעס. לאָפּעז פאַרשטייט עס נישט; אים האָט נאָר אַ ברי געטאָן דער בלישטש פון אירע אויגן. סי, זי איז אַ געשמאַקע, קלערט ער, אָבער איר עס זאָגן? ס׳אַן איינפאַל אַן אויסטערלישער — האָט ער פאַראיבל אויף זיך: סײַ ווי שוין נישטאָ וועמען צו ענטפערן — זי איז אויסגערונען. דער יונג באַנעמט נאָך דעם זין פון שטעכיקן ציטער וואָס דערשפּירט אין זײַנע ביינער: „ס׳האָט זיך באַליידיקט די סעניאָראַ". און ער וואַרט אָן קנאַפּער האָפענונג אויפן אָוונט, אויף דער שפּעטלעכער שעה אַז דאָניאַ מאַרגאַריטאַ זאָל זיך ווידער אַרײַנווײַזן. שוין געווען אַזעלכע שפּעטע שעהען, ווען

זי פלעגט אַרײַנשטעלן דעם קאָפּ אין דער צעעפנטער טיר: „איר שלאָפט נאָך נישט? ריכטיק, נאָך צו פרי זיך צו לייגן אין די קישנס, בפרט פאַר אַ סוחר, ווי איר, לאָפּעז״. ערשט וועט ער שוין וויסן ווי צו רעדן, מאַכט ער אָפּ מיטן שעמעוודיקן אין זיך. אָבער שטענדיק, ווען זי קומט, פאַר־פעלט אים לשון. און זעלטן קומט זי אַרײַן אויף דער נאַכט. דער אמת איז, אַ סך מאָל האָט ער אויף איר אומזיסט אַרויסגעקוקט. זי זיצט אין קינאָ, באַרימט זי זיך דערנאָך מיט לײַכטזין. ער האָט ממש געגליט, אָבער צו שטאַרק טראַכטן פון איר האָט ער מורא געהאַט. איר שיינקייט איז אַ לאַסע וואָס מ׳פאַרוואַרפט אויפן האַלדז פון אַ ווילד פערד אין פּאַמפּאַ, וואָרנט ער זיך איטלעך מאָל ווען ר׳גיט אַ טראַכט וועגן דער דאָניאַ. איר מאַן קען פּלוצלינג אָנקומען אויף דער געשווינדער קאַטש, כאַפּן אים און דערשטיקן. שוין לענגסט זיך אויסגעלערנט צו וויכן פון מיידלעך, לאָפּעז באַראַכאַ, ערשט האָט ער מורא זיך אַרײַנצולאָזן מיט די דאַזיקע, אַפילו ווען דאָס ווײַבל איז מיט קלוגשאַפט, זי וויסט צו היטן זיך. תמיד קען אַרויסשווימען אַ גראָזן־קנופּ פון דער סאַזשלקע. ער׳ט אָנהייבן פּטרן אויף זיי די פּעזעס און די ברידערלעך וועלן אים נאָכטאָן. ניין, ניין, נישט גוט אַזוי!

און נישט נאָר די ווילינקע ווײַבלעך אין די ענג־געניייטע קליידער שטעלן זיך אים אין פּנים אַרײַן. אומיסטן קומען אַזעלכע עפּעס קויפן. אויך עלטערע פּרויען האָבן אַ טבע צו רייצן אים מיט אַ „גאַנץ שיינע טאָכטער״. אַזעלכע רימט פאַר אים די טאָכטער ביזן הימל אַרײַן, אַקו־ראַט ער גייט זי שוין אָפּקויפן. ס׳האַנדלט זיך נאָר אין מקח. אַלע מעלות האָט מײַן קאַרמענסיטאַ, דערציילט אַזאַ אגב־אורחאדיק. מיט דעם וויל זי זאָגן דעם קרעמער הלמאי זי זוכט בײַ אים אַ באַטעמטן ביסן; ס׳איז טאַקע פאַרן מיידל וואָס יונגע לײַט גייען אויס נאָך איר. מײַנע קלײַבט אָבער, וויל דורכויס אַן אָרנטלעכן,נישט קיין לײַכטזיניקן. זאָגן דעם סעניאָר לאָפּעז דעם אמת? —בייגט זיך צו צו אים אַזאַ קונהטע— ער, טאַקע ער גופא, וואָלט איר געפעלן פאַר דער טאָכטער. דאַכט זיך, ער קאָן זי, ס׳וואָר? אַנומלט איז זי אַראָפּגעקומען ברענגען עפּעס פון קראָם אין שטוב אַרײַן. נישקשה, ער מעג זיך פאַרגינען אַ קוק טאָן, וואָס פאַר אַ חן דאָס האָט, וואָס פאַר אַ באַלעבאָסטע זי איז!

נישט יעדע מאַמע רעדט אַזוי אָפן. אַן אַנדערע מײַדט אויס צו רימען איר קינד, בפרט אַז קאַרמעלאָ אָדער מאַריאַנאָ זענען גראָד אין קראָם.

לוויסן זעט מען כּלל נישט. לוויס וואַשט שטענדיק גרעט אין אַ מולטער, שיילט קאַרטאָפל אָדער רייניקט די טעפּ אויף יענער זײַט ווענטל. מ׳הערט אַ מאָל קלימפּערן געפּעס, שײַערן אַ בלעך. און אַ מאַמע וואָס דערמאָנט איר טאַכטער, רעדט פון איר מיט אַ יונגן מאַן, וויל נישט אַז עמעץ זאָל שטערן. אַזעלכע געפינט שוין אַ געלעגנהײַט צו רעדן מיט לאָפּעזן אויג אויף אויג. פון אַלע ברידער איז ער מער סטאַטעק, שלעפּט זיך נישט אַרום מיט כ׳וויס ווּעמענען. ער קען געפעלן, כאָטש די פרישע יאָרן זע־נען שוין אַריבערגעפאָרן זײַן צורה. אָבער ער איז מער געזעצט. צו לאָ־פּעזן דערגייען שווער אַזעלכע רייד. ער איז נישט אין שטאַנד צו טראַכטן וועגן אַ כלה. ער צינדט זיך אָן ווי אַ קינדערשער לאַמטערן און דאָס רויט פון זײַן שעמעוודיקייט טוקט זיך באַלד. ער פילט די צונג אָן איבעריקע, אויב מ׳רעגט אים אָן צו רייד וועגן דעם. „מירן אָפּוואַרטן אַ ביסל, ריכ־טיק? מיר וועלן דערפון נאָך רעדן״ — בעט ער זיך אין פאַרלעגנהײַט. אָן אַנדערש מאָל: „מע שטערט״. ער גיט כלאחר־יד אַ ברום אָפּ אומקלאָרס און ציט זיך צו אַ פּאָליצע נאָך אַ סלאָי, אַ פּושקע. און אַ גליק פאַר אים וואָס אין קראָם איז רעכט קיין מאָל נישטאָ קיין צײַט. מענטשן גייען אַרײַן שטענדיק.

— ווּעמען איצט? — פרעגט דער קלייטניק אַ וואַרטנדיקן קונה. נאָך דעם קען לאָפּעז בײַ נאַכט נישט צוטאָן אָן אויג. ער טראַכט שוין פון דער וואָס מ׳האָט אים אָנגעשלאָגן פאַר אַ ווײַב און תיכף חלשט ער, צאַפּלט ער זי צו באַשלאָפן. דאָס שיידל פּלאָמט אויף בײַ אים, דערנאָך נעמט עס גיך קילן. צו חתונה־האָבן איז ער עפּעס נישט דרייסט, ווײַל ס׳איז פּשוט אַ צו שווערע אונטערנעמונג; מער אומדרייסט דערצו ווי נישט אַנטשלאָסן. אַלטבחורישע יאָרן זענען שוין אַזוי: נישט קאַלט, נישט הייס; זיי זענען צערודערט מיט דערצונדענע באַקן וואָס לעשן זיך ראַפּטעם. אַלטע בחורים פיבערן אויס אַזעלכע קרענקלעכע שפּירונגען און זיי ברענען, קאַפּטשען ווי אַ פּוילער שטרויענער דאַך.

אויך מיידלעך דרייען זיך לעפּיש אין קראָם. מ׳קומט קויפן, מ׳קומט פרעגן צי מ׳קען קריגן דאָס באַגערטע. מ׳דערקענט שוין די תירוצים, מ׳דערשפּירט באַלד ווער ס׳זוכט נישט־פּאַראַנענס; אַנדערע ווילן סתם שמועסן. פאַראַן יונגע לײַט, באַדאַרף מע זיך מיט זיי באַקאָנען, טאַקע אי־בעררעדן אַ וואָרט. נישטאָ קיין אויסטערלישס אין דעם, מינטערן זיך אַליין אַזעלכע פרײַלינס. מחמת די שכנותשאַפט איז סתם אַ וואַרעמע אין

דער געגנט, אַ מענטש זוכט דעם מענטש אין פאַרוואָרפנקייט און די קרע־מערס זענען נישט אַנדערש ווי שכנים. מ׳מעג זיך אַפילו אינטערעסירן מיט זיי. פאַרקערט, מיט זייער קרעמער איז געמיטלעך ס׳ביסל פּלוידערן. פאַראַן שטיפערישע צווישן די מיידלעך און אין געלעכטער צוקט אויף אַ צוזאָגנדיק פלעמל. מ׳באַדאַרף עס נאָר אונטערבלאָזן אַז ס׳זאָל לייכטן. שטילערע סעניאָריטעס גליען מיט די אויגן, מיט די געדאַנקען. דרייס־טערע בייטן אויס אַ וואָרט מיט לאָפּעזן, פאַרבייגייענדיק פרעגן זיי צי ער גייט נישט אַרויס אין קינאָ אַריין. ר׳איז גראָד פאַרנומען, זאָגט ער, און טראַכט צו מאָל פון אַזאַ: אַ פּולכענקע, אַ זיסע איז זי, נאָר אַריינצובייסן זיך אין איר, האָט קיילעכיקע אַקסעלעך, אַ בריק פיסקל, אָבער ווייטער פון פלאַמיקן טראַכטן גייט עס נישט. זיין קאָפּ ווערט פול ווי אַ וואַסער־כאַס. ער לייגט זיך דערנאָך שלאָפן, רופט ער אַרויס אין דמיון די שייניג־קע, ציט זי אַריין אין די אָרעמס, פאַרגאַווערט זיך. און שלאָפט ער איין, וואַלגערט ער זיך אין טשאַד און אַנגסטן. צו מאָרגנס איז ער מאַט און ר׳וויל אַפילו נישט זען די גלוסטיקע פרויען וואָס זייערע גלידער צאַפּלען אַפּער פון הינטער די קליידלעך; און דווקא קומען זיי ווידער און לאָזן אַ ברי אויף שפּעטער.

אַזוי האָבן יאָרן זיך אָפּגעקערט. און נאָכן זומער קומט, ווי מ׳ווייסט, אַלע מאָל דער האַרבסט.

*

פונעם יינגסטן פון די געוועלבניקעס האָבן מאָמעס פון טעכטער סיי ווי זיך מייאש געווען: נישטאָ וואָס צו האָפן! די געגנט האָט שוין גע־קלונגען דערמיט. אַ בעל מום געוואָרן דער יינגסטער באַראַכאַ. טייל האָבן דערויף פרום אַ קרעכץ געגעבן, גלייך זיי גופא וואָלט געשען דאָס אומ־גליק. אַנדערע האָבן אַ לאַך געטאָן פונעם טראַף: — געגונג זיך אַ גליטש צו טאָן און — אויס? זיי האָבן פילדייטיק געלאַכט. אין כלל איז אַלעמען געווען אַ שאַד: דאָך אַ יונגער מענטש! אַפילו אַ זינדיק ביסל פאַרגעניגן וועט אים נישט באַשערט זיין. וואָס זשע בלייבט אַזוינעם? גאָאָאָאַר נישט. צו וואָס אַזאַ לעבן! דערויף האָט מען שוין מיט באַדויערן דערמאָנט אַז זינט אַ צייט וויַזט זיך נישט מער דער לויס אין קראָם אַריין. טראָגט ער זיך דורך, שפּרינגט ער ווי אויף איין פוס, קרימט אויס די אַקסלען, סאָ־פּעט. אפּנים, שווער אים צו שלעפּן דעם קערפּער. ריפּן ביי אים אויס־געשניטן — גייט מען איבער פון מויל צו מויל; אָדערן איינגעקאָרטשעט

זיך אין זײַנע שענקלען. געשען איז אָבער „נאָך עפּעס", שושקעט מע זיך, מ'וויל קלאָמפּערשט מער נישט רעדן, כאָטש פונעם נישט דערזאָגטן שפּריצט אָפּ אַ גאַוועדיק הינטער-געדאַנקל — — עס האָט געטראָפן ווען ער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער לייטער. געקראָכן אין קראָם צו אַן אײער בערשטער פּאָליצע, זיך אַ גליטש געטאָן און ווי אַ פינצטערער פויגל פלוצלינג אַרויסגעפאַלן פון דער נעסט. אַ לאַנגער יסורימדיקער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים. דערנאָך דאָס שפּיטאָל, אַן אָפּעראַציע, קרעכצן, מיטגעפיל פון זײַטיקע, בעיקר פון יענע קונהטעס וואָס האָבן זיך צוגעוווינט צו די דרײַ ברידער וואָס זענען ס'רוב געווען אין געוועלב. „באַשערט צרות די אָרעמע!" און גענומען דערציילן אין מיטלייד און הערן מיט נייגיר: דער קאַליקע האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אין צימערל הינטער דער וואַנט: שיילט תמיד דאָרט קאַרטאָפל, רייניקט גרינסן, קאָכט די טעפּ און בײַ דעם געטועכץ זעצט ער זיך עפּטערס אָפּדעכצן. טייל מאָל לאָזט ער זיך אויך הערן: „קאַרמעלאָ־אָאָ, דערלאַנג אַהער!" צום קרענצל ציבעלעס, וואָס געהאַנגען אויף אַ וואַנט האָט ער נישט געקענט דערגרייכן, אַרײַנשרויפן אַ נײַ לעמפּל-גלעזל נישט באַוויזן; ער'ט געמוזט וועקן דעם אויפמערק פון די געזינטע ברידער אַז ער איז אויף אַן אמת אַ קרבן פון דער געטרײַשאַפט צו זיי. לויס פלעגט אויך פריער וואַשן די העמדער פון די ברידער. זינט דעם וואָס האָט געטראָפן, מוז מען די וועש אַוועקגעבן אין פרעמדע הענט, און פרעמדע שוינען נישט דײַנס, מ'מוז נאָך צוצאָלן. דערצו לײַדט דער מענטש, ער שעמט זיך, איז געוואָרן קאַפּריזנע, שטאַרק זיך צוגעקניפּט צום ווינקל.

אַזוי צי אַזוי: די שפּײַזקראָם האָט זיך יוסט אײַנגעפירט אויף ראָג גאָנסאַלעס און גאַרסיאַ דעל רעי. סע האָט זיך געשטעלט אַ תמידיק געשמאַק לייזעכץ. די באַראָכאַס האָבן זיך אײַנגעלעבט אין די עסקים פון געוועלב און דער רוב שכנים און קונים האָט לאָפּעזן באַטראַכט פאַרן אמתן באַלעבאָס פון דער קראָם וואָס איז „ממש אַ גאָלדגרובן". און דער באַלעבאָס איז אַ מיושבער מאַנספּאַרשוין, זײַנע וואָנצעלעך טונקלען זיך קלוג, די אויגן — ערנסט. ער פּילעוועט דאָס געשעפט, אַפילו זיך צוגעוווינט צו עכט שטאָטישער העפלעכקייט. ווײַבער, מיידלעך בעטן אומיסטן אַז ער זאָל פאַר זייערטוועגן אויסקלײַבן עפּעס רעכטס. און לאָפּעז טוט זיי צוליב. דערנאָך ציילט ער דער קונהטע די זאַכן אין קיישל אַרײַן און זי שפּאַרט אים אין האַנט אַרײַן דאָס געלט, אים שענקט מען אויך אַ

ליבלעך וואָרט. מיט לאָפּעזן מאַכט מען אַפּילו אַ שפּאַס. דער עלטסטער, קומט אויס, האָט בײַ אַלעמען אַ גוט אויג; אויך די ברידערלעך שאַנע־װען אים. זיי טוען אין קראָם אַלץ וואָס לאָפּעז הייסט. ער באַפעלט קאַר־מעלאַן אײַנצוזוויגן אַ בײַטל צוקער, אַראָפּדערלאַנגען פון פּאָליצע אַ סלאָי אײַנגעמאַכטס, מאַריאַנאַן הייסט ער צוברענגען אַ שקאַרמיצל גע־טריקנטע שוואָמען. לאָפּעז נאַרײַעט עס דער קונהטע. „ס׳עכטע טשילע־נער, זאָגט ער. מ׳קאָכט עס אַפּילו פאַר אַ שוואַכן אין דער זופּ״, רעדט ער וועגן די שוואָמען. רײַכע מעגעלעך, טראַכט ער בעת־מעשה פון אייניקע וואָס קומען אין קראָם אַרײַן. אָ, אַזעלכע קענען זיך עס דערלויבן — — בײַ לאָפּעזן אין געוועלב איז ערשט אַלצדינג צו קריגן. ר׳איז געוואָרן אַ קלייטניק מיט קלייטניקעס באַגלײַך. קונהטעס ליבן אים, אָבער שאָקלען הינטערוויילעכטס מיט די קעפּ: „נישט קיין לײַט די אָ, — נעמען זיי שוין אין חשבון אַרײַן אַלע ברידערלעך אין איינעם — ווייסן נישט מיט וואָס מען עסט אַ צוקערקע״, און פאַרקרימען זיך.

— די קראָם פון די בחורים, — האָט מען אָנגערופן די קלייט מיט דעם בײַנאַנדיקן נאָמען. בולטער חוזק איז געווען אין דעם.

צו לאָפּעזן איז די בייזע אָנצוהערעניש דערגאַנגען נאָר „ביזן קנעפּל״. זאָל מע רעדן. ער האָט זיך זײַן געדאַנק: ס׳איז געפערלעך מיט די פּרויען! ס׳איז גלײַכער מער אַכטונג צו געבן אויפן אייגענעם ברויט. נישט צוהערן זיך וואָס עמעצער פּלוידערט.

פון דיל ביז צו דער סטעליע האָט זיך אין קראָם שוין אויפגעהויבן די סחורה אין פּאָליצעס און אין זיי זענען געלעגן, געשטאַנען פּעקלעך, טאָרבעלעך, פלעשלעך, שאַכטלען און סלאָיען. אין תחילת זענען די סחורות געווען לויז פונאַנדערגעשפּרייט, האָט עס געלאָזט מיינען אַז ס׳איז פול דאָס געוועלב. אַציגד האָט די קראָם שוין גאָר אַן אַנדער פּנים. אויך אויפן דיל זענען שוין פונאַנדערגעשטעלט רייען פאַרשאַרצטע זעק, צעעפנ־טע קעסטלעך און אַלץ האָט גיריק געוואָרט אויף קונים. און די פּאָליצעס זענען שוין געפּראָפּט. ס׳איז פול געוואָרן מיט סחורה אַלערלייִקע, די שטילע קראָם, זענען אָנגעשווומען אויך קונים פון ווײַטערע גאַסן. בײַע פּנימער זיך געוויזן, געקומען און געפונען וואָס געווען להוט צו געפינען.

זעט אויס: די באַקאַנטשאַפט מיט די הענדלערס פון אַבאַסטאָ האָט געהאָלפן; זיי האָבן טאַקע גוט געעצהט לאָפּעזן. אַנדערע האָבן באַלד נאָ־רײַעט סחורה אין קלייט אַרײַן, האָבן ערוב געווען פאַר לאָפּעזס אָרנט־

לעכקייט און פאַרן קרעמער פון ראַגאָווע קלייט האָבן זיך געעפנט מאַ־זשאַר־געשעפטן פון רײַז, פון קאַווע, געטריקנטע לאָקשן, שפּראָטן, זייפן און אויך ווײַנען, בוימל.

געווען פּריקרע נאַר אין אָנהייב. ווייניק געוווּסט דער קרעמער ווי זיך נוהג צו זײַן, אָבער קונים האָבן שוין אויסגעלערנט וואָס פאַר אַ פּראָ־דוקטן אַרײַנצוברענגען און די שפּײַזקראָם פון די בחורים איז געוואָרן אַ קראָם מיט רייץ פאַר די מענטשן וואָס האָבן געקרן ריכטיק אָפּצועסן.

לאָפּעז באַראָכאַ איז אַרײַן אין די פּעדערן. ער האָט מיט פּלייס גע־טראָגן דעם עול פון אַ באַלעבאָס און ער'ט גענומען אויף זיך אחריותן וואָס זענען אַריבערגעוואַקסן זײַנע השגות. בײַ טאָג און בײַ נאַכט איז געווען האַרעוואַניע, אָבער פון סחורה־איבערגעפּולטקייט האָט זיך מער געטונקלט די קראָם. אין קראָם איז ענגער געוואָרן און תמיד האָט אי־בערן קאָפּ געמוזט גלײַען דער פלאַם פון אַ זשמורנדיקער לאָמפּ.

13

די שפּײַזקראָם פון ראָג גאַס איז געוואַקסן און אין איר איז אַרײַנ־געוואַקסן ממש די גאַנצע געגנט. ווי צום אייגענעם טעגלעכן ברויט האָבן די מענטשן זיך צוגעוווינט צו איר. אַלץ וואָס נייטיק פאַרן מויל איז מע געגאַנגען זוכן אין קראָם פון די באַראָכאַס. פאַר אַ סך איז דאָס געוועלב פון די בחורים געוואָרן דער אומפאַרמײַדלעכער אַדרעס. אויך קליינע קינדער האָט מע געשיקט אין געוועלב אַרײַן מיט אַ שטאַמלדיק וואָרט אויף די ליפּן, מיט אַן אָנגעשריבן פּאַפּירל האָט מע נישט זעלטן גע־הייסן גיין אין קראָם אַרײַן אַ פּיצל מענטשעלע און אין הויז איז אַרײַנגעקו־מען דאָס נייטיקע. איז ס'פּעקל געווען צו גרויס פאַר די קינדערישע הענטלעך, האָט איינער פון די ברידער זיך מטריח געווען מיט דעם. „פאַר אײַך, סעניאָראַ", און מיט דער צווייטער האַנט צוגעפירט דאָס קינד צו דער מוטער. „אַזש איר אַליין? אַ שיינעם דאַנק. נישט געריכט זיך. איר'ט מיר אַ גרויסע טובה געטאָן!"

מאָדנע פאַרהיימישט זיך די מענטשן מיטן ראַגאָוון געוועלב. געווען אַזעלכע וואָס האָבן דער קראָם אַפילו אָנגעטרויט זייער גאַנצן האָב און גוטס. ווער עס האָט איבערגעלאָזן אַ שליסל פון שטוב פאַר אַן אייגענעם, פאַר וועמען דער בריוטרעגער האָט דאָ אָפּגעגעבן די בריוו. שטאַרק אָרנטלעך די באַראָכאַס, — האָט מע געשמועסט, און ס'איז געווען באַ־

קוועם פאַר אַלעמען. איז נישטאָ דער עלטסטער אין קלייט, איז דאָ דער מיטלסטער, דער יינגסטער. ווי אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט איז מע דאָ שטענדיק אויף אַן אָרט, מיט אַן אָפן אויג, אַ וואַך אויער. אַ ווייל גע־וועלב. דאָ זעט מען איטלעכן פאַרביַיגייער, אַלץ ווערט מע דאָ געוואָר. און מעשיות פעלן נישט. מאַנועלן פון דער מירמל-שלייפעריי האָט זיַין ראָסיטאַ אויפגעשפּילט אַ חתונה: געכאַפּט אים מיט אַ קעפּסוויַיב, אַ געפּאַרבטע מיט אויפגעקרויזטע האָר און אַ קורצינקן יצר־הרע־קליידל. אויפגעהויבן אַ גע־קוויטש די באַליידיקטע, האָט ער זיך פאַרשעמט, דער אונטערגעסמאַליע־טער מאַנועל, און איז נעלם געוואָרן פון דער היים, לאָזט וואַרטן אַ סך קברים אויף די מצבות וואָס ביַי אים באַשטעלט. ערשט קלאָגט דאָס כשרע וויַיב און די אבלים לעכצן נאָך די שיינע שטיינער פאַר די טרויי־עריקע גריבער מיט די מתים. אָ, געהערט? מ'האָט אָפּגעפירט אין שפּיטאָל דעם הינקעדיקן שניַידער סטאַניסלאַוו, וואָס אין לאַנגאָניקן עלנט האָט ער זיך צוגעוווינט צו שמועסן מיט זיך אַליין אַנטקעגן שפּיגל אין זיַין מיט שמאַטעס אָנגעוואָרפענעם ווערקשטעל. די אַסטמע האָט אים אַ וואָרג גע־טאָן, דעם איינזאַמען. ליגט ער און גייט אויס. די איינציקע וואָס קומט צו אים מיט אַ ביסל לאַבונג, מיט אַ גוט וואָרט איז די קוישנפלעכטערן. כ'לעבן, אַ פול אויסגעשטאָנענע פּרנה'ן, די כואַניטאַ, — כיכעט מען און מ'קרעכצט איינציַיטיק אויפן מזל פונעם נעבעכדיקן סטאַניסלאַוו.

מ'באַדאַרף תפילה טאָן זי זאָל געהאָלפן ווערן אַז דער לאַמער זאָל דערלעבן זיך צוריק צוקערן אַהיים און זיך דערבאַרעמען איבער איר זעכציק יאָריקער פאַרליבטקייט — — אַלץ ווערט איבערגערעדט, געמשפּט אין געוועלב וואָס האָט באמת אַן אַ שיעור מעלות: איז געשען ערגעץ אַ גנבה, האָט מע פון דאָנעט צעפּלאָשעט די גנבים. געזען איַיליק דורכ־טראָגן פאַרדעכטיקע טלומעקעס, זענען די געוועלבניקעס אַרויס מיט אַ סתם פרעג צו די... טרעגערס: „האָלאַ, סעניאָרעס, וווהין גייט איר? איר דאַרפט נישט בלאָנדזשען, מירן איַיך אפשר צוהעלפן". חלילה נישט גע־ליאַרעמט, אָבער אָפּגעשלאָגן דאָס שטיקל מיאוסע אַרבעט. דערשראָקן זיך די חברהליַיט, געוואָרפן די פאַרבונדענע זעק און אין איין ציטערניש זיך געראַטעוועט די פעל. די אויפגעבראָכענע טיר פון דער שטילער דירה צוזאַמען מיט די אַנדערע אָנגעשטאָפּטע זעק איז געבליבן וואַרטן אויף די באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך כלל נישט געריכט אויף אַזעלכע אָנגעלייגטע געסט אין זייער הויז.

אַ רויִקע, ווײַטלעכע געגנט פֿון שטאָט, די געגנט פֿון גאָנסאַלעס און גאַרסיאַ דעל רעי. די מענטשן וואָלטן זיך שוין נישט געקענט באַגיין אָן דער קראָם. ווײַל אַחוץ אַ קראָם מיט אַל דאָס גוטס איז זי אויך אַ מין וואָקזאַל ווו דער רוב מוז דורכגיין. אויך נײַסן קומט מען אַהער דורכשמועסן און די בעסטע מוזיק־פּלאַטן גייט מען אַרײַן דאָ הערן אין די אויפֿדערנאַכטן. הינטערן הילצערנעם ווענטל מאַכט מע זיך פֿריילעך. אַ שכן זעצט זיך צו גאָר גערן. און איטלעכן דאַכט זיך אויס אַז שוין יאָרן מיט יאָרן איז ער באַקאַנט מיט די באַראָכאַס. און היימיש איז די קראָם, און אַלט איז די שטילקייט, זי ליגט ווי די קאָרע אויף די מויערן. פֿאַר אַלעמען איז באַשײַמפּערלעך דאָ די עלטער וואָס קלײַבט זיך אַרײַן אין די מענטשן און אין די זאַכן וואָס זיי באַלעבן מיט באַזאַכטקייט.

*

ווי פֿון פֿאַרשפּינוועבטע ווײַטן טויכן ווידער אויף די פֿאַרגאַנגענע יאָרן און פֿון ס׳נײַ פֿאַרגייען די אָנשווימענדיקע. גלײַך אַ פֿאַרטאָגיקער נעפּל וועפּן זיי אויס. מיסטעריעז איז דער וואָגן צ ײַ ט . ער טראָגט אָן שטויב וואָס לייגט זיך שווער אויף מענטשנס פּנימער און אויך אויף דער געגנט: פֿון נעכטיקע קינדער — אָט געווען קלייניקע — זעסטו זיי שוין ווי פּאָטערס, מוטערס פֿון אייגענע קינדער. גאַסן האָבן זיך פֿונאַנדערגעבויט, לײַט האָבן זיך פֿאַרמערט. ס׳איז שוין נישט גענוג דער צעוויגטער אַלטער טראַמוויַ אויף אַהערצופֿירן, אַוועקצופֿירן די לײַט פֿון בואַן גאָנסאַלעס און גאַרסיאַ דעל רעי; אַן אײַליקער לאַנגער אָמניבוס ווי אַ גייעדיק גלעזערן הויז טראָגט זיך איצטער אַדורך אויף אָנגעפּאָמפּעטע ברייטע גומענע פּיס. אויך לאָפּעזן דעם געוועלבניק האָבן די יאָרן שטאַרק אָנגערירט. ער ווערט עפּטערס מיד. באַגלײַך מיט די ברידער לעבט זיך אים נאָר אין בלינדער געוווינשאַפֿט. טאָג בײַ טאָג דאָס אייגענע. פֿון באַגינען ביז בײַ נאַכט אין מי. ער מיט די צוויי יינגערע באַדינען די קונים, ברענגען אויך סחורה פֿון די הורטלאַגערס. דער יינגסטער פֿאָרעט זיך הינטערן ווענטל. ער איז די באַלעבאָסטע וואָס זאָרגט זיך פֿאַר די מאַנצבילן, די פּרנסה־געבערס, די פֿאַרדינערס. ווי אַ ווײַב קויפֿט לויִס טאָרבעס גרינוואַרג פֿאַר די מאָלצײַטן, שנײַדט לאַבנס ברויט, שמירט פּוטער. לויִס שלעפּט זיך דאָס גלײַכן אין יאַטקע אַרײַן מיט זײַן הינקעדיקן קערפּער. ער טוט עס אויף דער נאַכט, ווען מ׳זעט ווינציקער עמעצן זיך דורכטראָגן אי־

בער דער געגנט און דער קצב שטייט מיט ליידיקע הענט. לויס קאָכט, פרעגלט, רופט די ברידער עסן און גרייט זייערע געלעגערס. פאַראַן טועכץ איבער געניג. פון דער קראַם איז געוואָרן אַ גרויס געשעפט. עס גייען צו איר הונדערטער מענטשן סײַ בײַ טאָג סײַ אויף דער נאַכט. די הענט פון די קרעמערס זענען קיין מאָל נישט פרײַ.

שוין היפּשע יאָרן אַזוי: אַלע אַרבעטן זיי, די באַראַכאַס. בײַ פאַר־שפּאַרטע טירן ציילן זיי דאָס געלט. ס'לייזעכץ מיטן ריווח; דאָס געוועלב ווערט פולער מיט סחורה און פאַראַן ווינציק צײַט צו קלערן פון זיך. איז עס אַ שותפות? ס'איז אַלעמענס, אָבער אָן וועלכן ס'איז חשבון מײַן־דײַן. לאָפּעז האָט קיין מאָל נישט געטראַכט דערפון, אויך קאַרמעלאַ האָט עס נישט גענומען אויפן זינען. משמעות, ס'איז גוט אַזוי, וואָס ס'געלט מערט זיך, ווערט פולער אין די זעקעלעך, אין די פּושקעס וואָס ווערן פאַר־שטופּט אין ווינקלען, אין לעכער. צי ס'איז נאָך ווינציק דאָס אָנגעקלי־בענע געלט צי מע דאַרף מער, איז נישט דער חשבון בײַ די ברידער; פּשוט — ס'נישטאָ קיין צײַט פאַר דעם. שוין דער אין דער פרי יאָגט צו פאַרנומענקייט, דער עול טרײַבט; אַ גאַנצן טאָג שטייט אַ לייזעכץ, אויפ־דערנאַכט ווײַזן זיך נײַע קונים, די וואָס זענען פאַרטועז אַ גאַנצענעם טאָג. געלט פאַלט אַרײַן אַ סך, באַהאַלט מען עס אין אַ קליין קעסטעלע, אין בלעכענע פּושקעס, מ'פאַרשטאָפּט עס צווישן דעם אָנוואַלגער פון פאַר־שיידענערליי שאַכטלען, פּושקעס, מיט וועלכע עס איז פול די קלייט און מ'גייט קיין מאָל נישט אַרויס פון איר. עמעצער בלײַבט תמיד דרימלען אין ענגען חלל, דרימלען אין מידקייט און מחמת דעם וואָס די קראַם טאָר נישט ווערן פאַרשלאָסן. דער תירוץ: ס'איז עסנוואַרג. אַ קונה וועט קומען, באַדאַרף מען אים נישט לאָזן זוכן דאָס נייטיקע ערגעץ אַנדערש. דאָס איז געווען דעם עלטסטנס קלוגשאַפט און די יינגערע האָבן גערן זיך געלערנט די אַ קלוגשאַפט:

— די פּעזע איז צוקערזיס, אויב מ'באַדאַרף נישט אויסגעריסן ווערן אויף צו פאַרדינען זי בײַ יענעמען.

רעכט אַזוי, לאָפּעז, — האָבן זיי צוגעבאָמקעט. ווי ער, האָבן זיי זיך געוואָרעמט אינעם סוד וועגן דעם אוצר, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן בײַ זיי אין דער טונקל פון דער אויגנרײַסנדיקער באַשיידנקייט. געקומען אַהער באַשיידן און מ'איז געבליבן אַזעלכענע. איי, די קראַם? די קראַם איז דאָס פעלד וואָס מ'באַדאַרף זיך שטעלן צו אים אין צײַט. ס'תבואה־פעלד איז

אויך נישט סובל קיין פוילקייט. אַ שפּײַזקראָם איז אַקוראַט ווי אַ פעלד וואָס מ׳מוז היטן.

ריכטיק: לײַט האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט צו קומען שדכענען דאָ לאָפּעזן, דאָ די ייִנגערע ברידער, כאָטש קיין איינער פון זיי האָט שוין נישט געהאַט אויף זיך די מראה פון פרישן געבלי. פון דעסטוועגן האָבן זיי זיך נישט געאײַלט. צו וואָס? — האָט יעדער באַראָכאַ געצויגן מיט די אַקס־לען. אפנים, דער עלטסטער, לאָפּעז, האָט זיי געדינט מיט זײַן אָנהייב: כ׳האָב צײַט... די אַנדערע האָבן געזאָגט: מ׳קען זיך באַגיין אָן דעם אַ קאָפּ־דרייעניש! לאָפּעז, אין גאַנצן אָפּגעלאָזן, געקנייטשט די פּנים־הויט, איז שפּעטער־צו אָפּגעקומען מיט אַ לעבלעכן שמייכל: אַ ווײַב? פריִער בין איך נישט געלאָפן אויף דעם, וועל איך איצטער זיך נאַריש מאַכן ווי אַ ייִנגל? אי־אי־אי־ייִי; ער׳ט אַליין געגנוג צו טאָן און אַ ווײַב באַדאַרף מע נאָכגיין, הערן איר דעה און אַזאַ קען זײַן אויך קאַפּריזנע. עס וועט שוין גוט זײַן, —האָט ער געענטפערט.— די אַנדערע, קאַרמעלאָ און מאַריאַנאָ, זענען געבליבן בײַ חוזק־רייד: פון זייערטוועגן זיווגים? זיי האָבן שוין כלות וואָס וועלן אָנהייבן אין גיכן קינדלען. אין אמתן האָבן זיי זיך באַגנוגנט מיט בחורישן אויפפלאַם וואָס האָט פון מאָל צו מאָל זיי אַרויסגעצויגן פון דער היים; פאַרברענגט ערגעץ אָן אַ זײַט מיט אַ וויליקער אַזאַ, וועלכע האָט רגעווײַז אַ רייץ געטאָן דעם מאַנצבילשן כוח, פּיבערדיק אָנגעלאָקט און — פּטור. דערנאָך זענען זיי, ווי פריִער, געווען ווײַטער אײַנגעשפּאַנט אין די אַלטבחורישע קרעמערישע יאָרן, זיך אַרײַנגעטאָן אינעם וועגן און ציילן. דער עיקר: זיי האָבן זייערע לעבנס אַרײַנגעוואָרצלט אינעם אָפּבילד פונעם אָפּגעשפּאָרטן געלט, וואָס האָט געהיימעניששפול, צוזאַגנדיק געלאָקט דעם חשק. צוזאַמען מיט אַלט־בחורשאַפט און קאַרגשאַפט האָט זיך אײַנ־געגעסן אין די באַראָכאַס דאָס קרעמערישע, ס׳דינען דער פּעזע, און דאָס האָט געריסן אַלעמענס אויגן. אַזוי אַרום איז די צײַט ווי קראָפּיווע אַרומ־געוואַקסן די ברידערלעך.

אמת, ס׳האָבן נאָך געטראָפן פרײַע שעהען, ווען לאָפּעז האָט גענומען אָפּזוכן פרײַנד צווישן די הענדלערס פון מאַרק אַבאַסטאָ. יענע האָבן זיך דערפרייט מיט אים, אָבער גיך זענען די דאָזיקע אָפּגעפאַלן. ווײַל אויף אַ קערטל איז לאָפּעז נישט געווען קיין בעלן, וואַרפן אַ פּעזע פון גוטפרײַנד־שאַפט וועגן איז ער אויבעט נישט געווען גרייט; בלויז טרינקען האָט ער

געוואָלט מיט די אַמיגאָס,* אַנדערש נישט געקענט. האָבן די לײַט פון אים געוויכט: — אַן אייזל אַזאַ! און זיך אָפּגעטרייסלט. צו דאָן פּעדראָ איז לאַפּעז געגאַנגען אַ סך שפּעטער. אַנטקעגן דעם אַלטן אויבסט־הענדלער האָט ער זיך געשפּירט שולדיק, מורא געהאַט און זיך געשעמט: גענומען און פּלוצלינג פאַרלאָזן דעם וואָס האָט אים געגעבן אין שטאָט דעם ער־שטן ביסן, געוואָרעמט מיט נאָענטשאַפט. כאָטש שוין יאָרן זינט דעמאָלט, האָט ער עס אָפּגעפּילט אָקערשט אַצינד, נישט געפונען קיין ווערטער פאַר דעם קלערן וואָס געקלערט פון דעם אַלטן הענדלער. לאַפּעז האָט דאָך דערשפּירט אַ יינגלשע באַדאַרפטיקייט ענדלעך צו באַדאַנקען דעם מענטש וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין צרות פון ווײַב, מחמת זײַן גוט האַרץ. אָ, כאָרכעלינאַ, האָט מע זי גערופן. שטייט ער נאָך אויף סעריטאָ? ער האָט נײַגיריק זיך צוגעקריגן אַהין עטלעכע מאָל, געזוכט דעם ווילן מענטש. יאָ, אין דרויסן שטייט נאָך פאַרדעקט דער טיש־וואָגן, שטייט אײַנגעגליווערט ווי אַ טויטן־קאַסטן. איטלעך מאָל איז לאַפּעז אַוועק פון דאָרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעשמועסט אַז ס׳איז מסתמא אַ חגא־טאָג, אַ חגא וואָס מ׳יומטובט אומעטום, נאָר ער, לאַפּעז, ווייסט נישט דערפון. זיכער, ער לעבט, דער באַלעבאָס. מיט קווענקלעניש האָט ער זיך אַ מאָל דענעענטערט צו פּעדראָס שטוב. אַ פרעמדער זיך באַוויזן אויף יענעמס שוועל האָט די דאַרע, אײַנגעלאָשענע זקנה פאַרשעריש גע־קוקט אויף אים, נישט באַלד דערקענט. ערשט דערנאָך זיך געכאַפּט אַז ס׳איז ער און זיך צעברוגזט:

— לאַפּעז, האַ?... —האָבן אין אים זיך געגראָבן אירע פאַרמעקטע אויגן־שפּעלטעלעך— דאָך געטראָפן צום פרײַנד! אַזוי טוט אַ מענטש?

— און נאָכדענקלעך, פאַוואָליע זיך דערמאָנט וואָס דער אָ האָט אָפּגעטאָן.

— אָ שונא דיר געוועזן דער פּעדראָ, יונגער מאַן? איי־איי, — און געוויגט אין דער ברייט דאָס געשרומפּענע קעפּל.

דער קרעמער פון כואַן גאָנסאַלעס האָט זיך ביטער פאַרלוירן. — הערסט, אַ־אַלטער, האָט די זקנה גערופן און ווי מיט פויסטן האָט אָנגע־הויבן זעצן לאַפּעזס ברוסט, ווען ס׳איז אַרײַנגעקומען דער באַלעבאָס. שוין נישט דער אייגענער, זעט ער, און ס׳ווערט אים אַנגסטיק פון דעם קוקן, פונעם הילכיקן טראַכטן. אַזוי געענדערט זיך דער אַלטער, געזונקען זײַן

* פרײַנד.

יוסטע הייך, פאַרראַפּיעט די אויגן. מאַט, מיט אַראָפּהענגעדיקע באַקן איז ער געבליבן שטיין, דער זקן פעדראַ, געבויגן, און זיך אַרײַנגעקבערט אין דעם גאַסטס צורה. געקוקט ווי ר׳וואָלט געוואָרן באַהערשט פון אַ מטוש־טשער זעונג. דערנאָך האָט ער אַזש גענומען שטאַמלען: „וואַאַאָס? מיך מיינט מען?!"

— זעסט נישט, אַלטער, ווער ס׳איז געקומען? — האָט דאָס ווײַב זיך געשטעלט פאַר אים — קוקסט, קו־וקסט. ס׳דײַן לאַפּעז! — דעם נאָמען האָט זי כמעט אויסגעשריגן אין תרעומות און מיט אַ קנייטש פון צערט־לעכקייט וועגן צום אַלטן. — לאַפּעז, לאַפּעז, געדענקסט שוין נישט? — בייגט זי זיך שוין צו צום מאַן ווי צו אַ טויבן — דערמאָנסט זיך נישט? רעדסט דאָך פון אים אָפט!

— לאַ־אַאַאַ־פּעעז! לאַאַאַ...

מיט פּלוצלינגקייט האָט אויפגעפלאַמט דאָס נבהלדיקע געשריי אין דער סומנער שטוב.

דער אַלטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זײַן קול האָט זיך אײַנגע־בראָכן אַזוי, גלײַך עס וואָלט זיך האַסטיק אָפּגעריסן איבער אים גופא. ס׳האָט ממש פאַרטונקלט דעם טאָג. דערנאָך האָט ער זיך דערנעענטערט צום גאַסט, געקלאַפּט איבער זײַן פּלייצע מיט שלאַבעריקע האַנטפלאַכן — לאַפּעז, לאַפּעז, ייִנגל, — האָט ער געמורמלט. אינעם זקנהשן אָפּוואַרטן פון דער אַנטשטומטער כאַרכעלינאַ, וואָס איז ציטעריק געשטאַנען דער־נעבן, האָט שפּעטער אָפּגעקווילט דאָן פעדראָס ריידן:

— נאַדיר זשע מײַן סקאָצל קום, לאַפּעז, או־וואַאַאַאַ! ווער ס׳איז דאָ, — און זיך שווער אַראָפּגעזעצט און אַנטקעגן זיך אַנידערגעזעצט דעם גאַסט, געהאַלטן אַ האַנט אויף יענעמס שויס און נישט אויפגעהערט אַרײַנצוקוקן אין אים:

— אויף יאָרן גייט מען אַוועק, עעע? גאַנצע יאָרן לאָזט מע נישט וויסן פון זיך, קכככיאַאַ, קכּכיאַ, — צעהוסט ער זיך טרוקן. ר׳קייכט און זײַנע רויטע אויגן גייען איבער. די באַקן האָבן זיך איבערגעמאָאָ׳ן אין צע־גאָסענע, טרעריקע עפּל; די מידע אַלטקייט האָט גענומען בשפע גיסן, די באַקן האָבן געבראָכן ס׳פּנים, מער עס פאַרגלאַנצט, גלײַך ס׳וואָלט געשטאַנען אונטער אַ צעפּליאַסקעטן רעגן. קענטיק, אַזוי וויינט די קינד־הייט, ווען זי קערט זיך אום מיטן פּנים צו דער אויסגעשטאַנענער זיקנה. ...ס׳קראַנק געוואָרן דער עפּלהענדלער ווען לאַפּעז איז נישט געוואָרן.

— זאָגן דעם אמת? סײַ ס׳האָט זיך געבענקט, סײַ ס׳האָט ווײ געטאָן. חלילה דיר אָן עוולה געטאָן? פֿײַנלעך דערשפּירט דעם זעץ וואָס׳ט מיר דערלאַנגט, יינגל! כ׳האָב געמוזט אַליין שלעפּן אַלצדינג אויפֿן רוקן, כ׳האָב געשפּירט פֿלוצלינגע יסורים און זיך אַנידערגעלייגט אין צרות. אַל׳ץ, אַלץ זיך דערמאָנט בעת דעם אַ אויפֿרודער. אין די געהירן האָט׳ס געכמאַרעט. דערפֿאַר אַזוי פֿיל טרערן פֿאַרגאָסן, נישט נאָר דער אַלטער פֿעדראָ.ביידע מאַנסלײַט האָבן געטערערט. צוזעענדיק דאָס האָט עס אויך פֿאַרקלעמט די באַלעבאָסטע און ביינאַנד האָט דאָס גאַנצע הויז מיט אַ מאָל זיך צעוויינט. געקוקט אויפֿן פּעאָן און זיך צעכליפּעט, אויך די אַלטע כאַרכעלינאַ. וואָס יונג איז יונג, האָט זי געפּרעפּלט, ס׳בליט; די עלטער איז אַ קללה, מ׳זינקט לעבעדיקערהייט. געבלינצלט מיט פֿאַרקלעפּטע אייגעלעך אויף לאָפּעזן, האָט געקלאָגט איר גאַנצער נפֿש. זי מוז אָט אָ אַוועקגיין, האָט שטום געיאָמערט איר אימה — — שוין, שוין, איר פֿעדראָ רוקט זיך אָפּ. ס׳שנײַדט זיך אָפּ פֿאַר זיי דער וועג פֿון לעבן. דער אָרעמער פֿעדראָ פֿילט דאָס כסדר, ר׳האָט אָפּט מורא אײַנצושלאָפֿן בײַ נאַכט. און פֿאַלט ער אַרײַן אין דרימל, שרײַט ער אַרויס, צאַפּלט אויף. פֿון פּחד פֿאַרן קבר ווערט מע קראַנק — — זי כאַפּט זיך לסוף, כאַרכעלינאַ, אַז דעם גאַסט באַדאַרף מען מהנה זײַן. — איכ׳ל מאַכן אַ גלאָז טיי און שטעלט קודם געבעקס אויפֿן טיש. געוועזן גענוג אַ מינוט צוויי פֿאַר דעם אַ געדאַנק און די מראה פֿון דער זקנה האָט זיך אויסגעלײַטערט און ווידער זיך פֿאַרקוקט אויף לאָפּעזן. — או־וואַאַאַ, אַ שררה געוואָרן דער יונג! אָנגעטאָן יומטובדיק, גאָר אַ שטאָטישער — — ביסלעכווײַז האָט זיך באַרויִקט די באַלעבאָסטע, פֿאַרגעסן אָן דער קנאה אויף לאָפּעזעס יונגשאַפֿט. אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע. פֿון ס׳בײַ זעט זי דעם תהום וואָס אָט־אָט עפּנט ער זיך. ווידער צעכליפּעט זי זיך דע־רויף, קרעכצט אויף דעם עלנט פֿון פֿאַרלאָזענער זיקנה.

— איבערגעהויבן זיך דער אַלטער, — האָט זי באַנײַס גענומען קלאָגן מתוך טרערן — געטאָן צו פֿיל, נישט פֿאַרגינען זיך צו בלײַבן אַ טאָג אין בעט. דו ווייסט נישט? מ׳לייגט זיך, פֿאַלט מע שוין צום געלעגער, אַלער־לייִקע חולאתן טשעפּען זיך צום אָפּגעשוואַכטן. ס׳שלעכט, לאָפּעז, אַז מע בלײַבט אַזוי, העשעט זי און קוקט אויף אים מיט אַ ציטעריק פֿאַרווײנט פּנים. דערדריקט פֿונעם טראַכטן וואָס אָקערשט אַרויסגעבראַכט, דער־מאָנט זי זיך באַלד די אייגענע יסורים: — האַרט אָנגעאָדערט געוואָרן אירע

גלידער, אָן כוחות געבליבן דער מענטש. אַ צעבראָכענעם שאַרבן לאָזט די עלטער, — און שטאַרקער זיך צעכליפּעט.

געוויינט, געפּרוווט געווינען לאַפּעזן פֿאַר באַענטשאַפט און גענומען מוטערלעך אים מוסרן:

— וואָלטסט כאָטש געקומען אַ מאָל, געדענקט אָן היימישע. ער׳ט דיך אַזוי ליב, דער אַלטער. אַלץ געהאַפּט: אָט קומט ער, דער יונגער מאַן! מ׳האָט דאָך אים חלילה נישט קיין עוולה געטאָן, — ווי מיינסטו, ווײַב? פרעגט ער אָפט. אַלץ זיך דאָ איבערגעקערט זינט דו ביסט אַוועק. — זי׳ט געוואָלט אים חנפענען, זאָגן ליבס, אָבער באַלד זיך דערמאָנט דרינגלעכס, געניייטיקס און זי׳ט אומגעריכט זיך אַרײַנגעוואַקלט אויף די אַלטע פיס אין קיך, פון וואַנען ס׳האָט זיך געהערט דאָס פאַרעקשנטע סיקען פון אַ שטערצל אויף אַ זידנדיקן טעפּל.

דער אַלטער פעדראָ האָט דערנאָך שווײַגנדיק געהאַט אָנגעהאַנגען אויף לאַפּעזן זײַנע רויט־אויפגעלאָפענע וויִעס, גלײַך זיי וואָלטן אים גע־הערט און נישט די אויערן. אַפּנים, דער זקן האָט נאָר איבערגעוואַרט אַז ס׳ווײַב זאָל זיך צו ערשט אַראָפּריידן פון האַרץ. דערויף האָט ער זיך צו־געבויגן צום גאַסט, באַטאַפּט זײַן אָנצוג, געגלעט אים די קני און פאַרטרוי־לעך אַרײַנגערעדט אין אים אַזוי אַז ז י זאָל נישט דערהערן:

— זעסט, בחורל, נישט שטענדיק קען דער מענטש זײַן פריילעך. פאַר־פאַלן דײַן פעדראָ ראַכמין. די קראַם איז טויט אָן פעדראָ ראַכמין. מעגסט זי אָפּדינגען, לאַפּעז, און דאַרפסט געדענקען אַ פרײַנד... דאָן טשאַקאַנאַ האָט אײַנגעפירט אַ מיסחר; דו האָסט אַליין געזעען...

שטיילינקע, שוואַך זענען צוגעפאַלן די רייד צו לאַפּעזן; און האָט די אַלטע ווידער זיך דערנעענטערט, האָט דאָן פעדראָ זיך באַמיִט אַרויס־צוברענגען אַ גרימאַסע אויף זײַנע פאַרוועלקטע ליפּן:

— דאָך אַ גוטער פרײַנד, דער אָ, הא, כאַרכעלינאַ? דערמאָנט זיך אַ היימישן. ער׳ט אונדז שוין נישט פאַרלאָזן, אמת? — קוועטשט ער צונויף די געשוואָלענע אויגן.

לאַפּעזן האָט אָבער געצויגן אַנדערש צו שטאַרקן דעם זקן — גע־וואָלט אויסבאַרימען זײַן אייגענעם אויפטו: ער האָט אַ קראַם, און נישט אויף דער נאַקעטער גאַס. יאָ, און געקלערט האָט ער „אויסצוטרינקען״ בײַנאַנד מיט די באַלעבאַטים. פון זייער כבוד וועגן און פון אייגענער גדולה וואָס אַרויסגעקראָכן פון דער זלידנער אָרעמקייט. אויף כואָן גאָנ־

סאַלעס איז זײַן געשעפט, בײַנאַנד מיט די לײַבלעכע ברידערלעך דאָס געשעפט — — דער אויסזען פון דעם אַלטן מאַן האָט אים אָבער פאַר־שפּאַרט דעם אָטעם; דווקא דער דראַנג צו דערציילן פון זיך, האָט לאָפּעזן געשטיקט. דערפאַר אומגעריכט, ראַפּטעם פאַר זיך אַליין אויפגעהויבן זיך: „כמוז, מ׳וואַרט אויף מיר״, און אַוועק. אַ צווייט מאָל געקומען צו די באַ־לעבאַטים, האָט ער דאָן פּעדראָן געטראָפן ערגער. ער איז געלעגן קראַנק אין בעט. דאָס פּנים געשרומפן ווי אַ פאַרוויאַנעטער עפּל, ס׳קול בלעכיק און די גרויסע נאָז איז געווען רויט געפלעקט, באַדעקט מיט שווייס־טראָפּנס. דער טויט, אַזוי קומט דער טויט, — האָט עס אַ צופּ געטאָן לאָפּעז באַראָכאָן און ער׳ט דערנאָך נישט געדענקט ווי־נאָך ער איז אַרויס פון דער דאָזיקער שטוב.

פאַרן טויט האָט ער גאָר־גאָר מורא געהאַט, דער קאָרדאָבער. אין די דער־נאָכדיקע זונטיקן האָט ער קעגן זײַן ווילן אויסגעמיטן צו גיין צו דאָן פּעדראָן. מסתמא איז אים שוין בעסער — האָט ער זיך אײַנגעשמועסט, כאָטש ר׳האָט עפּעס נישט געקענט גלייבן אין די רייד וואָס ער׳ט אַליין אַרײַנגעהילכט אין זיך. מיט אַ צאַפּל אין האַרצן פלעגט ער אַנטלויפן פון דעם אָ טראַכטן. אָבער פון דער היים האָט ער סײַ ווי זיך אַרויסגעמאַכט: „צום פּאַטראָן מוז ער גיין״, — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַרן אַוועק־גיין פון דער היים. אין קעמערל הינטער דער קלייט איז געבליבן דער קאַליקע לויִס, וואָס באַוועגט זיך אַלע מאָל שווערער. דער ברוך שטערט אים שטעלן אַ טריט. דער יונג לייגט זיך אויפן בעטל אַלע מאָל, ווען ער דאַרף נישט שיילן קיין קאַרטאָפל, שנײַדן טאָמאַטן, מישן אין טאָפּ ווען ס׳פּײַער פלאַקערט; ער ליגט, דער לאָמער און לאָזט שפּילן דעם פּאַטעפאָן כדי נישט אײַנצוהערן זיך אין דער ברויזנדיקער שטילקייט פון יענער זײַט וואַנט. לויִס גיט אַכטונג, ווייסן די נישטיקע גנבים, וואָס טשאַטעווען אויף אָנגעזאַמלטער אָרעמקייט: „די באַראָכאָס היטן״ — — זײַן ליידיקע צײַט האָט לאָפּעז געפּטרט אויף סתם שפּאַצירן: געפּלאָנטערט זיך אין דרויסן צווישן לײַט, וואָס כלינען אַרויס אין די חגא־טעג צום צענטער שטאָט, גאַפּן, קוקן דאָרשטיק אין די אויסשטעל־פענצטער אַרײַן. אָקערשט איז לאָפּעז נייגעריק אויף די קאָלירטע בילדער וואָס מ׳ווײַזט פאַר די אַרײַנ־גענג צו די קינאָ־הײַזער. אויך אים האָט אָנגענומען אַ חשק אַרײַנצוגיין זען די טשיקאַווע זאַכן וואָס פירן אַוועק אין עק־וועלט, ברענגען אַרײַן אין אויסטערלישן חלום — אָבער דעם נסיון איז ער בײַגעשטאַנען. ר׳עט

נישט אַרײַנגיין... אַלע זײַנע גלוסטונגען האָט ער אָפּגעשוואָנקען מיט אַ טעפּעלע קאַווע וואָס געטרונקען צווישן דער שטראָמענדיקער מאַסע, וואָס אומעטום איז זי פול. אין קאַפעהויז נישט דרייסט געשטאַנען צווישן המון טרינקערס, וואָס האָט צו מאָל פאַרטראַכטערהייט צי סתם פאַרגאַפט אויף עמעצן אַרײַנגעגאָסן אין זיך דאָס שוואַרצע ביטערלעכע געטראַנק. אויך פרויען האָבן זיך געשטויסן דערצו. אויף אַן אמת: ער׳ט דאָס נישט געזען, לאַפּעז באַראַכאַ. אין מיטן דערינען דערמאָנט ער זיך די אייגענע קלייט. אויך די ברידערלעך זענען ערגעץ אַרויס. דער חולהוואַטער לויִס וועט זיך ווידער קריגן, ווײַנען־שרײַען למאַי מ׳לאָזט אים תמיד איינעם אַליין, ווען אים איז פּילפאַך אומעטיקער. ר׳מוז אַרײַנטראַכטן אין זײַן אומגליקלעכער דאָליע. דערפאַר האָט לאַפּעז פּלוצלינג גענומען אַהיימאײַלן און טאַקע אײַנגעשפּאָרט זיך לעבעדיק געלט, אויף וועלכן עס לויערן די צעפּראַלטע פּרעסהײַזער און שפּילפּלעצער. געלט באַדאַרף מען היטן. אַ קלאָרע ראיה: דאָן פּעדראָ. ר׳איז געווען אַן אויסברענגער. אויך אויף דער עלטער געמוזט האָרעווען. די יונגשאַפט אַנטרינט אומגעריכט, די עלטער דערקריכט אַ קאַפּנדיקע, אַ געבויגענע. דאָס ווײַב דאָן פּעדראָס, געדענקט ער, פּלעגט אים וואָרענען. הײַנט קומט עס קאַפּויער. דער מענטש לעשט זיך... לאַפּעזן איז געוואָרן מער טרויעריק, מע רוקט זיך אַראָפּ — — אַ, ער׳ט שוין וויסן ווי צו פירן זיך.

ער האָט אײַנגעקלעמט די פּעזע, לאַפּעז באַראַכאַ, צו באַקאַנטע נישט געטראָגן קיין מתנות ווי דער עפּלהענדלער פון סעריטאַ, אָבער דעם אַלטן פּעדראָ האָט ער שוין מער נישט געזען. גראָד האָט ער געטראָפן דעם מענטשישן סוף זײַנעם. אומגעריכטערהייט געקומען געוואָר ווערן אים, איז דאָס הויז געווען פול מיט פרעמדע, פול מיט שטאַרן געוויין. האָט ער פאַרבלאָנדזשעט? לאַפּעזס פאַרווייעטער בליק האָט גענישטערט, געפונען עפּעס באַקאַנטס אין דער שטוב, צו וועלכער ס׳האָט געפירט זײַן טראָט; דאָך די שײַן וואָס איז געהאָנגען אין חלל איז נישט געווען די אייגענע, וואָס ער׳ט געדענקט. די נאַכט וואָס האָט אַהערצו גיריק געענגט האָט קלאָגעדיק מיט אַ טרויערפלעמל, טריב אַרײַנגעטריפט אין כאַמע מיטן טאָג, וואָס איז געלעגן האַרט אויף דער שוועל. אַ באַרוועסע טונקלקייט איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויז און ווי פון אַ פאַרהוילענער טיף האָבן דאָ אָפּגעברומט אַנגעשוואָלענע פרעמדלעכע שטימעס. לאַפּעזס שריט זענען אײַנגעפרירן געוואָרן, ווען ער׳ט מיט אַ מאָל דערזען דאָן

פּעדראָס בעט אַ פּאַרקילטס פון אַן אימהדיקער לײדיקײט. גלײַך אַן אײַנ־געגליװערטער געשרײ איז דער באַלעבאָס געלעגן אויף דער ערד אונטער אַ טונקעלן געװאַנט. טויט?... די רויטע, װוּנדיקע אויגן דעם באַלעבאָס׳ קוקן באַהאַלטענע פון אונטער דעם אַ געװאַנט, זײ הערן נישט אויף קוקן אויף לאָפּעזן זײַן יונג, מיט טענה און בעטעניש בליקן זײ. דערפון איז לאָפּעזן פּלוצלנג באַפאַלן אַ פּחד פאַר עפּעס אומבאַשטימטס װאָס גײט דאָ אַרום און ער׳ט זיך פּלוצעם צעהוסט; שיער נישט אויסגעקײכט פון זיך די נשמה. דערנאָך האָבן טרערן גענומען אים דושען. ס׳האָט זיך פון אים געריסן אַ יללה, נאָר ער׳ט זיך פאַרלוירן אַנטקעגן די אַרומיקע, אָנ־געבויגענע צו די ליכט, ברענענדיקע צוקאָפּנס דעם אויסגעשטרעקטן בר־מינן; אין האַרבן שװײַגן האָבן די דאָזיקע געקנײטשט די פּנימער, פון מאָל צו מאָל געערעדט הײזעריק מיט דער אַ שװערער אומהײמלעכקײט, װעלכע גײט אַרום אין אַלע טויטן־שטיבער. אַנדערע האָבן אומגעריכט זיך צעסמאַרקעט אויף אַ הויכן, טרוקענעם קול. די אַלטע כאַרכעלינאַ האָט ער נישט געזען. לאָפּעז האָט געהאַט ס׳געפיל אַז אויך די באַלעבאָסטע איז ערגעץ דאָ פאַרשטאַרט אינעם טויטן־נעפּל װאָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער דער שטוב. בײַנאַנד מיטן מאַן האָט זי זיך שױן אָפּגעריסן פונעם געטלעכן פּאָדעם װאָס פירט דאָס לעבן איבער די טעג און נעכט פון דער אומגעהײערישקײט דער װעלטס. ערשט ליגט זי מסתמא אויף אַן אַנ־דער בערגל טויט. אַ נײַער װײטיק האָט אין לאָפּעזן זיך צעהעשעט מיט ציטעריקע באַקן, מיט אויפגעלאָפּענע אויגן. ר׳זעט: איבערן הויז באַלע־באַטעװען רק אומאײגענע און מיט אַלעמען איז אויף אַ סודותדיקן אופן הײמיש דער טויט. ער הערט, די פרעמדע רעדן אַרײַן אין געשטאָרבענעם און זײ יאָמערן אויס אַ הײזעריקן געשרײ. קײנער צלמט זיך נישט. אומ־געריכט האָט לאָפּעז זיך דערשפּירט געשלאָגן פון אַן אומבאַװוסטן גײַסט, װאָס האָט דאָ געכריפּעט מיט פאַרשײדענע קולות.

עס איז געװען שפּעט אין זומערדיקן נאָכמיטאָג, װען ער האָט אַזוי געטראָפן זײַן פאַרשטאָרבענעם באַלעבאָס און װי אין אַ טומאַן איז פאַר־טרונקען געװאָרן זײַן מוח. אַראָפּגעלאָזן זיך אַן אַ זײַט פון מענטשישן אָנדראַנג אַרום דעם אָפּגעהויבענעם אויף דר׳ערד, איז לאָפּעז געזעסן גע־פּלעפט פון דער פינצטערניש אין זײַן זכרון. צײַטנװײַז האָט אין אים אויפ־געדרילט אַ באַגער צוצוגײן זאָגן עפּעס גוטס דעם אַלטן. זאָל ער נישט צערענען... אָבער פּלוצלינג האָט אַ געשרײ שנײַדיק אים אַרויסגעטרײסלט

פונעם גליווער. זאָל ער אויף אים נישט צערענען... דעמאָלט האָט ער גע־הערט פון לײַט: דאָניא כאַרכעלינאַ האָט ווידער זיך געפעדערט, איז צו־געפאַלן צום טויטן, אַרײַנגעהעשעט אין אים איר צאַפּלדיקן ווייטיק: „פעדראָ, מײַן פעדראָ, וווהין גייסטו? אויף וועמען לאָזסטו מיך!" זי לעבט, אַ לויב גאָט. זי לעבט! דערנאָך האָט זי לאַנג נאָך אַרײַנגעטומלט איבעם געשטאָרבענעם אירע שרעקן, אויסגעשריגן די פּײַן, פאַר־זיך געוואָרפן אַ געוואַנט מיט שוואַרצע פּאַסן אויף אַ געלבלעך־ווײַסער פלאַך; געשפּריצט עס פאַרן מת, זיך אונטערגעטעניקט פאַר אים מיט איר צעטריקנטער ברוסט:

— דײַן טלית, דײַן טלית גיב איך דיר אין וועג אַרײַן, מאַן מײַנער. און מײַן האַרץ נעם מיט! — און ווידער אַ מאָל אַ פאַל געטאָן אויף דער קופּע טויט וואָס אויף דער ערד.

אַן אויסגעצויגענער, נאָגנדיקער געקלאָג האָט טשאַדנדיק זיך גע־שפּרייט איבערן שטיק גליווערנדיקן טויט. ערשט האַרטנעקיקע מאַנצבילן אין שוואַרצע רעק האָבן מיט כוח אָפּגעריסן די פרוי פון געשטאָרבענעם:

— אשה, געזנוג!

די מאַנסלײַט האָבן דעם בר־מינן אַרײַנגעלייגט אין אַ קאַסטן, אים אַרויסגעטראָגן און אַרײַנגערוקט אין אַ גרויסן שוואַרצן וואָגן. פאַרגאָסן מיט אָנגעוואָלקנטן טויטן־גלימער האָט דער וואָגן דערנאָך פּאַמעלעך, שווער זיך באַוועגט צווישן די ערשטע שורות הײַזער פונעם געסל ווו דער אַוועקגייענדיקער לאָזט איבער די יאָרן פון זײַן לעבן. אַראָפּצו דער גאַס האָט די טויטן־קאָטש געגומען אײַליקער אַוועקקייקלען. אויף שוועלן האָבן שכנים פרום־ערנסט עפּעס נאָכגעמורמלט. אַרויס פון שטאָט איז די לוויה פון דאָן פעדראָ ראַכמין אָפּגעגאַנגען מיט אַ געשווינדקייט, ווי זי וואָלט נישט געלאָזן קיינעם נאָכטראַכטן וואָס ס'האָט געקענט געשען מיט דעם פאַרשניטענעם: — יונג איז ער נאָך געווען, צי אויסגעלעבט זײַנע יאָרן? אַ קליין הייפל מענטשן איז געפאָרן באַגלייטן דעם טויטן־באַגאַזש. אַ שטו־מען פון טעמפּער פאַרגעסנקייט, האָט עמעצער אַ צי געטאָן לאָפּעזן אין אַן אויטאָמאָביל אַרײַן און אים מיטגענומען.

אויפן בית־עולם האָט ווידער זיך צעצאַפּלט אַ קורצער, קאָנוולסיווער געוויין, באַנײַס אויסטערלישע תפילות; ווידער האָט מע זיך נישט גע־צלמט איבערן מת. די אויגן זענען לאָפּעזן געשטאַנען אין נעפּל. צוקאָפּנס

פון אַן אומעטיקער תפילה איז דאָן פּעדראָ לסוף געלאָזן געוואָרן אויפן פעלד פון די געשטאָרבענע.

ר׳האָט נישט באַנומען דער תם פון די קאָרדאָבער בערג אַז ס׳איז אַזאַ דער וועג צום יידישן גאָט, צו וועלכן ס׳איז אַוועק דער אַלטער באַלעבאָס. פּונקט ווי דער גוטער דאָן פּעדראָ האָט בײַם לעבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון זײַן ייִד־זײַן, האָט אויך לאָפּעז „זײַן יונג״ אַצינד זיך נישט געגנוג קלאָר געמאַכט אַז ער איז מיט עפּעס־עפּעס אַנדערש אַנטקעגן דעם גאָט פון דער אייביקייט, דער זון פון די באַראַכאָס. עפּעס האָט אים אין דעם ציטעריקן אויגנבליק געפעלט דער צלם. און אַוודאי ט׳ער נישט באַנומען אַז נאָר דער טויט קערט צוריק דעם מענטש צום וועג פון וועלכן זײַן שטאַם ווענדט זיך נישט אָפּ מיטן פּנים. ערשט דערנאָך, ווען זיך באַזיניקט וואָס ס׳איז געשען מיט זײַן אַלטן באַלעבאָס, האָט ער זיך משער געווען. — אָ, אַ ייִד געווען דער גוטער דאָן פּעדראָ! לאָפּעז האָט דאָס מערערע מאָל אַרײַנגעביסן אין זײַן אומקלאָרן געדאַנק, אָבער לסוף באַגנײַס זיך געפרעגט: „וואָס מיינט עס, אַ ייִד? אַ פּנים אַ ווײַטער, אומבאַוווּסטער גאָט האָט אים געפאַנגען, דעם גוטן דאָן פּעדראָ — —״.

אַהיים געקומען אויף כּוואַן גאַנסאַלעס איז לאָפּעז געווען טאָפּלט טרויעריק: הלמאַי ער האָט פאַרלוירן דעם אַלטן פרײַנד דאָן פּעדראָ און וואָס ער, דער גוטער בּוענאָס־אײַרעסער באַלעבאָס האָט נעבעך נישט געהאַט קיין היימישן גאָט.

טאָג און נאַכט האָט דאָס אים געדריקט.

צו דערציילן דערפון די ברידער האָט ער נישט געוווּסט ווי אַזוי: וועלן זיי לאַכן דערפון אָדער באַדויערן? נישט קיין געזאַנג געווען בײַם קבר, נישט קיין גלח און נישט קיין בלומען. מאָדנע. דערצו די לעסטיקע געדאַנקען וואָס פּלאָגן: דער טויט! און די געשטאַלט פון טויט האָט עפּעטערס גענומען אויפקומען אין דמיון, דאָ געצייכנט זיך בולט, שרעקיק, דאָ זיך געשאָטנט.

לאָפּעז האָט איצט שטאַרק מורא געקראָגן פאַר זײַן אייגענער עלטער.

14

וויסטער אומרו האָט זיך אויפגעהויבן אין לאָפּעזן. אין די נעכט זענען צו אים געקומען געשטאָרבענע. דער פאָטער אַנטאָניאָ האָט זיך אים געחלומט; פון נעפּלדיקן וואַל וואָס פאַרהילט זײַן באַרגיק היימאָרט, איז

ער געגאַנגען אויף לאָפּעזן. באַדעקט מיט שווערן שטיין־שטויב הייבט זיך אויף דער אַלטער — און אין דעם אויגנבליק גיט עס אַ צופּ: טויט דער טאַטע! דאָס דערוואַכטע באַוווסטזיין האָט לאָפּעזן גערופן, געשפּאָלטן זײַן שלאָף: געשטאָרבן — — ער טראָגט זיך אַקעגן אים, דער טאַטע, דער רוקן אויסגעקייקלעכיקט, קנאָכיק דאָס פּנים און די אויגן פֿײַערדיק אָנגעצילט אויף אים: „זון זון, האָרכסטו?״ איבער די טיפשוואַרצע שויבן פון דער ווײַט־צעהאַנגענער נאַכט וויגט זיך נישט־דאָ־ק דאָס קראַנקע קול; פּאַר־מעטיק, אַנטהוילט ווי פונעם האַרץ פון אַן אויסגייענדיקער פּויק קרײַזט עס און ריזלט. אַ מאָל קומט אויף די מוטער. עס זעגט דער אָטעם פון הינטער איר פאַרבאָרגענעם געזיכט: מיט אויסגעצויגענע פינגער באַרירט זי זײַן שטערן, הייבט אויף זײַנע ווי־עס — „לאָפּעז, מײַן קינד!״ אַ פּחדימדיק געשריי רײַסט אויף זײַן קעל, דער בליק פלאַקערט, נאָר זעען זעט ער בלויז דעם ראַנד פון אַן אָפענעם קבר.

ער זעצט זיך אויף אויפן געלעגער, שפּיזט אויס די אויגן אין דער נאַכט אַרײַן. דער חלל איבערן קאָפּ באַוועגט זיך און אויף אים שפּאַרט די גרוב. אַהין איז זי אַרײַן, די מאַמע, צו די ווערעם וואָס ווידמענען זיך און צעגריזשען דאָס מענטשלעכע פּנים, ליידיקן אויס די אויגן. אַן אויס־געסוכניעטע האָט זי זיך אָקערשט געוויזן און — אָט אַנטרינען, צונויפ־געגאָסן זיך מיט דער אימהדיקער וויסטקייט.

ער געדענקט עס ווייטיקלעך און ס׳געדענקען פינצטערט אים אָן: — געשטאָרבן די מאַמע, נישטאָ דער טאַטע — — דער טויט גייט אַרום אין לעבן, ער געוועלטיקט מיט האַרטנעקיקייט.

ווי אַ פאַרגעסענע הרודע ערד איז אויפגעראָיעט געוואָרן לאָפּעזס מהות. אין שלאָף דערגרייכט אים דאָס אָ גיהנום. ווען ער כאַפּט זיך אויף, לאָזן שוין נישט אָפּ די מאַטערנדיקע רעיונות. איפּ, אי־יפּ! מיט רוגזה בײַטשט עס, שמיצט איבערן פּנים.

ער האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן דעם באַגינען. אַ היילונג איז אים די האָרעוואַניע וואָס פאַרשלינגט. פאַר פרי אים אַראָפּגעוואָרפן פונעם געלעגער האָט ער געזוכט אַ שפּאַרע אין דעם מאַסיוו פון דער נאַכט־געדיכטעניש, אין וועלכער עס ליגט דער זוימען פונעם קומענדיקן טאָג. ער׳ט זיך אויסגעשטאָכן די אויגן מיט דעם חושך אין דעם פּרעפּלענדיקן דרויסן. די שטאָקפינצטערניש האָט אַ סך מאָל אים צוריקגעוואָרפן, נישט דערלאָזט זיך שפּאַרן צו דער שטאָט. קוים דערוואַרט זיך אַז דער הימל

זאָל זיך צעפּעפּענען, איז לאַפּעז ווי אַ גנב אַרײַן אין פּײַכטלעכן פּאַר טאָג, זיך געהיט פאַר קאַרמעלאָן: ער באַדאַרף נישט קיינעם צו הילף, ר׳וועט אַליין! אויף זײַנע אַקסלען געשלעפּט די משאות סחורה אין קראָם אַרײַן, ווידער אַוועק ברענגען און נאָך אַ מאָל געלאָזן זיך אין פרימאָרגן אַרײַן.

— קאַרמעלאַ, הוי! געגוג געפּאָאָפּט, — שוין אויף דער שוועל, פאַרן ווידער אַנטלויפן פונעם פלאָגעניש, האָט ער געוועקט דער חברה. — מ׳עט דאַרפן באַלד עפּענען די טירן!

— מאַריאַנאַ, ווו זענט איר? גיכער פאַרשפּאַרט ס׳פּענצטער, ס׳כליאַ־פּעט! — ער׳ט שוין געשריגן, אָבער קיינעם פון די ברידער נישט גע־הערט ענטפערן. ר׳האָט ווידער אַוועקגעאײַלט ברענגען סחורה.

משונה: איצט האָט ער זיך געפונען אין אַ מצב וואָס האָט אים געמאַכט ענלעך צום פאָטער. ווי דער אַלטער אַנטאָניאָ האָט אים זיך געוואָלט טראָגן די גאָרע זאָרג פאַרן הויז פון די באַראָכאָס, כאָטש ס׳הויז איז ערשט אָן קליינוואַרג, אָן שוואַכן ווײַב.

פליסיק אָנגעהאָרבעט אויף זיך אַרבעט נאָך אַרבעט. לאַפּעז האָט באַ־גערט שטאַרק מיד ווערן, ער זאָל קענען שלאָפן הארט, אַז חלומות זאָלן וויכן פון זײַן געלעגער, אָבער ס׳האָט קנאַפּ געהאָלפן; אָפט פלעגט ער אין מיטן טאָג אַוועקפאַלן אויף אַ ליאַדע קעסטל, אַרײַנגעכאַפּט אַ געשווינדן דרימל און פון ס׳נײַ געטריבן געוואָרן פון אַן אומפאַרשטאַנדיקן אומרו. בײַ נאַכט האָט זײַן שלאָף ווידער זיך געקרישלט. יעדער שאָרך האָט גע־ריסן זײַנע נערוון. ער׳ט פאַרנומען דאָס פויזען פון דער פינצטערניש אויף דער ערד, איבערן דאַך, האָט אָנגעלויערט דעם זכרון אויף פאַרפלאָסענע קלאַנגען, אָפּגעטויכט זיך אין לאַנג געהערטע שמועסן. אַ לייטער צו פּײַן איז געוואָרן יעדע נאַכט, הגם אָפט מאָל האָט געוואָרעמט אויך אַ דערמאָ־נונג. לאַפּעזן איז געוואָרן איבערדריסיק דעם ברודערס שלאָף. געפּרוווט וועקן קאַרמעלאָן, האָט יענער אָפּגעבורטשעט בײַם לײַכטן באַריר, אים אַ שטויס געטאָן אין פאַרשלאָפנקייט און פון ס׳נײַ גענומען כראָפּען, כאָטש צעפיר אַ שריפה, אים אַרט גאָר נישט. אָפּגעשפּילט זיך ביז טיפנאַכט הינ־טער דער טיר, פרעסט נאָך דאָס לײַב פון דער צוגעפאַרבטער מאַרגאַריטאַ וואָס קלעפּט זיך אָקערשט צו אים. דערפון רעדט מע שוין אַפילו צווישן שכנים. לאַפּעזן פאַרדריסט עס, אָבער ער שרײַט אָן אויף זיך: „ווער באַ־דאַרף זי?״ — ער שאָקלט זיך אָפּ קלאָמפּערשט פון דער דאָזיקער, כאָטש אין אמתן דריגעט אים דער פאַנג פון דעם יונג. „אַ געשמאַקע נקבה די אָ,

דאָס שטיק מיסטן!" דער זאַטער שלאָף פונעם יונג רײַסט פון דעסטוועגן זײַן הויט, אונטערן תּירוץ הלמאַי ער רעכנט זיך נישט מיט לײַטן, ער היט זיך נישט געגנוג, דער בחור, לאָזט זיך שלעפּן אין בלאָטע אַרײַן פון אַ צעלאָזענער.

פּאָר טאָגס, ווען אומעטום האָט עס די מענטשן אַרויסגעוואָרפן פון די געלעגערס, האָט לאָפּעז שוין געהאַט אָפּגעטאָן אַ וועלט מיט אַרבעט.

מיטן נײַעם גוטמאָרגן האָבן לײַט שוין געקראָגן אין קראָם אויפן ראָג גאָס פריש געבעקס, אין בײַטלען אײַנגעוויגענעם צוקער, קאַווע, קאַשע, גרויפּן, אַרבעס.

לאָפּעזן האָט געטראָגן דער עול פאַר דער קלייט, ס׳האָט אים געטריבן דער כוח פון די אָנפליסנדיקע פּעזעס און די מענטשן זענען געווען צו־פרידן פון זײַן פלייס: שטענדיק קען מען אָנקלאַפּן צום קרעמער, שטענ־דיק עפנט זיך זײַן טיר, אַפילו ווען זי איז צוגעשפּאַרט. זי איז קיין מאָל נישט פאַרמאַכט, די קראָם פון ראָג כּואַן גאָנסאַלעס.

צוגעוווינט זיך פון לאַנג צום געוועלב, האָט די קונים נישט געחידושט ס׳פאַרבלאָסטע אויסזען פונעם געוועלבניק, צי די בולטע צערודערטקייט פון זײַנעם אַ ברודער. איטלעכער האָט באַקומען ס׳זײַניקע באַגלײַך מיט אַ שמייכעלע, מיט אַ „שיינעם דאַנק" און דער קונה האָט זיך גיך אָפּגעט־טראָגן. נאָר אויפדערנאַכט איז פאַראַן מער געמיט זיך אַרומצוזען אין קראָם און די קונים גייט דעמאָלט לרוב אַנטקעגן דאָס גנאָדיקע וואָרט פונעם קלייטניק: „ווי גייט עס, סעניאָראַ?" און טאַקע זײַן דינסטגרייטע מינע.

— צוקער? שוין גיב איך אײַך צוקער!

— אַ פלאַש עסיק אויכעט? מיטן שענסטן פאַרגעניגן. וואָס נאָך? פאַר אײַך — אַלץ! — און די וואָנצעלעך האָבן זיך אַ פאַרהייב געטאָן.

ס׳געדענקט זיך שוין נישט ווי לאַנג די קלייט אויפן ראָג שטייט אָפן פּאָר זייערטוועגן. ס׳אַ געוועלב מיט געוועלבער גלײַך, און דאָך מער, ווײַל פאַרפּלאָנצט האָט זיך דאָ די קראָם מיט אַ היימישקייט צו דער געגנט, ווו זי איז איינציק. אַוודאי, יעדער קרעמער וואָס וויל לייזן, איז פרײַנדלעך צום אַרײַנקומער. אָבער די אַ זענען מער ווי קרעמערס, ס׳גוטע שכנים. מ׳גייט נישט דורך די גאָס, אַז מ׳זאָל נישט אַ קוק טאָן צו דער קלייט. שוין יאָרצענדליגגער אַזוי און זיי האָבן זיך אַרײַנגעפליישט דאָ, די ברי־דער פון דער קראָם. און מ׳איז געוווינט אַפילו מיט זייער אַלטבחורישקייט. מ׳וווּנדערט זיך שוין נישט אויף דעם. אַדרבא, עס וואָלט געווען אַ חידוש

אויב ס׳זאָל זײַן אַנדערש, זיי זאָלן זיך פּלוצלינג צעשפּרייטן מיט ווײַבער און קינדער. אומעטום אין די שפּײַזקראָמען ווערט מע טאַקע באַדינט פון אַ מאַן, אַ ווײַב און אַ מאָל אויך פון קינדער; אין קלייטן שטייען גאַנצע משפּחות אין רשות פון קונה — אויפן ראָג כּוען גאָנסאַלעס און גאַרסיאַ דעל רעי ווערט מע באַהאַנדלט נאָר פון די מאַנצבילן. אַ סך ווייסן נישט צו מאָל ווי זיי רופן זיך, די קרעמערס צו וועלכע זיי ווענדן זיך טאָג־איין, טאָג־אויס. סעניאָר, איר׳ט אַזוי גוט זײַן, און די דרך־ארצדיקייט וואָס אַ מאַנצבילשע באַהאַנדלונג רופט אַרויס, דערמאָנט טייל מאָל אין אַ יחסנדיקער אַפּטייק. אַ מין אײדלקייט האָט זיך אַרײַנגעקליבן צו זיי (טוט שטיל הנאה) און די מענטשן האָבן זיך צוגעוווינט דערצו. אַ מאָל פלעגט מע די קלייטניקעס רופן ווערדליק זייערע יאָרן; דער עלטסטער, דער יינגערער — סעניאָר פּאַטראָן, סעניאָר כאָוועז.* אויף דער שילד האָט מען אַפילו נישט באַמערקט די פּשטותדיקע אויפשריפט: „שפּײַזקראָם פון די פיר ברידער". וועמען גייט עס אָן? אפנים, די צײַט האָט שטאַרקער ווי אַלץ אָפּגעחתמעט די ברידער און די קונים האָבן גענומען זיי רופן גאַנץ אַנדערש, לפּחות צווישן זיך:

באַראָכאַ דער גראָער,
באַראָכאַ דער נידעריקער,
באַראָכאַ דער קאַסיר,
באַראָכאַ וואָס שדכנט זיך.

קלאָר — לײַט בענקען נאָך אַ רכילותל. פון לאַנגווײַל וואָס טרעט דעם מענטש אויף די הינעראויגן פון דער סאַמע נשמה, ציט עס אים צו קאַטאָוועסן, האָט מע זיך אויך דאָ אָנגעכאַפּט אין אַן עפּעס. די באַראָכאַס זענען אַ גוטע געלעגנהײַט דערצו. פרוּיען קריכן שוין אויף יענער זײַט ווענטל פון קראָם. דער עיקרשט צום קאַליקע גייען די ווײַבער־געסט, זיי כאַפּן זיך אַרײַן צו אים און פון אַריבערן ווענטל הערט זיך אַ שושקערײַ, אַ מאָל אַ געלעכטער. פּאָר נײַס־זוכערס איז אַפילו געוואָרן אויפפאַלנדיק: דער קאַליקע ווײַזט זיך שוין אין גאַנצן נישט אַרײַן אין קלייט. כי־כיכי, ער זיצט נישט ליידיק. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט צוגעטראַכט אַ מאָדנעם גראַמאַפאָן, וואָס מ׳דאַרף נישט אָנדרייען; מער נייגעריקע האָבן געפּלאַמט, געלאָזט לויפן די פאַנטאַזיע: „ער׳ט זיך מערער אויסטאַרען,

---

* הער באַלעבאָס, יונגער הער

דער קאַליקע, ר׳עט זיך פאַרשדכענען. ער שעמט זיך נישט צו זוכן״... טייל האָבן להכעיסדיק גענומען שוין אָפּמאָלן ס׳אויסזען פון לויסן וואָס באַהאַלט זיך אויס פאַר מענטשן און דאַך קלײַבט ער זיך צו פּרוּוון חתונה־האָבן מיט אַ מענטשיכע. האָ, האָהאָאָאָ.. און ר׳איז גראָב געוואָרן ווי אַ העלפאַנט. פאַרקערט, וואַרפט אַרײַן עמעצער, איך האָב געהערט אַז ער איז איידעלער געוואָרן, דער ברודער פון געוועלבניק וואָס קען זיך נישט אַרײַנרירן אין געוועלב. אַ כיטרע פּרויעלע האָט דערויף געפרעגט: „אַזוי גאָר?״ און בעת מעשה האָט זי גופא געקלערט ווי אַזוי זיך אַרײַנצובאַקומען אַהינצו. און גייט אַרײַן צום קאַליקע אַזאַ גאַסטיכע, ווײַזט זי זיך נישט צוריק אַזוי גיך. „ס׳איז אומעטיק דעם יונגן מאַן״, ווילט מע זיך שוין.

*

ס׳איז וואָר: די ברידער פון קראָם זענען שוין נישט יונג. לאַפּעז איז שוין אין גאַנצן גראָ, פאַרשטויבט פון זיקנה. אויך קאַרמעלאַ איז אײַנגעמעליקט פון די יאָרעלעך וואָס וואַליען זיך אָן אויפן קאָפּ, אויף דער הויט און לעשן די אויגן; מאַריאַנאַ האַלט זיך שטײַפלעך — ער הייבט זיך געשווינד איבער דער לייטער צו די פּאָליצעס. אים איז שוין אָנפאַרטרויט די קאַסע. ער איז עס דער, וואָס חשבונט צונויף די קניות, נעמט דאָס געלט פון קונה. זײַן מוח איז רירעוודיק. לאַפּעז ווײַזט זיך מיד, ער קען זיך טועה זײַן בײַם געלט, — האָט אָפּגעפּסקנט קאַרמעלאַ, כאָטש אויך אים קען מע נישט אָנגעטרויען אַזאַ וויכטיקייט, ווי באַרעכענען וואָס עמעץ נעמט. ווידער דער קאַליקע הינטערן ווענטל היט דאָס אָפּגעשפּאָרטע, ער ציילט עס באַהאַלטענערהייט און ר׳ווערט פעט מחמת ער זיצט שטענדיק באַנעזאַמעט, באַוועגט זיך וואָס אַ מאָל ווייניקער. רק ער קאָכט די טעפּ, לאָזט זיך הערן מיטן פּאַטעפאָן וואָס גאָרגלט זיך אָפּט, צו אים שדכענען זיך נאָך איבערגעצײַטיקטע פרײַלנס, נישט יונגע אלמנות וואָס צירן זיך אין בלישטשנדיקע אויערינגען און באַוואָרן קלאָמפּערשטע יונגשאַפט אין געקרײַזלטע ריידעלעך, אין אַ היפּנדיק גענגל. לויסן וואָס האָט באמת אָפּגעשפּאָרט אַן אָנגעגאָסענעם בויך, געפעלן אַלע קליידלדיקע, וועלכע באַווײַזן אים פרײַנדלעכקייט; איבערגעלאָפענע לאַכן זײַנע אויגן, ווען אַזאַ גיט אים אַ כאַפּעדיקן גלעט. ער רייטלט זיך און ווערט ממש געליימט ווען אַ גלאַטינק פּיסקל גיט אָנצוהערעניש, אַז ס׳איז אַ שאָד וואָס ער פּטרט ס׳לעבן אין איינזאַמקייט. נישקשה, ער מעג זיך דערלויבן אַ קאָפּ פרייד,

כ׳מיינט — פּרויען־גליק. זעסט דען נישט, קלייניניקער, וואָס ס׳טוט זיך פֿאַר דײַן נאָז? די וועלט איז נישט משוגע, אויב זי פֿירט דעם מאַן צו דער פֿרוי! ששאַ, שש, וועסט זען, אויך דײַנע ברידערלעך וועלן זיך נאָך מיישב זײַן. וואָס פֿעלט זיי דען? די קלייט קען קלעקן פֿאַר מערערע משפּחות. זייסער, נעענטער איז דערגאַנגען צו זײַן האַרץ פּלאָרעסיטאַ, די וואָס שטאַמט פֿון קאָריענטעס. שוין יאָרן ווי זי זוכט אין שטאָט תכלית, אָבער ס׳גייט נישט ווי געוואָלט. אַלע מאָל לײַדט זי דורכפֿאַלן מיט „אירע קאַנדידאַטן“. לויסן זאָגט זי שוין צו אייביקע געטרײַשאַפֿט, שטענדיק צו זײַן בײַ זײַן זײַט. „אָבער איך בין אַזאַ, ציטערן זײַנע וויִעס און די שטים פֿיבערט יינגליש — אַן אומגליק ט׳געטראָפֿן מיר מיט אַ פֿוס“. אדרבא, נאָר זײַן פֿײַנקייט שאַצט פּלאָרעסיטאַ. זי ברעקלט זיך נישט מיט זײַן מום, טענהט זי. ס׳איז אַ צרה פֿון בלינדן גורל, וואָס מאַכט ערשט ער זאָל זײַן ראוי אמתדיק גליק. „איך וועל דיר ברענגען גליק, טײַערער!“ אַ ווײַבספֿאַרשוין מיט געניטקייט, ציט עס איר צו ווערן אַ באַלעבאָסטע פֿאַר־זיך, זי חלשט צו האָבן אַ מאַן אַ שטענדיקן, צו רייניקן די דילן אין אַן אייגן הויז, וואַשן וועש פֿאַר אייגענע. אין אמתן איז איר נמאס די וואַקלדיקייט פֿון די תמיד זײַטיקע מאַנסלײַט, מיט וועלכע זי פֿאַרברענגט הײַנט דאָ, מאָרגן דאָרט. די וואָר וואַרגט זי צו צום טאַמע לעצט. אַלץ אין איר קלאָגט שוין: אַ פֿויגל אין דער אָרעמסטער נעסט איז זיכערער ווי דער ווינטפֿויגל: אַזעלכן שמײַסט תמיד די קעלט. אַזוי איז מיט איר. זי׳ט נישט אַוועק פֿון דעם לויס. זאָל זײַן באָדאַי אַ קאַליקע, אַבי אויף אַן אָרט. וואָרן קיין שום „ער“ טוליעט זי נישט אײַן אין זײַנע פֿליגל, ר׳באַפֿאַלט זי נאָר מיט זײַן הונגער. „אַ גוטע שוועסטער וועל איך דיר זײַן, יינגל“.

לויסיטאָ, וועלכן זי האָט אָט אָ אַרײַנגעקראָגן אין אירע קאָרבן, איז אַקוראַט אין דער עלטער, ווען ליבע איז שוין נישט דער עיקר; מער פֿעלט אים צערטלעכקייט, זאָרג פֿאַר זײַנעטוועגן. אין אָנבליק פֿון דער ליבינקער האָט אין אים דערוואַכט אַזאַ מטושטשער באַוווסטזײַן. אַ וואַרעמער אָנשפּאַר איז די האַרבסטע גאַרזנג אין די פֿאַרבליטע יאָרן. — ווי וועט טאַקע זײַן מיט איר שפּעטער? „איינער אַליין איז שוואַך דער שטאַרקסטער, דערצו — ער! ער איז קרענקלעך. ער מוז האָבן עמעצן. אַ פֿרוי איז צום פּאַסיקסטן. פּלאָראַ איז אַ גוטע“. אָפּגעגעבן זיך דעם דאָזיקן געדאַנק, האָט ער שוין יעדן טאָג געוואַרט אויף איר קומען. געדיכט געפּאַרבט אירע קײַלעכדיקע באַקן, פּאַרפּומירט דער האַלדז, דעם דעקאַלט, און רירט זי זיך צו צו

לויסיטאָ, פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ. פון דערוועקטן באַגער צו איר נעמט ער שטאַמלען. איין מאָל צוגעפאַלן צום קאַליקע, האָט פלאָרעסיטאַ שוין אין אים אַרײַנגערעדט אָן אַ סוף, געלאַשטשעט, כיטרע אָנגעשפּילט אים, ער זאָל זיך וואַרפן זי צערטלען. ער איז געוואָרן גוואַלדאָוונע גיריק צו דעם. שוויס איז אַרויס אויף זײַן פּנים; ער׳ט זיך געדריקט צו איר, געטוליעט זי צו זיך און זי איז געוואָרן ווייליק.

— איך געפעל דיר, יינגל?

— דו ביסט דער טרוים פון איעדן מאַן. כ׳מיין, קענסט זייער, זייער געפעלן, פלאָרעסיטאַ טײַערע, אויב נישט צו זײַן באַשיידן. איך האָב זיך לאַנג געשעמט דיר דאָס צו זאָגן.

זיך צערעדט, לסוף „דערקלערט זיך איר" און זי׳ט זיך געוואָרפן אים אויסקושן די באַקן, דעם גוידער, וואָס ער האָט אָנגעלעבט זיצנדיק אין לאַנגן וואַרטן אויף דעם אַ גליק.

— ס׳גוט, לויסיטאָ? — האָט זי אין מיטן דערינען נישט פאַרגעסן אים צו פרעגן. ער איז געווען פאַרכליניעט, פאַרמאַכט די אויגן ווי געטראָפן פון אַ צו שאַרפער שײַן. לויס האָט זיך געבויגן פאַר איר, ממש געטריפט אין לעכצונג. סוף כל סוף האָט דער יינגסטער באַראָכאַ דערפאַר זיך געלאָזט איבערדברן: ער׳ט אַרויסגעקראָגן פון זיך לשון אַקעגן די ברידער.

— אַזאַ ווי ער טאָר נישט בלײַבן איינזאַם, — האָט ער שוין גערעדט צום עלטסטן מיט פלאַטערנדיקע רייד. אמת, סע מאָנט דאָס דער גראָדער שכל, — ט׳ער געזאָגט. נו, באַנעם: עמעצער מוז מיר העלפן. נישט אייביק קען איך זײַן דער ווײַבפאַרשוין פון מאַנצבילשן הויז, — האָט ער באַלד גענומען טרערן. — פלאָראַ קען עס גרייטלעך זײַן, פאַרשטייסט? זי וועט וועלן. ער מעג עס הערן, לאָפעז; אַלע קענען עס וויסן: אויך זײַן האַרץ קען זיך נישט אָפּזאָגן פון איר. דאָס איז אַ גרויסער אמת. דער עיקר — זי וועט זײַן אַן אייגענע וואָס איז נייטיק אונדז אַלעמען. דו ווייסט דאָך, לאָפעז, ווי שווער עס איז פאַר אונדז בײַצוקומען אַלע באַדאַרפטיקייטן פון אַ הויז... בלויז מאַנסלײַט. מיט אַ פרוי איז אַנדערש.

מיט אַ מאָל אָנגעהויבן בעבען אַזוי, ווען לאָפעז האָט זיך צוגעזעצט צו אים אין קאַמער וואָס הינטער דער קראָם. זײַן ברוסט איז איבערגעגאַנגען, שיער־שיער נישט צעוויינט זיך אויפן הויכן קול, דער יינגסטער. אָפּגערעדט און זיך פאַרלוירן אין אַ צאַפּלדיקן שווײַגן. ברודער אויף ברודער האָט דערנאָך זיך נישט דערוועגט אויפצוהייבן דעם בליק.

— מיינסט, ווייל איך פרעגן, חתונה האָבן? — האָט דער באַיאָרטער ברודער גערעדט אין שטויגען און אומגעריכט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן דעם קאַליקע.

— יאָ, ברודער.

דאָ האָט לויס שוין אַרויסגעפּלאַצט מיט אײַנגעהאַלטענער ענערגיע און זײַנע אויגן האָבן אומגעריכט זיך צעפלאַקערט. — טאָרסט נישט זײַן קעגן, — אָבער ר'האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן מיט אַ שטראָם געשריי וואָס'ט אָנגעדרענגט אויף אים — ס'וועט אַלעמען זײַן לײַכטער. פלאָראַ וועט העלפן, —ט'ער דערפאַר זיך געשטיקט מיטן קול— אין אַלץ העלפן, און טרערן האָבן פאַרגאָסן דאָס פּנים פון פלוצלינגן חתן־בחורעץ.

פון אויפגעוועקטן נייגיר צו דער פרוי, וואָס זאָל אַרײַן צווישן זיי אַלע, האָט דער פאַרעלטערטער לאָפּעז זיך מאָדנע אַ בוק געטאָן צום שאַרפן רצון פונעם יינגסטן. „ווי אַזוי וועט עס זײַן?" — און בינו לבינו געפּרוווט מאַכן אַ סדר אין דעם אָנגעיאָזשעטן געדאַנק, געביסן אַ ליפּ. ניין, ער האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן זיך אַליין. דערצו איז דער אָ צוגעשטאַנען מיט פאַרעקשנטן וואַרטן, מיט אַן אומאַרויסגערעדטער צעפלאַמטקייט. אויף אַ רעכטן אמת איז עס טשיקאַווע: גוטע זופּן וואָלט געקאָכט אַזאַ, טאָרטן געבאַקט אויף יום־טוב, פריילעכע פײַערן אויפגעבראַכט צו בראָטן פליישן. ס'וואָר, מ'באַדאַרף זיך אָפּנעמען פאַר פאַרגאַנגענס! דאָס געפיל האָט גענומען בריען לאָפּעזן — אַז גערעכט, מ'באַדאַרף אָפּראַטעווען פאַרלוירנס, אויב ס'לאָזט זיך. ערשט זעט עס זיך: אַ סך פאַרלוירן. דעם צעטומלטן, איבערגעשטאַנענעם קאָרדאָבער יונג האָט בעת־מעשה גיילעך זיך אויסגעוויזן אַז איצטער האָט ער גאָר פאָטעריש ליב דעם יינגסטן פון באַראָכאַ־שבט וואָס קומט פון דער אָפּגעמעקטער היים, מ'ערער ליב מחמת זײַן צעקאַליעטשעטן גוף; אַ שוואַכקייט אַזאַ פון אַ זקן וואָס זעט אין זײַן פאַרגיי דאָס וואָרסטע ליכט פונעם קינד וואָס שטײַגט ערשט אַרויף אויפן בוים פון וואַקסן, אײַנוואָרצלען זיך. ס'איז געווען אַן אומדערקלערלעכער איבעררוף אין אים מיט יענער צוזאָגנדער וואַרעמקייט וואָס שפּראָצט אין דעם מענטשנס פאַרבאָרגנקייט, וועלכע לאָזט וויסן פון זיך נאָר אין דער ענגעניש פון דער נשמה — — אָקערשט האָט זיך געוואָלט איבערחשבונען אַלץ וואָס געלאָזן הינטער זיך מיט די צעטראָטענע יאָרן, אָבער דער געדאַנק האָט דאָס דאָזיקע געפיל נישט אויסגעטראָגן.

ר׳האָט זיך אויפגעשטעלט, דער עלטסטער באַראָכאַ, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף לויִסעס אַקסל:

— מ׳באַדאַרף, יינגל, איבעררײדן דאָס מיט די לײַט. פֿאַרשטײ: מ׳איז בײַנאַנד, טאָר מע נישט אַנדערש. מיט אַלץ מוז מע זײַן אײניק. דורכ־שמועסן זיך איז דער וועג. באַנומען? — און דערויף נאָך אַ פילזאָגנדיקן ווונק געטאָן מיט די אויגן, מיטן גאַנצן פּנים.

...איז עס אַ שותפות צווישן זיי? נישט לאָפּעז האָט ביז איצט גע־טראַכט דערפון, מסתמא אויך נישט קיין אַנדערער ברודער. במשך די אַלע יאָרן פון זייער צוזאַמענזײַן האָט מע גענומען פון קראָם אַלץ וואָס גענייטיק און אויך אַ סך וואָס נישט באַדאַרפט. געטריבן פון געוווינט־שאַפטן האָבן זיי יעדן טאָג אָנגעהויבן מיט דער קלייט און פאַרענדיקט דעם טאָג מיט דער קלייט אונטער די פינצטערנדיקע טירשויבן. תמיד זע־נען זיי געווען אַליין און נישט אַליין, ווײַל קונים האָבן שטענדיק אַרײַנ־געערדט אין זייערע געדאַנקען, געשטויסן זיך אויף זייערע שטימונגען. ס׳לעבן איז געקומען דורך דער טיר פון קראָם וואָס אויפן ראָג, פון דאַנעט האָט זייער לעבן אַרויסגעבליקט אין דער אומבאַוווּסטקייט, מיט בלינדע פינגער געטאַפּט דעם וועג וואָס האָט קלאָמפּערשט אַנטקעגנגעלויכטן, עפּעס געזאָגט, גערופן.

— עס גייט דער מענטש אויף דער ערד און ר׳מוז געדענקען נישט עפּעס אויסצוקרימען, — האָט לאָפּעז שפּעטער געטײַטשט די גאָרע אומ־דערקלערלעכקייט, ווען ער׳ט נישט געהאַט צו זאָגן געגנויס דעם חולהוואַטן ברודער. ס׳איז געווען דער זאָג דעם טאַטן אַנטאָניאָס, ווען ער פלעגט זיך לאָזן מיטן זון אין די בערג זוכן חיונה מיט דער ביקס. — אַ וועג איז אַ וועג, מ׳מוז אים פאַר זיך נאָר ריכטיק אָפּזוכן. זייער וועג איז אָקערשט אָזאַ...

15

און אין אַ חגא־טאָג נאָכן מיטאָגמאָל האָבן די ברידער זאַלבעפערט גענומען „די זאַך" אויף ישוב־הדעת:

— אַ ווײַבל איז הויז אַרײַנבנעמען, צי...?

עמעץ האָט אָנגעהויבן נעפּלדיק שטאַמלען דערפון, וואָס דער „אַל־טער" האָט ערשט אַרויסגעבראַכט. אָבער דער עמעץ האָט באַלד אַראָפּגעלאָזן דעם שטערן, באַהאַלטן דעם בליק.

— אָדער אפשר זאָל מען אויסשפּרייטן די הײם, אָפּזונדערן זיך, יע־דער זאָל אַוועק אײנער אַלײן — פאַר זיך? ריכטיק, אַזאַ אויסשפּרייטן מײנט צעדריבלען אַלץ וואָס צונויפגעזאַמלט בײַנאַנד.

— און מעגלעך, אפשר וועט טאַקע זײַן בעסער זיך צונויפרעכענען, פרידלעך זיך פונאַנדערגײן: דאָ איך, דאָרט — דו, ווײַל אַזוי ווי אָקערשט געמײנט, קען נישט טויגן!

— יאָ, מ׳מוז וועגן ־ מעסטן אײדער מ׳לאָזט זיך אויף אַן אומבאַוווּס־טער סטעזשקע. אַן אומבאַקאַנטע סטעזשקע קען פאַרפירן. דערמאָן זיך, דער טאַטע פלעגט וואָרענען: אַ פרעמדן וועג מוז מען צו ערשט גוט אויסוואָפן. אַ חיה קען אַרויסשפּרינגען פון אַ באַרג־שפּאַלט, פון אַ פאַר־הוילענער יאַמע. און חיות האָבן זשעדנע צײנער — — אָט האָט מאַריאַנאַ זיך געלאָזט הערן מ׳ט ענערגיע און קאַרמעלאַ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ צעוואַקלטער:

— אָבער ס׳איך אמת אַז זיצן אַזוי ווי ביז הײַנט קען מע נישט שטענדיק, — און דער עלטסטער האָט זיך שוין געדרייט אויפן זיץ, גע־קוקט דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם.

אַלע ברידער האָבן אָנגעשפּיצטע, נײַגיריקע געוואָלט הערן מער, קלאָרער דערווישן דעם מיין וואָס הינטער די רייד, אַקוראַט אין אַרויסגעזאָגטן איז נאָך פאַרהוילן אַן אַנטפּלעקונג אַזאַ וואָס וועט סוף־סוף איבעראַשן. אָבער דאָס קווענקלעניש בײַ לאָפעזן גופא איז תיכף געוואָרן אַ גוואַלדיקס. ער האָט זיך אַזש גענומען שטיקן מיט די רייד, געפינטלט מיט די אויגן, ס׳האָבן געצוקט זײַנע באַקן. לאָפעזס קול האָט געטונקלט, רגעווײַז זיך געשפּאָלטן געוואָרפן פונקען אַזוי ווי פון אַ שווערן רויך: — — אָדער אַ פּרויענצימער אַרײַננעמען אין דער מאַנצבילשער מישפּחה אַז די באַראָכאַ־גאַנצקייט זאָל ווערן אויס, צעריסן, אָדער ס׳מישפּחהדיקע צווישן אונדז זאָל ווי ביז איצט געדייען ביזן סוף. מ׳דאַרף גוט באַקלערן. ס׳איז אַקוראַט ווי די לבנה אין איר מנוחה. שאַ, זאָגט דאָס שטילע ליכט, נישט שטער און וועסט אײַנשלאָפן אין מידקייט פון אַלע דײַנע געלוסטן. דערווײַל אָבער... אײַערער אַ לײבלעכער רופט!

לאָפעז האָט גערעדט מיט אומעט און קאַרמעלאָ האָט דערווידערט: — אַזוי ווי ערשט אַצינד, זאָל זײַן ביזן סוף. ווער וועט זיך אַרײַנלאָזן אין אַזאַ אַוואַנטורע? גענוג, מירן מער נישט טראַכטן דערפון!

ס׳איז געווען גרויס די סיבה פאַר אָט דער שרעק: לאַנגע בחורישע

יאָרן געווען אויף אַליינאויסקום און דאָ מיט אַ מאָל! אָבער לאָפּעזס געדאַנק האָט געברענט פון דעם אָנזאָג וואָס דער ייִנגסטער האָט אין אים אַרײַנגעבלאָזן: אַן אָנלען פאַר אַלעמען וועט זײַן די פּלאָרעסיטאַ, אַ הילף פאַר מיר, פאַר דיר, פאַרן הויז באַראָכאַ. און ער׳ט דאָס ציטעריק פאַרבאָרגן אין זיך. ס׳וואָר, אַזוי פויל אײַנדרימלען גלוסט זיך נישט. אַ לויערנדיקע אומגעזעטיקטקייט וואַכט באמת אין די בלוטן, ס׳נאָגט, זאָל עס בלײַבן אַ סוד. ריכטיק: דערפון האָט ער נאָך פריִער געאָנט עפּעס דראָענדיקס. ס׳האָט אים דורכגעשפּיזלט דער ע ר ב פון לויִסעס כעס־אויסבראָך, אויב ער וועט וועלן לפנים באַשטרייטן זײַן באַגער צו דער געקומענער; אויב פאַרקערט, איז ער עלול צו דערצערענען די אַנדערע. אָט שטעכן זיי אים דורך מיט די בליקן. שטאַרק נערוועזיש געוואָרן דער בעל־מום. באַלד ליאַרעמט ער, קריגט זיך. „שווײַג! דו שווײַג, איך וועל שוין״, — האָט ער זיך געבעטן בײַם קאַליקע וואָס האָט זיך אַלע מאָל אַ באַוועג געטאָן, מסתמא געוואָלט זיך אַרויסזאָגן, לאָזן וויסן וואָס ער קלערט. אָ, די געפילן צו דער דאָזיקער, וועלן זיי אויסמאַטערן און אים, לאָפּעזן, האָט ווי הינטערווײַלעכטס גענומען בויערן: „אַ חברהמאַן דאָס איז! נישט גערעכט צו זײַן אײנער קעגן אַ סך! נאָר באַקוועמטקייט זוכט ער זיך. ר׳זיצט, עסט און שפּילט מוזיקע. ערשט האַלט עס, אַז ר׳זאָל באַצווינגען אַלעמען זיי זאָלן פאַרשפּילן זײַן לאַנגווײַליקייט. אָבער ר׳האָט זיך גיך צעקווענקלט אין געדאַנק: אוּך, אפשר איז ער דאָך גערעכט? און אַז יענע וועלן זיך קעגנשטעלן? וואָרט —כאַפּט ער זיך— ער׳ט אַ תירוץ פאַר זײַן טענה אויף יאָ. לאָמיר נאָכקומען דעם ייִנגל. ער איז דאָס שלאָס וואָס פאַרזיכערט די פולקייט פון דעם ברעקל היים. לויִס היט די קלייט, ר׳איז אַלעמען געטרײַ. לאָמיר פאַרקוקן זײַן קאַפּריזנעקייט. ס׳איז עקשנות? זאָל זײַן עקשנות, אָבער אַ באַרעכטיקטע. אַלע צעלויפן מיר זיך פון דער היים, ער זיצט תמיד אַ געבונדענער. מ׳מוז געדענקען אַז אַ פאַרצויגענע קרענק גייט פוסטריט מיט שאַרפער אײַנגעשפאַרטקייט. לאָמיר לויִסן דערלאַנגען הילף, נו, אַ העלפּערקע וואָס וועט אַלעמען זײַן אַ פּאָדפּאָרע.

— אַן אַדוואָקאַט זיך אויסגעבריט פון דיר, לאָפּעז קאָרדאָבעזער. אַ שאָד וואָס דו׳סט נישט אַוועק אין די שקאָלעס, —האָט קאַרמעלאָ געגעבן לשון— ווילסט דווקא אונדז אײַנשלײַערן אַ משא וואָס מירן מוזן שלעפּן און אפשר נאָך אָפּגעבן מיט דער גרינער גאַל. האָ, האָ, אונדז וועסטו נישט אײַנשמועסן קיין פייגעלעך אויפן צעפוילטן דאַך. ווערעם וועסטו יאָ גע־

פינען אונטערן פוילעץ. און מאַריאַנאַ האָט נישט געלאָזט פאַרדושען דאָס פײַער וואָס דער ברודער האָט אויפגעלעבט אין געזעמל:

— אַ ווײַב האָט זיך אים צוגעחלומט, דעם יינגל בײַם פּאַטעפאָן. ערשט זעט זיך, נישט אומזיסט איז די קוואָקע געקראָכן הינטערן ווענטל אַרונטער, געגראָבן מיטן פיסל, געשליפּט דעם שנאָבל: קאָ־קקאָאָאָ, כ׳בין דאָאָאָ! זי איז דערגאַנגען דווקא צו אים. גענומען דעם צעקראָכענעם, באַשײַמפּערלעך מיט הייסע צײַנדלעך גענומען — —

אַרײַנגעטראַכט זיך אין לאַנגן געשמועס, דער עלטסטער באַראַכאַ און ווידער אַ צעשלאָבערטער דערקענט זיך גופא אין אָנבליק פון דער פרוי, וואָס גנבעט זיך נאָכטיש צום שײַער, צינדט ס׳מאַנצבילשע בלוט. ער׳ט זיך אַפילו דערמאָנט: אַזאַ איז עס מסוגל. רק זי זוכט ריכטיק באַמאַנט צו ווערן. אַ זשעדנענקע שלײַכט זי זיך אויף די שפּיץ־פינגער, זעט נישט די מאַטקייט פון דעם ער. נישטאָ קיין אַלטקייט פאַר אַזעלכע, אַבי אַ מאַן. רק זי איז הונגעריק אויף טוליען זיך, וויל אויך צוגעטוליעט ווערן, זע־טיקן אַ פײַערדיקן הונגער. פאַר דאָס זאָגט זי צו אַלע צוזאָגן פון ליב־שאַפט. זי׳ט אָן וואַקלעניש שווערן ליבע.

גיי, דו׳סט זיך קענען ראַנגלען מיטן ציִעניש פון שלאָף וואָס באַפאַלט דיך מיט אַ פּלוצלינגקייט וואָס טרעט נישט אָפּ? סע טרעפט אַזוינס, — האָט לאָפּעז ווידער אַ מאָל זיך געווענדט צו איינעם און צו אַ צווייטן פון די ברידער. באַנעמסט? ס׳בלויז אַ געמעל — דער שלאָף: די פיס זענען מיד, ווערט אויך דער קאָפּ שווער. דער קלענסטער צווישן אונדז איז אַ פאַרליטענער, לעסטיק פאַר זיך אַליין. ר׳איז דאָך אַ לײַבלעכער, איז דערפאַר...

אַ פאַרהוילן אָדערל האָט אומגעריכט זיך צעפּישטשעט אין דעם עלטסטן. מיט טעג פריִער, פאַרן משפּחהדיקן צונויפקום פון אַלע ברידער, האָט אַ שריפה זיך געהאַט צעברענט אין אים, זײַן מאַרך אָנגערירט. אמת, אויך אים איז געפעלן געוואָרן די דאַזיקע. דורך און דורך זי דורכ־געזעעז און זי׳ט זיך אַנטפּלעקט פאַר זײַן מאַנצבילשן דמיון:

פעסטע ליטקעס בײַ דער, אַ שיינע איז זי, אַ קערניקע מיט אַ רי־רעווודיק לײַב אָן אויסגעקנאָטנס. און די אייגעלעך זענען קלוגע: „קענסט זיך אויס אויף אַזוינס? חתונה מאַכן ווילן זיי זי אַלע, כי־כי־כיכי־יייי!״ חוזק און רייץ האָבן אין דעם בליק מבולבל זיך אויסגעמישט.

ענדלעך האָט ער זיך אַנטשלאָסן, לאָפּעז:

— מ׳באַדאַרף, ייִנגלעך, זיך דעצידירן.

געזאָגט האָט ער עס מיט אַ קול אַן אויסגעהוילטס פון דער וואָר, וועלכע גיט דעם מענטש אָנשפּאַר נאָר אינעם כוח וואָס לאָזט זיך אָנטאַפּן אין זיך.

דערויף איז אויסגעבראָכן אַ געכפּלט פּעט געלעכטערל.

— נישט קיין עוולה, —האָט זיך געלאָזט הערן קאַרמעלאָס שטים, אַ דערוואָרגענע פון אויפגערעגטקייט— חתונה האָבן איז אפשר אַ געשמאַקע זאַך, אָבער אויף וועמענס חשבון, ווילט זיך פרעגן? יעדער איינער קען ווערן. אַפילו אין דעם „צו שפּעט״ האָט ער פאַרגעסן, דער מחוצף. — פון אָנ־שטרענג וואָס די רייד האָבן אים געקאָסט, האָט קאַרמעלאָ בינו לבינו דער־שפּירט אַ פייכטקייט אין די אייגענע אויגנווינקלען. נאָך אים האָט גע־רעדט מאַריאַנאָ, גלייך מ׳וואָלט געוואַרט אויף זיין וואָרט; פון זיין קול האָט זיך געטראָגן פאַרביסנקייט:

— אדרבא, זאָל אַ קערנדל פעפער אַריינפאַלן אין דער חבריא. האָסט אַ דאגה, קאַרמעלאָ. אַזאַ קען מאַכן היימלעך. אַ היימישע וועט בעסער אויס־וואַשן די גאַטקעס, אַ ריין העמד ריכטיקער צוגרייטן. גלייכער אַזוי. זאָל זי קומען.

אַ לייכטע צעטומלעניש איז אַריינגעטראָטן צווישן די מאַנצבילן בעתן געדריי פון די מילרעדער פון רייד וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן מיט אַ מאָל, האַסטיק, ווי אַ האָגל. אָ, דערפון האָט ער געדמיונט, דער עלטסטער נאָך איידער ער האָט צנויפגענומען די ייִנגלעך. אַ גוטע גרינטלעכע ענדערונג ׳עט אַריינטרעטן אין דער היים! פריער האָט מען אַזוי פיל גערעדט פון דעם, געקוקט פאַרדעכטיק אויף איינאַנדער, געפּרוווט זיך דערוויסן וואָס יענער וועט טענהן. ס׳איז געווען אַ פחד צו צערודערן דעם מוראַשניק.

קענטיק, מאַריאַנאָס פּלוצלינגער „יאָ״ האָט געפעלט מער ווי אַלץ. ס׳האָט אויסגעזען אַז דער שטורעם האָט זיין פּנים אָפּגעקערט פון דער בחורישער היים. מיט אַ מאָל איז שטיל געוואָרן.

...צו דעם באַרג וויבב, וואָס האָט דערגרייכט אין זייער ענגשאַפּט אַריין, האָט לאָפּעז זיך געהויבן פּאַמעלעך און קוים זיך דערשלעפּט צום נעמלעכן נאָכמיטאָג, ווען אַלע ברידער, שוין געקנייטשטע, אָפּגעריבענע, זענען בײנאַנד אַרומגעזעסן דעם קליינעם טיש.

דעם דאָזיקן זונטיק האָט דאָס פון דעסטוועגן נאָך אויסגעזען צו קומען אומגעריכט, כאָטש מ׳האָט פריִער געוווּסט אַז ס׳וועט פאַלן דער

פסק וועגן דעם צעהודזשעטן ספק: אַרײַנגעמען אַ וויִבל אין זייער מיט אַרײַן, אָדער...? דווקא דער קאַליקע האָט באַוויזן אָנצוקלאַפּן אין זייערע שלײַפן און עס האָט יאַקאָש אָפּגעדונערט. „אַ גוטע באַלעבאָסטע זאָל זי זײַן, אַ געטרײַע שכנה און — ווי אַ שוועסטער".

ער האָט זיך געגרייט דערצו, לאַפּעז, ר'איז געווען געהיט מיט רייד, געטאַפּט דעם דופק: „וואָס 'עט ערשט טענהן דער, יענער? — ער איז אַלץ נאָך נישט אין גאַנצן געווען זיכער מיט זייער דעה. — „חברה, זאָל זיך קיינער נישט באַליידיקן, קיינעם זאָל נישט טרעפן דאָס וואָרט וואָס קען זיך אפשר פאַרטשעפּען", אַזוי האָט ער זיך אײַנגעחזרט, דער עלטסטער. זײַן קווענקלעניש איז נאָך געווען גרויס: ווי אַזוי מאַכט מען אַז די מײַ־לער זאָלן זיך עפענען ערלעך, כעס זאָל ווידער נישט האָבן קיין שליטה?

אָפּגעוויקלט דעם געדאַנק, האָט ער אַלץ נאָך נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך — צוגיין צו איטלעכן, אַ טרייסל טאָן בײַם אַקסל: ה ע ר ס ט? צי ער זאָל אַרויס אויפן דרויסן מחמת אַלץ הינטער אים האָט געבריט? צום סוף איז לאַפּעז געבליבן זיצן מיט אַ טומאַן אין בליק. געקוקט אויף די ברידער און ס'האָט געפּויקט אין אים זייער הויך שווײַגן.

„זע, וואָס פאַר אַ שטומעניש!?" איטלעכן האָט עס אונטערגעהויבן מחמת אומגעדולד.

מחמת אַזאַ אָ מאָדנער, נײַער אומגעריכטקייט האָבן קאַרמעלאָ און מאַ־ריאַנאָ העפטיק זיך געשטרויכלט אין די געדאַנקען, דערנאָך זיך ספּאָטי־קעט אין זייערע רייד:

— אַ וויִבל? הו, הו, ווו וועט זי זיך געפינען? כ'מיין... האָסט נישט געטראַכט אַז ס'איז אַזאַ ענגשאַפט.

אַ יוירונג האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ מאָל. אָבער דער ענטפער האָט זיך געשטיקט אין דער לופט.

שפּעטער האָט דער זעלביקער רעיון זיך געשטעלט פּאָפּערעק:

— אַ נקבה? אי־אי־ייייי, כ'לעבן, — און אויגן האָבן זיך צע־בלישטשעט.

— אַ וויִבל? לאַכסט, לאַפּעז? —האָט איינער איבערגעפרעגט— ווע־מען האָט זיך עס פאַרגלוסט?

שווער געווען צו ענטפערן גלײַך, מיט אַ פעסטן קול. ווער ס'האָט פאַרלוירן זיך אַרומגעקוקט, ווער ס'האָט חשדיק געגישטערט אין פּנים פון דעם עלטסטן.

— אַ ווײַבל זאָל אַרײַנקומען אין הויז, — האָט דער פּרעגער נאָך אַ מאָל אַרויסגעבראַכט און די רייד האָבן קאַלט אָנגעפּליוכעט די געהירן, אָנגעפּולט די אויערן.

לויס, דער חתן־בחור, האָט זיך פאַרשעמט, מיט דער צונג נישט געקענט אַ קיי טאָן.

ס'שווײַגעניש האָט לעפּיש זיך געוויגט אַקעגן לאַפּעזן. יאָ, ווי אַ וואָליע איבערן קאָפּ האָט עס פון ס'נײַ געטראָפן די יונגען: „אַ פרוי אין שטוב אַרײַן? וואָאָאָאָס! שטילערהייט צוגעטראַכט אַ בגידה — —"

און האָט לאַפּעז באַנײַס נישט געהערט קיין קלאָרן ענטפער, איז ער אַרויס מיט רייד אַזוי, גלײַך ער וואָלט אָקערשט זיך געשלעפּט פון אַ זומפּ אַרויס.

— איי, חברה, דערשראָקן זיך? מיר עלטערן זיך, שאַדט נישט אַז אַ באַלעבאָסטע זאָל טאָן אַרום אונדז. עסן איז פאַראַן פאַר אַזוינער. זאָל זי קומען. נישטאָ וואָס זיך צו באַוואָרענען! עס קען דער אָרעמאַן נישט עסן קיין טאָרט? עע, אַבי ס'איז נישט צום פאַרדאַרבן זיך, אַ ווײַבל וועט מאַכן בעסער, מאַנסבלײַט! כ'מיין, מ'קען מסכים זײַן. אַן אייגענע האַנט האָבן אין איר, דעם דיל וועט זי רייניקן, אַ מיטאָג גרייטן און אַוודאי אויך אַ ליד זינגען. נו, זאָל מע שוין הערן אַ וואָרט!

קקי־קכי־ככעעע! בחורישע עלטערע מאַנסלײַט זענען נישט ביד צו קלערן וועגן אַ ווײַב, אַ שטענדיק ווײַב פאַר זיך, בפרט אַז זיי ווערן דערפון געטראָפן מיט אומגעריכטן אימפּעט. די באַראַכאַס האָבן געשטאַמלט, ווען דער עלטסטער האָט זיי בגוואַלד געעפנט די מײַלער. לויס איז געווען אין גאַנצן שטום. מיט אַ מאָל דערשפּירט די ענגשאַפט פון די שותּפותדיקע פיר ווענט און דאָס מחמת דעם בײַזײַן פון די... דאַכט זיך, זיי האָבן שוין עפּעס אַרויסגעפּרעפּלט. אויף לויסן האָט געפלאַקערט די הויט. און האָט שוין אויסגעבראַכן עמעצנס לשון, האָבן די ביידע פאַר אַ מאָל פאַרוואָרפן לאַפּעזן מיט נײַע טענות, מיט באַוואָרענישן און שרעקונג:

— טשע,* ווייסט דען נישט אַז ס'נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ פינפטן בײַ אונדז? ס'נישט קיין קאַראַל**, ווו פון קעלבער קענען ווערן „מאַמעס". האַרטע ווענט דריקן. אַ וועג וו ײַ ט ע ר ווײַזן איר פון דאַנעט!

קאַרמעלאַ האָט זיך אויף אַן אמת צעקאַכט:

---

* דו. ** אַן אַרומצוימונג פאַר בהמות אין דער פּאַמפּאַ.

— זי׳ט זיך פּלאָנטערן, די ליאַרווע, צווישן מאַנצבילן און קיין בלוט אויף שפּילן זיך אין העפלעכקייטן וועט נישט קלעקן, הערסט, לאָפּעז! און דו, פֿאַרדריפּעטער קוליעמאַן, וועסט זיך קענען רוזיק אַרומגיין מיט אַ נקבה, וואָס וועט דאָ אָנטרעטן אויף אַלעמענס פּיס? דערלאַנג אַ וואָרט, מ׳זאָל וויסן וואָס דער אַלטער האָט פֿאַרטראַכט. פֿאַראַן אַ מכה, באַדאַרף מע זי אויסברענען, און נישט דולן זיך אַ מוח מיט איר. וואָס, זשאַבעס אַראָפּגעשלונגען? — האָט ער שאַרף זיך שוין געוואָרפן אויף אַלע.

לויס האָט קאַליקעוואַטע זיך אַ הייב געטאָן, קרימלעך אויפגעשטעלט אַן אַקסל, גלייַך אין פּוס זייַנער וואָלט זיך מאַגיש אויסגעצויגן און דעם צווייטן געלאָזן הענגען אין דער לופטן. ער׳ט זיך אָנגעצונדן און געפּייַערט אויפן גאַנצן גאָרגל — גלייַך קעגן קאַרמעלאָן:

— דו, דו, ווילסט דווקא קוילענען? זאָג, אַז אַלע זאָלן וויסן! מאַכסט זיך נישט זען ווי דייַן ברודער פּגרט, עס בריקען אין אים די געדערעם ווען ער שטעלט אַ טריט. דער בויך איז אָנגעגאָסן פֿון יסורים און איך מוז זיך אָן אויפהער באַוועגן, טוען! די באַלעבאָטים שטעלן אונטער ס׳מויל צום עסן, צום טרינקען און איך טו, כאָטש אַ בראַנד שרפּעט אינעווייניק. אַז עמעצער זאָל מיר פֿאַרגרינגערן די מאַטערניש, גייט דיר נישט אָן.

— צעקלאָגט ער זיך שוין ביז הייזעריקייט און פֿאַלט אוממאַכטיק קאַרמעלאָן אין די אויגן אַרייַן. — דו, דו, — יאָמערט ער אין טרערן — פֿאַרטריקנטער אייזלקאָפּ!

מיט פֿאַרקרימטן פּנים האָט ער ראַפּטעם ווי אַ פּלעדערמויז אין געשוועב שווער זיך געלאָזן אַראָפּ, אַראָפּ און אָט ליגט ער שוין ווי אַ פּינצטערער זאַק.

— לויס, לויסיטאָ, הער נאָר, הער! — האָט לאָפּעז זיך געגעבן אַ כאַפּ אויפן בייז וואָס דאָ געשעט.

ווי אַ קנויל צוקנדיקע קראַמפּן איז דער קאַליקע געבליבן ליגן אויף דער ערד און אויפן פֿאַרדריקטן מויל איז אים אַרויס אַ שוים. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, לאָפּעז, גיך זיך גענומען דרייען אַרום די ברידער וואָס זענען דערשראָקענע געשטאַנען בייַם אַנידערגעזונקענעם.

— וואָס ס׳טו געטאָן, חיה־רעה!

ער האָט זיך צעשטשידעט, דער אַלטער, און געמאַכט זיך אַן אָרט צווישן אַלע, בייז אויסגעמיטן די בליקן פֿון די ברדער.

— טשע, טשע, לויסיטאָ, —האָט דער אַלטער שוין אַנידערגעקניט,

געגומען אַרײַנרעדן אין דעם שטיק חומר — קוק אויף מיר. זעסט מיך? מאַך מיך נישט צום נאַר, טיפש אײנער! שטעל זיך אויף. מ׳וועט זיי נישט שענקען פאַר דעם עגמת־נפש. קאַליע בלוט וועלן זיי אַליין האָבן. דאָכערס וואָס איר זענט! — האָט ער זיך באַלד צעשריגן אויף די גולמדיק אַנטשוויגענע יונגען, וואָס זענען אָקערשט געשטאַנען ווי אָפּגעשמיסענע. אַליין טויגט איר זיך נישט אויס צו אַ ווײַבל, איר פאַרשאָלטענע, און יענעם ווילט איר דערווערגן, ווײַל ער האָט מער שכל. אַ חוצפה! איכל נישט דערלאָזן די חזירײַ, — און שטעלט זיך שוין שטײַף אַקעגן זיי, לויפּט, צעפּראַלט מיט רעש טירן, רופט אין דרויסן אַרויס:

— אַוועקגעפאַלן דער ייִנגסטער מײַנער, ליבע מענטשן! לויִסיטאָ שטאַרבט! — זײַן שטים האָט זיך אײַנגעבראָכן, ווידער צעגאָרגלט זיך אין אַ שלוכץ — דערבאַרעמט אײַך, — און זײַן מאַסקע פינצטערט.

קאַרמעלאָ און מאַריאַנאָ זענען געבליבן כמו אײַנגעקלעמט צווישן דעם געשריי פונעם עלטסטן ברודער און דעם פחדימדיקן געפּאַר פון טויט וואָס נייגט זיך צו צום אַוועקגעפאַלענעם. אַנטקעגן דעם שאַרפן טשאַד וואָס ס׳האָט געשפּרייט דער געטומל און דעם פיבער אָנגעשפּיצטן בליק שטאַרצט דער קאַליקע, שטעלט זיי אויס אַ פּויסט. לויִס איז נאָך געלעגן אומבאַוועגלעך, ס׳פּנים גרין־בלייך, די אויגן פאַרגראָבן אין טויטן־גרויל און זײַנע שטײַפשוואַרצע האָר שטעכן אַדורך די שטילקייט, וואָס ריזלט אַזוי אַז מ׳הערט זי אַרויס פונעם געשריי צו גלײַך מיט אַ צוקעניש.

ס׳איז געוואָרן אַן אָנגעלאַף. זײַנט יאָרצענדלינגער וואָס די בחורישע קרעמערס זיצן אין דעם ברעטערנעם קאַסטן הינטער דער קראָם, איז בײַ זיי נאָך נישט געווען אַזוי פיל מענטשן פאַר אַ מאָל, ווי אין יענעם זונטיק. געניטע אַנטקעגן חלשות־פאַלן האָבן געדריקט די שלייפן בײַם אַוועקגעפאַלענעם, געפּליאַסקעט אים איבער די באַקן, געצויגן בײַ די אויערן, געשטעקט זײַנע הענט אין קאַלטן וואַסער, אַרײַנגעצוווּנגען אַ בלעכערנעם לעפל צווישן לויִסעס פאַרהאַקטע ציין. מ׳האָט אים קוים דערוועקט. צעעפנט די אויגן, שוואַך באַוועגט מיט זיי און אַן אומגעהײַערע לויזקייט האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער זײַן לײַב. ער האָט פון ס׳נײַ פיבערדיק געציטערט. אַרויפגעלייגט אים אויף אַ בעטל, האָט דער קראַנקער אַלע מאָל אויסגעבראָכן מיט אַ באָך טרערן ווי באַלד מ׳איז צו אים צוגעגאַנגען, געפרעגט צי ער וויל עפּעס.

ערשט דעמאָלט האָט מאַריאַנאָ געמאַכט אַ סוף צו אַלע אַמפּערנישן:

— זאָל אַ קערנדל פעפער אַרײַנפאַלן אין דער חבריא. האָסט אַ דאגה, קאַרמעלאָ!

לויִס דער קאַליקע האָט מער שוין נישט באַדאַרפט חלשן.

*

קאַרמעלאָ מיט מאַריאַנאַן וואָס האָבן זיך געפילט שולדיק אין דעם פאַרקומעניש און האָבן קונציק זיך אַרויסגעגליטשט פון דער מהומה, צע־שטערט געוואָרן זיי דער זונטיקדיקער תענוג פון שלאָנדערן זיך אין פאַר נאַכט אַרײַן, אויסצװשנאפן נײַע רייצן פאַר זייערע איבערגעפירטע אַפּעטיטן. צו מיידלעך האָבן זיי נישט געהאַט קיין חשקות, ווײַל ווי אַ צעטעלעפּעט בגד האָט יעדער שוין געטראָגן זײַן קערפּער, שלאַבעריק געוועזן די הויט פון פּנים. בלויז טרינקען שאַרפס איז געווען זייער שוואַכקייט, רעדן עפּטערס ס׳זעלביקע, ווײַל ס׳איז שוין צעפאָרן דער מוח. גיך מיד גע־וואָרן, האָבן זיי באַצײַטנס געטראַכט פון אַהיימגיין, אָבער אַהיימצו אויף כּואַן גאָנסאַלעס האָבן זיי זיך געשלעפּט ערשט שפּעט אויף דער נאַכט. דער שלאָף האָט דעמאָלט שוין געהאַט ווײַט פאַרטראָגן דעם עלטסטן מיטן יינגסטן פון די באַראַכאָס.

— זי׳ט קומען, ליבינקער, זי׳ט זיך באַווײַזן, — האָט לאָפּעז מערערע מאָל איבערגעחזרט פאַרן יינגערן און אַליין געדאַנקלעך געניוכעט צו פלאָראַס געשטאַלט, זי גערופן צו זיך אין פאַרפּרישעטן דמיון. די שווערע מידקייט האָט אים באַלד אײַנגעוויגט מיט אַ זיסער סלינע אין דער קעל: שטאַרקע ליטקעס, גלוסטיקע אַזעלכע בײַ דער שייניקער, הויכע היפטן; אַ פּעטינקע און אַ חנעוודיקע, די קליינע!

— די אומפאַרשעמטע קרימען זיך אויף דער האַרצעדיקער, — האָט דער קוליעוואַטער לויִס קרעכצנדיק שוין אַנטקעגן געזונגען דעם חסד פון לאָפּעזן וואָס זאָגט אים צו די נקבהטשקע ווי אַ מתנה פאַר די יסורים וואָס זענען אים באַשערט געוואָרן. — אַ ווילע, די פלאָרעסיטאַ, זי׳ט קומען, זאַגסטו?

פון דער טוכלער פינצטערניש איז זי צו אים אַרויסגעשווומען מיט ג׳ײַכטנדיקע באַקן; ער האָט פאַרגעסן צו קרעכצן און נאָך אַ מאָל געוואָלט זיך פאַרזיכערן דעם חסד פונעם בעסטן צווישן די אייגענע:

— זי׳ט קומען, זאָגסטו? — און טרערן פון פרייד האָבן געהיים גע־שימערט אין זײַן בליק.

— אויף אַן אמת, יינגל.

לאָפּעז האָט שוין גערעדט מיט האַלב־פאַרשלאָסענע אויגן. אים האָט גראָד זיך אויסגעוויזן אַז עמעץ קלאַפּט אין דער טיר. שטענדיק להוט אויף לייזונג, איז אים איצט געוואָרן נישט ניחא דאָס קומען פון קונים. דעם קליינטניק איז געווען ליבער דער וואַכער חלום וועגן דער פרוי אין דער־נענטערונג. אין אים האָט אויפגעלעבט אַ שטאַרק געאַנטע ציטעריקע לעכצונג. און עס האָבן זיך געוועקט אײַנדרינגלעכע דערמאָנונגען פון אייגענעם מאַנצבילשן אַמאָל. ס'איז זיס די שטאַרקייט פון אַזעלכער און זי קען זײַן אויך מאַמעדיק, — האָט ער זיך געניכטערט און בפירוש גע־שפּירט ווי ער געגעגנט צו פלאָרעסיטאַן. אין טיפנאַכט האָט אַ"ץ זיך צע־פליסטערט אינעם וויאַנעדיקן מאַן.

אין אומגעריכטקייט האָט „דער אַלטער" דאָס גלײַכן דערשפּירט דעם יינגסטן, ווי ער איז אײַנגעקניפּט אין זײַן מהות. פון לויס' וועגן האָט ער זיך געגומען קריגן מיט די ברידער וואָס זענען ווידער אַרויסגעקומען מיט חרטה אויף דער פרוי:

— צו וואָס אַזעלכע, אַז מ'האָט מנוחה? און זיי זענען אַרומגעגאַנגען מיט אומהיימלעכן געמורמל: „ר'איז אַראָפּ פון זינען, דער אַלטער.

— אויסוואָרפן! אַלע זענט איר נישט ווערט אַן אָרנטלעכע אַזאַ! — האָט לאָפּעז זיך צעשריגן מיט כעס.— ווען נאָך בראָיען, די נישטיקע!

— אומזיסט טומלסטו, אַלטער. זי'ט זיך נישט זעצן אויף אונדזערע קעפּ!

— שווײַגט! קעפּ פון זשוקעס בײַ אײַך! אויף ז יי ע ר ע ק ע פּ — האָט ער בייז געזייעט די רייד. — דאָ אַהער וועט זי קומען. איך זאָג, רע־עעעס־פּעעעעקט!!

לאָפּעז האָט זיך ווידער אָנגעצונדן, נישט געוואָלט מ'זאָל אין דרויסן הערן זײַן שרײַען. יענע האָבן אָבער זיך געהאַלטן בײַ ס'זייעריקע:

— מירן זי וואַרפן, אַלטער!

— אײַך וועט מע וואַרפן, פאַ־אַאַאַרדר... שטאַאַאַ־אַאַאַנעען? — האָבן אויף זיי זיך אָפּגעשטעלט דעם אַלטנס איבערגעקערטע אויגנווײַסלעכער.

עס איז שוין געגאַנגען אין אַ נציח. לאָפּעז איז נישט אָפּגעשטאַנען אין זײַן צוזאָג לויסיטאַן — צו ברענגען די פרוי. איך וועל זיי אָנלערנען, — ט'ער זיך געעקשנט. — פלאָראַ וועט אַהער אַרײַנקומען וווינען! די שאַרפע צינגער וואָס האָבן געשלאָגן דאָס אָרט, ווו די פרוי האָט זיך גע־

זאָלט שטעלן, האָבן סוף־סוף זיך איינגעשטילט. די לעבעדיקייט פון דער קראָם האָט צוגעדינט דערצו: דער פאַר טאָג האָט די קרעמערס אַרויסגע־טריבן אין גאַס אַרײַן נאָך סחורה, דער מיטנטאָג און דער אָוונט האָט זיי אויך פאַרשלונגען. קונים האָבן זיך כסדר געוויזן, געמאָנט אויפמערק און זיי האָבן מיטגענומען פריש פאַרפאַקטע, געוויגענע פאַפירענע פעקלעך. אויך די מידיקייט האָט שולט געווען אויף זיי. דערפאַר האָט די בהלה זיך געלייגט פון וועגן דער פרוי.

דער דרויסן האָט זיך אָבער דערוווסט פונעם בייזן געטועכץ צווישן די קלייטניקעס. עלטערע האָבן געשמועסט דערפון, קליינוואַרג האָט זיך צעוואָיעוועט דערויף, אַרויס מיט חוזק.

לאָפּעז האָט זיך אָנגענומען פאַרן באַליידיקטן ברודער, געזידלט די ווידערשפּעניקע, געדראָעט, אָבער ער׳ט נישט געקענט בײַקומען „אַ גאַנ־צענע וועלט״ וואָס האָט זיך צערעדט וועגן זייער חרפּה; דעמאָלט האָט דער „אַלטער״ זיך גענומען וואַרפן אויפן קליינוואַרג וואָס איז געקומען הינטער דער קראָמטיר טיקען דעם אָרעמען לוויסיטאָ זײַן קאַליקעשאַפט:

לוויס מיט דער באַמבע
גייט אַרום מיט דער טראָמבע,
לוויס מיט דער כלה,
ווערט „פאַרכאַפּט״ פאַר אַלע —
טשוש, טשוש־טשושששש!

אַזאַ געזאַנגל האָט ווי שרויט זיך צעשאָטן פאַר דער שוועל פון קלייט און אין כאַפּטע איז ס׳קליינוואַרג אַוועק מיט אַ קוויטש, גלײַך מ׳וואָלט זיך געיאָגט נאָך זיי.

מ׳ווייסט נישט ווי אַזוי — אין גיכן האָט עס זיך צעקלונגען אין דער שטילער געגנט מיט דער פרוי, וואָס רײַסט זיך אַרײַן אין די גבולן פון די אַלטע בחורים, וואָס קריגן זיך ווי איבער אַן איינציקן ביין וואָס זיי איז געוואָרפן געוואָרן אויף צו זעטיקן זייערע איבערגעפּירטע מאָגנס. ס׳האָט אויסגעזען אַז דער גאַנצער אַרום האַלט זיך אײַן נישט צו צעכי־כיקען זיך אויף אַ קול. „דערמאָנט זיך פלוצלינג, די זקנים״, — האָט מע גערעדט. ס׳אַ מסוכנע צערודערונג צווישן די קרעמערלעך, האָבן טייל זיך געשושקעט. די ברידער זענען מוראדיק אָנגעדראָדלט איינע אויף די אַנ־דערע — דאָס איז געווען דער אמת. אַלץ אָפּגעטאָן אַרום דעם פאַרמי־

טאָגדיקן און פאַרנאַכטיקן לייזעכץ, פאַרבאַהאַלטן זיי זיך אין זײַטיקן קע־מערל, זיצן אויך צווישן די אָנגעהויפטע זעק און קעסטלעך אין סאַמע קראָם און זוכן די געלעגנהײַט נישט צו קוקן זיך אין די אויגן אַרײַן, מכל שכן אויסצומײַדן לײַט, וואָס שטעקן אַרײַן די נאָז אין „יענעמס" עסקים.

די אָנגעשטויסנקייט פונעם מישפּחהלע יאַלאָווע מאַנצבילן האָט אָפט מאָל אי פריילעך אי אומעטיק צערודערט די לײַט וואָס האָבן געקלעפּט צו דער קלייט פון דער שטילער געגנט. די קלייט טליעט פויל אין דער שײַן פון טאָג און שוין אין פריִען אָוונט איז זי מוראדיק לאַנגווײַליק, ממש פאַרצוימט ווי מיט אַ פאַרקאָן מחמת דער פויזנדיקער פינצטערניש. אַזוי איז משמעות די אייגנשאַפט פון איעדער געגנט וואָס איז געבליבן הענגען אין רוקן פון אַ צעצאַפּלטער גרויסשטאָט.

גאָר זעלטן האָט לויס זיך געוויזן פאַרן פּנים פון דער גאַס. ער'ט זיך געשעמט, ווײַל בידעריקער אַראָפּ פון בויך איז דאָס געשווילעכץ פון פאַר־נאַכלאָזיקטן ברוך געווען אָנזעעוודיק; עס האָט בולט גרויס, ווי אַ צו־טשעפּעניש, זיך נאָכגעוואַקלט זײַן יעדן טראָט, גלײַך ווי אַ פאַרהוילענער קיישער אײַטער. ס'געווען געבוג ער זאָל אַרויס פון דער קאַמער וואָס בײַם געוועלב, אַז אַ כנופיא קינדער זאָל אים דערווישן און אַרויספּלאַצן מיטן געזאַנגל וואָס האָט שוין באַוויזן צו צעטאָטשען זײַן געקרענקט געמיט. לאָפּעז פלעגט אים אַלע מאָל געפינען וויינען און געמוזט אים אײַנשטילן ווי אַ ברעקל קינד:

— איכל אויסגעפינען דאָס פּעוול. איך וועל זיי דורסן, הע־עעער־סססט? — לאָפּעז איז אויפגעברויזט געוואָרן פון דער נײַער צרה וואָס אים איז צוגעקומען: גאַסן־וואָיעוועניקעס! — אַזוי וועל איך טאָן, — האָט ער מיט די קנאָכיקע דלאָניעס אָנגעמאָסטן זײַן ציין־קריצנדיקן כעס אויף דער ווערגעניש וואָס ער וועט אויספירן איבער די העלדזער פון די צעלאָזענע — כ'על אַזוי טאָן מיט די קליינע ווי מיט די גרויסע; כ'וועל זיי פאַרמאַכן די פּיסקעס איין מאָל פאַר אַלע מאָל. — די אויגנווײַסלעכער זענען בעת־מעשה אים אַרויס פון אונטערן קורצן שטערן.

אויפן קליינוואַרג פלעגט דער עלטערער באַראָכאַ טאַקע טשאַטעווען, כאַפּן איינס, רײַסן אים בײַ אַן אויער:

— וועסט נאָך קוויטשען אויף די ציין, דו ים־קאַטער?!

ס'ייִנגל האָט זיך געטרייסלט פון שרעק, זיך געקרייטלט, בלאַס געוואָרן און באַלד זיך צעיאָמערט פון פאַרדראָס, למאַי ער'ט זיך געלאָזט כאַפּן פון

אַזאַ קני־ציטערער. לאַפּעז האָט אָבער דעם צעיאַכמערטן וואַיעווענ ניק נישט אַרויסגעלאָזן פון די הענט ביז וואַנען דאָס האָט זיך פאַרשמירט ס׳פּנימל מיט טרערן, דער קליינער האָט זיך אָבער פאַרחברט מיט אים — פאַר די צוקערקעס וואָס דער אַלטער האָט אים געשטופּט אין האַנט אַריַין — און ס׳האָט זיך איַינגעשטילט דאָס געמיינע לידל: „לויס מיט דער כאַמבע״.

אָבער צווישן די ברידער פון קראָם האָט לאַנג זיך נישט איַינגעשטילט די מחלוקת איבער דער פּרוי, וואָס איז דערוויַיליק פאַרטריבן געוואָרן פון די נישט־פאַרגינערס, די אויסגעדיַיוועוערטע מאַנסליַיט.

— מ׳באַדאַרף נישט אַזעלכע ביַי אונדז, און מ׳טאָר נישט! — האָבן מיט באַשיַימפּערלעך באַצוווּנגענער שטילקייט געטענהט קאַרמעלאָ און מאַריאַנאָ — אַ שונא וועט מען אַריַיננעמען צו זיך! דאָס איז אַ שונא וואָס מ׳קויפט זיך איַין — דיר, מיר אַ שונא. ׳עסט זען!

—עס וועט זיַין אַ פאַרגעניגן אַז זי׳ט דאָ אַריַינגיין, — האָט לאַפּעז זיי אַנטקעגן געשריגן גליַיך אין פּנים אַריַין: — איך זאָג, זי וועט אַהער אַריַינקומען, אַנישט וועל איך אַלץ צעפּלאַשען, צעבלאָזן די קלייט ווי געפליקטע פעדערן. לאַפּעז האָט העפטיק געדראָעט, געיעלהט, אָבער לסוף געבעטן באַכגיביקייט ביַי די ברידער. לויס האָט דערוויַיל געצערט פון בענקשאַפט צו דער וואָס האָט זיך שוין געהאַט באַוויזן מיט ליַיטזעליקייט, אַנגעלאָקט אים מיט זיסן צוזאָג און ער האָט נישט אויפגעהערט צו בעטלען רחמים ביַי לאַפּעזן — ער זאָל זיַין אַ גוטער, נישט לאָזן אים באַליידיקן. — ווייס, ברודערל, —האָט ער זיך פאַרטרויט פאַרן עלטסטן— איך האָב צוגעזאָגט פלאָרעסיטאַן אַז כ׳וועל זי רופן, מוז איך, פאַרשטייסט? — און ס׳געוויין האָט זיך געהערט פון אים אַ נעבעכער ווי די דרייסטקייט פון וואָרט.

— וואָרט, נאָר אַ ביסעלע געדולד. וועסט זען.

ליבלעך, פאַטערלעך האָט לאַפּעז ווידער אַ מאָל צוגעזאָגט דעם ברודער, דעם געשטראָפטן פון גורל.

16

און אין אַ טאָג האָט ער זיך דערוואַרט זיַין גליק, דער מענטש מיטן פאַרשטשעמטן האַרץ: פלאָראַ אינפעליסע, די אידעלע, איז אַריַינגעקומען בליַיבן צווישן די ברידער. אַ ביסל אַ שעמעוודיקע, האָט זי זיך

באַוועגט, שטאַרק געהיט געלאָזן פאַלן אַ וואָרט; אַ צוריקהאַלטעוודיקע זיך געוויזן, גלײַך זי וואָלט נאָך געפּרוּווט די אָ ספק ערד, צי מ׳קען אויף איר שטעלן אַ פעסטן שריט. אמת, לאַנג האָט זי זיך נישט געלאָזט בעטן: לאָפּעז באַראָכאַ האָט זי גערופן, איז זי געקומען אָן איבעריקער קוּוענקלע־ניש. אײַנגעשטילט זיך, הייסט עס, דער קידער־ווידער צווישן די לײַט. ר׳האָט אויסגענומען דעם קאָן, דער „אַלטער״, כאָטש די שריפה שפּירט זיך נאָך צו ביסל׳עך, אָבער דערצו איז זי אין האַרצן געווען צוגעגרייט און קיין חתונה־פּריילעכס האָט מען איר סײַ ווי נישט געדאַרפט אויפשפּילן. פלאָראַ האָט עס נישט דערוואַרט, און עס נישט באַדאַרפט. שוין געווען אויסגע־ברענט איר רעיון: „ווער קומען דער מאַן, וועט זי שוין וויסן ווי צו באַגיין זיך מיט אים. ס׳אַ דין־ציטעריקע וואָגשאָל דער גורל פון דער פרוי!״ ס׳איז רעכט אַז זי זאָל ערשט באַנעמען וואָס עס מיינט לעבן: ס׳נישט קיין שפּילערײַ, נײַערט אַ שלעפּן אויף די פּלייצעס אַ זאַק מיט שטיינער. יאָ, נישט פונעם ערשטן אויוון וועט זי איצט עסן איר ברויט — געננג אָפּגע־דינט, דורכגעברענט. קלאָר: פון פרוילעכן צונויפטרעף מיט מאַנסלײַט איז זי שוין מיד. אַלע קומען זיי מיט שמייכל, אָבער צום סוף? פרייד ברענגט עס קיין מאָל נישט. מ׳גענאַרט זיך אַליין. אָקערשט ווילט זיך נאָר אַ מקום־מנוחה, אַ זאַטן ביסן.

אין אַ נאָכמיטאָג, אַן אײַנגעשטאַנענע רו האָט געדרימלט אין שפּײַז־קראָם, ווען זי האָט זיך באַוויזן. — גוטנאָוונט. בין איך זיך נישט טועה, אַז איר האָט מיך גערופן? אַזוי אומזיכער האָט זי אַ פרעג געטאָן. קלו־געטשקע דערלאַנגט די אָ רייד און געקוקט גלײַך אויפן באַלעבאָס פון גע־וועלב, וועלכער האָט גראָד געטויכט זײַנע ווײַעס אין מידן אומטראַכטן, בײַ לאָפּעזן האָבן זיך פאַרהויבן די גראָע וואָנצעלעך, ר׳האָט אויסגעשניטן אַ שמייכעלע פאַרן גאַסט, אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און באַלד פאַרבעטן צו אַ מאַטע:

— גוט געטראָפן, —האָט ער מיט אומגעריכטקייט פאַר זיך אַליין אַ פּאַטש געגעבן מיט די האַנטפלאַכן, געוואָלט זײַן איידל צו איר,— קומט נענטער, פלאָרעסיטאַ. בעת־מעשה האָט ער זי אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ און געקוואָלן: „ס׳אַר אַ באַטעמטע!״

עס איז געווען נאָך די שוימיקע געשרייען, נאָך די צאָרנדיקע אי־בעררײדן וועגן דער דאָזיקער, וועלכע האָט שוין געהאַט זיך געעפנט אַ וועג צו די באַראָכאַס, דעם געזינדל פון די איבערגעעלטערטע בחורים;

זי׳ט פריער זיך געהאַט געוויזן צו זיי, געזוכט אויסצונעמען מיט ווײַבע־רישע פײַנקייטן. טאַקע דערפאַר איז לאָפּעז באַשטאַנען אויף איר: „אַ גאַנץ ווילע איז די דאָזיקע צווישן די אַלע וואָס האָבן זיך דאָ דורכגע־טראָגן. באמת, געווען אַ פעלער נישט צו פאַרבינדן זיך מיט ווײַבער, אויב סע טרעפט אַזאַ. ווער ווייסט, אפשר וואָלט געווען בעסער, כאָטש אפשר שווערער — אין אָנהייב. אָבער אַזוי קען עס אויך העלפן מאַכן אַ ביסל ליכטיקער; גוט, וואָס ס׳איז נאָך נישט אין גאַנצן פאַרשפעטיקט. איעדער ווייסט: אַפילו אַ מויז לעבט נישט איינע אַליין. ס׳צרות, ווען דער מענטש קומט צו אַ ברעג. מיט ברעגעס לאָזט זיך אויס יעטוועדע זאַך, יעטוועדע צײַט. טרעפט איינעם פון אונדז אַזאַ וואָס קלעפּט זיך צו גערן, זאָל זי קומען! זי׳ט גאָר נישט צונעמען, בהמות וואָס איר זענט!” אַזוי אַ מ׳ער זיך אַרויסגעכאַפּט און בײַ אַלע האָט זיך יאַקאַש פּאַוואָליע געלאָשן די עקשנות. דער עיקר: פון לאָפּעזס געשרייען האָבן די ברידערלעך פאַר־נומען די וואָרענונג אַז זיי וועלן אים נישט אײַנבײַסן. ערשט האָבן זיי זאָלבעפערט זיך אָוועקגעזעצט מיט דער נישט גאָר יונגער, ווײַט נישט בליִענדיקער פרוי, פרײַנדלעך איר צוגעטראָגן דאָס אויפגעשוימטע מאַטע־מעסטעלע. „אַ דאַנק”, האָט זי געזאָגט, ס׳האָבן אויך זיס געוועדט אירע פאַרזשמורעט נאָכטראַכטנדיקע אויגן. געזויגן פונעם געניקלטן רערל, זיך געהאַלטן געסטלעך אין דער יומטובדיק־אויסגעפּרעסטער אַרומרינגלונג און זי׳ט דאָס מאַטע־געטראַנק ליבלעך דערלאַנגט דעם דערנעבנדיקן:

— סעניאָר קאַרמעלאָ, באַווייליקט, ס׳אײַער ריי!

דער צעפּאַטלטער קאַרמעלאָ איז נאָך געווען צעקאָכט. צו אַזאַ ווענד „סעניאָר”, מיט פאַרשנירלטע ליפּן, איז ער אַוודאי נישט געוווינט: „צו אים וועט זי זיך אויך טשעפּען?” ער האָט האַסטיק אָפּגעשוויגן און דאָך — גענומען ס׳בעכערל פון איר האַנט. שוין דערעסן דער טומל! מיט אַראָפּ־געלאָזענעם קאָפּ ט׳ער באַלד אַ פאַרביסענעם צי געטאָן די ביטער־גרינגע טיי מאַטע, דערשפּירט ווי די פּליסיקייט קרײַזט שאַרף אין זײַנע איינגע־ווייידן און ס׳הילצערנע טעפּעלע וואָס האָט געגלאַנצט ווי אַ טונקעלער ווינטערעפּל, דערלאַנגט דעם שכנותדיקן מיטטרינקער, מאַריאַנאָן. מיט אָפּוואַרטנדיקער הנאה ווי מ׳קען נאָר הנאה האָבן פון אַ גוט שווײַגן איז די מאַטע אַרומגעגאַנגען אין מערערע הקפות צווישן אַלע ברידער: אַ פּיפּקע געטאָן דערפון און צודערלאַנגט דאָס טעפּעלע צו די ליפּן פונעם דערנע־בנדיקן. איטלעך מאָל האָט די מאַטע אָנגעפולט לויס „די באַלעבאָסטע”.

פון אים האָט עס דער ערשטער באַקומען לאָפּעז. ער'ט אַ זאַפּטיקן צי געטאָן פון רערל און די הילצערנע כוסע האָט ער באַלד צוגעטראָגן דעם גאַסט:

— איך האָב דאָס פאַרגעניגן, פלאָרעסיטאַ, — און אין דער וואַרעמקייט פון דעם קול האָט אויפגעלויכטן דער געהאָלפּענער לוויס.

יענעם נאָכמיטאָג האָט דער קאַליקע לוויס דערפילט אין דער מאַטע אַלע טעמים פון באַגערטער זאַטקייט. זײַנע אויגן האָבן פאַרשעריש דורכגעשמעקט די לופט, זיך געדרייט אין אַלע זײַטן, ווען ער גופא האָט צוגענייגט זײַן מויל צום מעטאַלענעם רערל. ער האָט נישט געזופּט, רק זשעדנע געשלונגען און געשפּירט אַ קוויקעניש; דערפון איז דער קאָפּ אים געוואָרן שווער, אָבער ליכטיק פאַרטשאַדעט. לאָפּעז האָט עס אין אים אַרײַנגעטריפט היילנדיקן באַלזאַם. די צוויי שרײַערס האָבן באַצוווּנגענע געשוויגן אַנטקעגן אים און גראָב, צו מאָל כעסדיק געזופּט ס'גרינע געטראַנק. דערפאַר האָט לאָפּעז בליק איטלעך מאָל באַנײַס אויפגעריכט לוויסן. ער'ט עס אָפּגעשפּירט ציטעריק, אָבער ווינציקער געזען, ווײַל מורא געהאַט אויפצוהייבן די אויגן אַזוי אָפט ווי ער האָט עס געוואָלט.

און אַז די מיטליאָריקע, שטשופּלע, גלײַך־פאַרקעמטע פרוי האָט אָן פריערדיקן טומלדיקן ווײַן־טרינקען, אָן חתונה־פײַערלעכקייט זיך געלאָזט צורעדן צו בלײַבן, האָט פּלוצלינגע שטײַפקייט אָפּגעשניטן דעם קאָפּ פון דער חוצפה בײַ די וואָס האָבן נישט גאָר גרינג באַוויליקט די אומגעריכטע שותּפות צו זייער בלײַבן קיום. זי האָט פאַרשטופּט ס'מויל די הויךאַרויסגעבראַכטע דעה פון לאָפּעזן. דאָס מאָל האָט ער באַזאָרגט, ווי אַ געביטער זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן זיי; געקוקט אויף קאַרמעלאָן און אויף מאַריאַנאָן און רויק, באַהערשט, הויך געזאָגט פון זײַן טראַכטן אַרויס:

— מ'וועט מאַכן פּלאַץ פאַר פלאָרא אינפעליסע, אונדזער פרײַנדין... אַ רגע האָט די צונג אים נישט געדינט, אָבער ער'ט באַלד דײַטלעך אויסגעבעסערט: — אונדזער שוועגערן פון הײַנט אָן! דאָ האָט ער פון ס'נײַ זיך געקרעקט און אַנטשלאָסן געזאָגט דער פרוי:

— מאַך זיך היימיש, פלאָרא, — און ער איז חשיבותדיק אַרויס אין קראָם אַרײַן.

די ווידערשפּעניקע האָבן ענדלעך באַנומען די ענערגישקייט פונעם אַ ל ט ן . מיט שאַרפקייט האָט ער אַרויסגעבראַכט זײַן זאָג, דער לאָפּעז, און ר'איז באַלד אויפגעשפּרונגען ווי אַ ספּרוזשינע. קאַרמעלאָ און מאַ־

ריאַנאַ, דאָס ברידער־פּאָרל, איז פאַרלוירן אים נאָכגעגאַנגען אין קראָם אַרײַן. קונים לאָזן נישט באַלעמוטשען, — האָט אין זיי אַ דריגע געטאָן דער זינען. אינעם נאָכטראַכטן די אומגעריכטקייט וואָס האָט איר דאָ גע־טראָפן, איז די פרוי, ווי אַן אַנטשטומטע אין מיטן רעדן, געבליבן איינע אַליין אויג אויף אויג מיט לוזסן, דעם וועמען זי האָט ערשט באַדאַרפט באַווײַזן. יאָ, זי — אים. אַ מינוט זיך געוואַקלט, געזוכט ווי אַזוי צו דער־גיין צו אים. אָבער זי׳ט זיך נישט דערלויבט לאַנג צו מכינען; פּאַוואָ־ליע זיך אויפגעשטעלט, האָט זי אַנגעצילט דעם בליק אויף דעם קאַליקע, אויסגעשלײַפט אַ מינעלע און ראַפּטעם צוגעגאַנגען, אַרײַנגעטוליעט זיך אין אים מיט היץ וואָס אַנגעלאָפן שוין פון די רייד, פון אירע פּלוצלינג פאַרשמעלערטע אויגן:

— ווערסט מיך, מיך ליב האָבן, דו, דו!? — און אַנגעשפּאַנט אויף אים די ראיה.

— אַ הילכיק שווײַגן און אַ האַסטיק וואַרטן האָט זיך אַרײַנגעפּלאָנ־טערט צווישן זיי. די ז י האָט לסוף פאַרשטיקט אויסגעשעפּטשעט:

— יינגל, ווערסט שטאַרק ליב האָבן פלאַראַן? דאַרפסט זאָגן, יינגל, — און מיט פײַכטן מויל געגנישטערט איבער זײַן קאַרק.

אַנגעכאַפּט זיך אין איר אָרעם, האָט ער זיך אַ וואַקל געגעבן מיטן שטיקנדיקן אָטעם, אונטער צעציטערטן קול:

— טײַערע! מער האָט ער נישט געקענט אַרויסברענגען.

אין אָוונט האָט מע זאַלבעפינפט, שוין מיט דער פרוי וואָס איז אַרײַן צו זיי, געגאָסן פונעם נאַכטמאָל און זי איז שוין געבליבן נעכטיקן. איינע צווישן די פיר זכרים.

געוועזן שמאָלע אײַזערנע בעטלעך, אויסגעשטעלט לענגויס די ווענט, האָט מען אויסגעבעט אַ פינפט געלעגער אויף דר׳ערד, אין ענגן דורכגאַנג צווישן די בעטן. וועמען לייגט מען אויף דער ערד? עס איז געווען אַ האַרבע זאָרג: פאַר לאָפּעזן אַ געלעגער, פאַר די ביידע צוזאַמען צי...? באַ־לײדיקן טאָר מע נישט. נו, דעם גאַסט וועט מען בשום אופן נישט לייגן אויפן דיל. לוזס האָט שטילערהייט זיך אַנגעבאָטן פאַרן נײַעם געלעגער אויף דער פּאָדלאָגע: „איך, לאָז מיך". אָבער באַשטימט האָט לאָפּעז. באַ־טראַכט זיך פאַרן קאָפּ פון הויז, האָט ער אויסגעקליבן: לוזס איז אַ קראַנקע בריאה. אים, לאָפּעזן, וועט גאָר נישט שאַטן, אויב ער וועט זיך לייגן אויף דר׳ערד. ר׳וועט מאַכן ס׳געלעגער ווייך, באַקוועם. עס מעג זײַן אויף

דער פּאָדלאָגע, און אַזוי איז עס געבליבן. י ע נ ע צ וו יי זענען געשטאַנען צוריקגעצויגענע, נישט אַרײַנגעמישט זיך אין דעם נײַעם געטועכץ. אַז מ׳האָט זיי עפּעס געפֿרעגט, האָבן זיי געענטפֿערט: יאָ אָדער ניין. ס׳געווען קלאָר אַז אין זיי ברענט נאָך אַ פֿײַער. איינס פֿון די בעטלעך האָט מע באַשטימט פֿאַר דער פֿרוי. לאָפּעז האָט טאַקע זיך אַראָפּגעלאָזן אויפֿן דיל, אַליין זיך אונטערגעבעט מיט זעק, מיט נאָך אַ מאַנטל, איבער דעם אויסגעשפּרייט אַ האַנטעך און געמאַכט פֿינצטער.

*

נאַכט. ס׳איז זיך געשלאָפֿן שלעכט. ווי אַ ליקוי חמה וואָלט סודותדיק געווירבלט און געטליעט אין די אַראָפּגענידערטע פֿינצטערנישן פֿון דעם ענג צונויפֿגעגאַנגענעם חלל. דאָס האַרץ האָט זיך גערעגט, אין די געהירן בײַ לויִסן האָט עס אינטענסיוו געראָיעט. פֿלאָרעסיטאַ האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, עפּעס געוואָלט זיך דערמאָנען, געטריבן אַ געדאַנק — דאָך האָבן פּנימער זיך דורכגעריסן צו איר, רייד האָבן זיך דערטראָגן אין אַן אויסגייענדיקן עכאָ. אין דעם דערווישט זי אַ שאַרבן אין איר נאָענטער נאָענט; ס׳האָט איר אַפֿילו אויסגעוויזן אַז עמעץ וואַכט איבער איר אויפֿזײַן און זי׳ט מטושטש געוואַרט מיט אַן אויסגעדריוולטן אָטעם. אין אמתן האָט זיך צעברויזט ס׳בלוט בײַ עמעצן אויף די דערבײַיקע געלעגערס, געדרעשט אַ לײַב אַ זכרישס.

דאָס האָט קאַרמעלאָ געצאַפּלט אין טומאַנעם וואַכזײַן, אויך מאַריאַנאָ האָט אומרויִק זיך געדרייט אויפֿן געלעגער, נאָר לויִס האָט געהיט אַלעמענס כמו־שלאָף.

ערשט ווען ס׳שאַריִען אויף טאָג האָט זיך אַרײַנגעריסן דורך די לאָדן־שפּאַרעס, איז אויף אַלעמען קעמערל געקומען די רעכטע מידקייט. שלאָף האָט אַרומגעהאַלדזט די וואָס האָבן זיך לאַנג געוואַלגערט אויף די האַרט געוואָרענע געלעגערס. אָבער די קראָם מאָנט דאָס איריקע. פּלוצטאַלבן איז טאַקע דער בעקערוואָגן צוגעפֿאָרן צו דער פּראָנטיקער טיר און דער מילכפֿירער האָט זיך געפֿעדערט ווי אַן אומגעריכטער האָנעניקריי: „לעע־טשעעעע־ראָאָאָ! לעע־טשעעע־ראָאָאָ!” עמעצער האָט זיך פֿריקרע צעהוסט, צעכראַקעט. דעמאָלט זענען די קרעמערס ראַפּטעם אַראָפּ פֿון די געלעגערס. אויפֿגעשטאַנען מיט פֿאַרליאַפּעטע פּנימער, האָבן אַלע זיך באַמיט צו פֿאַרווישן ס׳געשעענע: אַ פֿרוי איז דערנעבן! ס׳נישט ניחא. אַ זײַטיקער

קען נאָך דערזען זייער אָפּגעפּאַרנקייט. אַוודאי, דער נײַער טאָג לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן.

די קאַווע, די ערשטע היימישלעכע קאַווע אונטערן דאַך פֿונעם ראָג־געוועלב אויף כּואַן גאָנסאַלעס האָט דאָס מאָל פֿאַרפּאַרעט די פּרוי וואָס האָט זיך געשטעלט לעבן צווישן די אָנוועבערדיקע ברידער. לויסן האָט זי דעמאָלט מיט גינציקייט אָפּגעשטויסן פֿונעם פּרימוס, בײַ וועלכן ער׳ט גענומען זיך פֿאַרען מיט הילצערנע פֿינגער:

— לאָז, לאָז. איך וועל שוין.

מאָדנע איבערגעראַשט האָט דער קאַליקעוואַטער מאַנצביל זיך אָפּגע־רוקט. אַוועקזעצן זיך אויפֿן ברעג בעט וואָס האָט געשטאַרט דערנעבן (פֿול מיט בעטן איז דאָס שמאָלע קעמערל), איז ער נישט געווען דרייסט. גע־שטאַנען אויפֿן איינעם פֿוס, פֿון וועלכן אים האָט זיך געדרייט אין מוח אַן אויסדאַכעניש אַז ער פֿילט ס׳געזונט אויך פֿונעם צווייטן פֿוס וואָס הענגט אונטער; ער האָט געשטוינט אויפֿן דאָזיקן נײַס און איינצײַטיק זיך געשפּירט געליימט. זי, פֿאַרקערט, האָט אַ רירעוודיקע זיך געוואָרפֿן אויפֿן טועכץ וואָס זי׳ט בײַ אים צוגענומען, כאָטש אַ שאָטנדל פֿאַרטראַכ־טונג איז נישט אָפּגעטראָטן אויך פֿון איר.

ווי לויסן איז, קענטיק, אויך איר, פֿלאָראַן, געלעגן אין די ביינער דאָס לאַנגע נישט שלאָפֿן, דאָס סודותדיקע שאַרכן וואָס האָט איטלעכן פֿון זיי געררייצט די גאַנצע נאַכט. און שנײַדיק פֿרעמד איז דער פּרוי פֿאַרגעקומען ד׳ער אַרום מיט דער רוי־ברעטערנער וואַנט, מיטן פֿאַרשטיקטן רויש וואָס פֿליוכעט אַרײַן אַהערצו. אין צימערל האָט אָבער בעסער ווי פֿריער, ווי אַלע מאָל פֿאַרשמעקט מיט פֿריש פֿאַרבריטער קאַווע. יאָ, ס׳האָט פֿאַר־שמעקט מיט פּרוי וואָס ווייסט דעם סוד פֿון פֿירן דעם טאָג און נאַכט ווי מ׳פֿירט אַ קינד בײַ דער האַנט. האָט זיך דערהערט דאָס פֿולע סיקען פֿו־נעם פּרימוס, צו וועלכן דער קאַליקע פֿלעגט זיך צורוקן, האָט זי מיט אָנגעסטראָיעטער אינטימקייט לײַכט אַוועקגעשטויסן דעם צעחושטן לויסן:

— אַנטשולדיק אַ מינוטקעלע! זי׳ט אויך מיט געניטקייט פֿלינק איבער־געדעקט די צעשויבערטע געלעגערס, אָפּגעווישט פֿון קאַמער די שטיקער נאַכט וואָס האָבן זיך נאָך געהורבעט אויף דאַרע קישעלעך, אויף צעקנוי־דערטע אָרעמאַנסקע קאָלדרעס. גלײַכגעגלעט די איבערדעקן, פֿאַרשפּרייט לײַלעכער, וואָס אַרויסגעצויגן פֿון אַ קעסטל אונטער אַ בעט, איז העלער געוואָרן אין דער קאַלעמוטנער באַוווינשאַפֿט פֿון דער בחורישער כנופֿיא.

דערנאָך האָט פלאָראַ מיט ווייכלעכן באַריר צוגעפירט לוּיִסן צום זעלביקן בעט, פון וועלכן זי האָט אים פריער אַוועקגעטריבן:

— ערשט קענסטו זיצן, — און דערלאַנגט אים אַ שמייכל אויפן טעלער פון טאָג, וואָס האָט דאַכט זיך ערשטמאָליק זיך אַרײַנגעקליבן אין דער דאָזיקער פאַרוואָרלאָזטער נעסט.

דער וואָס מיטן ווייטיקלעכן מום, האָט מיט אַ בפירושן הילך וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין זײַנע ביינער, געשפּירט זײַן יעדן טראָט; אָבער אַצינד האָט ער אָן ממשותדיקן פאַר וואָס געוואַרט מיט צאַפּל די גנאָד פון דער וואָס איז צו אים אַזוי אומגעריכט ליבלעך. ר'איז ווידער געזעסן פאַר־שרומפּן אין זיך און נישט געוווסט צי ער באַדאַרף נאָך עפּעס וועלן.

— פלאָרעסיטאַ, — האָט ער אויסגעשטאַמלט און מער נישט געקענט עפּענען ס'מויל. ער'ט געשפּירט אַז נאָר דער בליק דריקט אים.

— סי, סי, באַלד, — פאַרנעמט ער באַלד איר קול און זי זעט אים אַ נעבעכדיקן: לוּיִס מיט דער באָמבע! אָבער נישט דאָס גייט איר אָן. נישט דאָס. אין איר פּויקט אויס אַ זויערער אומווילן צו אַלץ אַרום. בלויז אַ היימיש ווינקל איז זי אויסן. בײַ אָט דעם בינטל אַלטוואַרג וועט איר אפשר — —

אַזוי זענען געגאַנגען די טעג פון די באַיאָרטע זין דעם שוין פאַר־געסענעם אַנטאָניאָ באַראַכאַס. מיט דער פּלוצלינגקייט פון מוטנער אי־בערראַשונג האָבן אַלע געשפּירט אַז אַ פרויִיש אויג וואַכט אָקערשט אי־בער זיי.

אָבער דאַנקשאַפט דערפאַר און אַן אומקלאָר ציִעניש צו איר האָבן געהאַט נאָר די ביידע, דער עלטסטער און דער יִינגסטער, דער בעל־מום לוּיִס. יעדן אין דער פרי האָט דאָס אַ געפיל זיך געוועקט צו דער וואָס האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין קאַמער, וואָס בײַ דער אומרוּיִק באַוועגטער קלייט. און דער אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן אַלע מאָל מיטן אויפגיין פונעם וואַרעמען קאַווע־געשמאַק, וואָס האָט גלוסטיק אַרײַנגעדרונגען אין געוועלבי, געמינטערט.

*

...נישט ס'איבערבײַסן איז ער געוועזן להוט — אויסרעדן זיך פון די פאַרבאָרגנקייטן פון זײַן קלערן, איז געוועזן אין זײַן פרווו צוצושטיין צו איר מיטן שטאַמלדיקן וואָרט. אָבער לאָפּעזן האָט שוין דאָס טראַכטן פאַר־שפּאַרט דעם אָטעם. ווי זשע איז עס מיט אים, דעם מאַן איר אייגענעם?

אָבער ער׳ט דאָס נישט געקענט פרעגן. ר׳האָט איר נאָר נאָכגעקוקט פון אונטערן שטערן אַפער. און זי? פלינק איז געלאָפן איר מוח און די הענט האָבן מעכאַניש נאָכגעאײַלט, זיך נאָכגעשאָטנט דעם טראַכטן, וואָס האָט געהאַמערט אין איר. יאָ, ס׳איז פול געוואָרן מיט איר דאָס קעמערל פון די עלטערלעכע לײַט וואָס האָבן נישט ווער עס זאָל זיי ריכטיק פאַרשפּי־ליען דאָס קנעפּל. רעכט, זי זעט שוין אַלץ, די שטילע פלאָרעסיטאַ, זי׳ט זיך אויסקענען אויף די אַלע זיבן זאַכן. נישקשה, זי׳ט מאַכן אַז זיי זאָלן זי באַדאַרפן.

דער אַפּעטיטלעכער ריח פון וואַרעמקייט, וואָס דערמאָנט ענדלעך אָן אַ היים וואָס אומקלאָר געאָנט פון איר, האָט דערווײַל דורכגעדרונגען זײַן מהות. ס׳גוט די היימישקייט פון אייגענעם דאַך, פון זידנדיקן געקעכטס. אין קראָם, אין מיטן רעש פון קונים קומענדיקע און גייענדיקע, האָט לאָ־פּעזן דערפון פאַרשליימט דער גומען, געקיצלט די נאָזלעכער. אָ, ס׳איז וויל דער טעם פון פרישער קאַווע דער פלאָרעסיטאַס. גאָר נישט ווי זײַן ־בע האָט ער רגעווײַז געעפנט די ברעטערנע טיר פון קעמערל דערנעבן:

— וואַאַ, שוין פּאַראַן, זע איך, אַ שלוק וואַרעמס, האַ? — און די אויגן האָבן אים געבלישטשעט.

— מיטן שענסטן פאַרגעניגן, פּאַטראָן, —האָט פלאָראַ געוווּינטשאַפט־לעך געענטפערט און געפרעגט מיט אַן אויסגעצויגענעם פרעגן: — געבן? אָט גיב איך אײַך.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק. נישט אַצינד. סתם געפרעגט, — און זײַן גראָער קאָפּ איז צוריק אַוועקגעשוווּמען. קונים זענען געקומען, געדרינזשעט מיט דער שויבנטיר, רייד האָבן אָפּגעטויכט אין דער דערבײַיקער טונקלעניש פון די אָנגעענגטע מויערווענט, ווו ס׳איז נישט געווען קיין אָרט פאַר פענצטערליכט. לאָפּעז מיט די ברידער זענען געשטאַנען אין רשות פון די וואָס שטרעקן זיך מיט גומען, האַלדז און אויגן צום עסנוואַרג וואָס איז אײַנגעזאַמלט בײַ זיי. פלײַסיק האָבן אין די לײַוונטענע קיטלען זיך באַ־וויגן די געוועלבניקעס. העפלעך, מיט גרייטשאַפט, האָבן זיך פאַרהויבן זייערע וואָנצעס, אויסגעבליאַקעוועטע פון יאָרן, וואָס פרירן אײַן אונטער די מענטשישע הענט, הגם די ווינטערס יערן דאָ פײַכטע, אָן פראָסט, אָן שניי.

אָפּגעשוימט זיך דאָס אינדערפרייִקע געגײַ אין קלייט אַרײַן, האָט לאָפּעז זיך אַרײַנגעכאַפּט אין קעמערל. ערשט האָט ער געשטוינט אויף

דער מיטאַמאָליקער ליכטיקייט, געשמאַק אַ קײַ געטאָן און איז צוריק אַרויס אַ דערהויבענער. סע האָט אים געטראָגן ס׳געפיל צו דער נײַקייט אין הויז: „אַ טײַערע באַלעבאָסטע!” ווידער אַרײַן אין קראָם האָט ער האָפערדיק אַרויסגעשטויסן די ברידער:

— גייט אַרײַן. ס׳אָנבײַסן וואָרט אויף אײַך.

און נאָך האָט עס געקענט הייסן:

— גיט אַ קוק און קריגט נישט די נכפה פאַר אַזאַ גערעאָטענער.

זשעדנע נאָך אַ שלוק וואַרעם דערקוויקעניש, נאָך אַ צובײַס, זענען די אַנדערע קרעמערלײַט אַוועק הינטערן ווענטל. די פרישע ווײַסקייט פון די בעטן האָט זיי אָנגעפינצטערט דעם בליק. דאָך האָבן זיי באַגריסט די, וואָס האָט באַוויזן אַזוי אַרום אָנצומאָנטשען זייער געמיט:

— גוטמאָרגן, סעניאָראַ, — און זיך געשטיקט מיטן נישט אַרויסגעבראַכטן צאָרן וואָס האָט זיך געבעטן אַרויסגעשריגן צו ווערן.

— אַ גוטער מאָרגן, יונגע לײַט! — איר פאַרטעכל אין די סיצענע בלימעלעך האָט אין אַ נאָווינע געקוקט אויף זיי פון די בולטע היפטן אַראָפּ, געטײַטלט פון אירע שטאָלטנע פיס. — איר׳ט נעמען אין מויל אַרײַן? איך היט ס׳פײַער פאַר אײַערטוועגן.

— פאַר וואָס נישט? מירן עסן, — האָט קאַרמעלאָ אַ ביסל אומדרייסט געענטפערט און כמורע זיך צוגעזעצט.

— מיר זענען הונגעריק! — האָט מאַריאַנאָ מודיע געווען.

דער ווי יענער האָבן להוט געקוקט דער פרוי אין די הענט אַרײַן: וואָס וועט זי דערלאַנגען? בשעת־מעשה האָט זיי געאַרט למאַי דער „אַל־טער” באַלעקט זיך שוין פון איר.

אין פאַרויס זענען זיי געווען נישט צופרידן מיט אַלץ וואָס דאָ קלײַבט זיך אָן. ס׳איז תמיד פריקרע דאָס וואָס ווערט אַנדערש מיט אַ מאָל.

— דער אַלטער פאַרמעסט זיך גאָר הארב, האָב איך מורא, —האָט קאַרמעלאָ צוגעברומט דעם ייִנגערן, ווען פלאָרעסיטאַ האָט זיך אָפּגעקערט אויף אַ ווײַלע. — משוגע געוואָרן דער... איך וועל נישט שווײַגן, הערסט! און דו? געקומען ווי אַ גאַסט און אַדיע! —האָט ער אַרײַנגערעדט אינעם ברידער.— אַ שווערן? אַ שוואַרציאַר אים מיט אַזאַ חלום! — אַ ביזווי־ליקער פון ייִנגלווײַז אָן האָט ער אויך איצט אַרײַנגעליאַרעמט אין מאַ־ריאַנאָן: — אַ פאַרדאָסטער מוח בײַ אים. אַ נקבה אין שטוב אַרײַן ט׳אים זיך

פֿאַרגלוסט. ער׳ט זי פֿאַרגאַווערן און זי׳ט אַנטלויפֿן. אַזאַ האַלט זיך נישט אויף אַן אָרט. זי וועט אַ שפּײַ טאָן, די צאַצקע, און אַוועק!

— האַ! האַאַאַ, —לאַכט דער צווייטער.— ער דערבאַרעמט זיך דאָך אויפֿן „קינד״. ר׳וויל אים דווקא חתונה מאַכן. אַ ווילער תירוץ, כ׳לעבן. אָפּן טאָן דאָס שעמט ער זיך, דער אַלטער.

— שעמט זיך, צי נישט. אויב ר׳וויל — זאָל ער אַרויס צו איר אין אַ פֿינצטערן ווינקל ווי אַ קאָטער, אָבער נישט אַרײַנפֿירן זי אַהער, — טענהט שוין מאַריאַנאַ אַ צעקאָכטער. באמת: אַן ענגשאַפֿט בײַ אונדז. און אַזעלכע מאַכט פֿול אומעטום. ס׳אַ פֿאַווע מיט קליגע קאַליריקע פֿליגל און אַ כיטרע הערצל. קיין גוטס וועט נישט אַרויסקומען דערפֿון, סעניאָר!

אויסגעטומלט זיך בײדע אין די רגעס ווען „זי״ האָט זיך ערגעץ געפֿאַרעט פֿאַר זייערטוועגן: „זעסט?״ באַהאַלטענערהייט האָבן זיי זיך געקניפּט אין גראָבן פֿלייש ווען סעניאָרא פֿלאָרא, די בפֿירוש צוגעפּוצטע, האָט זיך צוריקגעקערט. די „צונויפֿגעשלאָגענע קעפּ״ האָבן זיך געצונדן אויך ווען זי׳ט עפּעס געפֿרעגט אָדער זיך געבויגן איבערן קליינעם טיש.

— געשמאַק די קאַקאַאָ?

„קאַקאַאָ... אַ פֿריצישע צויג וויל דאָס זײַן!!״ — האָבן די ברידערלעך נישט אויפֿגעהערט צו ברענען אויף איר.

— אַ דאַנק, זייער גוט, — קען באמת נישט נישט נתפּעל ווערן דער האַרטנעקיקער קאַרמעלאָ פֿון דעם פֿײַנעם טרונק וואָס דאָס שטיק ווײַבל האָט צודערלאַנגט. אים האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט דער פֿאַרדראָס הלמאַי זי וויל זיך שוין אײַנקויפֿן אין גינציקייט.

„זי פֿאַרשטייט דען נישט, די טמאה, אַז נישט דאָ איז איר אָרט! אַ הינטישע צורה דער... אַרײַנגעפּירט אַזעלכע. וואַרט, וואַרט —האָט מאַריאַנאָ זיך שטיל צעוואָרטשעט— וועסט שוין דערשפּירן, דו נכפּהניצע!״

טאַקע אָפּגעגעסן, געטרונקען, אָבער בגוואַלד געפֿעלט זיי נישט דער אײַנפֿיר וואָס י ע ב ע ווילן דאָ אײַנשטעלן. אויפֿגעהויבן זיך באַלד! און פֿאַרשטומטע פֿון כעס זענען זיי צוריק אַרײַן אין קראָם. ס׳געמיט האָט זי זיי צערודערט: נישט שווײַגן! זיך צעקריגן מיטן „אַלטן״? מירן אויסוואַרטן אַ ריכטיקע מינוט!

און די סעניאָראַ פֿלאָראַ? ביטערע נעכט זענען געגאַנגען אויף איר. אין די טעג האָט זי געהאַט זיך אָפּצויאָגן פֿון דער ענגשאַפֿט אין קליינעם קעמערל. אַ גאַנצן טאָג איז זי פֿאַרנומען מיטן אָנקאָרמענען די מאַנס-

לײַט. ווידער אין די נעכט האָט מע זי מאָדנע געהיטן און וואָס נאָך פֿײַנ־לעכער — זי אַליין האָט געמוזט זיך מער היטן. זי׳ט געשפּירט אַזוי, גלײַך מ׳וואָלט זי אויסגעשטעלט צערייצט צו ווערן און אַרײַנצופֿאַלן אין געשפּעט פֿון פוילע מײַלער: „נאָ, אָט האָסטו!״ אַקוראַט מ׳זאָל זי האָבן ווי אַ מויז אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַן אונטערגעצונדענער שטײַג. סאָמע מאַנצבילן אַרום, און זי איז דאָ אַליין, איינע אַליין; די ציין ווערן איר אַליק און אָט ברענען זיי ווי שטיקער פֿײַער. זי איז פרוי — וואָס טראַכטן פֿון איר די דאַזיקע? זיכער שלאָפֿן זיי נישט, ווען אַזאַ איז אַנטבלויזט אונטער אַ דינער פּלאַכטע. געגנוי: ס׳איז שאַרף בײַ די ע ר ס דער חוש פֿאַר דער איינ־ציקער ז י, וואָס דערנעבן. וועט זי אַנטשלאָפֿן ווערן, קען מע זי פּלוצעם שטעלן פֿאַר אַן איבעראַשונג. אַלע מאָל איז משוגע דער כוח וואָס וועקט זיך אין דרימלענדיקן „וואַלד״. און ס׳איז שרעקלעך דער שטורעם פֿון בלוט בײַ שיכורים, ווען מ׳פֿאַרשפּאַרט פֿאַר זיי די פֿלאַש — — פֿאַר איר מיינט עס גורל פֿון אַ באַשפּיגענער. און אפֿשר ווינטשן זיי זיך נישט קיין צניעות בײַ דער פרוי? ס׳איז נײַערט אַ שפּיל נאָר פֿון די וואָס זענען אויפֿ־געהאָדעוועט רק מיט אײַנרעדעניש, מיט פֿאַלשקייטן. די אַנדערע, דער רוב באַגערט בלויז אַ ווײַב. שפּילן אַ שטײַפֿע ווי באַקלערט, קען די לײַט אַרויס־ברענגען פֿון די כלים, מעגלעך נאָך אָפּשטויסן — —

נאַכט אײַן, נאַכט אויס האָט פּלאָרעסיטאַ זיך געראַנגלט צווישן ווילן און אומווילן זיך צו דערנענטערן צו דעם וואָס איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר איר מאַן. אָבער דער מאַנצבילשער רייץ צו איר האָט פֿון אַלע אַנדערע געלעגערס געוואַכט איבער דער אָנגעפּיבערטער פֿינצטערניש, וואָס איז ווי אַ לעבעדיקער וואָלקן געהאַנגען האַרט איבער איר צוקאָפּנס. „זאָל זי?... און ווי אַזוי ענטפֿערן, אויב אַזאַ, אַן אַנדערער וועט זיך דערוועגן?״ אירע אויגן האָבן זיך געקלעפּט און זי׳ט זיי אויפֿ־געריסן, געהיט די טשאַטעווענדיקע פֿינצטערניש. אויפֿגעשטאַנען איז זי יעדן אין דער פֿרי מיט אַ פֿאַרפּאַפּקעט מויל, מיט איבל פֿון דער פֿאַר־שטיקטער לופֿט, פֿונעם שנאָרכן די לײַטס, בעת איר מוח איז צעזעצט גע־וואָרן פֿון טראַכטן: וואָס מיינען די אָ, וועלכע שמייכלען חלשותדיק? ס׳קאָסט זיי אַ סך דאָס שמייכלען, און זיי קענען דען מער? פֿון מיטאַמאָליקער בי־טערניש האָט אָפּגעטריפֿט איר האַרץ. אויף אַזאַ מין אַנטוישונג האָט זי זיך נישט געריכט. דערצו האָט איטלעכנס קוק זי דורכגעשטאָכן. נאָר דערווײַל איז׳ס אַזוי — האָט זי זיך געטרייסט. אָבער אַזוי קען עס נישט בלײַבן.

דערווײַל טראָגט זיך איבער איר אַ פּלוצלינגע אָנונג פון מענטשישן עיפּוש וואָס וויל זיך אָנוואַלגערן אויף איר. באשר זי איז אויסגעמוטשעט, האָט זיך נישט פאַרזאָרגט מיט אַן אפּותיקא, אַזוי פיל אויגן טאָפּטשען איבער איר, אַזוי פיל אײַנגעלאָשענע פּײַערן דעמפן אויס זייערע זויערעכצן; יאָ, אויך שמאטיקע געלוסטן צילן אויף איר. ווי זשע אַנדערש! זי קאָן אַזעלכענע. בעלי תאווהניקעס נישטיקע, האָבן ליב צו קריכן ווי די אויסגעדייווערטע בוהײַעס און האַלטן פאַרדריקט דעם געלטבײַטל אין די פויסטן. כלערליי פייגעלעך צווישן די מאַנצבילן. ווידער די דאָזיקע הויזן־געשלײַערטע לײַט — וואַקלט זיך שוין איר קלערן — זענען זיי דען אויסגעהוילט פון יעדער בלוט־שפּאַנונג, פון חשקות צו אַזוינער וואָס איז שטײַף אין שריט און לזיערנדיק מיט איר ווײַבלעכקייט? רעכט, זי וועט זיי האַלטן פון ווײַטנס, זי'ט זיי אָפּשפּילן די אמתע חתונה. געלאַ־אַסן. זי האָט אַ מאַן, אַן אייגענעם שלימזל, און זי מוז אים זײַן געטרײַ. פּאַמעלעך און זי וועט זיך אײַנוויקלען אין די פּויערן, אויב זיי ווילן אויף אַן אמת זי בלויז פאַרדרייען. זאָל זי נאָר אַרײַן מיט ביידע פיס אין דעם הויז פון די קאַרגע הינט. כאָטש שטאָטישע, שטעקן זיי נאָך אין דער פּאַמפּאַ, ווייסן נישט פון דאַנעט ביז אַהין. פלאָראַ וועט שוין אָנצייכענען דעם וועג, זיי וועלן איר שוין נאָכגיין ווי די לאָשעקלעך, זיי וועלן נאָכשפּרינגען.

די פרוי האָט זיך אַליין געמוטיקט מיט איר קלאָמפּערשטער חכמה. אין די פיר יאָרצענדלינג אירע האָט זי עס זיך אײַנגעקויפט. איצט האָט זי גענומען אויף זיך צו גיין מיטן „אַלטוואַרג" אין דעם אָ וועג פון אויספּרווו:

קודם, — האָט זי מיט זיך אַליין אײַנגעקנעלט — באַדאַרף מע געשמאַק אָנקאָרמען די אַלטע קאָטערס, וואָס דרייען זיך דרך־ארצדיק פאַר איר; דערנאָך וועט זי זיי אײַנגעוווינען ווי צו פירן זיך. ווײַל אַ מענטש מעסט מען אַנדערש ווי זיי מיינען, די געוועלבניקעס. פלאָראַ אינפּעליסע, די שטאָטישע, האָט זיך אײַנגעשמועסט אַז מיט איר שטייגער דאָ האָט זי שוין פאַר זיי אַרויסגעבראַכט אַ רעכט מענטשיש פּרצוף, לגבי וועלכן די ברידערלעך שפּירן זיך גענוג דערשלאָגן. זי קוקט זיך צו צו זיי, זי זעט שוין אַ פּעולה פון איר פירונג צווישן זיי.

דער אמת: די פרוי האָט אײַנגעפירט אַז די מאַנצבילן, ווען זיי קומען אַרײַן אין קעמערל, זאָלן אָנהייבן זיך שעמען מיטן אויסטאָן זיך פאַרן שלאָפנגיין; זיי זאָלן זיך צוהערן צו איר פאָרלייענען פון דער צײַטונג, וואָס ווערט אויסגעשפּרייט פאַר דער לאָמפּנשײַן. מ'דאַרף אַרײַנפירן רו אין די

אויפדערנאַכטן, ווען די קראַם איז געשלאָסן און אַלע פינצטערנישן הויערן פּאַזע די מויערן פון די פּוסטעווענדיקע גאַסן. פלאָראַ אינפעליסע האָט אויך פאַמעלעכקע זיך דערנעענטערט צום מאַן וואָס איז איר צוגעטיילט געוואָרן. אַוודאי, זי איז אויף אים מסכים געווען, מחמת מיטן געדאַנק האָט זי זיך געווענדט צום מאָרגן פאַר וועלכן זי'ט געגומען זיך בייגן, ציטערן, ווי עס ציטערט איעדע פרוי אויפן שיידוועג פון פאַרבלײַען.

— אַ דאגה איר! זאָל זײַן אַן איבערגעשטאַנען מיטאָג, אַבי אַ זעטיקס!

דאָס אָרט וואָס אָקערשט דערגרייכט איז געווען צוזאָגנדיק. באַדאַכט זיך באַזעצט צווישן די בראַאַכס האָט פלאָראַ אינפעליסע ערשט געזוכט רק מנוחה, הגם ס'איז אַזאַ ענגעניש אַרום זי און עס איז פאַרוואַקסן מיט אַלט־בחורישן אומקרויט. נו, —האָט זי לסוף אָפּגעמאַכט בײַ זיך אין עקסטער פאַרצווייפלונג — פריש געבאַקן ברויט איז סײַ ווי נישט פאַר אַ גע־שרומפּענעם מאָגן.

17

ווי אַרויף־באַרג האָט זיך געשלעפּט די צײַט אין דער געגנט פון כואַן גאָנסאַלעס. אײַנגעהאַלטן האָט זיך צעוואַקלט די רו אינעם הויז פון די באַראָכאָס. ווי נישט פון דאַנעט האָט אָפּגעגעבן דער טומל פון די פאַר־הוילענע קריגערײַען צווישן די זקנישע בחורים. די מחלוקתן האָבן גע־ברענט, אַ ליאַדע וואָרט — אַ פלאַם, אָבער מ'האָט עס אין דרויסן קנאַפּ גע־שפּירט. ווי תמיד האָט די קראַם גאַנצענע טעג געדעשט פון מענטשן. לאַנג ציִען זיך די טעג אין דעם געוועלב און געקאָרטשעט אין אויסזען, אייג־טאָניק (אַפילו אין די זומערוואָכן) איז דער קאַליר, אויך דער קלאַנג פון זייער אָפּשײַן. פלאָראַ אינפעליסע האָט זיך נישט געוויזן אין קראַם אַרײַן; איר זײַן הינטערן ווענטל האָט זי אָבער געפילט, כאָטש ס'האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט פאַר אַלע, טאָקע די זײַטיקע, אויסגערונען געוואָרן פון צווישן די פינגער. בײַ יענע, וואָס האָבן געזען ווי זי פאַרשווינדט אויף יענער זײַט ברעטערנעם ווענטל, האָט זיך שטאַרק אָפּגעחתמעט אין זכרון דער אומרו־פלאַטער פון דער פרויס צעוואַקלטע שריט; ס'איז געווען אַ מין אָפּן אַרײַנגנבענען זיך אַהין מיט אַליין פאַרשטעלטע אויגן. מענטשן גע־דענקען אַזוינס: אַ פרוי האָט זיך אַרײַנגעגליטשט צווישן מאַנסלײַט, טייל האָבן אַפילו בכיוון אין דרויסן אָפּגעוואָרט איר צוריקגיין. אָבער אומזיסט. מ'האָט זיך נישט דערוואָרט דער פרויס דערווײַטערן זיך פון דאָרט. בײַ אַנדערע האָט עס צו מאָל צוגענומען דעם שלאָף פאַר אַ גאַנצער נאַכט. אָ,

ס׳אַר אַן אומגליק עס גייט אויף די מענטשן וואָס כאַפּן זיך נעבעך נישט אַז זיי גרייטן פאַר זיך אַליין אַ צרה פון וואָס ס׳עט נישט מעגלעך זײַן זיך אָפּצוּוואַשן! נו, צו די מאַנסלײַט פון דער שפּײַזקראָם וואָס זענען די אַלע יאָרן פאַרלוירן פאַרן ווײַבערישן מין, איז געקומען אַזאַ האַרטהאַר־ציקע, וועלכע האָט באַוויזן מיט אַ מאָל די באַראַכאַס צו פאַרשפּינען אין אַן אומגעריכטן קנויל פון סודותדיקייט. די מענטשן פון שכנות האָבן עס אָפּט איבערגערעדט. בטבע נײַגעריקע אויף אויסטערלישקייטן קענען מענטשן אַזוינס זיך נישט אַרויסשלאָגן פון געדאַנק: געזען?... עפּעס נישט גלאַט מיט די ברידערלעך. און די קונים האָבן גיך דערשפּירט דעם שינוי אין דער מאַנצבילשער כיתה וואָס איז זינט צײַטן אײַנגעוואָרצלט צווישן זיי: פאַרשווינדלעך וואָס האָבן זיך אַרײַנגעגראָעט אין דעם קאַנט צו גלײַך מיט די אַלטע מויערלעך וואָס דער טינק שיילט זיך פון זיי. קוקן זיי אין פּנים אַרײַן? אָבער דאָס וואָס מ׳זעט, לאָזט זיך נישט אָפּפּטרן מיט סתם אַ וואָרט. ס׳האָט צו טאָן מיטן מענטשנס גורל — נישט ווילנדיק ווערט מען אויף אַן אומבאַגרײַפלעכן אופן צו אַלץ אַ מיטשותף. אַוודאי, אָפּגעניצט זע־נען זיי סײַ ווי און צו באַיונגטקייט איז נישטאָ קיין דרך פאַר קיינעמען. נישטאָ קיין הימלישע ניסים הײַנטיקע דורות, אָבער דאָס וואָס ס׳געשעט מיט די קרעמערס לייגט זיך בשום אופן נישט אויפן שכל. ס׳איז נישט קיין גאָר גלאַטע זאַך. וואָס ס׳איז שטאַרק קענטיק — אַ גלעזל שאַרפּס איז דער תענוג פון די באַראַכאַס. שטילערהייט צווישן זיך האָבן זיי ליב צו זיפּן פון די פלעשלעך. יעדער פאַרגינט זיך אַ גאַנץ פלעשל. און מ׳גיסט אַרײַן אין זיך אַזש די אויגן גייען זיי איבער. אַ ביטערע מאַטע טרינקען זיי אויף אַלעמענס אויגן, אַ צי פונעם רערל אַפילו בעתן באַדינען איין קונה און אַן אַנדערן. דער קאַליקעוואַטער לויס איז פאַר זיי ס׳אייגנטלעכע ווײַב. קאָכן, שײַערן און אויסקערן ס׳געוועלב איז אַלץ איינס זײַן געטו־עכץ; ער טראָגט אונטער די ברידער אויף די זודיקע טיי־מאַטע וואָס מאַכט זיי גוט דעם מאָגן. איטלעכנס ראָלע אין קראָם איז באַשטימט פון רגילות. טאָ וואָס באַדאַרפן זיי מער? — האָט איטלעכער געפרעגט און ערנסט, ממש באַזאָרגט גערדרייט מיטן קאָפּ; ס׳האָט געהייסן, ס׳אַ שאָד די עבר בטלע לײַט וואָס אַ פרעמדע, אַ כיטרע נקבה איז גרייט זיי משוגע צו מאַכן אויף די אַלטע יאָרן; זיי קענען נאָך בלײַבן אָן אַ ביסן ברויט אין מויל אַרײַן.

— די ברידערלעך פון קראָם וועלן אויסגעשטעלט ווערן אַזוי אַז זיי

וועלן אונדז נאָך פאַלן אין קאָפּ אַרײַן! מ׳עט זיך דען קענען צוקוקן ווי מענטשן קומען אום אויף אונדזערע אויגן. שכנים זענען מיר, צי ווילדע פון וואַלד? געווען אַפילו אַזעלכע צווישן די ווײַבער וואָס האָבן געהעצט מ׳זאָל נעמען אַרויסרייכערן די צעלאָזענע פון יענער זײַט קראָם־ווענטל. אָבער די מאַנצבילן האָבן מאָדנע געשמייכלט און געלאָזט דער זאַך איר גאַנג: „וואָס, מירן זיך נעמען מישן? ווער בעט אונדז?״

סײַ ווי — די פרוי וואָס האָט זיך אַרײַנגעקראָגן צווישן די ברידער, איז פאַרפאַלן געוואָרן אין זייער קעמערל און זי׳ט נישט אויפגעהערט צו לאָקן דעם נײַגיר פון די לײַט צו דער קראָם אויפן סומנעם ראָג גאַס. שכנים האָבן דערפון געמאָטלט צווישן זיך.

— זיי דערלויבן זיך שוין, די ברידערלעך! די האַנט פון הארץ אָװעק־געגומען — קאָרמען אַ פרעמדן הונגעריקן בויך.

— אַזאַ ברייטע האַנט האָט אַזוינס נישט באַקומען איבער נאַכט. ס׳איז עפּעס מער, מ׳עט זען! וואָס, אַ דינסט זיך אַרײַנגענומען?

— זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַ ביסל שכל, די אייזלען, —האָבן אַנדערע געטענהט.— אפנים, גאָר שטייל איז דער וועג פאַר אַזעלכע, ערשט ווילן זיי זיך אויסמענטשלען!

— כי־כי־כי. זי׳ט זיך דען לאַנג קענען האַלטן בײַ זיי? אַזאַ האָט טעות־דיק גערעכנט אַז זי׳ט מיט מאַנספּאַרשוינען צו טאָן. וואָס, אַן עוף באַדאַרף דען נישט קיין טרונק וואַסער? אַן אויסדאַכטעניש פאַר אַזוינער אַז ס׳איז עפּעס צו דערוואַרטן בײַ אַזעלכענע. גיכער פון אַלץ איז זי אויסן נאָר אַ ירושה פון דער יאַלאָוער חברה.

— זי איז אַ שקאָפּע. נישט געפונען קיין קליגערן געדאַנק און לאָזן זיך צו עפּעס מער רעכטס?

— זעט אויס אַ געמוטשעטע. אַזעלכע קען אַלץ פאַר ליב נעמען.

— און אפשר? — האָט ווער געצויגן מיטן אַקסל.

— פאַר אַזעלכע בעק אַ זיווג? סײַדן אַן אויסגעדאַרטן קאָפּ טרעפט זיך אויך אַ חלום!

— באַהיט זאָל מע ווערן פאַר אַזעלכע בײַשלעפערס! — זענען שוין מעיד געניטע צווישן די פרויען. — אַ באַלעבאָסטע? דאָס פאַרשטייט מען. דאָס איז אַן עסק וואָס אַ פרוי קען אײַנפירן בײַ אַזעלכענע. מאַנסלײַט אַליין קענען נישט אויסקומען מיט זיך, סײַדן טומטומס. מוזן זיי האָבן אַ האַנט

וואָס זאָל אַלץ אַוועקטאָן פאַר זיי. אָבער מער? און די אַלע יאָרן ביז אַהער? — קריכט שוין בײַ זיי דער געדאַנק פון האַרטן שטערן אַרויס.

און ס'לײַט האָבן נישט אויפגעהערט חוזקן: — ווו טוען זיי זיך אַהין מיט איר אין דער ענגער נאַכט? האָניק ציט זיך, האָניק שפּרייט זיך אויס אין דער ברייט. דער האָניק איז איבלדיק זיס, כאָטש דער גומען איז ווי פון האָלץ. אַזאַ טעם רופעט, אַפילו ווען די צונג איז ווי אַ לעדער. עס ווערט דושנע, ווען אַ פרוי פאַלט אַרײַן צווישן סאַמע זכרים. ענג! בײַ טאָג האַלט זיי נאָך די טאָמבאַנק, די פּאַליצעס מיט סחורה, די נאַכט וואַרפט אַלעמען אַנידער, מכל שכן אַ מאַנצביל וואָס איז אַלע יאָרן אויסגעהוילט פון די אַ טעמים וואָס עס ווייעט אָן דער בײַזײַן פון אַ נקבה. אין אמתן, ווו באַהאַלט אויס דער לאָפּעז אַזאַ אוצר וואָס אויסגעפונען נאָך לאַנג־לאַנגן וואַרטן? און סעניאָר קאַרמעלאָ דאגהט זיך גאָר נישט פאַר דעם אַ מאַיאָנטעק? און טשיקאַווע: ווו לייגן זיי טאַקע די דאַמע? שמאָל דאָס קעמערל, שמעלער די בעטלעך אַז ס'זאָל זײַן אָרט אויך פאַר אַ ווײַב, אַפילו זיי זאָלן שוין דורכקומען צווישן זיך, די צעקוועטשטע ברידערלעך.

— אוך, אוך!

די טעג און נעכט האָבן פון דעסטוועגן נישט אָפּגעשטעלט זייער פאַוואַליעדיקן לויף. פלאָראַ האָט מיט גרויסן געדולד זיך אַרײַנגעפּאַסט אין דער ענגשאַפט, אָן אויפהער זיך דערמאָנט: איר מערכה איז אַ פאַרשאָלטענע. ווו נאָר געשטעלט אַ טראָט, פלעגט זי זיך אָפּבריען, געוואָרפן געוואָרן פון גורל. יעדע פרוי באַוועגט זיך צווישן די שאַרפן פון גאָטשישע מעסערס. אָן אָרעמע איז ממילא נישט קיין אויסנעם. אָבער אויך זיי, די מאַנסלײַט, האָט געדריקט די שפּאַנונג וואָס איז אָנגעשטאַנען מיטן אַרײַנקומען פון דער... מער איז פלאָראַ אינפעליסע דער נאָמען פונעם האָס וואָס האָט אויף אָן אמת ווי אַ ליכטל זיך אָנגעצונדן צווישן זיי. דערצו איז לאָפּעז אָפּן אַרויס קעגן אַלע, גלײַך זיי וואָלטן געווען פרעמדע, אײַנגעבעטענע. נאָר דער קוליעמאַן איז אים אַ ברודער, דעמס, מער נישט קיינער, — האָבן זיי געפאַרסקעט. אַ גליק וואָס דער כעס האָט אויסגעצאַפּלט נאָר אינעם טליעדיקן שווײַגן, אַנישט וואָלט סוף־סוף געקומען זיי זאָלן זיך וואַרפן מיט די פויסטן אויפן „אַלטן”. קאַרמעלאָ און מאַריאַנאָ האָבן העפטיק אויסגעשוויגן זייער צאָרן. לויס, פאַרקערט, איז געזעסן אַ צעטומענער, ער'ט געשפּיגלט זײַן אומגעשטילטן יסורימדיקן געקלאָג אינעם אָפּבילד פון דער פרוי, וועלכע האָט אים איבעראַנײַס געפּענטעט ווי

מיט שטריק. מע שטערט אים, האָבן אים געביסן די בלוטן און ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס אַרויסצוברענגען. זאָל ער אויפהייבן אַ גוואַלד? מערסטנס האָט זיך פון אים געהערט אַ שלוכצן, ס׳האָט אים אָפט גע־וואָרפן אויפן בעט אַרויף. פלאָראַ האָט געמוזט אים באַרויִקן: „ס׳טוט וויי? נישקשה, ס׳וועט פאַרגיין". אָבער איינצײַטיק האָט איר אָפּגעשטויסן זײַן קאַליקעשאַפט. פון קלאָמפּערשט מאַמעדיקן רחמנות האָט זי אָנגעסטראָ־יעט איר פּנים, געצויגן די רייד וואָס פּלעגן אים אויך מוסרדיק אָנשרײַען:

— שאַ, ביסט דאָך נישט אַליין. זעסט נישט?

זיך צו פאַרטומלען פון דער אומגעמיטלעכקייט, וואָס האָט געדריקט אויף איר, האָט פלאָראַ זיך געוואָרפן אַלץ צו וואַשן, רייניקן; גענומען אויך פּלעטן, לאַטען, אײַנגעשפּאָרט געלט דער באַלעבאַטישקייט. לאָפּעז האָט געקוואָלן דערפון, באַגערט עס אונטערצוטראָגן ווי אַ גליקלעכע אַנטפּלע־קונג די אָנגעדראָדלטע ברידער:

— זעטס, און זאָל אײַך נעמען דער רוח! איר פאַרשטייט דען וואָס עס איז גוט?

„זיי" האָט עס קנאַפּ געריַרט. קאַרמעלאָ און מאַריאַנאָ האָבן בייז גע־גלאָצט און דער אַלטער האָט ווידער האַסטיק אָפּגעשווּיגן: „פּערדישע קעפּ, קענען זיך נישט איס אויף עפּעס רעכטס". ר׳האָט געהיט די אַפּוּתיקאַ זי זאָל אים נישט אויסרינען אונטער די הענט און זײַטיק געגלעט דעם גע־קרענקטן לוּיִס:

— האַלט זיך, ייִנגל! זײַנע אויגן האָבן געטערערט פון גדולה וואָס ער האָט ענדלעך אויסגענומען: אַנידערגעזעצט די חברה. זאָלן זיי זיך נישט בריקען קעגן דער...

געפעלן געוואָרן, צי נישט — פלאָראַ אינפעליסע איז דאָך געוואָרן באַלעבאָסטע בײַ זיי. און ערשט איז לאָפּעזן געקומען אויפן שכל אַז ר׳האָט נאַריש געפּטרט זײַנע יאָרן, געוואָרן אים אַ שאָד וואָס אַזוי פיל צײַט איז אַוועק אָן אַ י ר . וואָס שאַדט אַז אַזאַ עסט מיט, זי דערפרייט ס׳ייִנגל וואָס איז אַזוי אומגליקלעך. ריכטיק, אַ שאָד, וואָס זיי פאַרשטייען אַזוי ווינציק. אַ שלאַבעריקע זאַך דער שכל. ביז ער קומט, פאַרגייען די יאָרע־לעך! ווײַל אין אמתן האָט ערשט אַצינד אַ גינגאָלדענער חן אויפגעשײַנט אונטערן בעליק, אָבער „זיי" זענען נאָך געבליבן בלינד דערויף. מיט פאַרש־טשעמעטע צײַן האָבן די האַרטנעקיקע צום סוף געמוזט אײַנזען וואָס לאָפּעז

האָט אָקערשט אײַנגעזען. אָבער אַ דראָענדיקע אימה פאַר דער פרעמדער האָט אַלץ נישט אויפגעהערט ברענען אין זיי, טליִען.

אמת, אמת, אַ דאַנק דער פרוי וואָס האָט זיך אַרײַנבאַוויזן אַהער ווי אַ זון־פּאַס אַ גלעטנדיקער, איז באַטעמטער געוואָרן ס׳געקעכטס אין דער שיסל, אַפילו ליכטיקער די אויפדערנאַכטיקע ענגשאַפט אין דער קלייטי־שער אָפּצאַמונג; דער קידער־ווידער איז טאַקע נאָך געווען אָנגענאָדלט צווישן די באַראַכאַס; כאָטש געלאַסן, האָבן זיי זיך כסדר אָנגעטראָטן אויף די הינערדויגן.

— הער נאָר: אויף אַן אמת קלערסטו זי צו לאָזן דאָ? — האָט קאַרמעלאָ אין סאַמע באַוועגונג אינעם קלייט זיך ווידער אַ מאָל פאַר־מאָסטן קעגן עלטסטן, אַרויסרזפעריש זיך געשטעלט צו לאָפּעזס אַקסל, געבורטשעט אין זײַן אויער אַרײַן — אַ קינדערשפּיל ס׳טו אונדז אָנדרייען? זאָלסט אויפהערן, אויב ווילסט נישט מ׳זאָל זי — —

די אויגן האָבן זיך אים שאַרף גרין געצונדן.

— ווערסט אפשר זי אַרויסטרײַבן, אַ שווערער, דו!

— וואָס איז זי אונדז, די, די...?! — האָט קאַרמעלאָ שוין געקריצט מיט די ציין.

— באַשטייסט נישט? —האָט לאָפּעז זיך גענומען שוימען; — ווערסט זיך נאָך איבערקלערן, יונגער מאַן, — און געוואָלט זיך אָפּקערן פון אים מיט פאַראַכטונג. בײַ לאָפּעזן האָבן די באַקן געציטערט און ער׳ט צאָרנדיק זיך אָפּגערוקט פון יינגערן אַז ער זאָל אים נישט שפּרינגען אין פּנים אַרײַן. ער האָט זיך אַליין נישט געטרויט, דער עלטסטער באַראַכאַ: זיי שטעלן זיך קעגן אים, די גאַאַאַרנישטן! — האָט׳ס געצישעט אין אים, פאַרביסן זיך אַליין געצוימט נישט צו דערלאַנגען אַזוינעם אין די ציינער אַרײַן.

— חתונה מאַכן ווערסטו דעם קוליעמאַן? לאָז עס אַרויס פון זינען, מענטש! —האָט מאַריאַנאָ זיך צערעוועט— ער קען דען, כיע־כיעכיעעעע.

— גיפּטיק האָט עס זיך צעשפּריצט מיט אַ געלעכטערל, אַ שנײַדיקס אַזאַ, אַן אָפּקלינגענדיקס ווי בלעך אונטער אַ האַמער. — הערסט, ברו־דער —האָט ער פרעך צוגעוווּנקען קאַרמעלאָן— אויף אַ רעכטן אמת וויל ער זיי חתונה מאַכן, דער אַלטער. סעניאָרעס, גרייט זיך טאַנצן!!

אין לאָפּעזן האָט עס אַ קאָך געטאָן: „אַ חוצפּה האָט דאָס! ווערט ער זיך לאָזן, וועלן זיי אויך אים אַרויסשטויסן פון דאַנעט. אַלט געוואָרן דער

הונט, אַ שוואַכער היטער פון הויז, מעג ער שוין גיין — אַ קאָפּע אים אין הינטערחלק אַריַין״!

— די געמבעס פאַרמאַכט, בעסטיעס! — האָט ער זיך שוין צעשריגן, געשפּריצט פיַיער מיט די שוואַרצאַפּלען, און ס׳האָבן געציטערט זיַינע טונקל אָנגעגאָסענע, קנאָכיקע דלאָניעס, באַלייגטע מיט שווערע, גראָבע אָדערן.

— חתונה האָבן וועט דער? —הערט קאַרמעלאַ נישט אויף סליַינען — סיַידן דו ווילסט אַלטער, מיר זאָלן זי חתונה מאַכן, די בתולה.

— העזהניקעס! האַלט די געמבעס, שלעפּערס — — און ווילד גע־שטאָכן זיי מיט די איבערגעלאָפענע אויגן: — באַלעבאַטישע שטילקייט זענט איר נישט געוווינט אָנצוהאַלטן, געמיינע צורות! און איך זאָג איַיך, פלאָראַ וועט בליַיבן דאָ. זי איז אַ גוטע, וויַיזט אויס אַ געשלאָגענע, ווילט איר זי נאָך צושלאָגן? פאַרשאָלטענע אייזלען, —האָט ער זיך אין מיטן דערינען העכער צעשריגן— זי׳ט איַיך אַ טובה טאָן, דעם ברוד אָוועקרוימען, דעם ליַיבלעכן ברודער אַרויסהעלפן אין בויט, איז קומען זיי מיט דעם שיינעם דאַנק — אַזאַ חוצפּה! איר הערט: דעם אַ פּעלדז וועט איר נישט אַריבערגיין: אָדער איך פאַל אָדער איר ווערט צעממיתט; אָדער זי איז מיט אונדז ביַינאַנד, אָדער איך וועל איַיך צעשטויבן און — צום טיַיוול מיט אַלעמדינג!

ער האָט זיך פאַרמאָסטן. לאָפּעז באַראַכאַ איז געווען שטאַרק באַליי־דיקט אויף די ברידער: — אים זיך אַנטקעגנשטעלן? ס׳האָט אים גע־געסן דער כעס און יענע האָבן פּנים אל פּנים מיט אים, דעם אַפּוטרופּוס, נישט אויף קאַטאַוועס, זיך דערשראָקן פאַרן אמת וואָס איז דאָס מאָל האַרט ווי אַ שטיין. זי איז טאַקע אַ ניצלעכע האַנט, אַן אַרויסהעלף. ר׳איז אפשר נישט אין גאַנצן משוגע, דער משוגע געוואָרענער לאָפּעז...

די ווידערשפּעניקע האָט ווי אַ ברי אַרומגעכאַפּט די אויסגיכטערנדיקע מורא אָנצוווערן דאָס וואָס זינט יאָרן מיט געדולד, מיט אומקלאָרן האָפן אָנ־געקליבן; אַלץ, אַלץ, אין וואָס עס איז זייער גאַנצער כוח. אונטער לאָפּעזס אָפטן געטומל פון וועגן דער נקבה און קאַליקעוואַטן ברודער, האָבן די אומ־צופרידענע פּלוצלינג דערשפּירט אַז ס׳איז נישטאָ קיין מאַכט איבערן אַלטנס ווילן. טאַקע דער עלטסטער האָט זיי אַריַינגעפּירט אין הויז פון זאַטקייט, אָבער ער וויל אַלץ דערווערגן מיט דעם שטיק ברויט. וואָס וועלן זיי אָנהייבן, אויב...? ערשט האָבן זיי דאָס באַנומען, נייך, זיי זעען עס אַלע מאָל, מחמת ס׳איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן וואָס שוין ביטער איבערגעלעבט: דער עלנט איז טויזנטפּיסיק. ער יאָגט זיך נאָכן מענטש, ביז ער פאַלט. אומגליקלעכע

וואַלגערן זיך שטענדיק אין אַנגסטן, קענען נישט אַנטרינען פון די צרות וואָס וואַרפן זיך אויף זיי. און פּאַוואָליע האָבן די קריגערס זיך צוריקגעצויגן: גלײַכער נישט אײַנצורײַסן מיט אים. זאָל ער, דער אַלטער. דער עיקרשט איז מנוחה. אַזוי, ביסלעכווײַז, האָבן די ווידערשפּעניקע זיך צוגעווױנט צו דער פרוי, צו אירע פירעכצן, זיך צוגעהאָרכט ווי צו אַ וואַנטזייגער צו אירע געמעסיקטע טריט, אַפילו זיך פאַרהאַלטן אַנטקעגן איר ברעקלענדיקער שטים: „סעניאָרעס, ס'מיטאָג איז גרייט. מאַנצבילן, צײַט צו געדענקען אַז ס'איז נייטיק אַ ביסעלע רו״ — — ווײַזט אויס, אויך זי איז ווי אַ פיש אין וואַסער אָפּגעשטאַנען אין איר אינעווייניקדיקן געראַנגל מיט זיך אַליין: „אַוועק פון דעם בינטל אַלטוואַרג אָדער נאָך איבערוואַרטן?״ ס'זענען מיד געוואָרן די אָ און זי'ט אַליין אויך זיך גערופן צו באַדענקען.

די שטילקייט וואָס אײַנגעגליווערט אינעם אַרום, האָט ווי זאַמדשיכטן זיך אַראָפּגעלייגט אין אָנגעזיכט פון די טעג וואָס שפּאַרן אַזוי, גלײַך זיי וואָלטן אַהערגעשפּאַנט פון די קאַלעמוטנע ווײַטן. די לײַט פון דער אָפּגעלעגענער געגנט זענען געשטאַנען פאַרטעמפּט אַנטקעגן דעם וואָס פאַרהוילט פאַרן מענטשישן שכל די סודות פונעם מיסטעריעזן ליכט ווי פון דער אַנטרעטנדיקער לויערנדיקער פינצטערניש. צוגעקוקט זיך צו די אומאויפהערלעכע תרעומות פון די באַראָכאָס צו אײנאַנדער, האָט די פרוי אין פאַרבאָרגענער ציטערניש, אין שפּאַננג געהיט די אייגענע שריט: קאַרמעלאָן, דעם שאַרפסטן פון די ברידער צווישן וועלכע זי מוז הויזן איז זי אַנטקעגן געקומען מיט אויסגעזוכטע איידלקייטן. „דערלויבט, שוואָגער; ליבינקער, טוט אַ טובה״. און דאָך האָט זי ווײַבלעך געשטעלט אַ מחיצה צווישן זיך, דער שטאָטישער, און די דאָרפסלײַט, וואָס קענען — וועדליק איר — ווערן בלינד אַזוי אַז אין צערייצטקייט זענען זיי קאַפּאַבל אומגעריכט זיך צו וואַרפן דורכבײַסן די דראָטן פון קאָראַל, אײַנשליידערן די צוים וואָס זונדערט אָפּ דאָס שוואַכע היימווינקל פונעם מידבר. „נישט צולאָזן נאָענט צו זיך״, איז בײַ איר געוואָרן אַ כלל וואָס זי'ט קוים געקענט אײַנהאַלטן פון וועגן דעם כבוד פון פלאָראַ אינפעליסע. אין זייער בײַזײַן האָט זי זיך געהאַלטן קאַלט אויך מיטן אייגענעם מאַן. ס'איז קאַפּריז דער מידבר אין זײַן ווילדקייט, ווייסט זי. דאָס מינדסטע וואָלקנדל באַהאַלט אין זיך דעם אָנזאָג פון אַ וויכער. געלאַסן, געלאַסן און זי'ט טריטווײַז זיך אײַנגעקויפט אין היימישקייט צווישן די פּאַרוויאַנעטע מאַנצבילן.

פּאַמעלעך, און פלאָראַ אינפעליסע האָט אָנגעהויבן שלאָפן אין די נעכט.

אמת, אמת, —האָבן שוין אַלע באַראָכאַס דאָס אײַנגעזען— די אָ מאַכט הימלעכער אין הויז, כאָטש שטורעם איז מיטגעקומען מיט איר. ס'איז אויך וואָר, עס פאַרדריסט נאָך אויף דעם וואָס האָט דערפירט דערצו אַז די דאָזיקע זאָל פאַרבאָרגענערהייט עלול זײַן צו צעשטערן זייער פריד. ווער ווייסט, אויב זיי וואָלטן נישט געשריגן, צו וואָס אַזאַ וואָלט דערפירט. נאָך אַצינד בײַסט זי זיך פינצטער אַרײַן ווי אַ טכויר אין לעבעדיקן שטאַל. נאָך נישט אין גאַנצן האָט זיך געלייגט דאָס אומוועטער. אַ מינדסט ווינטל קען אויפברענגען אַ פלאַם. סוף־סוף איז צווישן די ברידער מער נישט געווען קיין שלום. בײַ אַלע אירע ווײַבערישע קלוגשאַפטן איז פלאָראַ זיי געבליבן אַ שפּאָן אין אויג. אויך די גדולה פון דעם קאַליקע, וואָס לאָפּעז האָט אים חתונה געמאַכט, האָט זיי שטאַרק געאַרט, קאַרמעלאָן און מאַ־ריאַנאָן.

— אַ ווײַב באַדאַרפט, דער אומזיסטער פרעסער!

— געקומען קלאָמפּערשט צו אים, מיינען מיינט זי עפּעס אַנדערש,

— האָבן זיי, טיף צערודערטע, זיך נאָך איבערגעוווּנקען. ס'איז בײַ זיי געבליבן צו קוקן אויף די הענט פון דער, וואָס איז בײַ זיי געבליבן אַ פרעמדע. די מורא אַז מ'זאָל בײַ זיי נישט עפּעס צוגנבענען האָט פון די בחורישע לײַט אַרויסגעיעלהט מיט שנאה צום קאַליקעוואַטן ברודער.

— קלאָמפּערשט קוקט זי אויף אים (האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו צישען), אָבער זע: אַ מגושמדיקער אָנגעמלאכהטער אָקס שטייט ער און ער לאָזט זיך נישט פאַרשפּאַנען. ווינציק וואָס מ'האָט זיך אַלע יאָרן געדאגהט פאַר אים, געהאָדעוועט ר'זאָל זיך פּאַשען דעם הינטן, האָט דער קוליעמאַן געמוזט נאָך אַזעלכע אונדז אַרײַנפירן.

דאָך, לאָפּעזן האָט זי אויף אָנגעליכטיקט, די פרוי, און אָנגע־בראַכט אויף אים אַ זיסן אומרו. ביין, ער האָט נישט געגלוסט צו דער פרוי. עס איז געווען די פאַרליבע פונעם אויסגעשפּילטן מאַן וואָס טראָגט צו דער זי די אײַנגעקוואַרטע זריזה פון פאַרקלונגענעם אייגענעם אַמאָל. געזען פלאָראַן, האָט דעם עלטסטן באַראָכאַ געפרייט דאָס האַרץ, כאָטש לאָז זיך פון אים קושן, עס צעשפּילט זיך זײַן אויפגעלעבטער חשק צו אַרומ־אָרעמען זי און דריקן זיך צו איר. לאָפּעזס פּיס האָבן זיך פאַר אַ גאָווינע געטראָגן לײַכט, די פּיס וואָס אַזוי שטאַרק אויסגעפּרוווט אין דינסט פאַר די קונים: „נאָר אַ רגעלע, שוין גיב איך". אַ יונגע מינע איז אַרויף אויף זײַן פאַרטריקנטן פּנים.

ביסלעכווײַז איז די פרוי דאָך אַרײַנגעוואַקסן אין אָפּגעגרענעצטן חלל און צווישן די ברידער האָט זיך לסוף אײַנגעשטעלט אַ לפּנימדיקער פרידן — בײַנאַנד מיט איר, פלאָראַן.

זי איז יאַקאָש געשלאָפן אין דער ענגשאַפט. לאָפּעז האָט זיך נאָך מער אַראָפּגערוקט אין דער עלטער אַרײַן, אָבער נישט אויפגעהערט שעפּן תענוג פון דער פרוי: „אַ באַטעמטע באַלעבאָסטע" און בשום אופן נישט געוואָלט זיך לייגן אין בעטל וואָס זי האָט אים צוגעגרייט פאַר אַ גע־לעגער. „אַ דאַנק, אַ דאַנק". זיך אָפּגעזאָגט פון די מעגלעכע גוטסן, ר׳האָט רק „אָפּגעדריקט" דעם דיל. זאָלן זיי געניסן, דאָס פאַרפאַלק, — האָט ער שוין אײַנגעטענהט מיט זיך. אין די גאַר קי־לע נעכט האָט ער אויף דער ערד, אַ צונויפגעקנוילטער באַרג זיקנה, זיך איבערגעוועקט פון חלומות, וואָס מחמת די שוואַכע פּאַסטריגעס וואָס האָבן זיי צונויפגעהאַלטן, צו מאָל אָנגעליכטיקט, פלעגן זיי ווי אַ טומאַן זיך האַסטיק איבעררײַסן, געלאָזן אים זיך צאַפּלען ווי אַ שווימער אין מיטן אומגעריכט צעברויזטע כוואַליעס. איבערגעוועקט אַלעמען אָפּבורטשען און באַלד ווידער זיך געוואָרפן מיט געפּײַך צו די ברעגעס פון בלינדן אומענד. לויס, פאַרקערט, האָט געוואַכט איבערן יאָ־דרימל, נישט־דרימל פון דער, אויף וועלכער מ׳האָט געזאָגט אַז זי איז זײַנע.

אין דערוואַכטקייט פון די אייגענע בלוטן איז פלאָראַ דאָס ווײַב אויפגעלעגן מיט קלאָרע אויגן און געשפּירט ווי איר האַרץ זינקט אין אַן איבל וואָס בלעזלט זיך מוטנע. טיף אין זיך האָט זי באַנומען ס׳אויפגיין פון אַ שנאה צו דעם וואָס איז איר געגעבן געוואָרן ווי אַ מאַן: לויס מיט דער באָמבע.

דאָס שפּאָטישע לידל פון די קינדער האָט אין איר אויפגעפראַלט אַפילו אין מיטן נאַכט, אָבער קילער חשבון האָט זי געצאַמט. פלאָראַ איב־פּעליסע האָט אונטערן שלײַער פון זאָרג פאַר די טעג וואָס קומען, ווידער אײַנגעהאַלטן צו זיך נייטיקן דרך ארץ און נישט פאַרגעסן דעם מאַנצבילשן נייגיר פון דעם אַרום.

18

יאָ, אין שטח פון אומאָפּטרעטלעכן טראַכטן האָט די צײַט געוואָרפן אַקעגן די באַראַכאַס שווערע קלאָפּטערס פינצטערניש.

עס איז מער נישט געווען רויִק אין הויז פון די געוועלבניקעס.

פלאָראַ האָט נאָך אַלץ געהייסן די צרה וואָס איז אַרײַן צו זיי. קאַרמעלאָ מיט מאַריאַנאָן האָבן „צונויפגעשלאָגן די קעפּ" אין שנאה צו די ברידער וואָס האָבן געזוכט אַן אָנשפּאַר אָן דער פרוי. מסתמא ווײַל אַזאַ איז קיינעם פון זיי נישט באַשערט געווען אַ לעבן לאַנג. זאָלן ערשט אייגענע זיך רייצן מיט זיי?

— דו ווייסט דאָס מעשהלע פון בוים וואָס זײַנע צווײַגן האָבן זיך צעקריגט? נישט גוט אַז מ'באַדאַרף זיך אָפּרײַסן ווי יענער צווײַג, אַוועקגיין אין דער פרעמד, — איז מאַריאַנאָ אין איינעם אַ טאָג געוואָרן טרויעריק. — אין אַזאַ מערכה איז באַשערט נאָר דאַרעניש. דאָך איז ווידער דערגאַנגען צו געשרייען, נאָר די חרפּה פאַר די קונים, די בושה פאַר דער אייגענער אַלטקייט האָט פאַרשפּאַרט די העלדזער. פון דעסטוועגן האָט עס נישט אויפגעהערט צו קאָכן און זידן.

אין באַזאַכטע זונטיקדיקע פאַרמיטאָגן, די גאַסן ליגן אין שלעפעריקער שטילקייט, פלעגן די באַליידיקטע ברידער זיך דורכגיין בײַנאַנד, שווײַגנדיק געמאָסטן די טריט. אָבער איטלעך מאָל האָט זיך פון זיי אַרויסגעריסן איינס און ס'זעלביקע:

— אַן אויסגעדייוועטער, און אַ נקבה האָט אים פאַרשמעקט!

— מיך וויל ער שלײַערן מיט זײַן גוטס פאַרן ברודער, דער תרח! באַנעמסט דאָס שפּיצל?

דער עיקר האָבן זיי זיך געכעסט אויף לאָפּעזן, לויסן ווינציקער געדענקט בשעת הדחק; אויף דער פרוי איז זיי געווען אַ רחמנות: אַ מויז זוכט זיך אַ יאַמע! זי איז נישט אין גאַנצן שולדיק. מ'האָט זי אַרײַנגעשלעפּט, ברודערקע. אַזעלכע וואָלט נישט דערוועגט זיך צו טשעפּן צו באַשיידענע לײַט.

— ס'וועט נישט גוט זײַן אַזוי, — האָט קאַרמעלאָ זיך דערצונדן און גענומען אַרײַנליאַרעמען אינעם ברודער. פאַרצערט פון דער הורמע יאָרן וואָס געהאַט הינטער זיך, האָבן די בײדע אָקערשט ערנסט דערשפּירט ס'ציטערן פון זייערע קני. מאַריאַנאָס פּנים האָט געצוקט: — זי'ט ברענגען אומגליק אויף אונדז, די... מ'טאָר נישט הערלאָזן, הע־עעעערססט?! זי קריכט אַרײַן ווי אַ שלענגל אין עפּל.

דער זוניקער אַרום האָט פולמויליק אויסגעצויגן דאָס צאָרנדיקע רעוועץ פון דער וואָרענונג. ברודער האָט געטרײַ זיך געשטעלט פאַר ברודער, צעקאָכט געקוקט זיך אין די אויגן אַרײַן:

— די נקבה וועט אַרויסטראָגן די קראָם! אַזאַ מוז גנבענען. אַז וועסט זיך אַרומזען, וועט שוין זײַן צו שפּעט. בײַ אויסגעדראָשענע שטרויען וועלן מיר בלײַבן, מענטש! צו אַן אַנדערן וועט זי עס ברענגען, גע־דעעע־נננק.

די טאָג־ליכטיקייט האָט זיך צוגענייגט צו די אויפגעבראַכטע, גע־שפּעט פון זיי; קאַרמעלאַס געזונקענע קול האָט לסוף אויף קאַלט אָפּגעגאָסן זײַן באַגלייטער:

— טיפּש, האָסט עס דען נישט באַלד געוווּסט? צו אַ קאַליקע וועט צ׳עַן אַזעלכענער? שפּיציק איז דער תּירוץ פון אַזאַ וואָס גייט אויף אַ באַר מיט אַן אָנגעשימלטן חשק.

אַהיים געגאַנגען, האָט שאַרפע שטוינונג זיי נאָכגעקוקט פונעם דרימלענדיקן דרויסן.

*

. . . אין דער היים, צווישן די צעקריגטע מאַנצבילן, האָט די פרוי זיך דורכגעטראָגן מיט אַראָפּגעלאָזענע אַקסלען, דעם מוח ערגעץ אײַנגע־גראָבן אין פאַרביסענעם שווײַגן. זי הערט נישט, זי זעט נישט; פלאָראַ איז גלײַך גוט צו אַלעמען און זי איז פלײַסיק געטרײַ דעם הויז. עלעהיי אַ משרת, נישט ווי סתם אַ דינסט וואָס מ׳דינגט, נאָר אַ משרת צווישן אייגענע אויסגעפּונען, אַ פאַראָרעמטע. ס׳איז מיט איר אַזוי געשען, ווײַל פלאָראַ אינפעליסע האָט געלעכצט צו האָבן אַ היים, געווען מיד צו זײַן אויסגעשטעלט רק אויף דער פרעמד. זי מוז איבערהאַרן אַט דעם רעגנ־שטורעם, — האָט זי אָפּגעמאַכט בײַ זיך אין אָנבליק פון די אָנאויפהע־ריקע קריגערײַען צווישן דעם זכרישן אַלטוואַרג אין פאַרדומפּעצטן הויז פון ראַג כואַן גאָנסאַלעס —

און זי׳ט זיך דורכגעהאָרבעט.

די פרוי האָט געקאָכט גרויסע טעפּ אײַנזידעניש, געריייניקט קוי־טיקע וועש און געוואַרט לײַטזעליקייט אין אַ בליק, אין אַ וואָרט פון די וואָס האָבן, ווי ס׳האָט זיך אַ מאָל אויסגעדוכט, געזאָלט ווערן איר היימיש.

— אַ שטוב ווי אַ דאַרן, — האָט די פרוי דורכגעזיפצט איר פילן צו די וואָס רינגלען זי אַרום, בלאָזן אויף איר קאַלטן ווינט וואָס בריט. אַ באַשערטקייט אַ שווערע, — און אָפּגעאָטעמט אין סוף־סופיקער פאַר־וויסטקייט. יאָרן שפּאַנען איבערן נאַקן, און זיי שלעפּן מיט. אָט אַ איז שוין אַ געמויזעכץ, תּהום.

ווײַטער־אַרײַן האָט פלאָראַ אינפעליסע זיך שוין געראַנגלט פאַר אַן

אַנשטרענג נישט צו זײַן צוגעבונדן נאָר צום עול פון געבן אַנצועסן דער חברותא אַכלערס, צו זײַן אין יאָך פון דער קלייט וואָס פליעסקעט זיך אַריבער דער מחיצה אין אַ געגיי, ברעכט זיך אַריבער טאָגטעגלעך אי־בער איר שאַרבן. ענדלעך האָט זי זיך געכאַפּט: ס'איז געווען אירער אַ פאַלשער חשבון! זי איז נאָך אַלץ אויסגעשטעלט צו זוכן אַ טראָפּן ליכט, ווײַל די יאָרן טונקלען, לאָזן זיך אַראָפּ־באַרג. נײַער צווייפל האָט צע־גריזשעט די פרוי וואָס דער גורל וואַרפט זי אַהין און אַהער.

פלאָראַ אינפעליסע האָט געהאַט פּאַראיבל אויף זיך: צו לאַנג זיך פאַרלאָזט... אָפּגעלענקט פון איר יִיאוש האָט נאָר די פלוצלינגע עקשנות פון לאָפּעזן. אין מיטן אומהיימלעכן אָוונטלעכן שווײַגן וואָס זיך אַנומלט געשטעלט אין קאַמער, האָט דער עלטסטער אומגעריכט זיך צעשריגן אי־בער די אַרומזיצנדיקע:

— זיי, אַט די וועט ער פרעגן דעות?! — און געטײַטלט מיט אַ ציי־טערנדיקער האַנט און זײַנע פיבערנדיקע אויגן זענען געשפּרונגען איבערן געפּעלבלטן פּנים, אַט אַ זענען זיי געשווומען — איך וועל פירן! ווי זאָמד וועל איך אַלץ צעשטויבן. ריכטיק, די שלאַנג קען נישט אַנדערש! פאַר גוטס ענטפערט זי מיט גיפט. ער'ט געשריגן, זיך געוואָרפן.

קיינער האָט נישט דערוועגט זיך אָפּצורופן. דעם אַלטנס זידעניש איז געבליבן פאַרקלעמט, מאַנען אין דערשטויגטן אַרום; זיך דערשראָקן די ברידער אין אייגענער פאַרלוירנקייט און די פרוי, די געדולדיקע צוקור־קערן, האָט מער נישט געטראַכט זינט יענעם אויפדערנאַכט דאָס קווענק־לענדיקע טראַכטן צו גיין אַנדערשווו זוכן פאַר זיך אַ ווינקל פאַרן מידן קאָפּ. דער אַלטער האָט דעמאָלט לאַנג געפּליקט פאַסן פון דער נאַכט.

— גע־העעע־עעערט? איך זאָג, אי־ייי־יך, — און געזעצט זיך מיט דער פויסט אין ברוסט אַרײַן. זינט דעמאָלט איז פלאָראַ געוואָרן זיכערער מיט איר שפּאַן ערד אויף דעם ראָג כּוָאן גאַנסאַלעס. זי איז געבליבן אייגן אין הויז מיט די וואָס זענען בײַנאַנד געווען צונויפגעשמידט פון גורל. אַ רעזיגנירטע האָט זי אייגנס שוין געטראָגן די געשלאָגנקייט און איר מינע, איר טראָט האָט גערעדט: נאָט אײַך אין גאַנצן מ י ך. טוט ווי איר פאַרשטייט. זעט, איך האָב נישט וואָהין צו גיין.

טעג דורכאַנאַנד איז נאָך דעם צווישן דעם געזעמל אַרומגעגאַנגען אַ דריקנדיק שווײַגן. אָבער אַזוי האָט עס נישט געקענט לענגער אָנהאַלטן. איטלעכער האָט עס געפילט, אַנישט וואָלט געקומען צו אַ נײַעם אויסבראָך

פון פּאַראיבל, וואָס האָט ביז איצט נישט קיין נאָמען. דאָס דאָזיקע אומווע־טער איז לסוף אַוועק מיט פּאַוואָליעדיקע מינעס, מיט פאַרגעבנדיקע בליקן, אַ פּאַרעווע וואָרט. אַ שווערקייט ווי פון אַ נאַר־וואָס אויסגערונע־נעם טשאַד איז דאָך געבליבן. שפּעטער האָט זי, די פרוי וואָס האָט אַהער אַרײַנפאַרבלאָנדזשעט, שוין דרייסטער אַרויסגעשלײַכט צו זיי, ווי אַן אייגענע זיך געוויזן, זיי געדינט היימישלעך, די באַראָכאָס. ס׳האָט אויס־געזען — זיי האָבן שוין זיך מיישב געווען, אונטערגעגעבן זיך לאָפּעזן, דעם, וואָס האָט צום מערסטן זיך צעליאַרעמט אין דער אַרומיקער אַנט־שוויגנקייט וואָס טוט נישט מער ווי זי וועבט זיך ווי אַ שווערער געוואַנט און ער פּוישט אָן אַן אומעט. — איך וועל אײַך אָנלערנען! — פּלעגט ער אַרויסשטורעמען, דער אַלטער, — איכ׳ל אײַך צעטרײַבן אין אײַערע אַמאָ־ליקע לעכער אַרײַן, איך וועל... פּײַנלעך זיך געשוימט פון אומבאַהאָלפּע־נעם כעס. אויף דעם אַ צאָרן האָט ערשט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ נײַער שטויב פון שטילקייט.

לײַט האָבן אַצינד אויף אַן אמת זיך דערשראָקן: „אַ פּנים, ר׳קען טרײַבן, דער"...

— סעניאָראַ פּלאָראַ, — האָט דערנאָך איינער פון זיי פּאַוואָליע זיך שוין געפּרוווט מיט סתם אַ וואָרט, הגם ר׳האָט נישט געהאַט וואָס צו פרעגן.

— שווערגערן, —איז אַרויס אויך דער צווייטער און ר׳האָט נײַ־גיריק, מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, נאָכגעשפּירט דעם אַרויסגעלאָזענעם קלאַנג.

טריטוויבּ האָט זיך צעדריוולט די אומאייגנקייט. פּלאָראַ אינפעליסע האָט אַזוי אַרום געגומען פרײַ היטן איר האָמעטנעם אינדערוואַכן אינעם אויסטערלישן מאַנצבילשן הויז: טאַקע געהאָרעוועט, גיכער זיך דערנענע־טערט צו דעם, צו יענעם מיט אַ פרעג און אַליין בײַ זיך געמאָנט וואָס זי מוז זײַן, וואָס זי דאַרף ווערן אויף אַן אמת — דאָס ווײַב פון אַזאַ וואָס מוז איטלעכע מינוט געדענקען אין זײַן מום. ס׳איז ריכטיק — האָט זי זיך שוין געשלאָגן מיט די פויסטן איבער די אייגענע געהירן, כדי דאָס נישט אַרויסצולאָזן פון זינען: דער איז אַ קאַליקע אין לײַב, אים גריזשען די יסורים. לעצטנס שווײַגט ער שווערער, ליגט באַנעזאַמעט און קוקט מיט הינטישע אויגן, אויב זי גייט נישט צו צו אים פרעגן צי ר׳וויל עפּעס, אויב ר׳באַדאַרף געניטיקס. יאָ, אויך אין איר האָט זיך דורכגעראָבן אַ טיפער שינוי — ערשט האָט מען אין איר באַוועגן זיך איבער דער קאַמער

געקענט זען אַז זי באַמיט זיך אויסצוטאָן פּונעם נעפּל די דאָזיקע וואָס אַז זיי רעדן, שלעפּן זיי אַ צעריסענעם אָטעם מחמת זייער גאָר פאַרשפּעטיקטן אָנקומען, כאָטש זיי זענען נאָך נישט געוואָרן דעריין מודה צו זײַן. זי, פלאָראַ, קען זיך אָבער אויס דערויף, אָט קלײַבט זי מיט אירע הענט די שטיקער אָטעם וואָס פאַלט פון די דאָזיקע. אָ, ווי זיי סאָפּען, ברעכן זיך אײַן אויף די קניִען! אַוודאי, עס איז אַ גראָבן זיך אין וואָרהאַפטיקער פאַרלוירנקייט, מוזסט עס נעמען אין חשבון, פלאָראַ אינפעליסע, גענוג געפּרוווטע צווישן די פּרויען. און שוין שמועסט זי מיט זיך אַליין אַזוי אַז דער געדאַנק צעקלינגט זיך אין איר, הילכט מיט רוגזה: — דו, פלאָרעסיטאַ טײַערע, האָסט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ הויז פון קראַנקע, אמת, אמת, און אויך מידע מחמת אויסגעדריוולטע כוחות, אַראָפּגעקייקלטע יאָרן. איז געדענק ווי דו האַלטסט!

און זי'ט גענומען באַרעכענען יעדן שריט, געדענקען עס יעדן טאָג. אָבער ערשט דעמאָלט האָט זיך אויך פאַר איר אַנטפּלעקט אַז עס ליכטיקט אין אירע אייגענע האָר אַ געדיכטער גראָ, גלײַך ער וואָלט אָט אָ אויסגעפאַלן ווי אַ שניי אַ מענדאָסינער * וואָס ווייעט אָן אַ קעלט אויף די פּויערן די דאָרטיקע, ווען זיי קריכן אויף לאַנג אַרײַן אין זייערע ליימענע ראַנטשעס; גראָד דעמאָלט האָט זי דערזען אַז טרוקן קנייטשט זיך איר פּנים, כאָטש קאַרמעלאָ און זײַן ברודער - חבר האָבן דווקא זיך געכוחט צו פאַרהוילן דאָס וואָרטשען וואָס האָט זיך אַרויסגעשטויסן פון זייערע אינגעווייַדן. ווי אַן אַקער אין דער פאַרשטייניקטער ערד האָט דאָס גרימעניש פון די ווידערשפּעניקע זיך דורכגעגראָבן און אויפן דרויסן אַרויסגעוואָרפן שויפלען כעס. ווידער איז קאַפּויער געקומען דער אַלטגעבאַקענער רוגז. ר'האָט אויסגעבראָכן אין אַ זונטיק, ווען שטילקייט וועבט אַרום מיט גראָע טיולן די געגנט פון דער באַוווּסטער קראָם.

— הער נאָר, אַלטער: מיינסט אויף אַן אמת מיט דער...?

ביידע האָבן זיך עס נישט געקענט שענקען: גענומען און אַרײַנגעפירט אַהער אַ נקבה. „ווער באַדאַרף היטן אַזעלכע?!!" אָנגעהויבן האָט קאַרמעלאָ. אין דער טענה איז אָבער באַלד אַרײַן דער צווייטער, מאַריאַנאָ.

— אין מיטן שלאָף אונדז גאָר אַרײַנגעפאַלן! עעע, נישט גוט אַזוי!

* מענדאָסאַ, שטאָט פון דרום־אַרגענטינע, גרענעצט זיך מיט די קאָרדיליערן־בערג און געניסט ווינטער פון שניי־שפע, להיפּך צום רוב פּראָווינצן פון גרויסן לאַנד.

דער לאָמער וועט נישט אויפהערן צו קריכן צו איר, ער׳ט סקאַוווטשען אין די נעכט מיטן אײַזערנעם בעט, נישט לאָזן אַן אויג צומאַכן. נישט קיין טאָג אונדז לאָזן און די נעכט צעשטערן. סע וועט נישט גיין! אוי־אוי־וויי, אַלטער, אויב דו ווילסט דווקא מיט בייזן, דאַרפסט פרעגן אויך אַנדערע. כּוחות האָבן אויך מיר אָפּגעגעבן פאַר אַלץ וואָס אין הויז. מירן נישט לאָזן צעשלעפּן וואָס אָפּגעשפּאָרט. איז האָרך: מיר באַשטייען אַז זי, די שווערער, זאָל גיין נאָר צו די ווײַבערישע געטועכצן. שטענדיק דאָ. נישט אַנדערש, אַלטער. נאָר דאָ דאַרף זי זײַן. אין קלייט אַרײַן זאָל זי זיך נישט דערוועגן. אַ באַלעבאָסטע? אַ שיינעם דאַנק איר! אָבער נישט ווײַטער! ס׳ליבעניש פאַרגינען מיר יעדן, אָבער אויפן לעבן זאָלסטו נישט גיין קיי־נעם, האָמברע. לאָפּעז, ווער נישט פאַרנאַרישט. האַלט אָפּן ס׳אויג. פאַר־שטאַנען? שטייסט אַנטקעגן אַ קעלער ווו ס׳ליגט אויך שוועבל.

ער האָט נישט דערזאָגט ס׳פריקרע וואָרט. צוגעגאַנגען נאָענט צום עלטסטן, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זײַן אַקסל, גערעדט געטרײַ צום ברו־דער וואָס איז פאַרזשאַווערט פון דער עלטער; ר׳האָט גערעדט פיבערדיק דער מאַריאַנאַ.

— גלייב, כ׳בין גערעכט. נו, באַשטייסט? כ׳מיין, ווילסט זיך נישט צעשלאָגן מיט דײַנע לײַבלעכע, ווײַל זיי זענען דיר געטרײַער ווי ווער עס איז. זאָג: ביסט מסכּים אַז די שווערן וועט זיך נישט מישן אין קלייט. ענטפער, מאַנצפּאַרשוין, — און בגוואַלד אויפגעהויבן דעם ברודערס צע־ציטערטע גאָמבע.

— טײַוואָלים, —האָט לאָפּעז שוין טרויעריק אַרויסגעשטאַמלט מיט אַ פײַפנדיק בײַ־קולעכל און בײַ די צודרינגלעכע זיך געבעטן זיי זאָלן נישט באַליידיקן פלאָרעסיטאַן. — גוט, —האָט ער געזאָגט— וואָס זי איז ערשט נישטאָ. הערסט? מירן גאָר נישט גערעדט, מירן אָפּהיטן דעם שלום מיט איר, — און זיך שטאַרק צעהעשעט.

דאָס געוויין האָט דער אַלטער צעזייעט אין צעוויטיקטקייט פונעם גליק וואָס פּעדערט זיך אומגעריכט אין זײַן גבול. דערשפּירט אָקערשט די לויטערקייט פונעם געפיל אַז שוין לאַנג האָט אין אים זיך געבריט די אַ נויט, באשר ער מוז געפינען אַ שותּף פאַרן געדאַנק וואָס אַליין איז ער בלינד, שלאָבעריק: ערשט וואַקסט ער אויס, דער געדאַנק און ר׳וואָרעמט: בכן ס׳גוט די פרײַנדשאַפט פון אַן עמעץ וואָס קען זײַן מער ווי איך בין עס אין שטאַנד צו זײַן פאַר זיך גופא. ס׳איז די קינדישע אומבאַהאָלפג־

קייט, וואָס דערוואַכט בײַם מענטש אין זײַן הארבסט. אַ צער אַזאַ פון אומ־קלאָרקייט האָט געשפּאַרט אויף לאָפּעזן וואָס האָט זיך דערשפּירט מורא־דיק פאַרלוירן מחמת דעם געפיל אַז די צוזאָגנדיקע, די שרעקיקע טרייסט איז געקומען צו שפּעט. ער׳ט אַלץ פאַרשפּעטיקט, לאָפּעז באַראָכאַ, זאָל זשע דער געניסן פון דעם טראַף, דער יינגסטער. און די טענות צו זיך האָבן געריסן פון אים שטיקער: דו ביסט פאַרשפּילט. אַ צוואָל טרערן האָט ווידער אָנגעשטראָמט.

אַ טויגעוודיקע די פלאָראַ, — האָט ער באַוועגט אויסגעצויגן די אייגענע ליפּן און פאַרגעפּילט אַז די אַ וועט באמת פאַרזיסן אַלעמענס עלטערע יאָרן.

פאַר די איבערגעלאָפענע אויגן איז לאָפּעזן געשטאַנען די מינע פון פולער הסכמה מצד די עקשנים, וועלכע ער׳ט אײַנגענומען. ער האָט אויפ־געלויכטן פון דעם נצחון. פון גדולה וואָס געוווּנען די ברידער פאַר זײַן המציאה, האָט דער עלטסטער זיך האָפערדיק אַ באַוועג געטאָן, אַוועקגע־שפּאַנט אַ רגע, זיך אָנגעבויגן ערגעץ, אויפגעקאָרקעוועט אַ פלאַש ווײַן און זיך געזעצט אויסטרינקען פאַרן גוטן מזל פון דעם באַראָכאַ־געזינדל.

— צו געזונט, יונגע לײַט, און פאַר לאַנגע גוטע יאָרן, — האָט לאָפּעז געדזשאָמדזשעט.

— פאַרן לאַנגן לעבן פון די באַראָכאַס, — האָט זיך אויפגעשטעלט קאַרמעלאָ וואָס זיך פאַרמאָסטן מער צו רעדן, אָבער באַלד איבערגעקערט ס׳גלאָז אין האַלדז אַרײַן. מער נישט קיין וואָרט געהאַט אין מויל.

— פאַר גליק פון לויִסן מיט פלאָרעסיטאָן, — האָט זיך מיטן גלאָז אין האַנט אַ וואַקל געטאָן דער עלטסטער און נאָך אַ מאָל אַ זופּ געטאָן.

— צם גליק, —האָבן יענע נאָכגעזאָגט פּן יוצא וועגן. פאַר די אויגן האָט זיך געגעפּלט לעשנדיקער זונפאַרגאַנג.

19

פריד האָט ענדלעך זיך אַרײַנגעשטעלט צווישן די ברידער, וואָס אויף די שפּעטערע יאָרן האָבן זיי צעריסן דעם באַנד פון אַלטבחורשאַפט. אַ פרוי דרייט זיך צווישן זיי. לויִסן דעם קאַליקע, וואָס איז באַוויבט גע־וואָרן, איז מער נישט ענג געווען די וועלט, וועלכע האָט אים צעיסורימט. ער האָט שוין נישט געקלאָגט אויף וויטיקן. און די שוועגערן האָט אויך די זקנהשע בחורים אונטערגעוואָרעמט: אַ ריינעם מאָלצײַט־טיש געגעבן,

אַ פּריש העמד געגרייט, ווי אויף גאָלדענע רענדלעך צעביטן מיט זיי אַ וואָרט אויף אַ לאַסקע — אָפּט דערלאַנגט די איינגעזאַמלטע ברידערלעך אַ מעשהלע, איבערגעענטפערט אַן אייגענע קלוגשאַפט וואָס האָט טאַקע נושא חן געווען ביי די לייט מיט די צעקרישלטע צײַין. און נאָך אַ מעלה האָט ז׳ באַוויזן, די פרוי — אין קראָם אַרײַן מער זיך נישט געוויזן. גע־זאָגט איר: „מ׳באַדאַרף נישט, פלאָרעסיטאַ", האָט זי עס אָנגענומען ווי אַ בשׂורה־צייכן פון שלום און אים געהיט. די מאַנסלײַט, וואָס זענען מער גראָ געוואָרן, שלאַבעריקער אין טראָט, האָבן ווידער אַליין געשטויבט די טאַמבאַנק, געוואַשן דעם דיל פון געוועלב, געווישט די שויבנטיר. די פרוי האָט זיך, ווי אין אַ נײַעם שטייגער אירן, געבויגן איבערן מולטער קוי־טיקע וועש, געלעגן אויף דער ערד מיט אַ געווייקטער שמאַטע, אָנגע־זאַפּט זיך מיט די ריחות פון די טעפּ פלייש. אַזוי אַרום האָט זי געוואַכט איבער דער פריד פון הויז באַראַכאַ. ווי פריִער האָט די ראַגאַווע קראָם זיך געטויכט אין טונקלקייט אַנטקעגן דער שטענדיק גליִעדיקער שטילער לאָמפּ און קונים זענען געקומען, קונים זענען געגאַנגען. לאָפּעז איז ווי תמיד געשטאַנען גרייט צו דינען — די ווײַס געוואָרענע וואָנצעס פאַר־הויבן, דער קיטל אָקסלדיק אָנגעשטײַפט ווי ס׳שמייכעלע וואָס איז שוין געווען שטאַרק מיד:

— רײַז? צוקער? געוויס, כ׳וועל געבן זייף אויכעט. מיטן שענסטן פאַרגעניגן, סעניאָראַ.

אַלץ ווי אַמאָל.

אויך ווי אַמאָל זענען געגאַנגען די טעג, די געגנט איז געשטאַנען אין תמידן גליווער און אַ געלאַנגווײַליקטע אַרויסגעקוקט: ווען די שטאָט, די גרויסע בוענאָס אײַרעס אַ מאָל אָנשפּאַרן אַהער? דער הינקעדיקער טראַמוויי שנײַדט זיך נאָך אַרײַן אין דער פאַרשטאַרטקייט פון די גאַסן די אַרויסשטאַטישע וואָס האָבן זיך צו ביסלעך שוין אָנגעמויערט אַנטקעגן דעם קרענקלעכן הימל, וואָס ווערט אָפּטלעך מעוברת מיט אומהיימלעכקייט. אַלץ איז דאָ אַלט, גאָר אַלט.

אָבער אַ נײַס איז דאָך געשען.

מ׳ווייסט נישט ווען, מ׳וויס נישט ווי אַזוי — פאַר דער טיר פונעם קלייט אויפן ראָג כואַן גאָנסאַלעס און גאַרסיאַ דעל רעי איז מיט אַ מאָל בולד געוואָרן אַ נײַע שילד: „די קראָם פון די פיר ווינטן". ס׳איינציק נײַע וואָס האָט זיך דאָ באַוויזן זינט יאָרן. מיט די אייביקע קאָלירן פון

געוועלבערישע שילדן — ברוין און שוואַרץ און רויט אויפן גרינעם, האָט געשײַנט די נײַע שילד אויפן אָרט פון יענער אָפּגעבליאַקעוועטער וואָס איז פלוצלינג פאַרשוווּנדן פון דער וואַנט אַראָפּ. קונים האָבן עס קנאַפּ באַמערקט, דורכגייערס האָט עס צו מאָל געחידושט; לאַנג אָפּגעשטעלט זיך פאַר איר האָט נאָר איינער, דער שוין געבויגענער לאַפּעז. ער פלעגט זיך אַרויסכאַפּן אין דרויסן און מיט פאַרדריקטע אויגנלעפּלעך זיך אײַנגעקוקט אין די קרעפּטיק־זאַטע קאָלירן פון דער שילדבלעך און דערנאָך אויף אויסגוווייניק איבערגעחזרט: — די קראָם פון די פיר ווינטן, פון די פיר ווינטן.

ס׳גוט! אַ קלוגן מוח דאָס האָט, דער מאַריאַנאָ!

ווי דערגרייכט דאָס געזוכטע, האָט לאַפּעז יעדעס מאָל אַ ביסל פאַרטראַכט צוריק אַרײַנגעשלײַכט אין קלייט. אָבער אויף לאַנג האָט נישט געסטײַעט דאָס געדולד צו טראַכטן איבערן געשעענעם. ס׳שיין, ווי די צײַט שפּאַנט פאָרויס, — ט׳ער אַ מאָל אַליין זיך צעחשבונט מיטן אייגענעם געפיל, וואָס האָט אין אים אויסגעצײַטיקט. די יאָרן האָבן אָפּגעשוואַכט זײַן ראיה, לויז געמאַכט די געדערעם — בלויז דאָס געדענקען דעם פאַרפלאָסענעם אַמאָל האָט אים נאָך געהאַלטן יונג: — איי, אַ קאָפּ דער מאַריאַנאָ! אַלע געוועזן זיך צעלאָפן ווי די ווינטן אין פעלד, אַ־אַאַלע. ער האָט זיי צונויפגעפירט די באַראַכאַס די צעפלויגענע פון אונטער די קאָרדאָבער הימלען. יאָ, לאַפּעז איז עפּעס ווערט געווען אַמאָל, אַ־אַ־מאַאָאָל!

מיט געגנוגטואונג, וואָס האָט געגריבלט אין דער נשמה, איז אויפגעקומען די דערמאָנונג; זי פאַרקוועטשט אָבער אַ מאָל די ברוסט און זי פּײַכטלט אָן די אויגן.

אָנגעשטאַנען אַ שטילע רגע, האָט ער פון ס׳נײַ זיך אַרויסגעקליבן אַ נײַגעריקער, דער דאָן לאַפּעז, פאַרריסן דעם קאָפּ צו דער שילד, מיט צונויפגעקוועטשטע אויגנדעקלעך געלייענט: „די קראָם פון די פיר ווינטן" — — ערשט איז לאַפּעז באַראַכאַ געווען צופרידן מיט זיך, ממש בגילופין ווי פון אַ גוט־גוטן טרונק בראַנדווײַן. ער האָט זיי אויסמאַנסירט * די ווילדע ווינטן פון דאָן אַנטאָניאָס געביר. שלום וועט זײַן אַצינד, מיט פלאַראַ אינפעליסע וועט פריד הויזן בײַ זיי, האָרכסט, שווע־ע־געעערן?! מיט אַ

---

* אויסדרעסירט

מאָל האָט ער אַזוי געערדט צו זיך פון באַנומענקייט מיטן אייגענעם לעבנס־אויפטו.

— קכככככהי־הי, פלאָרעסיטאַ, ביסט אַ מזלדיקע און אַ געראָטענע, — האָט ער אַנומלט אַ מורמל געטאָן צו דער וואָס איז אים מאָדנע נאָענט געוואָרן; אָפט פילט ער זי ממש נעבן זיך, זעט זי מיט ליבלעכקייט. נו, ס׳אַן אמת — ער שפירט אָקערשט אַ הונגער נאָך אַ גלעט פון דער... און ס׳גוט וואָס די שטילע פלאָרעסיטאַ האָט אין דעם אויגנבליק דערשפירט דעם שמייכל פון גליק.

„טײַערער״,

אַ ביסל ווײַטלעך אין זיך האָט ער פאַרנומען איר געשעפטש און געהאַט ס׳געפיל ווי זי טוליעט זיך צו אים מיט געטרײַשאַפט. ער האָט זיך אַזש פאַרגאַנוועט, דער אַלטער, פאַרמאַכט די אויגן כדי זי צו זען נענטער, נעענטער.

שששאַ!

מיט די טריט פון דער אָפּגעלעגענער געגנט זענען ווײַטער געגאַנגען די חדשים און יאָרן, און באַגלײַך מיט לאָפּעזן האָבן זיך אַראָפּגערוקט צו דער עלטער אויף זײַנע ברידער. אַלע זענען זיי שוין אײַנגעקאַלעכטע אויף אומעטיק־ווײַס ווי די ראַנטשע־ווענט אין די קאָרדאָבער בערג. ס׳האָט מער נישט געברענט דער אייפער פון איינעם קעגן אַנדערן. שלאָף האָט זיך צו זיי געקלעפּט, פאַרפרישעטער דמיון פלעגט ווי וואַסער־זשאַווער אויספּטויכן פאַרן בליק.

פולע זיקנה האָט געהויערט פאַר לאָפּעזס טרויעריקלעכן געדעכעניש: געוועזן, געוועזן אַזוי פיל — — אַלטאַ־גראַסיאַ ליגט וואַלדיק־שטעטלדיק הויך מיט לופטיקע דעכער, דער טיפער מאַרק אַבאַסטאָ מעלה־גירהט פעטע פליישן, באַגיסט זיך זאַפטיק מיט זיסע מעלאָנען. דער אַלטער פעדראָ, דער גוטער כאָסע ראַפאַעל און אַלעכאַנדראָ דער קונציקער סטאָליער, ווואַ, וואַאַאַ, ווי עס קאָציעט זיך די שטאָט! קליינע ווערן גרויס, די גרויסע זענען וויל, ליב. אָ, ער׳ט זיך אויף טשיקאָוועס צוקלײַבן אַ קוק טאָן. טײַערע לײַט, זיי וועלן געדענקען לאָפּעזן דעם פעאָן*, דעם גוטן מענטש. ציטעריק צעשפּאַרט לאָפּעז די אויגן אויף דער דערמאָנונג פון די בוענאָס

* שוואַרצאַרבעטער

אײַנרעסער לײַט, ער הענגט זיך אָן בענקשאַפטלעך אין זיי, קינדיש, שפּירט ליבשאַפט צו די נעכטנס, די פאַרהילטע אין צײַטשטויב.

בלויז קונים האָבן לאָפּעזן איבערגעוועקט. פון דער קראָם איז ער נישט אָפּגעטראָטן, זי געהיט. גיין ערגעץ־ווו האָט אים נישט געגלוסט. עפּטערס האָט אים אײַנגעשלעפּערט דאָס טיף אַנטשוויגענע וואַרטן פון די ברידער וואָס הויקערן זיך אַנטקעגן אים. אויך זיי איז באַפאַלן אַ שווערע מידקייט. דרינזשעט אויף די טיר פון קראָם, עפענען זיך זייערע אויגן, די ליפּן גיבן אַן אומקלאָרן פּרעפל און אַ קאָפּ פון אַ פרוי בייגט זיך אַרויס פון דערבײַיקן קעמערל: „דרימלען נישט די אַלטע?" אַוודאַי דרימלען זיי, זעט זי. כאָטש אויך אַ געעלטערטע וויל זי, די פרוי, נישט לאָזן פאַלן די קראָם פון די פיר ווינטן. ווי לאַנג דער מענטש לעבט, חזרט זי איבער אַ באַיאָרט וואָרט, באַדאַרף ער האָבן צום לעבן. עסן איז אַ מוז און אַ העמד איז אַ מוז — — פויל קוקן זיך איבער די באַראַכאַס ווען פלאָראַ אינפּעליסע שטעלט זיך אַוועק בײַ דער טאָמבאַנק. זיי טוליען זיך רק אין דרימל, רירן זיך שוואַך פון אָרט. מוז זי, פלאָראַ, אַרויס צום קונה, באַדינען אים. די זקנהשע ברידער שפּירן נאָגנדיקע שווערקייט אין לײַב נישט צו באַוועלטיקן זי.

— גוט, גוט טוסטו, — וויגן זיך כמעט מיט אַ מאָל זייערע שטערנס און זיי פילן דאַנקשאַפט צו דער דאָזיקער, און אַ דאַנק שטומען זיי אויס פאַר איר געקעכטס, פאַרן געוואַשענעם העמד וואָס זי טראָגט צו.

אויסגעשוימט זיך דער זכרישער געטומל פון די קרעמערס אויף כואַן גאָנסאַלעס. זיקנה האָט געלײַטזעליקט די משפּחה אונטער דער סטעליע פון די באַראָכאַס און עס האָט גענומען שטיל אײַנשלאָפן די „קראָם פון די פיר ווינטן", וואָס אין ראָג פון די פאַרגעסענע גאַסן.

די מענטשישע יאָרן טוען אָפּ ס׳זייעריקע: לאָפּעזן מיט די ברידער האָבן זיך אויסגעוועפּט די כוחות, אָפּגעגוססט יעדער חשק און די קונים האָבן אָנגעהויבן זיך אָפּגעווינען פון דער קראָם. ווײַל צו ביסלעך האָט פאַרפעלט פרישע סחורה, ס׳האָט זיך געלייגט וויסטער שטויב אויף די פּאָליצעס פון דער שפּײַזקראָם, אויף די אײַנגעוויגענע טאָרבעלעך רײַז, צו־

קער און שפינוועבס איז פעט אָנגעוואַקסן אין חלל. זי איז אַנטדרימלט געוואָרן, די קראָם, פּאַוואָליע, פּאַוואָליע.

יאָ, פון דעם מענטשנס סוף איז באַוווסט. ווי אַ נעפּל צעדריוולט זיך דער גוף. דער סוף פונעם מענטשנס טעג רײַסט זיך אָפּ ווי פּלוצלינגער ערב אָוונט. אַזוי האָבן זיך אויסגעלאָזן די יאָרן פון די באַראָכאַס, געעקט זיך. דערנאָך איז פלאָראַ אינפעליסע, די אײַנגעבעטענע בײַ דעם געזינטל פון די עלנטע ברידער, געבליבן איינע אַליין הויזן אונטערן באַלקן פון דער אַנטשטומטער קראָם וואָס האָט זיך פאַרמאַכט פון זיך אַליין. אַקוראַט ווי די באַראָכאַס האָט אויך זי נישט איבערגעלאָזן אַן עמעץ וואָס זאָל זי ירשענען. פאַר אַ צײַט איז די קראָם פון די פיר ווינטן נאָך געבליבן מיט באַדויער אין געדעכעניש בײַ די הינטערשטאָטישע לײַט, וועלכע האָבן לאַנג געהאַט צו טאָן מיט די קאָרדאָבער פויערגיונגען וואָס האָבן זיך געהאַט באַגרונטפעסטיקט אין דער שיינער בוענאָס אײַרעס, די וואָס ציט צו אַלע וואָס זענען ווײַט פון איר און סוף כל סוף לאָזט זי זיי איבער אין עלטערלעכער פאַרלוירנקייט. אָ, דערציילט דערנאָך ס׳געדעכעניש, געווען אַמאָל אַזוינע און אַ טרוים זייערער האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ זומערשטערן וואָס גיט אַ לײַכט אויף אויפן גרינלעכן הימל און פאַלט פּלוצלינג אַרײַן אין תהום פון פינצטערניש, אין דעם חשכות וואָס בלײַבט גרייזשען ווי אַ קראָט די ערד וואָס איז קאַלט, פײַכט, אומענדלעך נאַכטיש. געווען, געווען, אָבער זיי זענען נישט געוואָרן צו גלײַך מיט אַלע וואָס קענען נישט באַוואָרענען ס׳לעבן אויף אייביק. באַראַכאַ האָבן זיי געהייסן; אויף כואַן גאָנסאַלעס און גאַרסיאַ דעל רעי האָבן זיי געהויזט אין סאַמע ראָג, נאָר ווער האָט זיי צו דערמאָנען אַז קיין יורשים האָבן נישט געצייכנט זייערע נעמען אונטערן שריט פון דער צײַט, וואָס קראַמפּט זיך אונטער שטורעמס פון מענטשישן געאייל? עלנט שטומט אויס די שטאָט אַנטקעגן דער אייביקייט, פון וועלכער עס אָנט דער מענטש.

1968

א י נ ה אַ ל ט :

פון אַ געוועזענער וועלט — 7

אויף צומאָרגנס — 9

בין איך פראַדל? — 9

ב אַ ר אַ ק ן — 15

איך און מאַשע — 27

„דער זיווג" — 43

פאַרלוירענע היים — 55

ג ר ע נ ע צ ן — 124

ה אָ ל אָ ו ע ש ק ע ס — 137

די קראָם פון די פיר ווינטן — 147

ביכער פון יוסף אָקרוטני:

אונדזער אָרעם ברויט, דערציילונגען, וואַרשע 1936
אַ הויז אויף אַלטשטאָט, ראָמאַן, וואַרשע 1938
אַ בוים אין ווינט, דערציילונגען, וואַרשע 1948
דאָס בוך פון די עלנטע, דערציילונגען, ב. אײַרעס, 1952
באַלוטער וועבערס, ראָמאַן, ב. אײַרעס, 1953
סוף קאַפּיטל, ראָמאַן, ב. אײַרעס, 1956
אונטער ליימענע דעכער, נאָוועלן, ב. אײַרעס, 1957
אַ שטיין צוקאָפּנס, נאָוועלן, ב. אײַרעס, 1960
וואָרצלען זענען דאָרשטיק, ראָמאַן, ב. אײַרעס, 1964
אָרעם גליק, ראָמאַנען, ב. אײַרעס, 1966
לאַנג איז דער ווינטער, דערציילונגען, ב. אײַרעס, 1970
טויבע טעריטאָריע, נאָוועלע, ב. אײַרעס, 1973
די קראָם פון די פיר ווינטן, נאָוועלע, ב.־אײַרעס, 1974

Este libro se terminó de imprimir en el mes de enero de 1974, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman S.R.L., Corrientes 1976, Bs. As.